STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01858

DI HOYPT SHTREMUNGEN IN DER LITERATUR FUN NAYNTSENTEN YORHUNDERT

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געאָרג בראַנדעס

די הויפּט שטרעמונגען
אין דער ליטעראַטור פון
ניינצענטען יאָרהונדערט

באַנד 9

די ראָמאַנטישע שולע אין פראַנקרייך

איבערזעצט פון
עקיבא ברוידעס

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור און וויסענשאַפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק
1921

Copyright, 1921
by
Max N. Maisel

אינהאלט:

זייט

13. באלזאק — 7
14. באלזאק — 15
15. באלזאק — 23
16. באלזאק — 31
17. באלזאק — 48
18. בעיל — 58
19. בעיל — 76
20. בעיל — 93
21. מערימעי — 109
22. בעיל און מערימעי — 119
23. מערימעי — 138
24. מערימעי — 148
25. מערימעי — 160
26. מערימעי און גאָטיעי — 170
27. טעאָפיל גאָטיעי — 178
28. טעאָפיל גאָטיעי — 194
29. סעינט־בעוו — 208
30. סעינט־בעוו — 227
31. סעינט־בעוו און די מאָדערנע קריטיק — 237
32. די דראַמע: וויטע, דומאַ, דעוויני, הוגאָ — 253
33. די סאָציאַל־פּאָליטישע באַוועגונגען פון דער עפּאָכע און די ליטעראַטור — 279
34. די פאַרזעהענע און פאַרגעסענע — 298
35. שלוס — 324

13.

באַלזאַק.

באַלזאַק׳ס ערשטער ליטעראַרישער מאָדעל, ווי שוין דערמאָנט, איז געווען א שרייבער, אָן וועמען זיינע ווערק וואָלטען קיינמאָל קיינעם ניט דערמאָנט און פון וועמען זיין אייגענער זשעניע, ווען ער איז שוין געווען רייף, איז געווען זעהר ווייט — סיר וואָלטער סקאָט. דער מחבר פון דער „מענשליכער קאָמעדיע״ איז לויט זיין גייסט געווען צופיל א מענש פון זיין אייגענער צייט אום ער זאָל קענען לאנג בלייבען געטריי דעם היסטאָרישען ראָמאָן. ער האָט ניט געביינקט נאָך קיינע פון די פארגאנגענע יאָהרהונדערטע; ער האָט אָנגעזאמעלט א רייכען אוצר פון באָאבאַכטונגען און ניט־ווילענדיג האָט ער אויסגעקליבען טעמעס, אין וועלכע ער זאָל קענען דעם דאָזיגען אוצר אמבעסטען אויסנוצען. ער האָט בחוש געפיהלט, אז א שרייבער פון היסטאָרישע ראָמאַנען, — סיידען ער שטעלט זיך צופרידען פשוט מיט איבערטאָן די באַראַקטערען, וואָס ער האָט אין זינען, אין אלטע בגדים, — מוז נעמען זיינע מאָדערנע, פערזענליכע פסיכאָלאָגישע באָאבאַכטונגען און פארשטופען זיי צוריק אין אַן איינפאַכערע צייט. דאָס איז א שווערע אויפגאַבע. זעלטען ווען אזא ארבייט האָט זיך איינגעגעבען, אז עס זאָל פון איהר ארויסקומען מעהר ווי בלויז א שוואַך־פארשלייערטע שילדערונג פון דעם לעבען און מנהגים פון דעם שרייבער׳ס אייגענע צייט, לכל הפחות — פון איהרע אידעען. עס איז געווען געגען באַלזאַק׳ס טבע צו זאמלען געדולדיג ידיעות פון אלטע פנקס׳ען; ער האָט געשטודירט די לעבעדיגע מענער און פרויען פון זיין אייגענער צייט.

„די פיזיאָלאָגיע פון דער הייראַט״ (1829), דאָס ערשטע ווערק פון באַלזאַק, וואָס האָט געמאכט א רושם, איז געווען א מין

ביילאגע צו ברילאַ־סאַוואַרין׳ס בוך „די פיזיאָלאָגיע פון געשמאַק״ און האט געגעבען א האלב־שפּאסיגען, האלב־וויסענשאפטליכען, אָבער בכלל גראָבען אנאליז פון דער נעזעלשאפטליכער איינריכ־טונג, וואָס איז אין דער פראנצויזישער ליטעראטור נאָך פון גאַנץ אַלטע צייטען באהאנדעלט געוואָרען ווי א ציל פאר וויצען, ווי א זאך פאר איראָנישע שבחים און פאר אומדערבאַרעמדיגע אונטער־זוכונג. באלזאק באטראכט די דאַזיגע איינריכטונג אלס א טראגי־קאָמישע סאָציאַלע נויטוועַנדיגקייט, פארטיידיגט זי און העלפט איהר אוים מיט גוטע עצות אין איהר קאמף געגען די צושטערענדע עלעמענטען — די מענערשע און ווייבערשע קאפּריזען און ליי־דענשאפטען. די הייראט אינטערעסירט באלזאק׳ן באזונדער צו־ליב דעם, וואָס זי איז דער קאמפּפלאץ פון צוויי מינים עגאאיזם. מיט דער אכזריות פון א ווילדען חזיר וואַרפט ער זיך אריין אין דער דאַזיגער גרענעצלאָזער וועלט פון סימפּאטיען און אנטיפּאַ־טיען און שמעקט און ראָיעט דאָרטען אַלץ איבער מיט׳ן נאָז. אין פראנקרייך איז די הייראט תמיד געווען א צימליך אויסערליכע זאך, בלויז פאר׳ן עולם, און עס איז ניט קיין וואונדער אז באל־זאק האָט געהאט וועניג אבשיי פאר איהרע געהיימנישען. ער שרייבט וועגען זיי מיט דער עזות׳דיגער אפענהארציגקייט פון מאָליער, אָבער מיט וועניגער פרישקייט, מעהר פעסעמיסטיש און מאטעריאליסטיש. דער בוך איז פול מיט געלונגענע גראבע איינ־פעלע און שפּאסיגע אנעקדאָטען און איז אָפּט זעהר קאָמיש צוליב דעם קאָנטראסט צווישען דעם לייכטזיניגען, זינדיגען אינהאלט און דעם פּראָפעסאָרישען, גלח׳שען טאָן, מיט וועלכען דער יונגער דאָקטאָר פון דער הייראט־וויסענשאפט גיט איבער זיין תורה. דאך איז עס אן אומצייטיגע ווערק פון א שרייבער, וועלכער איז פריה באַרויבט געוואָרען פון אלע שעהנע אילוזיעס; דער בוך מוז זיכער זיין אפשטויסענד פאר די מעהרסטע פרויען־לעזערינען, הגם מען דערצעהלט, אז א היבשער טייל פון דעם אינהאלט האבען דעם מחבר איבערגעגעבען צוויי פרויען, ביידע ניט יונג — מאדאם האמעלין און מאדאם סאפיע געי. די נאַבעלקייט פון באלזאק׳ס געדאנקען און די דעליקאטקייט פון זיינע געפיהלען צייגען זיך אין דער „פיזיאָלאָגיע פון דער הייראט״ גאר ניט ארוים. אין דעם

ראָמאַן זעהט זיך בלויז זיין פעהיגקייט גרינדליך און אָהן רחמנות זאַכען צו אַנאַליזירען.

עס דוכט זיך ווי מיט דעם דאָזיגען בוך וואָלט ער זיך גע־עפענט זיין שרייבערישען אָדער און האָט זיך באַפרייט פאַר אַ לאַנגער צייט פון שלעכטע בלוטען. זיינע באַגריפען וועגען לעבען זיינען פון דאַמאָלסט אָן העכערע, אָדער, בעסער געזאָגט, האָבען זיך צוטיילט אין ערנסטע און אָפּלאַכענדע, מבטל'דיגע. די ערנ־סטע און זינדיג־צינישע בליקען אויף דעם לעבען, וואָס האָבען זיך אין דעם ראָמאַן „די פיזיאָלאָגיע פון דער הייראַט" צוזאַמענגע־שמעלצט אין איין אָפּשטויסענדע גאַנצע זאַך, טיילען זיך איצט פאַנאַנדער, ווי די טראַגעדיע און די סאַטירישע קאָמעדיע. אין דעם יאָהר 1839 שרייבט ער זיין ערשטען פילאָזאָפישען ראָמאַן "La Peau de Chagrin", וואָס האָט געשאַפען דעם יסוד פאַר זיין באַריהמטקייט אַלס דיכטער, און פאַנגט אויך אָן מיט דער ערצעהלונג "Contes dro'latiques", די לאַנגע סעריע פון די "La belle Imperia" (שפּאַסיגע מעשיות), אַ זאַמלונג פון נאָוועלען גע־שריבען אין דעם פרייעסטען סטיל פון דער צייט פון דעם רענע־סאַנס, וואָס דערמאָנען לויט זייער אינהאַלט די אַנעקדאָטען פון דער קעניגען מאַרגעריטע און בראַנטאָם און זיינען לויט זייער שפּראַך ענליך צו די ווערק פון ראַבלעי. ווען מען זאָל די דאָ־זיגע נאָוועלען איבערדערצעהלען אין דעם לשון פון אונזער צייט, וואָלטען זיי געווען אַי שמוציג און אַי פלאַך; אָבער די פּראַכט־פולע, נאַאיוו־אַלטמאָדישע פּראָזע, וואָס גיט צו דעם אינהאַלט נאָך מעהר איידעלקייט, ווי די שטרענגסטע מעטרישע פאָרמען, פאַר־וואַנדעלט די דאָזיגע תענוגים פון דעם קערפּער אין עכטע קונסט־ווערק, אַזוי בורלעסק, ווי די מעשיות, וואָס עס דערצעהלט איינער פון יענע וועלטליכע, לוסטיגע און פלינקע מאָנאַכען, מיט וועלכע די לעגענדעס פון אַלע לענדער זיינען פול.

אין איינעם פון די מייסטערהאַפט געשריבענע פּראָלאָגען צו דער דאָזיגער זאַמלונג פון ערצעהלונגען דערצעהלט אונז דער מחבר, אַז ווען ער האָט אין דער יוגענד פאַרלאָרען זיין ירושה און איז געוואָרען זעהר פאַראָרעמט, האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ בקשה צום הימעל, ווי דער האָלצהעקער פון דעם פאַבעל, וואָס האָט פאַר־

לאַרען זיין האַס, האָט געטאָן, האָפענדיג אַז די געטער אויבען וועלען זיך אויף איהם מרחם זיין און געבען איהם אנאנדער האַס. אָבער מערקור האָט איהם צוגעוואָרפען א שרייבגעצייג, אויף וועלכען עס זיינען געוועזען אויסגעקריצט די בוכשטאַבען ה ו ח. ער איז געשטאַנען און האָט געקערט און געדרעהט די הימעלישע מתנה אזוי לאַנג ביז ער האָט איבערגעלייענט די ווערטער מיט'ן קאָפּ אַראָפּ: חוה. אָבער וואָס מיינט „חוה"? אַנדערש ניט ווי אַלע פרויען צוזאַמענגענומען! און א בת־קול פון הימעל האָט צו איהם גערופען: „דענק וועגען דער פרוי; זי וועט איינשטילען דיין קומער און זי וועט אָנפילען דיינע טאַשען; זי איז דיין אוצר, זי איז דיין אייגענס. הוח, איך באַגריסט דיך! חוה, אָה, פרוי!" דער מוסר־השכל פון דעם האָט געמיינט, אַז אַלץ, וואָס ער דאַרף יעצט טאָן, איז צו געווינען מיט דער הילף פון ווילדע און שפּאַסיגע ליבע־געשיכטעס דעם שמייכעל פון די לעזער, וועלכע זיינען פריי פון פאָראורטיילען און דאָס האָט זיך איהם איינגעגעבען. אין קיינע פון זיינע אַנדערע ווערק איז זיין סטיל ניט אזוי גלענצענד און רייך. ביי רובענס זיינען די פאַרבען ניט שאַרפער און ניט רייכער און רובענס קאָן זיך קוים פאַרגלייכען צו איהם אין דער הערקולעסישער עזות'דיגקייט, מיט וועלכער ער מאָלט זיינע חוצפּה'דיגע פאונען (פּריסטערינען פון אויסגעלאַסענקייט) און שכור'ע באַקכאַנטינען (פּריסטערינען פון שיכרות). אָבער עס איז שווער צו געפינען אין די דאָזיגע ערצעהלונגען צעהן שורות נאָכאַנאַנד, וועלכע מען זאָל קענען ציטירען אָדער פאָרצולעזען אויפ'ן קול.

דער ראָמאַן La Peau de Chagrin איז באַלזאַק'ס ערשטער דיכטערישער פּאָרמעסטען זיך מיט דער ווירקליכקייט פון זיין צייט; דאָס איז א בונטער, לעבענספולער בוך, רייך אין זאַמען און אין שפּראַצען און דורך גרויסע, איינפאַכע סימבאָלישע בילדער גיט ער דאָ אונז במעט יענעם אומפאַסענדעם בילד פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, וואָס דער שרייבער האָט שפּעטער נעגעבען דער וועלט אין זיינע געזאַמעלטע ווערק. אין אויסערגעוועהנליכער פאַנטאַסטישער באַלייכטונג ווערען דאָ געצייגט די אויסערליכקייטען פון דעם מאָדערנעם לעבען: דער טעאַטער, דער

בודואַר פון דער וועלטליכער דאַמע, די אויסמאַטערענדע און האָפ־נונגסלאָזע אָרעמקייט פון דעם יונגען טאַלאַנטפולען שרייבער און, אַלס געזענזאַץ דערצו, די אָרגיען פון די רייכע זשורנאַליסטען און די קורטיזאַנקעס ; דער קאָנטראַסט צווישען די צוויי פּרויענשע הויפּט־כאַראַקטערען — די „וועלטליכקייט" פון איינער און די „האַרציגקייט" פון דער צווייטער. דער גאַנצער בוך באַשטעהט פון עטליכע העל געמאָלענע, שוואַך פאַרבונדענע צווישען זיך בילדער. אין זיי איז דאָ מעהר פילאָזאָפיע און סימבאָליזם, ווי פּלאַסטישע קונסט. דער יונגער העלד, וועלכער קלייבט זיך צו באַגעהן זעלבסטמאָרד צוליב זיין פאַרצווייפעלטער אָרעמקייט, באַ־קומט פון אַן אַלטען הענדלער מיט אַנטיקען אַ שטיקעל אויסגע־אַרבייטע פעל פון אַ ווילדען אייזעל, וואָס ניט קיין פייער און ניט קיין שטאָל קענען עס ניט פאַרניכטען און וואָס פאַרזיכערט פאַר דעם, וואָס האָט עס, אַלע זיינע פאַרלאַנגען. אָבער מיט יע־דען ערפילטען פאַרלאַנג ווערט דער שטיקעל פעל קלענער ; אויסער דעם מוז ווערען אַ סוף צום לעבען פון דעם באַזיצער ווען דער שטיקעל פעל פאַרשווינדט אינגאַנצען. די קראַפט צו איבערציי־גען, וואָס אַן אויסערגעוועהנליך לעבעדיגע איינבילדונגס־קראַפט פאַרמאָגט, מאַכט אַז דאָס איבערנאַטירליכע אין דער דאָזיגער אַלעגאָריע זאָל אויסקוקען גלויבליך. די פאַנטאַסטישע עלעמענ־טען אין דער דאָזיגער אַלעגאָריע האָט באַלזאַק צוגעגעבען אַזאַ פאָרמע, וועלכע האָט מעגליך געמאַכט, אַז זיי זאָלען זיך אַריינפּאַ־סען אין די רעאַליסטישע מאָדערנע עלעמענטען פון דעם ראָמאַן. ווען מען רייבט אָן אַלאַדינ׳ס לאָמפּ שאַפט זי באַלד וואונדער ; אפילו ביי עלענשלעגער ווירקט דער לאָמפּ אָהן קיינע נאַטירליכע סיבות. אַנדערש איז עס מיט דעם שטיק לעדער. עס שאַפט קיין זאַך ניט דירעקט. עס מאַכט נאָר זיכער, אַז אַלץ וועט זיך ענ־דיגען צו גוטען און דערווייל ווערט עס כסדר קלענער. עפּעס־ווי די פעל וואָלט געמאַכט געוואָרען פון די זעלבע יסודות, פון וועל־כע אונזער לעבען איז געשאַפען געוואָרען.

„דער מענש, — זאָגט באַלזאַק, — ווערט אויסגעשעפּט דורך צוויי אינסטינקטיווע האַנדלונגען, וועלכע טריקענען אויס די קוואַ־לען פון זיין לעבען. צוויי ווערבען (ציימווערטער, פּועלים) באַ־

צייכענען אַלע פאָרמען, וואָסביידע סיבות פון טויט נעמען אָן: וועלען און קענען. דאָס וועלען פארברענט אונז און דאָס קענען פארניכטעט אונז".

די פעל פון אן אייזעל, ווי מיר, ווערט אמענדע פארניכטעט דורך די פארלאנגען און דורך זייער דערפילונג. מיט ווירקליכער טיפזיניגקייט צייגט פאר אונז באלזאק אין לעבעדיגע, קרעפטיגע פארבען די הויפט שטרעבונג פון דעם יונגען דור פון זיין צייט — צו טרינקען פון דעם כוס פון לעבען ביז'ן גרונד. ער צייגט וואָס פאר א פוסטקייט עס בלייבט נאָך דער איבערזעטיגונג, און ווי דער מלאך־המות קוקט אויס אויף אונז דורך דער באפרידיגונג פון אונזערע פארלאנגען. יוגענדליך, פרוכטבאר, רייך מיט געדאנקען, דורכגענומען מיט אן אונבאשטימטער מעלאנכאָליע, ווי אַלע ביכער וואָס זיינען געשאפען פון געניאַלע מענשען איידער זיי האָבען אָנגעקליבען ערפאהרונגען וועגען די פרטים פון לעבען, האָט דער ראָמאַן La Peau de Chagrin געמוזט מאכען אן איינדרוק אויך אויסער פראנקרייך. געטהע האָט דעם בוך געלייענט אין דעם לעצטען יאָהר פון זיין לעבען. רימער (וועלכער האָט נאאיוו געדענקט, אז וויקטאָר הוגאָ האָט דעם ראָמאַן געשריבען) דערצעהלט, אז דעם 11טען אָקטאָבער, 1831, האָט געטהע געזאָגט:

„איך האָב ווייטער געלייענט La Peau de Chagrin. דאָס איז אן אויסגעצייכענטער ווערק פון דעם נייעסטען סאָרט. דער בוך צייכענט זיך אויס מיט זיין קרעפטיגקייט, מיט דעם געשמאַק, מיט וועלכען עס ווערען אין איהם געמאָלען באוועגונגען אהין און צוריק צווישען דאָס, וואָס איז אונמעגליך און דאָס, וואָס איז אומערטרעגליך, און מיט דעם לאָגישען אופן, מיט וועלכען דאָס וואונדערבארע ווערט אין איהם געברויכט אלס א מיטעל פאָרצובריינגען די מערקווירדיגסטע שטימונגען און פאסירונגען; מען קען וועגען דעם בוך פיל גוטעס זאָגען."

אין א בריף פון דעם 17טען נאָוועמבער פון דעם זעלבען יאָהר שרייבט ער וועגען דעם בוך:

„דער דאָזיגער פראָדוקט פון זעהר א גרויסען גייסט צייגט, ווי טיף און אונהיילבאר איז די פארדאָרבענקייט פון פראנצויזישען פאָלק. זי וועט זיך פארשפרייטען נאָך ווייטער, סיידען די פראַ־

ווינצען, וועלכע קענען נאָך ניט לייענען און שרייבען, וועלען די הולאת אָפּשטעלען און וועלען די נאַציע ווידער, אַזוי ווייט ווי מעגליך, געזונט מאַכען." (געטהע, „יאָהר בוך", 1880, ז. 289.)

אין דעם ראָמאַן איז דאָ ניט ווייניג אַזוינס, וואָס דער מחבר האָט אַליין איבערגעלעבט. באַלזאַק האָט פון זיין אייגענער ער־פאַהרונג געוואוסט די געפיהלען פון אַן אָרעמען בחור, וועלכער איילט זיך צו אַ באַל פון זיין בוידעם־צימער אָנגעטאָן אין דער איינציגער פּאָר ווייסע זיידענע זאָקען, וואָס ער האָט, און אין טאַנצשיכלעך, באַלאַנצירענדיג איבער די שמוציגע גאַסען און אין איין מורא, אַז אַ פאַרבייפאָהרענדע קאַרעטע זאָל איהם ניט באַ־שפּריצען און מאַכען פאַר איהם אונמעגליך צו זעהן זיך מיט זיין געליבטער, אָבער נאָך אינטערעסאַנטער איז דער מוסר־השכל פון די אינערליכע ערפאַהרונגען, וואָס איז אריין אין בוך און וואָס באַ־שטעהט אין אָט־וואָס: די געזעלשאַפט פאַראַכטעט אומגליק און שמערץ, מיידט זיי אויס, ווי אַן אַנשטעקענדע קראַנקהייט, און איז קיינמאָל ניט אין ספק וואָס צו טאָן, ווען עס קומט אויס אויסצור־קלייבען צווישען אומגליק און פאַרברעכען. ווי מאַיעסטעטיש אַן אומגליק זאָל ניט זיין, ווייס די געזעלשאַפט ווי עס מבטל צו זיין, מאַכען פון דעם שפּאַס דורך אַ וויציגען איינפאַל; די געזעלשאַפט האָט קיינמאָל קיין רחמנות ניט אויף אַ געפאַלענעם גלאַדיאַטאָר. מיט איין וואָרט, שוין אין די יונגע יאָהרען האָט באַלזאַק ניט געפונען אין דער געזעלשאַפט קיינע נטיות צו גוטעס, קיינע רעליגיעזע אָדער מאָראַלישע געפיהלען; זי ווייכט אויס די אַלטע, די קראַנ־קע, די אָרעמע; זי בוקט זיך צו גליק, צו מאַכט און, בפרט, צו געלט; זי קען ניט דולדען קיין אומגליק, פון וועלכען מען קען ניט מאַכען ווי עס איז אַ פּרנסה.

ביז זיין צייט האָט דער ראָמאַן זיך אימער געדרעהט אַרום איין טעמע — ליבע; אָבער דער גאָט פון באַלזאַק'ס דור איז גע־ווען געלט; דערפאַר איז דער צענטער, די אַקס, אויף וועלכער אַלץ דרעהט זיך אין זיינע ראָמאַנען, אויך געלט, אָדער, ריכטיגער, די נויט אין געלט, דער חשק צו געלט. די אידעע צו שאַפען אַזאַ סאָרט ראָמאַן איז געווען העזה'ד'יג און ניי. אַז מען זאָל אין אַ ראָמאַן, אין דער פּאָעזיע, געבען אַ חשבון בפרטות וועגען די

הכנסות און די הוצאות פון די הויפּט־העלדען, אז מען זאָל בכלל רעדען וועגען געלט, אלס אן עיקר, איז געוועזן א ניט־געהערטע זאך און פילע האָבען עס פאראכטעט אלס גראָב און פּראָזאאיש; וואָרים מענשען האָבען תמיד באטראכט פאר גראָב ארויסצוזאָגען דאָס, וואָס אלע מיינען אָדער טראכטען און וואָס זיי האָבען, טאקע צוליב דעם, מסכים געווען צווישען זיך צו פארדעקען אָדער צו פארלייקענען. ספּעציעל איז עס גראָב צו רעדען וועגען דעם אין דער קונסט, וואס ווערט אָפט באטראכט אלס דער שעהנער ליגען.

.14

באַלזאַק.

אָבער באַלזאַק איז נאָך געווען יונג; הגם ער האָט זיך פריה צוגעוואוינט צו דער ווינטערדיגער קעלט, האָט אָבער זיין פּאָעטישע נשמה דורכגעלעבט איהר פריהלינג; ער האָט אויך געפיהלט א באדערפעניש צו מאכען די ליבע און די פרוי אלס דעם צענטער פון א גאנצע רייהע ראָמאַנען; און ער האָט באהאנדעלט די אלטע טעמע אזוי אָריגינעל, אז זי האָט אויסגעזעהן כמעט ניי. די ראָמאַנען, אין וועלכע ער האָט געגעבען זעהר פעהיג געשאפענע וואריאציעס אויף דער דאָזיגער טעמע, בילדען צווישען זיינע ווערק א גאנץ באזונדער גרופּע.

באַלזאַק האָט פארגעטערט אין פרויען ניט די שעהנקייט, לכל הפחות ניט די פּלאסטישע שעהנקייט. ער האָט בכלל ניט גע־דענקט, ווי פילע שרייבער פון זיין צייט האָבען עס געטאָן, אז שעהנקייט דריקט זיך אויס אם לעבעדיגסטען דורך דער קונסט. א גרויסער טייל פון דער ראָמאַנטישער ליטעראטור אין פראנק־רייך, ווי אין דייטשלאנד און אין די סקאנדינאווישע לענדער, איז בעצם געווען פּאָעזיע וועגען קונסט. אזא, למשל, ליבהאָבער פון קונסט, ווי גאָטיעי (וועלכער איז אין גיכען געוואָרען דער פיהרער פון א גאנצער שולע), האָט ניט געקענט ריכטיג משיג זיין די ווירק־ליכקייט; זיין ליבע צו דער קונסט האָט איהם אין דעם גע־שטערט. ער האָט אליין דערצעהלט ווי ענטוישט ער האָט זיך געפיהלט ווען עס איז איהם צום ערשטען אויסגעקומען צו מאָלען, אין פּיאו׳ס ארבייט־צימער, פון א פרוי אלס מאָדעל, הגם זי איז געווען א שעהנע און די ליניען פון איהר קערפּער זיינען געווען קלאסיש ריכטיג און פּרעכטיג. „איך האָב תמיד בעסער ליב גע־האַט, — האָט ער זיך מודה געווען, — די סטאטוע איידער די

פרוי, דעם מירמעלשטיין אײדער די הויט". דאָס זיינען ווערטער, וואָס זאָגען א סך! שטעלט זיך פאָר באַלזאַק'ן און גאָטיעי צוזאַ־מען אין דעם לואוור מוזעאום, אין דעם קדש־קדשים פון דער קונסט פון דעם אַלטערטום, וואו די ווענוס פון מילאָ שיינט אין איהר איינזאַמער מאַיעסטעט. קוקענדיג אויף דעם מאַרמאָר הערט דער פּלאַסטישער דיכטער די קלאַנגען פון א באַגייסטערטער הימנע, וואָס די גריכישע קונסט זינגט פאָר פאָלקאָמענער שעהנקייט פון די מענשליכע פאָרמען און ער פאַרגעסט דערביי וועגען אַלץ, וואָס טוט זיך אַרום איהם; באַלזאַק, פאַרקעהרט, פאַרגעסט די סטאַ־טוע צוליב דער ערשטער ניי־מאָדיש געקליידעטער פאַריזערין, וואָס, אַנגעטאָן אין א לאַנגע שאַל, וואָס האָט ניט קיין קנייטשעלע פון דעם נאַקען ביז צו די פּיאַטעס, אין א קאָקעטישען הוט און אין פיינע האַנד־שוה, שטעלט זיך אָפּ אַרום דער געטין. מיט איין בליק נעהמט ער אַרום די קלענסטע פּרטים פון איהר טואַלעט, וועמעס געהיימנישע זיינען פאַר איהם קיין סוד ניט*).

דאָ האָבען מיר דעם ערשטען כאַראַקטעריסטישען שטריך פון באַלזאַק'ס ווערק. צווישען איהם און דער פרוי פון זיי צייט שטעהען ניט קיינע קינסטלערישע טראַדיציעס. ער האָט ניט געשטודירט קיינע סטאַטוען, האָט זיך ניט געבוקט צו קיינע געטינען, איז ניט אַנטציקט געוואָרען פון דער רייגער שעהנקייט. ער האָט געזעהן און האָט פאַרשטאַנען די פרוי פּונקט, ווי זי איז דאַמאָלס געוועזען, מיט איהרע קליידער, מיט איהרע שאַלען, מיט איהרע האַנדשיך און איהרע הוטען, מיט איהרע קאַפּריזען און איהרע מעלות, מיט איהרע נסיונות און איהרע חסרונות, מיט איהרע נערוועז און איהרע ליידענשאַפטען, מיט אַלע סימנים פון איהר אומנאַטירליכקייט, קרענקליכקייט און אויסגעמאַטערטקייט. ער האָט זי ליב אַזאַ, ווי זי איז. און ער שטעלט זיך ניט צופרידען מיט שטודירען איהר אין א פאַרבייגעהענדען אופן, אין גאַס, אין איהר בודואַר אָדער אַפילו אין איהר שלאָפצימער; ער באַנוגענט זיך ניט מיט שטודי־רען איהר נשמה; ער זוכט אויסצוגעפינען די פיזיאָלאָגישע סיבות פון איהרע פּסיכאָלאָגישע צושטענדע, פון דער פרוי'ס ליי־

---

*) פאַרגלייך גאָטיעי Portraits contemporains ז. 108.

דען און איהרע חולאת'ען. דער גאַנצער שטומער יאָמער פון דעם שוואַכען מין איז ביי איהם מעהר, ווי בלויז אַנגעדייטעט.

זיין צווייטער כאַראַקטעריסטישער שטריך באַשטעהט אין דעם, וואָס ער שטעלט פאַר אַלס דעם געגענשטאַנד פון ליעבע ניט די יונגע מיידעל, ניט אַפילו די יונגע פאַרהייראַטע פרוי; דער פרויען־כאַראַקטער, וואָס ער מאָלט אָממעהרסטען איז דער, וואָס האָט באַקומען זיין נאָמען פון דעם ראָמאַן: „די דרייסיג־יאָהריגע פרוי" („לאַ פעם דע טראַן אַן"). ער האָט אַנטדעקט און ארויסגעזאָגט דעם איינפאַכען אמת, אז אין אַזאַ קלימאַט, ווי דער, וואָס איז אין צפון פון פראַנקרייך, איז די פרוי אין דעם עלטער פון 18 יאָהר נאָך ניט קיין פולע בוגרת ניט קערפערליך און ניט גייסטיג. ער באַשרייבט די פרוי, וועלכע האָט שוין די ערשטע יוגענד הינטער זיך געלאָזען, וועלכע פיהלט טיפער, וועלכע דענקט מעהר אַלס אַ דערוואַקסענער מענש, וועלכע האָט שוין געליטען פון אַנטוישונגען און איז אָבער דאָך פעהיג צו גרויסע, ניט־געמישטע געפיהלען. זי האָט שוין אויף זיך די סימנים פון לעבען: דאָ אַ שמערצליכען שטריך, דאָרט אַ קנייטש פון צרות, אָבער זי ווירקט נאָך מיט דעם גאַנצער מאַכט פון איהר געשלעכט. זי איז מעלאַנכאָליש, זי האָט געליטען יסורים און געגאָסען גליק, זי איז ניט־פאַרשטאַנען אָדער איינזאַם, זי איז אָפט אַנטוישט, דאָך האָפט זי נאָך און קאָן נאָך ארויסרופען אַ שטאַרקע, גליהענדע ליידענשאַפט, וואָס באַקומט איהר יניקה פון מיטלייד. און, חידוש'דיג ווי דאָס איז, זי ווערט באַשריבען ניט פון דעם שטאַנדפונקט פון אַ מאַנסביל פון די זעלבע יאָהרען, ווי זי, נאָר פון דעם שטאַנדפונקט פון אַ יונגערען מענשען, וועלכער האָט נאָך ווייניג ערפאַהרונג אין לעבען. דער שוין ניט גאָר פרישער שטערן פון דער העלדין ווערט באַלויכטען, פון די הייליגע שטראַהלען פון פריהלינגס־געפיהלען, פון גליהענדע באַגעהרען, פון נאַאיווע התפעלות, פון דער אונבאַוואוסט־אידעאַליזירענדער, יוגענדליכער ליידענשאַפט; זיי פאַרשעהנערען, זיי פאַריונגערען און פאַרגעטערען די דאָזיגע פרוי, וועמעס צויבער איז אין איהר פיינקייט, אין איהר ווייבערשער ערנסטקייט און אין איהר עכטער ליידענשאַפט. די באַשרייבונג איז קיינמאָל ניט אידעאַליסטיש אַזוי ווי ביי זשאָרזש זאַנד; וואָרים קיינע פון די

זאָגען, וואָס פרויען, ווען זיי ריידען אָדער שרייבען וועגען זייער אייגענעם געשלעכט, האָבען א טבע צו איגנאָרירען, אפילו דאָס, וואָס זשאָרזש זאנד לאָזט דורך באשרייבענדיג פרויען, צו וועלכע זי וויל ארויסרופען באוואונדערונג און סימפּאַטיע, ווערען דאָ ניט פארשווייגען. פאר זשאָרזש זאנד איז די פרוי פריהער פון אלץ א גייסטיגער נפש, א נשמה; פאר באלזאק'ן איז זי א פיזיאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישע, נאטירליכע ערשיינונג און דערפאר מוז זי האָבען קערפּערליכע און גייסטיגע חסרונות. זיין אידעאליזירונג איז אָדער א ריין אויסערליכע (למשל, דורך א באלייכטונג, וואָס מאכט זאַכען אויסקוקען קלאָרער און ליכטיגער, דורך דער ערצעשישער סי־טואַציע א. אז. וו.), אָדער זי קומט ארוים פון דער ליידענשאַפט פון דער באשריבענער פערזאָן, א ליידענשאפט, וועלכע פארניכטעט פאר א באשטימטער צייט אלע אנדערע און פריהערדיגע געפיהלען און פאראיידעלט אלץ מיט איהר העלער שיין. די ליבע פון א ווייב, די ליבע פון א מוטער, די פארשעמטע פארליבטקייט פון א יונגער מיידעל — ווערט פון באלזאק'ן דורך דער דאָזיגער עפּאָכע געשילדערט מיט דער זעלבער מייסטערהאַפטקייט, ווי די ניט־איינגעהאלטענע ערצעשישע ליידענשאַפט פון דער קורטיזאַנקע*).

ער צייגט פאר אונז די פראנצויזישע פרויען פון פיר פאַרשיי־דענע עפּאָכען פון דער געשיכטע.

ערשטענס, די פרוי פון דער צייט פון דער רעוואָלוציע. אין דעם קליינעם מייסטערווערק Le Requisitionaire, איינע פון זיינע וועניגע ערצעהלונגען, וועלכע צייכענען זיך אוים מיט א פאלקאָ־מענער פאָרמע, באהאנדעלט ער, מיט דער עפּאָכע פון דעם טראַגיש אלס הינטערגרונד, די ליבע פון א מוטער צו איהר זוהן. די פאר־וואָרפענע קליינע שטעדטעל און די איינגעאַרטיגע הויז פון מאדאם דע־דעי ווערען באשריבען מיט עטליכע שטריכען. די שרעק פאר דעם גורל פון איהר זוהן, וואָס איז פארמשפט געוואָרען צום טויט;

*) זעה "La femme abandonée", "La Grendadière", "Le Menage", "Une fille d'Eva", "Madame Firmiani", "La Grande Brétèche", "La femme de trente ans" דאָס לעצטע ווערק איז צוזאמענגעשטעלט פון סקיצען, וועלכע זיינען לכתחילה געשריבען געוואָרען אָהן א צוזאמענ־האַנג צווישען זיך.

דאָס ערוואַרטעטע פון זיין אָנקומען פאַרקליידט פאַר א סאָלדאַט, וואָס דאַרף כלומרשט איינגעקוואַרטירט ווערען ביי איהר; די שרעקליכע שפּאַנונג, וואָס ווערט פון שעה צו שעה גרעסער ביז שפּעט ביינאַכט, ווען דער יונגער סאָלדאַט, זעהט אויס, קומט אין געהיים אָן און מען פיהרט איהם גלייך דורך אזוי, אז קיינער זאָל איהם ניט זעהן, צום באַקוועמען צימער, וואָס מען האָט פאַר איהם צוגעגרייט; די פאַרצווייפעלטע אומרוהיגקייט פון דער מוטער און איהר ווילדע פרייד, ווען זי דערהערט זיינע טריט איבער איהר קאָפּ אין דעם אויבערשטען צימער, און זי צווינגט זיך אָנצוהאַלטען דעם שמועס אין זאַל, וואו זי איז, אויס מורא מען זאָל ניט אויס־געפינען איהר סוד; ווי זי רייסט זיך אמענדע אריין אין דעם צימער און די שרעקליכע אנדעקונג, אז דער אָנקומענדער מאַן איז ניט איהר זוהן, נאָר אַן אמת'ער סאָלדאַט — דאָס אַלעס איז צוזאַמענגעפּרעסט אויף איין בויגען פּאַפּיר און איז באַשריבען מיט אַן אומפאַרגלייכליכער קראַפט און וואַרהייט.

נאָך דעם האָט באַלזאַק געמאָלען די פרויען פון דער צייט פון נאַפּאָלעאָן.

אין דעם הינטערגרונד האָט ער דאָ אוועקגעשטעלט דעם גראַנ־דיעזען מיליטערישען פּראַכט פון יענער צייט. די לופט איז פול מיט הייסע באַוואונדערונג, מיט וועלכער די פרויען האָבען באַגעגענט די זיגרייכע קריגער. דאָ הערשט די ניט איינגעהאַלטענע, אומ־רוהיגע יאָגעניש נאָך גענוס פון דעם לעבען אין א צייט, ווען עס איז מעגליך געווען פאַר א יונגער פרוי „צווישען דעם ערשטען און דעם פינפטען בולעטין פון דער גרויסער אַרמיי צו ווערען א כלה, א ווייב, א מוטער און אַן אַלמנה" און ווען די אויסזיכטען צו ווערען שנעל אַן אַלמנה, אָדער צו באַקומען א פּענסיע, אָדער אַן אונ־שטערבליכען נאָמען האָבען די פרויען געמאַכט נאָך מעהר לייכט־זיניג און די אָפּיצערען נאָך מעהר פאַרפיהרעריש. אין די באַ־שרייבונגען פון די מיליטערישע פּאַראַדען אין דעם טוליערי פּאַ־לאַץ און פון דער אָוועגט־פּאַרטיי אין דער צייט פון דער שלאַכט ביי וואַגראַם ווערט געמאָלען א גאַנצע עפּאָכע און א גאַנצער טיפּ פרויען. (אין La femme de trente ans און אין La Paix du Menae).

דאָך קומט באַלזאַק צו זיין איינענעם געביט נאָר דאַמאָלס,

ווען ער האט אנגעפאנגען צו נעמען די טעמעס פאר זיינע ראמאנען פון דער עפאכע פון דער רעסטאווראציע; די פראוינצשע טיפען, וואס ער האט דאמאלס געשאפען, זיינען באגרינדעט אויף זיינע שארפ־סטע באאבאכטונגען; די נשמה־איבערלעבונגען, וועגען וועלכע ער דערצעהלט, זיינען וואונדערבאר געמאלען. ער האט זיך אמבעס־טען געפאסט מיט זיין מוטיגע אויג און זיין הארטע האנט, צו מאלען די פלאכקייט און די פארדארבענקייט פון דער רעגירונג פון דעם בירגער־קעניג, ער איז אבער דאך געווען צופיל דיכטער אום ער זאל זיך אין דער צייט פון דער פראנזאאישער הערשאפט פון דער פלוטאקראטיע פון דעם יולי־קעניגטום ניט ארומקוקען צוריק מיט א וועהטאג אין הארצען אויף דער צייט פון דעם ווידערגעבורט פון דער אריסטאקראטישער עלעגאנטקייט און דעם פרייערען, פרעה־ליבערען טאן פון דער צייט פון דער רעסטאווראציע. יענע עפאכע איז נאך געווען אן אריסטאקראטישע, און באלזאק, וועלכער האט זיך אליין, הגם אהן א ריכטיגע תביעה אויף דעם, צוגערעכענט צום קלאס פון די אדעליגע, האט געהאט ניט קיין קליינעם אפשיי פאר די אריסטאקראטען; די הויכגעבארענע, וואוילערצויגענע, שעהנע פרוי איז אין זיינע אויגען געווען די בלום פון דער מענשהייט. ער האט באלאנגט צום דור, וועלכער האט פארגעטערט נאפא־לעאנען; נאפאלעאן׳ס נאמען באגעגענט מען אויף יעדען צעהנטען בלעטעל פון זיינע ראמאנען און ער האט גע׳חלומ׳ט (ווי וויקטאר הוגא) וועגען פארמעסטען זיך אין זיין אייגענעם געביט, אין דער ליטעראטור, מיט דער וועלטהערשאפט פון קייזער; אין זיין אר־בייט־צימער איז אפילו געשטאנען א סטאטועטקע פון נאפאלעאן און אויף דער שיידעל פון דעם שווערד, וואס איז אויף איהר גע־האנגען, האט ער אנגעשריבען די ווערטער: „דאס, וואס ער האט אויסגעקעמפט מיט דעם שווערד, וועל איך באזיגען מיט דער פע־דער". אבער מיט דעם אלעמען, מיט זיינע חלומות, מיט זיינע שוואכקייטען, מיט זיין גאוה און מיט זיינע ראפינירטע נייגונגען האט ער דאך באלאנגט צו דער רעסטאווורירטער מאנארכיע, פאר וועלכער ער האט אויסער דעם געהאט א ווארימען געפיהל דערפאר, וואס אונטער איהר איז אריבער זיין יוגענד. אין דער צייט פון די באנאלדטע שטאטליכע קארעטען און דעם אלט־פראנצויזישען צערע־

מאָניאל אונטער דעם שוץ פון דער קירכע און פון לייכטזיניגקייט
איז מעגליך געווען, אז אין די העכערע קרייזען זאָלען זיך פאַר־
שפּרייטען ליבעראַלע אידעען און מענשליכע מאָראַלע באגריפען;
ווען דאָס געלד־בייטעל איז ארויף אויף דעם טראָן, זיינען זיי פאַר־
שוואונדען. דער געזעלשאַפטליכער לעבען אין פאַריז האָט פאַר־
לאָרען דעם ראפינירטען צויבער, וועלכער איז געווען אזוי באַ־
ריהמט. דערפאַר איז עס ניט קיין וואונדער, וואָס באַלזאַק מאָלט
די שעהנע בעלי־עבירה׳ניצעס פון דער פאָרשטעטדטעל סען־זשערמעין
מיט אזאַ שוינענדע האַנט און מיט אזוינע שמייכעלהאַפטע פאַרבען.
איינע פון די אָנגעזעהענסטע פרויען פון יענער צייט, די באַצויבע־
רענדע דעלפין דע־זשיראַרדען, וועמעס סאַלאָן פלעגט ווערען זעהר
שטאַרק באַזוכט פון דער העכערער געזעלשאַפט, איז געווען אַ גע־
טרייע און קלוגע פריינדין פון באַלזאַק, ווי אויך פון הוגאָ און
גאָטיער; אָבער, וואָס איז שייך צו זיינע ווערק, האָט ער מעהר
געלערענט, אָהן ספק, פון די צוויי הערצאָגינען, וועלכע זיינען פאַר
איהם געווען די פאַרקערפּערונג פון פראַנקרייך׳ס גרויסקייט אין דער
צייט פון דער אימפּעריע און פון דער גלענצענדער ראפינירטקייט
פון דעם אַלטען רעזשים און מיט וועמען ער איז געוואָרען נאָהענט
באַפריינדעט כמעט צום אָנפאַנג פון זיין ליטערארישער קאַריערע.
דאָס זיינען געווען מאַדאַם זשונאָ, די הערצאָגין ד׳אַבראַנטעס, וועמ־
מען ער האָט געהאָלפען אין איהרע ליטערארישע ארבייטען, און די
הערצאָגין דע קאַסטרי, וועלכע האָט איהם לכתחילה אַנאָנים גע־
שריבען וועגען איהר אינטערעס אין זיינע ווערק און מיט וועמען
ער איז פאַר אַ געוויסע צייט געווען פאַרבונדען דורך אַ ניט־גע־
ענטפערטע ליבע פון זיין צד און אַ גוואַלדיגע אייפערזיכטיגקייט
פון איהר צד. זי איז באשריבען אין זיין סעריע ראָמאַנען
Histoire des Treize אונטער דעם נאָמען די הערצאָגין דע־
לאַנזשעי.

אין דעם אָנפאַנג פון די דרייסיגער יאָהרען האָט באַלזאַק, פאַר־
שטעהט זיך, נאָך ניט אָנגעפאַנגען צו באריהרען די געזעלשאַפט
פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער יולי־מאָנאַרכיע, איהרע פרויען און
זייערע ליידענשאַפטען. דאָס געשעהט ערשט שפּעטער. און ווען
דאָס פאַסירט, קען מען לייכט איינזעהן, אז אַריבערגעהענדיג צו

זיינע נייע טעמעס און אין זיינע שפּעטערע יאָהרען ווערט ער בכלל שטרענגער און קוקט אויף אַלץ מיט אַ שווארצערען בליק. די פריהלינג־שטימונגען ווערען פארשוואונדען און לאָזען נאָך זיך אפילו קיין סימן ניט איבער. אין פילע פון זיינע ביכער זיינען די פרוי און די ליבע נאָך אַלץ דער צענטער. אָבער פון דער ליבע איז געוואָרען אַ ליידענשאַפט און די ליידענשאַפט איז פארוואַנדעלט געוואָרען אין ניאוף. מיר באגעגענען ביי איהם שוין ווענינ אונאייגעננוציגע געפיהלען און אונשולדיגע סימפּאַטיען; אומעטום הערשט אויסגערעכענטקייט, ביי די פרויען אזוי גוט ווי ביי די מענער. אָבער בפרט ביי די פרויען; אפילו אין דער ליבע הערשט זי. און נאָך מעהר דאָרט, וואו ער מאָלט בלויז אַ ממלא־מקום פון ליבע. אין פילע ראָמאַנען שטופּט די קורטיזאנקע אוועק די דאַמע אין הינטערגרונד און צייטענווייז געפינט מען ביי דער ערשטער וועניגער עגאָאיזם, ווי ביי דער לעצטער. פאר די אויגען פון די לעזער עפענט זיך דער אָפּגרונד פון עגאָאיזם און פון זנות.

.15

באלזאק.

צווישען די ביכער, וואס באלזאק האט ארויסגעגעבען אין די יאהרען 1833 און 1834, זיינען דא צוויי, וועלכע פארדינען מען זאל זיי באטראכטען. דאס זיינען די פיינע, קלאסישע ערצעהלונג "Eugenie Grandet" און דער מעכטיגער, געשטאלטענרייכער ראמאן "Pere Goriot" (פאטער גאריא). אין דעם ערשטען בוך פארמעסט זיך באלזאק מיט מאליער ("L'Avare" „דער קמצן"), אין דעם צווייטען פארמעסט ער זיך מיט ניט קיין קלענערען שרייבער ווי שעקספיער („קעניג ליער").

„עיזשעני גראנדע" גיט ניט קיין מאסשטאב פאר באלזאק'ס טאלאנט, הגם מען האט איהם א לאנגע צייט גערופען דער מחבר פון דעם דאזיגען ראמאן, אלס אן עהרען־נאמען. דער בוך האט אינטערעסירט דעם עולם צוליב די פארזיכטיגע און די געטרייע באשרייבונגען פון דעם פראווינציעלען לעבען מיט זיינע גוטע און שלעכטע מדות; מען האט איהם געקענט רעקאמענדירען פאר'ן היימישען לייענער דערפאר, וואס די העלדין איז געווען א צנועה־דיגע, איידעלע יונגע מיידעל; אבער דער עיקר, מיט וואס דער בוך האט זיך אויסגעצייכענט, איז געווען די געניאליטעט, מיט וועלכער באלזאק האט פארגעשטעלט די גייציגקייט און קמצנות, וואס מען האט אין די אלטע צייטען באטראכט נאר פון דער קאמישער זייט, אלס אימפאנירענדע און ערנסטע חטאים. ער באווייזט ווי דער אינסטינקט אנצוקלייבען געלד, וואס מען איז געוואוינט געווארען צו באטראכטען אלס א לעכערליכע שוואכקייט, דער'הרג'עט צוביסלאכוויז יעדען מענשליכען געפיהל ביז ער הייבט אויף זיין שרעקליכען, טיראנישען מעדוזא־קאפ איבער דער גאנצער סביבה פון דעם קמצן. אין דער זעלבער צייט מאכט ער פאר אונז

דעם קאַרגען נעהנטער און מעהר פאַרשטענדליך אַלס מענשליכער כאַראַקטער. פאַר באַלזאַק'ן איז דער קמצן ניט קיין בורזשוא, ווי מען שטעלט איהם פאָר אין די קאָמעדיעס, נאָר אַ מענש, וועלכער איז פאַרכאַפּט געוואָרען פון אַ משוגע'נער ליידענשאַפטליכער שטרעבונג נאָך מאַכט, אַ פאַרשטיינערטער בעל־חלום, אַ דיכטער, וועלכער ביי דעם אָנבליק פון גאָלד, שמעלצט זיך פון נחת, וואָס זיין באַגעהר ווערט צופרידענגעשטעלט און געהט אויס אין ווילדע חלומות. דער קמצן זעהט נאָר בעסער פון אַלע אַנדערע מענשען דעם אמת, אַז גאָלד איז די פאַרקערפּערונג פון אַלע מענשליכע קרעפטען און תענוגים. אין אַזאַ כאַראַקטער־באַשרייבונג צייגט זיך שוין אַרויס באַלזאַק'ס גאַנצע שטאַרקייט, וועלכע באַשטעהט אין דעם, וואָס ניט־יאָגענדיג זיך נאָך שרייענדיגע, שטאַרקע סיטואַציעס, קען ער מאַכען אַ גרויסען רושם מאָלענדיג קליינינגקייטען; אַזוינס, וואָס אַנדערע האָבען פאַרזעהן אָדער האָבען זיך פון דעם אָפּגעקעהרט מיט פאַראַכטונג אַלס עטוואָס, וואָס האָט קיין ווערט ניט. סימבאָליש באַטראַכט, איז די וועלט פון Eugénie Grandet ניט קיין ענגע, זי איז אָבער ענג אין פאַרגלייך מיט דעם געוועהנליכען און כאַראַקטעריסטישען בליק פון באַלזאַק.

אין „פּער גאָריאָ" ווערט דאָס בילד פון דעם לעבען ברייטער. ניט קיין פּאַרוואָרפענעם ווינקעל פון דער פּראָווינץ, נאָר די גרויסע שטאָדט פּאַריז ווערט דאָ געשטודירט. זי וויקעלט זיך פאַנאַנדער פאַר אונזערע אויגען ווי אַ פּאַנאָראַמע. דאָ איז קיין זאַך ניט אַלגעמיין, אַבסטראַקט און סימבאָליש, ווי אין דעם „טרויער מאַנטעל"; יעדער קלאַס פון דער געזעלשאַפט און יעדער כאַראַקטער אין יעדען קלאַס איז באַזאָרגט מיט זיינע אייגענע כאַראַקטעריסטישע שטריכען. איך האָב דערמאָנט וועגען דעם „קעניג ליער"; אָבער די געשיכטע וועגען דעם, ווי די צוויי קאַלטהערציגע טעכטער האָבען זיך פאַרהאַלטען צו זייער פאָטער, ווי טיף זי איז ניט דורכגעפיהלט און דורכגעטראַכט, איז זי דאָך ניט מעהר, ווי אין אַן אויסערליכען זין די טעמע פון דעם בוך. די ווירקליכע טעמע איז דאָס אריינטרעטען פון דעם פאַרהעלטניסמעסיג נאָך ניט פאַרדאָרבענעם בחור פון דער פּראָווינץ אין דער פּאַריזער וועלט, זיין אַנטדעקען צוביסלאַכווייז דעם אמת'ען כאַראַקטער פון דער

דאָזיגער וועלט, זיין שרעק ביי דער דאָזיגער אנטדעקונג, זיין אָפּ־זאָגען זיך פון צו טאָן דאָס זעלבע, וואָס אַלע טוען, די נסיונות, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, און, אַמענדע, זיין צוביסלאַכווייזדיגע, אָבער שנעל־פאַרענדיגטע ערציהונג פאַר דעם לעבען פון דער סביבה, אין וועלכער ער געפינט זיך. די אַנטוויקלונג פון ראַסטינאַק'ס כאַראַקטער איז דאָס טיפּסטע פון דעם, וואָס באַלזאַק און די מאָדערנע ראָמאַנען־שרייבער האָבען געשאַפען. מיט גרויס קונסט ציינט ער, ווי דער יונגער מענש ווערט פון אַלע זייטען באַגעגענט מיט די זעלבע באַגריפען וועגען דער געזעלשאַפט און מיט די זעלבע עצות, סיידען די דיבורים, מיט וועלכע מען ווענדעט זיך צו איהם, ווערען דיקטירט פון צבוע'צטווע אָדער תמימות. זיין קרובה און באַשיצערין, די באַצויבערנדע און מיוחסת'דיגע מאַדאַם דע באָסעאַן, זאָגט צו איהם:

„וואָס קיהלער איהר וועט זיך וועגען אַלץ מישב זיין, אַלץ ווייטער וועט איהר קומען. באַטראַכט די מענער און די פרויען ווי פּאָסט־פערד, מיט וועלכע איהר דאַרפט נאָר פאַרפאָהרען ביז דער נאָהענטסטער סטאַנציע, און דאָרט זיי פאַרבייטען אויף אַנדערע... אויב איהר האָט וועלכע עס איז ערנסטע געפיהלען, באַהאַלט זיי, ציינט זיי ניט אַרויס, אַנדערש וועט איהר ווערען די קאָוואַדלע אָנ־שטאָט צו זיין דער האַמער... אויב איהר קענט מאַכען די פרויען גלויבען, אַז איהר זייט אַ חכם, וועלען די מענער אויך אין גיכען אָנפאַנגען דענקען, אַז דאָס איז אַזוי, סיידען איהר וועט די דאָזיגע אילוזיע צו שנעל אַליין צו'פּטר'ן... איהר וועט דאַמאָלס אויס־געפינען, וואָס איז אַזוינס די געזעלשאַפט, אַז זי איז אַן ערב־רב פון שוטים און לומפען. זייט ניט דאָס ערשטע און ניט דאָס צווייטע".

און דער אַנטלאָפענער גאַלערענשקלאַף (קאַטאָרזשניק) וואָטרען זאָגט צו איהם:

„מען דאַרף זיך דורכשלאָגען אַ וועג אין לעבען דורך דער מאַסע פון דער מענשהייט אָדער ווי אַ באָמבע פון אַ האַרמאַט טוט עס, אָדער אַריינ'גנב'ענען זיך צו זיי, ווי אַ מגפה. פון עהרליכקייט איז ניטאָ קיין נוצען. די מאַסען בוקען זיך שטענדיג פאַר דער מאַכט פון אַ זשעניע. זיי האַסען איהם, זיי פאַרלוימדען איהם דערפאַר,

וואָס ער נעמט אַלץ און טיילט זיך ניט מיט קיינעם, אָבער אויב ער האַלט דאָס אויס גיבען זיי זיך אַמענדע צו איהם אונטער. מיט איין וואָרט, מען פאַלט פאַר איהם אויף די קניע, אויב מען קען איהם ניט באַגראָבען אין שמוץ... איך וועט זיך מיט אייך, אַז איהר קענט אין פּאַריז ניט דורכגעהן קיין צוויי טריט, ניט אָנשטויסענדיג זיך אויף עפּעס אַ טייוועלשע אינטריגע. דערפאַר האָבען אַלע פיינט דעם עהרליכען מענשען. נאָר ווער, דענקט איהר, איז דער עהר־ליכער מענש? — אין פּאַריז איז עס דער, וועלכער איז שטיל און זאָגט זיך אָפּ צו טיילען זיך מיט אַנדערע."

ראַסטינאַק איז אַ טיפּישער פראַנצויזישער יונגערמאַן פון יענער צייט. ער האָט טאַלאַנט, אָבער ניט אין אַן אויסערגעוועהנ־ליכער מאָס, און ער האָט קיין אידעאַליזם, אויסער דעם, וואָס קומט פון דער אונערפאַהרענקייט פון אַ צוואַנציג־יאָהריגען בחור. טיף צורודערט פון דעם, וואָס ער זעהט און לעבט דורך טאָג נאָך טאָג, פאַנגט ער אַליין אָן זיך צו יאָגען נאָך די גליקען און די תענוגים פון דער וועלט מיט אַלץ וועניגער געוויסענהאַפטיגקייט. דער יצר־הרע ווערט ביי איהם אַלץ גרעסער. ווי שטאַרק ער פּראָטעסטירט עס ווען וואָטרען שטעלט איהם צוזאַמען די אַלטע באַקאַנטע היפּאָ־טעטישע פראַגע — אויב ער וואָלט, ווען עס זאָל זיך ווענדען בלויז אָן זיין ווילען, גע'הרג'עט אַן אונבאַקאַנטען מאַנדאַרין אין כינאַ כדי צו באַקומען די מיליאָנען, וואָס ער וויל פאַר זיך? דאָך, ווי וועניג צייט געהט עס פאַרביי איידער דער „מאַנדאַרין" ליגט אַ גוסס'ער אונטער זיינע הענט! ראַסטינאַק זאָגט לכתחילה צו זיך אַליין, ווי אַלע מענשען טוען עס ווען זיי זיינען נאָך יונג, אַז צו באַשליסען זיך ניט אָפּשטעלען זיך פאַר קיין זאַך כדי צו ווערען אָנגעזעהן און רייך, מיינט דאָס זעלבע, ווי צו באַשליסען זיך צו זאָגען ליגענס, אָפּצונאַרען, זיך מכניע צו זיין, צו חנפ'ענען און צו קריכען פאַר די פיס פאַר די יעניגע, וועלכע האָבען געזאָגט ליגענס, האָבען גענאַרט, האָבען זיך מכניע געווען, האָבען גע'חנפ'עט און געקראָכען פאַר די פיס. באַלד אָבער פאַרטרייבט ער די דאָזיגע געדאַנקען פון זיין קאָפּ, זאָגענדיג, אַז ער וויל גאָר ניט טראַכטען, נאָר טאָן דאָס, וואָס דאָס האַרץ הייסט איהם. עס קומט אַ צייט, ווען ער איז נאָך צו יונג ער זאָל קענען אַלץ קלאָר באַטראַכטען,

אָבער ער איז אַלט געגוג, אַז עס זאָלען איהם פארפאָלגען אונבאַ־שטימטע געדאנקען און נעבעלדיגע חלומות, וואָס, אויב מען זאָל זיי בעמיש גערדיכט מאכען, וואָלטען זיי זיכער ניט איבערגעלאָזען קיין ריינעם אָפּזאַץ. זיין פארהעלטניש מיט דער וועלט־דאַמע דעלפין דע־נוסינזשען, גאָריאָ'ס טאָכטער, פארענדיגט זיין „ער־ציהונג". ער באַקאַנט זיך מיט דעם גאַנצען סך־הכל פון די קליינע און די גרויסע קלעגליכקייטען, פון וועלכע עס באַשטעהט דער לע־בען פון דער העכערער געזעלשאַפט, און דערווייל ווערט ער באַ־ארבייט פון וואָטרען'ס שפּאָטיגען ציניזם:

„נאָך צוויי אָדער דריי באַטראַכטונגען וועגען דער הויכער פּאָליטיק, — זאָגט וואָטרען, — און איהר וועט דערזעהן די וועלט, ווי זי איז. דער גייסטיג שטאַרקערער מאַן דאַרף נאָר פון צייט צו צייט אָפּשפּילען אַ פרומע סצענקע, לויט ווי זיין פאַנטאַזיע זאָגט איהם אונטער; מיט דעם שטעלט ער די וועלט צופרידען און באַ־קומט דונערנדע אַפּלאָדיסמענטען פון די שוטים אין דעם פּאַרקעט... איך ערלויב אייך גערן היינט מיך נאָך צו פאַראַכטען, וואָרים איך בין זיכער, אַז שפּעטער וועט איהר מיך ליב באַקומען. איהר וועט אין מיר געפינען דעם קאָכענדיגען תהום, די גרויסע קאָנצענטרירטע געפיהלען, וואָס די שוטים רופען חטאים, איהר וועט אָבער קיינמאָל ניט געפינען, אַז איך בין שרעקעדיג אָדער אונדאַנקבאַר".

ראַסטיניאַק'ס אויגען עפענען זיך; ער זעהט די גאַנצע פאַלש־קייט פון דער וועלט אַרום איהם; ער זעהט, אַז מאָראַל און געזעץ זיינען פּשוט מחיצות, הינטער וועלכע חוצפּה'דיגע רשעות טוט פריי, וואָס זי וויל. אומעטום איז אַלץ נאָר פון יוצא וועגען, נאָר אַן אָנשטעל; אַן אָנשטעל איז לייטישקייט; אַן אָנשטעל איז פריינד־שאַפט, אַן אָנשטעל איז ליבע, אַן אָנשטעל איז גוטסקייט, אַן אָנ־שטעל איז פרומקייט, אַן אָנשטעל איז די הייראַט. מיט וואונדער־באַרער קראַפט מאָלט באַלזאַק יענעם מאָמענט אין דעם לעבען פון דעם יונגעגמאַן, ווען ווי איך האָב זיך שוין איינמאָל אויסגעדריקט, זיין האַרץ ווערט געשוואָלען און ווערט אַזוי שרעקליך שווער, אַז ווען ער קוקט זיך אַרום דורכט זיך איהם, אַז אין זיין האַרצען שטראָמט אַ טיפער קוואַל פון פאַראַכטונג:

„איבערטאָענדיג זיך זיינען זיינע געדאַנקען געװען זעהר אומע־טיגע און פארצװײפעלטע. די געזעלשאפט האָט זיך איהם פאָר־געשטעלט אלס א גאנצער ים פון שמוץ, אין װעלכען װער עס שטעקט נאָר אריין א פוס מוז ארונטערזינקען ביז'ן האלז. דאָרטען, אין דער בעסערער געזעלשאפט, װערען באגאנגען נאָר קליינליכע פאר־ברעכענס, — האָט ער צו זיך אליין געזאָגט. — װאָטרען איז פיל העכער".

לסוף, װען ער האָט שוין דורכגעמאָסטען דעם גאנצען שטח פון דעם גיהנום, מאַכט ער זיך גרייט צו באזעצען זיך דאָרטען באַ־קװעם, אויף א היימישען אופן, ארויפצוקלייבען זיך אויף דעם שפּיץ פון דער געזעלשאפט — צו פארנעמען א מיניסטער־שטעלע, װאו מיר געפינען איהם שפּעטער.

כמעט אלע מעלות פון באַלזאַק זיינען איהם גוט צוניצגעקומען ביי דער באארבייטונג פון דעם דאָזיגען ברייט־פארטראַכטען װערק. זיין כמעט חיה'שע מונטערקייט און כמעט ניט־דערשעפּליכע באַ־ריידעװודיגקייט שטימען אויף א װאונדערבאר נאַטירליכען אופן מיט די שמועסען פון דער געמישטער, װאולגארער, פלאַך־װייציגער, חוצפה'דיג־קלוגער געזעלשאפט, װאָס קלייבט זיך צוזאמען ארום עס־טיש פון פּאנסיאָן װאָקעי. אינ'ם בוך זיינען קוים דאָ איידעלע כאראקטערען און דער שרייבער האָט דעריבער ניט קיין געלעגענהייט אָפּצוגעבען זיך מיט א געשמאַקלאָזען פּאטאָס (הויבע, מליצה'דיגע דבורים). דאַגעגען האָט דער לעזער כסדר די גע־לעגענהייט הנאה צו האָבען פון דער זיכערער אויג און דער בריה־שער האנד, מיט װעלכע באַלזאַק גלידערט פאנאנדער די נשמות פון א פארברעכער, פון א קאָקעטקע, פון א געלט־מענש אָדער פון אן אלטע ניט־פארגינענדיגע בתולה. דער פון זיינע טעכטער פארגע־סענער און פארלייקענטער אלטער פּאַטער, מיט װעמעס נאָמען דער בוך רופט זיך אָן, איז אָהן ספק דער אמװעניגסטען געלונגענער כאַ־ראקטער אין דעם ראָמאַן. פּאַטער גאָריאָ איז א קרבן, און באַלזאַק װערט תמיד סענטימענטאַל, װען ער באהאנדעלט קרבנות. מיט א זעהר שלעכטען געשמאַק רופט ער גאָריאָ „דער קריסטוס פון פאָטער־ליכער ליבע" (ce Christ de la Paternité); אויסער דעם מאַכט ער דעם כאראקטער פון זיין פאָטערליכער ליבע אזוי סענזועל און

היסטעריש, אַז זי ווערט פאַר דעם לעזער אַמאָל אפילו אָפּשטויסענד. *) דאָך, אַ דאַנק דעם, וואָס דער דאָזיגער אַלטער, פון אַלעמען פאַרלאָזענער מאַן, וועמעס אייגענע טעכטער טרעטען איהם מיט די פיס, איז געמאַכט געוואָרען דער מיטעלפּונקט פון דעם בוך, געווינט דער ראָמאַן אין איינהייטליכקייט, אין דער גאַנצקייט פון דעם געבוי, וואָס האָט זעהר אַ גוטע ווירקונג. די גאַנצע יואוועינאַל'ישע סאַטירע איבער דער געזעלשאַפט איז ווי קאָנצענטרירט און אריינגעפּרעסט אין איין עפּיגראַם, אין דעם שטעל, וואו עס ווערט באַשריבען ווי דעלפין וויל ניט באַזוכען איהר שטאַרבענדען פאַטער דערפאַר, וואָס זי מוז, אויב זי וויל ארויפשטייגען אַ טרעפּעל העכער אויף דעם געזעלשאַפטליכען לייטער, זיך באַנוצען מיט דער לאַנג־געזוכטער איינלאַדונג צו מאַדאַם באָסעאַן'ס באַל — אַ באַל, צו וועלכען „גאַנץ פּאַריז" רייסט זיך בלויז כדי צו קענען מיט גרויזאַמער נייגעריגקייט צוקוקען זיך צו דער שמערצליכער מינע, וואָס די ווירטין וועט האָבען אין פּנים איבער די נייעס, וואָס זי האָט ערשט יענעם פריהמאָרגען באַקומען, אַז איהר געליבטער האָט זיך פאַר'קנס'ט פאַר אַנאַנדערער.

מיר פאָלגען נאָך דעלפין, ווי זי פאָהרט אין איהר אייגענער קאַרעטע זייט־ביי־זייט מיט ראַסטינאַק אויף דעם באַל. דער יונגער מענש, וועלכער פאַרשטעהט גאַנץ גוט, אַז זי איז גרייט אריבערצושפּאַנען איבער דעם טויטען קערפּער פון איהר פאָטער, אבי נאָר זי זאָל זיך קענען צייגען אויף דעם באַל, און האָט אָבער אין זיך ניט די קראַפט מיט איהר אָפּצוברעכען און אויך ניט גענוג מוט צו מאַכען איהר פאָרוואורפען, וואָס קען ארויסרופען איהר רגז געגען איהם, קען זיך דאָך ניט איינהאַלטען פון צו באַשרייבען פאַר איהר איהר פאָטער'ס שלעכטען צושטאַנד. טרערען באַווייזען זיך ביי איהר אין די אויגען. „איך וועל אויסקוקען ניט שעהן, אויב איך וועל וויינען", טראַכט זי ביי זיך, און די

*) „מיין גאָט! זי האָט געוויינט! — אַזוי, בעמת, זי האָט געוויינט?" — „יאָ, זי האָט צוגעלייגט דעם קאָפּ צו מיין זשילעט (וועסט) און האָט געוויינט" האָט געזאָגט יוזשין. — „אַך, גיט מיר אייער זשילעט!" — האָט אויסגעשריען פאָטער גאָריאָ.

טרערען טריקענען תיכף אויס. „מאָרגען וועל איך זיך אָפּגעבען מיט מיין פאָטער, איך וועל ניט אָפּטרעטען פון זיין געלענער", זאָגט זי, און זי מיינט עס ערנסט. זי איז בטבע ניט קיין שלעכטע פרוי, אָבער זי איז אַ לעבעדיג בילד פון די געזעלשאַפטליכע סתירות; זי באַלאַנגט לויט איהר אייגענעם יחוס צו די נידעריגערע קלאַסען און דורך איהר חתונה צו די העכערע; זי איז רייך, אָבער זי האָט ניט קיין דעה איבער איהר פארמעגען צוליב די מיאוס'ע באַדינגונגען פון איהר הייראַט; זי דורשט נאָך תענוגים, האָט אַ לעדיגען קאָפּ און זוכט כבוד. באַלזאַק'ס דיכטערישע קראַפט איז געווען ניט גענוג צו שאַפען אַ קאָרדעליע מיט שעקספירישער איינפאַכקייט און ריינקייט, וואָרים איידעלקייט איז ניט זיין געביט; ער האָט אָבער געוואוסט ווי צו שילדערען רינען און גאַנעריל מעהר מענשליך און אמת'ער פון דעם גרויסען בריטאַנער.

16.

באלזאק.

איינמאָל, אין דעם יאָהר 1836, איז באלזאק אריינגעקומען צו זיין שוועסטער אין צימער זעהר אַן אויפגערעגטער. שאָקלענדיג ווי אַ טאַמבור־מאַיאָר זיין גראָבען שטעקען (וואָס האָט געהאַט אַ קארניאָל־העגטעל, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעקריצט אין טערקיש דער דעוויז פון אַ סולטאַן: „איך בין דער פארניכטער פון שטרויכלונגען"), האָט ער אויסגעשריען, אינמיטען ריידען נאָכמאַכענדיג מיט'ן צונג די מיליטערישע מוזיק: „גיב מיר אָפּ מזל־טוב, קינד, וואָרים איך האַלט ביים וועג צו ווערען אַ זשעניע". איהם איז איינגעפאַלען דער געדאַנק צו פאראייניגען די ראָמאַנען, וואָס ער האָט שוין אָנגעשריבען, און די, וואָס ער קלייבט זיך ערשט צו שרייבען, אין איין איינציגען גרויסען ווערק מיט דעם נאָמען „די מענשליכע קאָמעדיע". (La comedie humaine).

דער פּלאַן איז געווען גרויסאַרטיג און אַזוי אָריגינעל, אַז קיין עהנליכע זאַך איז נאָך ניט געווען אין קיין ליטעראַטור. ער איז געבאָרען געוואָרען אין דעם זעלבען געניאַלען סיסטעמאַטישען מח, וועלכער האָט איהם צום אָנפאַנג פון זיין קאַריערע באַגייסטערט מיט דער אידעע אָנצושרייבען אַ רייהע היסטאָרישע ראָמאַנען, וואָס זאָלען ארומכאַפּען דעם לעבען פון אַ גאַנצען יאָהר־הונדערט. אָבער דער פּלאַן איז געווען אַ סך מעהר אינטערעסאַנט און פּרוכטבאַר. וואָרים אויב די אַרבייט וואָלט איהם אָפּגעגליקט, וואָלט זי טיילווייז געהאַט די מאַכט פון אַן אילוזיע, ווי זי וואָלט באַהאַנדעלט היסטאָרישע פאַקטען, און חוץ דעם וואָלט זי געווען ניט אַ ברעקעל פון דעם ווירקליכען לעבען, וואָס איז סימבאָליש און קינסטלעריש פארגרעסערט געוואָרען אין אַ שפּיגעל, אין וועלכען דער גאַנצער לעבען שפּיגעלט זיך בלויז אָפּ, נאָר זי וואָלט

נעהאַט אַ ריכטיגע תביעה, אַז מען זאָל זי אין אַ וויסענשאַפטליכען זינען באַטראַכטען אַלס אַ גאַנצע זאַך. דאַנטע האָט אין זיין „געטליכער קאָמעדיע״ ווי אריינגעגנומען אין איין פּאָקוס (ברענ־פּונקט) די גאַנצע פילאָזאָפיע און לעבענס־ערפאַהרונג פון דעם מיטעלאַלטער. זיין אַמביציעזער קאָנקורענט האָט געמיינט צו גע־בען דער וועלט דורך צוויי־דריי טויזענד לעבעדיגע געשטאַלטען, וואָס יעדער איינער פון זיי שטעלט מיט זיך פאָר הונדערטע אַנ־דערע, אַ פולשטענדיג פסיכאָלאָגיש בילד פון אַלע פאַרשיידענע קלאַסען פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט און אויף אַזאַ אופן, אינדירעקט, פון דעם בליק אויף דעם לעבען, וואָס זיין עפּאָכע האָט נעהאַט.

מען קען ניט לייקענען, אַז דער רעזולטאַט איז געווען איינציג־אַרטיג.

באַלזאַק׳ס מדינה, ווי אַ ווירקליכע מלוכה, האָט זיך איהרע מיניסטאָרען, איהרע שופטים, איהרע גענעראַלען, איהרע פינאַנ־סירען, פאַבריקאַנטען, סוחרים און פויערים. זי האָט איהרע גלחים, איהרע שטאָדטישע און דאָרפישע דאָקטוירים, איהרע פראַנטען, איהרע מאַלער, סקולפּטאָרען און צייכנער; איהרע פּאָעטען, מחברים און זשורנאַליסטען; איהרע אַלטע און נייע פּריצים, איהרע בעלי־גאוה און איהרע בעלי־עבירה, איהרע ליבעסווירדיגע פרויען און ווייבער, וועלכע זיינען קרבנות פון זייערע מענער, איהרע געניאַלע שרייבערינס און איהרע פּראָווינציעלע בלויע־זאָקען (מיוחסת׳טעס), איהרע אַלטע בתולות, איהרע אַקטריסעס און איהר מחנה פון קור־טיזאַנקעס. און די אילוזיע, וואָס דאָס אַלעס שאַפט, איז וואונדער־באַר און פולשטענדיג.

די זעלבע פּערזאָנען ערשיינען ווידער און ווידער אין איינעם נאָך דעם אַנדערען פון זיינע פילע ראָמאַנען. מיר באַקאַנען זיך מיט זיי אין אַלע פאַרשיידענע שטופען פון זייער לעבען. דאָרט, וואו זיי ערשיינען ניט אליין, ווערען זיי כסדר דערמאָנט פון די אַנדערע כאַראַקטערען; די באַשרייבונגען פון זייער אויסזעהן, פון זייערע בגדים, פון זייערע היימען, פון זייערע געוואוינהייטען און פון זייער טעגליכען לעבען זיינען אַזוי בפרטות און אַזוי פּינקטליך, גוי זיי וואָלטען געגעבען געוואָרען פון אַ הענדלער פון מאָדעס, פון

א דאקטאר, פון א סוחר אדער פון אן אדוואקאט, און אין דער זעלבער צייט זיינען זיי אזוי לעבעדיג, אז מיר פיהלען דאס מיר מוזען באגעגענען דעם באשריבענעם מענשען אדער אין דער גאס און אין דער הויז, וואס ווערט אנגעגעבען, אז ער וואוינט דארט, אדער אויף א באזוך ביי דער אנגעזעהענער דאמע, וועמעס סאלאן איז דורך די ראמאנען געווארען באוואוסט אלס דער פלאץ, וואו עס באגעגענען זיך נאכמיטאגצייט אלע מיטגלידער פון דער העכערער געזעלשאפט. עס קוקט אויס צו זיין אונמעגליך, אז אט די אלע נפשות זאלען זיין ניט מעהר, ווי די פרוכט פון עמיצענס מארך; ניט ווילענדיג טראכטען מיר, אז זיי האבען באפעלקערט פראנקרייך פון יענער עפאכע.

און אויך ג א נ ץ פראנקרייך! ווארים באלזאק האט מיט דער צייט באשריבען שטעדט און געגענדען אין אלע טיילען פון זיין פאטערלאנד.*) ער איז געווען ניט נאר ווייט פון מבטל צו מאכען די פראווינצען; ער האט, פארקעהרט, געשטאלצירט מיט דעם, וואס ער קען צייגען זיין נאהענטע באקאנטשאפט מיט אלע אייגענארטיגקייטען פון זייער אפגעשטאנענעם פארשטיינערטען לעבען, מיט זייערע גוטע מידות, וואס פיהרען אלע צו נזירות, צו אפזאגען זיך אין לעבען פון זיך אליין, און מיט זייער רשעות, וואס איז א פועל־יוצא פון קליינליכקייט. אבער מעהר פון אלץ לעבט אין זיינע ווערק פאריז. און באלזאק'ס פאריז איז ניט די 400 יאהר אלטע שטאדט פון דער עפאכע פון „נאטר־דאם דע פארי”, ניט די מיטעלאלטערליכע, בילד־שעהנע הויפטשטאדט מיט איהרע שארפע קאנטראסטען צווישען די געזעלשאפטליכע קלאסען, מיט איהר רוישיגען גאס־לעבען און מיט איהר אבערגלויבישער קלויסטער־הערשאפט; נאך וועניגער איז עס געווען דער אידעאלער פאריז פון וויקטאר הוגא, דער פאנטאסטישער נייער ירושלים פון קאפ־מענשען און אויפקלעהרונג. דאס איז די ווירקליכע מא־

*) ער האט באשריבען איטודען אין Un ménage de Garcon, דוע אין Le Recherche de l'Absolu, בעזענסאן אין La vieille fille, אלאנסאן אין Albert Savarus, סאמיור אין Eugenie Grandet, אנגעלם אין Les deux Poetes, טור אין Le curé de Tours, לימאזש אין Le curé de Limages, סאנסער אין La Muse du Department און אזוי ווייטער.

דערנע שטאָדט מיט איהרע שמחות, מיט איהרע צרות און מיט איהרע חרפות, דער פאַר'כישוף'ענדיגער וואונדער פון אונזער אייגענער צייט, וואָס לאָזט ווייט הינטער זיך די זיבען וואונדער פון דעם אַלטערטום, דער מעכטיגער פּאַליפּ (אזא לעגענדאַרע ים־באַשעפעניש) מיט זיינע הונדערט־טויזענד פאַנגאָרעמס, וועלכער שלעפּט צו זיך און דערשלינגט אַלץ פון נאָהענט און פון וויטען, דער גרויסער קרעבס, וואָס פרעסט זיך אריין אין פראַנקרייך. דער פּאַריז פון זיין אייגענער צייט לעבט אין זיינע ביכער, — מיט זיינע ענגע גאַסען, וואָס ער מאָלט אַזוי קינסטלעריש ווי רעמבראַנדט, מיט זיין טומעל און גערויש, מיט די געשרייען פון זיינע גאַסען־הענדלער אין דער פריה און מיט דעם מעכטיגען כאָר פון קולות אין אָוונט, — אַ ים מיט שטימען, וואָס ער גיט אונז איבער מיט דער קראַפט פון אַן אָרקעסטער, דערמאָנענדיג אָן דעם מוזיקער, וואָס מען האָט מכנים געוועזן אין די אַלטע מיסטעריען, וועלכער האָט „געגעסען פּויקען און האָט געטרונקען צימבלען". *) באַלזאַק ווייס וועגען אַלץ אין פּאַריז — די ארכיטעקטור פון די הייזער, די מעבעל אין די וואוינונגען, דעם סדר־היחוס פון די עשירות'ען, די אייגענטימער פון ווערטפולע קונסט־שטיקער כסדר איינער נאָך דעם אַנדערען, דעם טואַלעט פון די דאַמען, די חשבונות פון פראַנצויזישע שניידער, די פאַמיליען־פּראָצעסען, דעם געזונטס־צושטאַנד, די פּרנסות, די נויטען און די פאַרלאַנגען פון אַלע פאַרשיידענע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט. ער האָט די שטאָדט אריינגעזויגען אין זיך דורך אַלע פּאָרען (הויט־לעכער).

די ראָמאַנען־שרייבער פון זיין צייט האָבען געזוכט ווי צו אַנטלויפען פון דער מיט נעבעל פאַרשלייערטער זון פון פּאַריז און פון דעם מאָדערנעם בורזשואַ קיין שפּאַניען, קיין אפריקא, אָדער אין דעם מזרח; פאַר באַלזאַק'ן אָבער האָט קיין זון ליבער ניט געשיינט, ווי די פּאַריזער. אין דער צייט ווען ארום איהם האָט

---

*) זעהט די הקדמה צו דער ניט גאָר אָנשטענדיגער ערצעהלונג La Fille aux Yeux d'Or אין וועלכער דאָס יאָגעניש, די ענגשאַפט און דער גאַנצער גייסט פון דעם פּאַריזער לעבען זיינען געמאָלען מיט אַ געשיקטקייט, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכען אין דער קונסט פון וואָרט־מאָלעריי.

מען געשטרעבט אויפצולעבעו די שאָטענס פון דער לאַנג־פאַרגאַנ־גענער שעהנקייט, האָט איהם קיין מיאוס'קייט ניט אָפּגעשראָקען, ווי די קראָפּיווע (נעסעל, שטעכעדיגע גראָז) שרעקט ניט אָפּ דעם באָטאַניקער, ווי דער שלאַנג שרעקט ניט אָפּ דעם נאַטורפאָרשער און די קראַנהייט דעם דאָקטאָר. אויף פאוסט'ס פּלאַץ וואָלט ער זיכער קיינמאָל ניט גערופען פון קבר די אַלט־גריכישע העלענא; ער וואָלט גיכער געשיקט נאָך זיין פריינד ווידאָק, דעם געוועזענעם פאַרברעכער און שפּעטערדיגען פּאָליציי־פּרעפעקט פון פּאַריז, און וואָלט איהם געמאַכט עפּעס צו דערצעהלען פון דעם, וואָס ער האָט דורכגעלעבט אָדער האָט זיך אָנגעהערט.

דורך באָאָבאַכטונגען זאַמעלט ער אָן א שלל מיט איינצעלנע פּרטים, און אויסרעכענענדיג אַלץ, וואָס ער האָט באַמערקט, ווירקט עס מען זאָל ווערען מיד און צומישט, לייענענדיג די הקדמות און די איינלייטונגען צו זיינע ראָמאַנען. דעם סוף פון אַן ענדלאָזע באַשרייבונג פון א הויז, א געשטאַלט, א פּנים, אפילו פון א נאָז, זעהט דער לעזער פאַר זיך גאָר ניט און ער לאַנגווייליגט זיך נאָר. אָבער נאָך דעם קומט א מאָמענט, ווען די גליהענדע פאַנטאַזיע פון דעם שרייבער ארבייט איבער און גיסט צוזאַמען אָט־די אַלע ניט־אינטערעסאַנטע פּרטים, וואָס האָבען זיך איינגעהאַלטען אין זיין געטרייען זכרון, אין איין גאַנצע זאַך, ווי בענווענטינאָ טשע־ליני האָט צוזאַמענגעגאָסען טעלער און לעפעל און האָט פון זיי אויסגעגאָסען די סטאַטוע פון פּערזעאַנס. געטהע זאָגט (אין זיין „טאָגעבוך", פון דעם 26טען פעברואַר 1780):

„מיט דער הילף פון בלויז זאַמלען פּרטים פאַרשטעה איך גאָר ניט. אָבער נאָך דעם, ווי איך האָב לאַנג געאַרבייט און צו־זאַמענגעבראַכט א היבש ביסעל שטעקלאַך און שטרוי און האָב זיך אומזיסט געפּרופט אָנצוואַרעמען, הגם אינוועניג אין דער־קופּע האָט דער פייער לעבעדיג געגליהט און אומעטום איז געווען רויך, האָט פּלוצלונג זיך דורכגעשלאָגען א פלאַם און אַלץ האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט".

אין באַלזאַק'ס ראָמאַנען שפּירט מען אפילו א רויך און א שטיקעניש אין די באַשרייבענדע טיילען, אָבער דער פלאַם נעהמט אין זיי קיינמאָל ניט אויס.

וואָרים באַלזאַק איז ניט געווען בלויז א באַאָבאַכטער נאָר אויך א זעהער (אַ נביא, א חוזה). אויב עס איז איהם אויסגעקומען צו באַגעגענען אַן ארבייטער מיט זיין פרוי געהענדיג אהיים פון טעאַטער צווישען עלף און צוועלף אזייגער אין אָווענט, האָט ער געקאָנט נאָך זיי נאָכגעהן טריט נאָך טריט ביז דעם אנדערען זייט פון די אויסערע בולווארען, וואו זיי האָבען געוואוינט. ער האָט אונטערגעהערט, ווי זיי שמועסען לכתחילה וועגען דער געזעהענער פיעסע, נאָכדעם וועגען זייערע אייגענע אנגעלעגענהייטען, בשעת די מוטער האָט דערווייל נאָך זיך פאַר'ן האַנט געשלעפּט א קינד. זיי האָבען גערעדט וועגען די געלט, וואָס זיי האָבען געדאַרפט באַקומען מאָרגען, און האָבען עס אין זייערע געדאנקען אויסגעגעבען אויף צוואַנציג פארשידענע אופנים, האָבען זיך דערביי געקריגט און אין דער מחלוקה האָבען זיי ארויסגעוויזען זייערע כאַראַקטערען. און באַלזאַק האָט זיך צוגעהערט מיט אזא כונה צו זייערע תרעומות אויף דעם לאַנגען ווינטער, אויף דעם מקח פון קארטאָפּעל און אויף דעם יקרות אויף באַהייצונג, אַז ער האָט לסוף מיט זיי געלעבט, און, ווי ער זאָגט עס אין זיין „פאַסינאָ קאַן"‚ — „ער האָט געפיהלט זייערע שמאַטעס אויף זיין רוקען און איז ארומגעגאַנגען מיט זיינע פיס אין זייערע שיך אָהן זוילען". זייערע חלומות, זייערע באַדערפעניסע האָבען דורכגענומען זיין נשמה און ער איז ארומגעגאנגען ווי אין חלום אויפ'ן וואָהר. כל־זמן די דאָזיגע פארשיכור'טקייט פון זיינע חושים האָט אנגעהאַלטען, פלעגט ער אלע זיינע שטענדיגע געוואוינהייטען אָפּלייגען אַן א זייט און פלעגט ווערען גאָר אַן אנדער מענש, ער פלעגט ווערען ניט ער אליין, נאָר די צייט, אין וועלכע ער לעבט. ער האָט ניט נאר געשריבען זיינע ראָמאַנען, נאר ער האָט זיי דורכגעלעבט. זיינע אויסגעטראַכטע כאַראַקטערען פלעגען פאר איהם שטעהן, ווי לעבעדיגע, אזוי, אז ער פלעגט וועגען זיי דערצעהלען זיינע באַקאַנטע, ווי וועגען לעבעדיגע מענשען. ווען ער האָט זיך געקליבען פאָהרען אין אַן אָרט, וואס ער האָט געוואַלט באַשרייבען, פלעגט ער זאגען: „איך פאָהר קיין אַלענסאָן, וואו עס וואוינט מאַדעמואַזעל קאָרמאָן; קיין גרענאָבל, וואו עס וואוינט דער דאָקטאָר בענאַסי". ער פלעגט דער־

צעהלען זיין שוועסטער נייעסען פון דער וועלט, וואָס ער האָט געשאפען אין זיין פאַנטאַזיע.

„וויסטו פאַר וועמען האָט עס פעליקס דע־וואַנדענעס חתונה? — פאַר מאַדעמואַזעל דע־גראַנוויל. עס איז אַ גוטער שידוך, טראָץ אַלע געלדער, וואָס מאַדעמואַזעל דע־בעלפּול האָט אפגעקאָסט דער משפחה".

און איינמאָל, ווען זשול סאַנדאָ האָט איהם דערצעהלט וועגען זיין שוועסטער, וואָס איז קראַנק געווען, האָט באַלזאַק, וועלכער האָט זיך צוגעהערט אביסעל צושטרייט, פּלוצלונג איהם איבער־געשלאָגען מיט די ווערטער:

„דאָס איז אַלץ זעהר גוט, מיין פריינד; אָבער יעצט וועלען מיר זיך אומקעהרען צו דער ווירקליכקייט, לאָמיר זיך דורכריידען וועגען עזשעני גראַנדע".

מען זעהט, אַז עס איז געווען נויטיג ער זאָל אליין פיהלען די אילוזיע מיט אזא מאַכט, כדי ער זאָל זי קענען איבערגעבען אנדערע מיט אן עהנליכער שטאַרקייט. זיין איינבילדונגס־קראַפט האָט געהאַט אזא כח צו מאַכען גלויבען, וואָס האָט ניט ערלויבט קיינע ספקות... דער דאָזיגער כח האָט געווירקט אויך אין זיין פראַקטישען לעבען. צווישען די הונדערטע פּלענער, וואָס זיינען איהם איינגעפאַלען, אַלס מעגליכע מיטלען צו באַפרייען זיך פון זיינע חובות, איז געווען איינער צו פאַרוואַנדלען די וויסטעניש ארום דעם קליינעם הויפעל לע זשאַרדי, וואָס ער האָט געקויפט אַלס משכון פאַר דער הלואה, וואָס זיין מוטער האָט איהם געגע־בען, אין אונגעהויערע טרייב־הייזער, וועלכע וואָלטען געפאָדערט זעהר ווייניג קינסטליכע באַהייצונג, צוליב דעם, וואָס דאָרט זיינען ניטאָ קיינע בוימער, וואָס זאָלען אפּהאַלטען די שטראַהלען פון דער זון. אין די דאָזיגע טרייב־הייזער וואָלט ער געלאָזט וואַקסען הונדערט טויזענד אַנאַנאַסען, וואָס, ווען ער זאָל זיי פאַרקויפען נאָר צו פינף פראַנק, אנשטאַט דעם געוועהנליכען מקח פון צוואַנציג פראַנק, וואָלטען זיי דעם גליקליכען בעל־הבית אריינגעבראַכט אַ יעהרליכען איינקונפט פון פיער הונדערט טוי־זענד פראַנק „אָהן דעם ער זאָל מוזען שאַפען אפילו אַ ברעקעל כתב־יד". דער שאַפער פון דעם פּלאַן האָט מיט אזוינע איבער־

צייגענד שעהנע דבורים באוויזען, אז די זאַך מוז האָבען אן ער־פאָלג, אז זיינע גוטע פריינד האָבען אויף־אן־אמת געזוכט א קראַם אויף איינעם פון די בולווארען פאר דעם פארקויף פון די אנאנאסען און האָבען זיך מיט איהם געעצה'ט וועגען דעם אויסזעהן און דעם פארב פון דעם שילד איבער דער קראַם. אן אנדערש מאָל איז ער געוואָרען זיכער איבערצייגט, איך וויים ניט אויף וועלכען סמך, אז ער האָט אנטדעקט דעם אָרט הינטער פאריז, ארום דעם סעין, וואו טוסיען לואוועטור האָט באגראבען זיין אוצר. און ער האָט אזוי בריה'יש דערצעהלט וועגען זיין גלויבען פאר זיינע גוטע פריינד סאנדאָ און גאָטיעי, — ביידע פון זיי זיינען ניט געווען קיין טיפשים, — אז די ביידע האָבען זיך באוואפענט מיט גראָב־אייזענס און האָבען זיך פינף דעם זייגער אין דער פריה ארויסגע'גנב'עט פון פאריז, ווי פארברעכער, און האָבען געגראָבען אויף דעם אָנגעוויזענעם פלאַץ. זיי האָבען, נאַטירליך, גאָר ניט גע־פונען. דער אויסדרוק „איינבילדונגס ק ר א פ ט" פאסט ניט פאר קיינעמס פאנטאזיע אזוי גוט, ווי פאר באלזאק'ס.

און זיין פאנטאזיע, וואס האָט געהערשט איבער אנדערע, האָט איבער איהם אליין אמערגסטען טיראניזירט. זי האָט איהם ניט געלאזט צורוה. זי האָט זיך ניט באגנוגענט מיט מאכען פּלענער פאר איהם, מיט די זיסע, אבער פרוכטלאזע פריידען פון די קינסטלערישע טרוימערייען; זי האָט איהם געצוואונגען האַלטען כסדר אין איין אויספיהרען זיינע פּלענער, האָט אָנגע־האַלטען די געוואוינהייט צו שאפען, אָהן וועלכער די באגייסטע־רונג פארשווינדט אזוי שנעל.

ווען אין זיין ראָמאן „לאַ קוזען בעט", שרייבענדיג וועגען דער פוילענצערייע פון דעם גרויסען סקולפטאָר ווענצעסלאוו שטייני־באָק, ער ציטירט די ווערטער פון „א גרויסען דיכטער": „איך זעץ זיך צו דער ארבייט מיט פארצווייפלונג און פארלאָז זי מיט יסורים", זעהט מען, אז דאס איז נאָר א האלב־עניוות'דיגער וועג צו ציטירען זיך אליין און ער גיט צו דעם צו:

„אויב א קינסטלער ווארפט זיך ניט אריין, ניט־פארטראכ־טענדיג זיך, אין זיין ארבייט, ווי קורציאוס ווארפט זיך אין תהום אריין, ווי א סאָלדאט ווארפט זיך אויף דעם שונא'ס באפעסטי־

גונגען, און ווען ער ארבייט ניט אין דעם דאָזיגען קראַטער (די באָק, ער ציטירט די ווערטער פון „א גרויסען דיכטער": „איך ווען די ערד איז איינגעפאלען; אויב ער גיט זיך אָפּ מיט א ישוב־הדעת איבער די שוועריגקייטען אנשטאָט זיי איבערצוקומען איינע נאָך דער אַנדערער... איז ער פשוט אָן עדות ביי דעם זעלבסטמאָרד פון זיין אייגענעם טאַלאַנט".

די מעטאָדע פון שאַפען, וואָס ער באַשרייבט, איז זיין אייגענע; אבער דאָס איז ניט די איינציגע, אפילו ניט די העכסטע מעטאָדע. רוהיגערע, ווייניגער מאָדערנע קינסטלער האָבען געוואוסט, ווי צו האַלטען דעם קאָפּ פריי און די אויגען קלאָר איבער דעם דאָזיגען זידענדיגען קראַטער פון זייער ארבייט. דערמיט האָבען זיי זיך באַוואָרענט מיט א זיכערען קריטישען בליק, וואָס האָט ניט דערלאָזען, אַז זיי זאָלען אנוואַרפען אָן אומעט אויף די לעזער דורך א שלל מיט פּרטים, ווי דאָס האָט געטאָן דער מחבר פון „לע מעדיסאַן דע קאַמפּאַן" און פון דעם „דאָרף גלח". אָבער צוריקגענומען, פעהלט צו אָפט אין זייערע ווערק א געוויסער טונקעלער גליהען, דאָס עפּעס, וואָס פארכאַפּט און נעמט דורך, וואָס איז געוואָרען א באַדערפעניש פאַר די מאָדערנע נערוועך.

אין דער לאַנגער הקדמה צו דער „מענשליכער קאָמעדיע" זאָגט ער ארויס זיין מיינונג און גיט אָן זיין צוועק. ער פאַנגט אָן מיט דעם, וואָס ער דריקט אויס זיין פאַראַכטונג און איז מבטל די געוועהנליכע מעטאָדען צו שרייבען געשיכטע:

„ווען מען לייענט, — שרייבט ער, — די טרוקענע און די אפּשטויסענדע פּנקס'ען, וואָס מען רופט געשיכטע, באַמערקט מען, אַז די שרייבער פון אַלע פעלקער און פון אַלע צייטען האָבען פאַרגעסען צו געבען אונז די געשיכטע פון די מידות פון לעבען."

דעם דאָזיגען חסרון האָט ער בדעה, לויט זיינע כחות, צו באַזאָרגען. ער וויל שאַפען א באַשרייבונג פון די ליידענשאַפטען, פון די גוטע און די שלעכטע מידות פון דער געזעלשאַפט, פאַראייניגענדיג א רייהע נאָהענטע כאַראַקטערען אין איין טיפּ און אויף אזא אופן מיט געדולד און אויסשטעהעניש אָנשרייבען דעם בוך, וואָס רוים, אַטהען, צור, מעמפיס און פּערסיען האָבען צום אומגליק ניט געקענט אונז געבען". מיר זעהען, ווי ניערעריג ער

שטעלט די געשיכטע. זיינע זעהר קליינע ידיעות אין איהר האָ־בען פאר איהם לייכטער געמאכט זי צו מבטל צו מאכען. ער אליין איז אין דער ווירקליכקייט אויך ניט געווען דער היסטאָרי־קער פון זיין עפּאָכע; ער איז געווען, ברויבענדיג זיין אייגענעם זעהר ריכטיגען אויסדרוק, דער נאַטורפאָרשער פון זיין צייט. ער האָט זיך סומך געווען אויף זשאפרוא סענט־אילער, וועלכער האָט באוויזען, אז די פארשיידענע מינים באַשעפענישען זיינען אלס א כלל אלץ איינס געבויט. צווישען נאַטורפאָרשער האָט ער זיך געפיהלט אלס דאקטאָר פון דער סאציאלער וויסענשאַפט.

„די געזעלשאַפט מאכט פון דעם מענשען, לויט דער סביבה, אזוי פיעל פארשיידענע מענשען, וויפיעל עס זיינען דאָ מינים אין דער זאָאָלאָגיע (די חיות). דער אונטערשייד צווישען דעם סאָלדאט, ארבייטער, באאמטען, אדוואָקאט, לעדיגגעהער, געלעהר־טען, שטאַאטסמאן, סוחר, מאטראָס, דיכטער און גלח איז, — הגם עס איז ניט אזוי לייכט דאָס איינצוזעהן, — כמעט אזוי גרויס, ווי דער אונטערשייד צווישען דעם וואָלף און דעם לייב, פערד, ראב (וואָראָנע), אייזעל, ים־הונט און די בהמה“.

דער פארגלייך איז ניט פאלשטענדיג, טיילווייז צוליב דעם, ווי באלזאק אליין גיט עס תיכף צו, וואס מאַן און ווייב אין מענש־ליכער געזעלשאפט פאסען זיך אָפט ניט איינער פאר דעם אנדערען און צווישען די חיות פאסען זיך דער זכר מיט דער נקבה יאָ צווי־שען זיך; און טיילווייז דערפאר, וואס דער געזעלשאפטליכער יחיד איז בכח אריבערצוגעהן פון איין קלאַס אדער מצב אין אן אנדערען, בעת אין דער נאטור איז דער אריבערגאנג פון איין מין אין א צווייטען אונמעגליך דורך דעם משך פון דעם לעבען פון איין אינדיווידואום.

וואָס באלזאק מיינט אויף אן אמת, און וואס איז גאנץ ריכ־טיג, איז, אז דער שטאַנדפונקט, פון וועלכען ער באטראכט די גע-זעלשאפט, איז, אלס א כלל, דערזעלבער, פון וועלכען דער נאַטור־פאָרשער שטודירט די נאַטור. ער מאָראליזירט קיינמאָל ניט און פארדאמט ניט. ער ערלויבט זיך קיינמאָל ניט, זייענדיג אין דעם פּרט אַנדערש פון די מעהרסטע פון זיינע חברים־שרייבער, צו ווע־רען באאיינפלוסט פון עקעל אָדער פון באגייסטערונג און ער באַ־

שרייבט בלויז דעם אמת. פאַר איהם, ווי פאַר דעם נאַטור־פאָרשער, איז קיין זאַך ניט צו קליין און קיין זאַך ניט צו גרויס עס זאָל ווערט זיין צו ווערען באַטראַכט און ערקלעהרט. ווען מען קוקט זיך צו צו א שפּין דורך א מיקראָסקאָפּ זעהט ער אויס גרע־סער און איז מעהר קאָמפּליצירט אָרגאַניזירט פון דעם גרעסטען עלעפאַנט. פון דעם וויסענשאַפטליכען שטאַנדפונקט איז דער קעניגליכער לייב ניט מעהר ווי א פּאָר קינבאַקען אויף פיער פיס. די מינים שפּייז, וואָס די חיות עסען, באַשטימט די פאָרמען פון זייערע ציינער, זייערע קינבאַקען, זייערע אַקסעל־ביינער, זייערע מוסקולען און פון זייערע קלויען און זיי ערקלעהרען דעם קעניג־ליכען אויסזעהן פון דעם לייב. און פּינקטליך אויף דעם זעלבען אופן דאָס, וואָס אונטער געוויסע אומשטאַנדען קוקט אויס צו זיין א מיאוס׳ער, געמיינער פאַרברעכען, צייגט זיך, פון אַנאַנ־דער שטאַנדפּונקט, ארויס צו זיין א קליינע אויסגאַבע פון יענע גראַנדיעזע, גלענצענדע חטאים, וועגען וועלכע די געשיכטע דער־צעהלט אונז — און דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון באַלזאַק.

שוין אין „עיזשעניע גראַנדע", וואָס איז איינע פון זיינע פריהערדיגע ווערק, באַגעגענען מיר אויסדריקע, וואָס באַווייזען, אַז דאָס איז געווען באַלזאַק׳ס שטאַנדפּונקט. עס דערנעהענטערט זיך די צייט ווען עיזשעניע וועט מוזען זיך מודה זיין פאַר דעם קמצן, וועלכער איז איהר פאָטער, אַז זי האָט שוין ניט איהרע דו־קאַטען, אַז זי האָט זיי ווירקליך אוועקגעגעבען.

„דריי טעג שפּעטער, — שרייבט באַלזאַק, — האָט געמוזט פּאַרקומען א שרעקליכע דראַמע, א בורזשואַזע טראַגעדיע אָהן גיפט, אָהן א שפּיז אָדער בלוטפאַרגיסונג, אָבער דאָך א גרויזאַמערע פון וועלכע עס איז טראַגעדיע, וואָס איז פאַרגעקומען אין דער באַריהמטער משפּחה פון די אַטרידען".

דאָס מיינט צו זאָגען: מיין בורזשואַזער ראָמאַן איז מעהר טראַגיש פון אייערע קלאַסישע טראַגעדיעס. אין יענעם שטעל אין „פּער גאָריאָ", וואו די בעל־הבית׳טע פון דעם פּאַנסיאָן באַ־קלאָגט זיך אויף דעם, וואָס די פּאַנסיאָנערען זיינען פון איהר אוועק, באַמערקט באַלזאַק:

„הגם לאָרד בייראָן האָט אריינגעגעבען אין מויל פון זיין

„טאַסאָ" א פּראַכטפולע קלאָג־ליד, דאָך צייכענט זיך זיין קינה ווייט ניט אויס מיט דער טיפער אמת'דיגקייט, וואָס הערט זיך אין די תרעומות פון מאַדאַם וואַקעי."

דאָס מיינט: די קליינליכע געמיינהייטען, וואָס איך באַשרייבט, זיינען, ווען מען איז זיי גוט משיג, מעהר אינטערעסאַנט פון אַלע אייערע איידעלע, אַבסטראַקטע מליצות. אין זיין ראָמאַן „צעזאַר ביראָטאָ'ס גדולה און מפּלה" מאַכט באַלזאַק ניט נאָר לצנות'שע רמזים אין דעם טיטעל פון דעם ווערק וועגען דעם באַריהמטען בוך פון מאָנטעסקיו איבער דער רוימישער אימפּעריע, נאָר ער פאַרגלייכט אויך, מיט דעם עזות פון א זשעניע, זיין גרויסע און לאַנגע באַשרייבונג פון די הצלחות און פון דעם אומגליקליכען באַנקראָט פון א בראַווען פּאַריזער פּאַרפיומען־הענדלער מיט די נצחונות און די מפּלות אין דעם קאַמף פון טראָיאַ און מיט דעם קידער־ווידערדיגער גורל פון נאַפּאָלעאָן.

„טראָיאַ און נאַפּאָלעאָן זיינען נאָר עפּאָפּעען (העלדען־פּאָעמען). זאָל דער דאָזיגער בוך זיין דער עפּאָס פון דעם גורל פון דער בורזשואזיע, פון א לעבען, וועלכען עס פעהלט גרויסקייט אויף אזוי פיל, אז קיין איין איינציגער דיכטער האָט זיך וועגען איהם ניט פאַרטראַכט. דער סוזשעט איז דאָ ניט אן איינצעלנער מענש, נאָר א גאַנצע מחנה פון יסורים."

דאָס מיינט צו זאָגען: אין דער ליטעראַטור איז קיין זאַך פאַר זיך ניט גרוים און ניט קליין. אין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ פון אן ארימען האָר־פוצער קען איך איבערלייענען א גאַנצע העלדען־פּאָעמע. איך באַווייז ווי די פּאַסירונגען אין דעם לעבען פון איינעם פון דעם המון, אויב מיר פאַרבינדען זיי מיט זייערע סיבות און מיט באַטראַכטען זיי ביז זייער מקור, זיינען אזוי וויכטיג, אזוי אינטערעסאַנט און אזוי פאַרכאַפּענד, ווי די גרויסע איבערקעהרענישען אין דעם לעבען פון פעלקער. און ווען, אין דעם מייסטערווערק, „א משפּחה פון א משרת", ווערט דער שעהנער, בראַוער דרעה־קאָפּ, מאַקס זשולעי, דער'הרג'ט אויף א דועל, באַמערקט וועגען דעם דער דיכטער:

„אַט אזוי איז געשטאָרבען איינער פון יענע מענשען, וועלכע קענען אויפטאָן גרויסע זאַכען, אויב דער מזל וואָלט זיי אוועק־

געשטעלט אין א גינסטיגער לאגע; איינער פון יענע מענטשן, וועלכע די נאטור באהאנדעלט ווי צולאָזענע קינדער, ווארים זי האָט איהם געגעבן דעם מוט, די קאלטבלוטיגקייט און די פּאָלי־טישע השגות פון א „צעזאר באָרדזשיא".

די דאָזיגע ווערטער האָבן אזא ווירקונג, אז דעם לעזער דוכט זיך ווי ער וואָלט ערשט יעצט, אין דער ליכט פון דעם היסטאָרישען נאָמען, ריכטיג פארשטאַנען דעם כאראקטער פון מאקס.

צדקות, פונקט ווי רשעות, איז פאר באלזאק'ן אויך ניט מעהר, ווי אן אונפארמיידליכער רעזולטאט פון געוויסע סיבות. הגם ער ציינט זיך אמאָל ארוים שוואך, סענטימענטאל און מליצה־דיג אין זיינע באשרייבונגען פון געטריישאפט צו פליכטען און פון מעשים טובים, וועלכע קומען אפילו ביי איהם ארוים שטארק קאטויליש צוגעפארבט, פארפעהלט ער אָבער קיינמאָל ניט אנצו־ווייזען אונז דעם מקור צו די צדקות, וואָס ער באשרייבט. מען גע־פינט דעם דאָזיגען מקור אמאָל אין א נאטירליכער קאלטקייט פון די חושים, אמאָל אין שטאָלץ, אמאָל אין אומבאוואוסטזיניגער אויסגערעכענטקייט, אמאָל אין א גע'ירשנ'טער איידעלקייט פון די געפיהלען, אמאָל אין ווייבערשער חרטה, אין מענערשער פשוט־קייט אָדער אין דער פרומער האָפנונג אויף א שכר אין גן־עדן.

כדי צו באקומען א קלאָרע השגה וועגען דעם, ווי עס זיינען געוואקסען די ליטעראַרישע כחות פון באלזאק אין זיינע שפּעטערע יאהרען, דארף מען לייענען כסדר זיינע ראָמאַנען „א משפּח פון א משרת", „קוזינע בעט" און „פארלאָרענע חלומות".

דער ערשטער פון זיי, וועלכער איז איינער פון באלזאק'ס אמוועניגסטען באוואוסטע און געלייענטע ראָמאַנען, איז א וואונ־דערבאר פסיכאָלאָגישע באשרייבונג פון דעם לעבען אין א קליין פּראָווינציעלע שטעדטעל און פון א משפּחה, וואָס האָט זיך פאר־צווייגט אויך אין דער הויפּט־שטאָדט. דער הויפּט־כאראקטער איז אן אָפּגעלאָזענער, גראָבער אָפיצער פון נאפּאָלעאָנ'ס גארד, וועלכער האָט לכתחילה געהאט א שטארקע, ענערגישע נאטור און איז איצט די פארקערפערונג פון ברוטאלען, גראָבען עגאָאיזם. ער איז דער „מיל גלאָריאָזוס" (א סאָלדאט א באריהמער) פון די אלטע צייטען, וואָס ווערט דאָ באשריבען ניט אלס א בעל־מורא נאָר

אַלס אַ חברה־מאַן, וואָס איז גרייט אויף אַלערליי פאַרברעכענס. דער צווייטער פון די דערמאָנטע ראָמאַנען, „די קוזינע בעט", וועלכער איז גוט באַקאַנט און מען האָט אַ סך געלייענט, גיט אַן אומפאַרגלייכליכע רעאַליסטישע שילדערונג פון דער פאַרניכטענ־דער מאַכט פון עראָטישער ליידענשאַפט. אַפילו שעקספּיר (אין „אַנטאָני און קלעאָפּאַטראַ") באַהאַנדעלט ניט די טעמע אין אַ מעהר מייסטערהאַפטען און איבערציינגענדען אופן. דער ראָמאַן „די פאַרלאָרענע חלומות", ענדליך, גיט זיך אָפּ מיט באַווייזען ווי דער מיסברויך פון דער פּרעס דעמאָראַליזירט די באַפעל־קערונג.

דער נאָמען פון דעם דאָזיגען מערקווירדיגען לעצטען ראָמאַן איז כאַראַקטעריסטיש פאַר באַלזאַק. ער קען, אין אַ געוויסען זין, געברויכט ווערען אַלס דער נאָמען פון זיינע געזאַמעלטע ווערק. אָבער קיין איינציגער פון זיינע אַנדערע ביכער גיט ניט אַזאַ גוטען, אַרומנעמענדען באַגריף וועגען זיין בליק אויף דער מאָדערנער קולטור. דער פאַרדאָרבענער איינפלוס פון דער פּעריאָדישער פּרעס ווערט דאָ באַהאַנדעלט אַלס דער פינסטערער זייט פון דעם עפענטליכען לעבען בכלל.

ווי די מעהרסטע גרויסע שרייבער, וועלכע האָבען ניט דערר־לעבט צו ווערען זקנים, האָט באַלזאַק געהאַט ווייניג אורזאַכען צו זיין צופרידען מיט דער קריטיק, וואָס די פּרעס האָט איהם איינ־געטיילט. מען האָט איהם ניט פאַרשטאַנען. אַפילו די בעסטע קריטיקער, אַזוינע ווי, למשל, סען־בעוו, האָבען זיך צו ווייניג געקענט פאַרגלייכען מיט איהם און זיינען געווען צו נאָהענט צו איהם אין צייט, אַז זיי זאָלען פאַרשטעהן זיין גרויסקייט. ער, פון זיין צד, האָט געלעבט אָפּגעזונדערט און האָט, להיפוך צו דעם פאַריזער מנהג, גאָר ניט געטאָן צו מאַכען, אַז מען זאָל זיינע ביכער ריהמען. ווי געוועהנליך, האָט דער ערפאָלג, וואָס ער האָט געהאַט, אַרויסגערופען ניט ווייניגער קנאה, ווי טומעל. אין דעם ראָמאַן „די פאַרלאָרענע חלומות" האָט ער געגעבען אַזאַ בילד פון דער פּרעס, וואָס די באַליידיגטע זשורנאַליסטען האָבען איהם קיינמאָל ניט מוחל געווען. דער באַדייטענדסטער צווישען זיי איז געווען זשול זשאַנען. אין דעם ראָמאַן ווערט ער געמאָלען ניט

גראַדע מיט בייזקייט, אָבער אויך ווייט ניט שמייכלענד, אונטער דעם נאָמען עטיען לוסטאָ. דאָס אליין מאכט זיין קריטיק וועגן דעם בוך נאָך מעהר אינטערעסאַנט. זי איז ערשינען אין דעם יאָהר 1839 אין דעם זשורנאַל „רעוויו דע פּאַרי”, אין וועלכען באַלזאַק איז געווען א רעגעלמעסיגער מיטאַרבייטער, ביז ער האָט געגען איהם פאַרפיהרט א פּראָצעס און האָט איהם געוואונען; נאָכדעם האָט דער זשורנאַל איהם נאַטירליך באַהאַנדעלט אָהן רחמנות. די קריטיק איז רשעות'דיג, קליינליך, וויציג און זי האָט ניט איבערגעלעבט דעם ראָמאַן, וועלכען זי האָט געוואָלט פאַר־ניכטען.

א יונגער, אָרימער, פּראָווינציעלער פּאָעט, שעהן ווי א גאָט, אָבער מיט א שוואַכען כאַראַקטער און מיטעלמעסיגען טאַלאַנט, ווערט געבראַכט קיין פּאַריז דורך דער מוזע פון דעם דעפּאַרטאַ־מענט (די פּראָווינץ), אן עלעגאַנטע און אַריסטאָקראַטישע „בלויע זאָק” (מיוחסת). זיי זיינען פאַרליבט צווישען זיך און די דאַמע האָט געהאַט בדעה צו ערלויבען דעם יונגען בחור צו שפּילען די ראָלע פון איהר געליבטען אין דער הויפּט־שטאָדט. אָבער ווען די פּאַריזער הויכע געזעלשאַפט האָט זי אויפגענומען ווי א גלייכען, האָט זי גאָר אַנדערש אָנגעפאַנגען צו באַטראַכטען איהרע פאַר־העלטנישע מיט איהר העלד. זי ווערט צו איהם קאַלט און קוקט זיך ווייניג אויף איהם אַרום; לוסיען ווערט פאַרשטופּט אין שאָ־טען דורך א פופציג־יאָהריגען פּראַנט. מיר זעהען איצט ווי אַזוי א מענש פון דער פּראָווינץ באַקומט א נייע ערציהונג און ווערט א פּאַריזער. לוסיען האָפט דורכצושלאָגען זיך א וועג אַלס שריי־בער. ער האָט אָנגעשריבען א ראָמאַן אין דעם סטיל פון סיר וואָלטער סקאָט און א באַנד לידער. ער ווערט אריינגענומען אין א קליינעם קרייז פון אָרימע, שטאָלצע, יונגע שרייבער, קינסטלער און שטודענטען, אויסדערוועהלטע גייסטער, צו וועמען עס באַ־לאַנגט די צוקונפט פון פראַנקרייך. אָבער די מאָנאַטען פון אָרימ־קייט, פון אָפּזאָגען זיך פון די גוטע זאַכען אין דער וועלט, פון אָנגעשטרענגטע אַרבייט און פון אידעאַלע האָפנונגען געדויערען פאַר איהם צו לאַנג. ער דורשט נאָך באַלדיגע תענוגים און שנע־לער באַריהמטקייט, נאָך נקמה געגען די אַלע, וואָס האָבען איהם

דערנידעריגט ווען ער איז געווען אן אומערפאַהרענער בחור פון דעם ישוב. די זאַגענאַנטע „קליינע פּרעס" גיט איהם א געלעגענ־הייט פולשטענדיג צופרידענצושטעלען זיין פערלאַנג. זיין קאָפּ ווערט ביי איהם פאַרדרעהט און ער וואַרפט זיך אריין ניט־באַט־ראַכט אין טעגליכען זשורנאַליזם אָהן אידעאַלען צו פאַרטיידיגען און אָהן קיינע פּרינציפּען.

לוסטאָ ברענגט איהם אין דעם געשעפט פון א רייכען בוכ־הענדלער און צייטונגס אייגענטימער אין פּאַלע־ראָיאַל. „מיט יעדער פּראַזע, וואָס דער בוכהענדלער האָט ארויסגערעדט, איז ער אלץ געווארען א גרעסערער מענש אין די אויגען פון לוסיען. דעם יונגענמאַן האָט זיך געדוכט, אז גאָר די פּאָליטיק און די גאַנצע ליטעראַטור ציהען זיך צוזאַמען דאָ אין דער בוכקראָם און האָבען דאָ זייער צענטער. צו זעהן ווי אן אנגעזעהענער דיכטער פאַר־קויפט דאָ, ביים געשפּרעך, זיין מוזע צו א זשורנאַליסט.... איז געווען א שרעקליכע לעהרע פאַר דעם גרויסען מאַן פון דער פּראָ־ווינץ.. געלט! אין דעם דאָזיגען וואָרט איז דער ענטפער אויף אלע רעטענישען. ער איז איינזאַם, אומבאַוואוסט און קען ער־ווארטען גליק פאַר זיך נאָר דורך זיין פאַרבינדונג מיט א צוויי־פעלהאַפטער פריינדשאַפט. ער באַשולדיגט זיינע אמת'ע און פאַר־קומערטע פריינד פון דער ליטעראַרישער ברודערשאַפט, אז זיי האָבען פאַר איהם געמאָלען די וועלט אין פאַלשע פאַרבען און האָבען איהם אפּגעהאַלטען פון אריינוואַרפען זיך מיט זיין פעדער אין האַנט אין דעם גרויסען יריד." פון דער בוכקראָם געהען לוסטאָ און לוסיען אוועק אין טעאַטער אריין. לוסטאָ, אלס זשורנאַליסט ווערט אומעטום אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. דער דירעק־טאָר דערצעהלט זיי, ווי אזוי א פאַרשווערונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרען געגען דער פּיעסע, איז צושטערט געוואָרען מיט דער הילף פון געלט, וואָס די רייכע באַוואונדערער פון זיינע צוויי שעהנסטע אקטריסעס האָבען געגעבען. „פאַר די לעצטע צוויי שטונדען הערט לוסיען וועגען קיין זאַך ניט, אויסער געלט; דער סך־הכל פון אלץ איז געלט. אין דעם טעאַטער און אין דער בוכ־קראָם, ביי דעם ארויסגעבער און אין דער רעדאַקציע אינטערע־סירט מען זיך גאָר ניט מיט קונסט אָדער מיט ווירקליכע פאַר־

דינסטען. ער האָט געפיהלט ווי די אומגעהויער גרויסע מאַשין, וואָס שטעמפּעלט אָפּ די געלט אין דער מינץ, שלאָגט איהם אי־בער'ן קאָפּ און איבער'ן הארצען מיט טעמפּע, שווערע, גלייכמע־סיגע קלעפּ". זיין ליטעראַרישער געוויסען ווערט אויסגעוועפּט און ער ווערט א ליטעראַרישער און דראַמאַטישער קריטיקער פון אַ פּרעכער, הפקר'דיגער צייטונג. פיהרענדיג א ליבע מיט אַן אַקט־ריסע און לעבענדיג אויף איהר חשבון, זינקט ער אַלץ טיפער אריין אין דעם לעבען פון אַ מענשען, וואָס האָט פארקויפט זיין פעדער. ער געהט אריבער פון די ליבעראַלען צו די קאָנסערוואַטיווען. די טיפקייט פון זיין דערנידערונג צייגט זיך אַמשטאַרקסטען ארויס ווען נאָכדעם, ווי, געצוואונגען פון דעם רעדאַקטאָר, ער שרייבט אָן א רשעות'דיגע אַטאַקע אויף א בוך, פון וועלכען ער אליין איז אנטציקט, וואָס זיין גרעסטער און איידעלסטער פריינד האָט אָנ־געשריבען (באַלזאַק'ס אידעאַלער שרייבער), געפינען מיר איהם דעם אָוונט איידער דער ארטיקעל ערשיינט קלאַפּענדיג אין טיר ביי זיין פריינד צו בעטען פון איהם מחילה. צו זיינע אינערליכע יסורים קומען צו אויסערליכע. זיין געליבטע שטאַרבט און זיין מצב איז אזא שלעכטער, אז ער מוז שרייבען פאָרנאָגראַפישע, שמוציגע לידלאַך זיצענדיג ארום איהר מיטה, כדי צו פארדינען געלט אויף צו באַצאָהלען פאַר איהר לויה. דער סוף איז, אז ער זאָגט זיך ניט אָפּ פון צו נעמען א לואידאָר פון זיין געליבטער'ס צימער־מיידעל, וועלכע האָט די מטבע נאָר־וואָס פארדינט אויף אַ מיאוס'ען אופן, און ער פאָהרט פאר דאָס געלט אַוועק צוריק אין זיין היימישער שטעדטעל. און דאָס אַלץ איז אמת, שרעקליך, אָבער אמת. אין דעם איינציגען בוך זאָגט זיך באַלזאַק אָפּ פון דער אומפּאַרטייאישקייט פון דעם נאַטור־פאָרשער. אין אַלע זיינע אנדערע ווערק פארלירט ער ניט זיין גייסטיגע רוהיגקייט, אָבער דאָ שמייסט ער מיט סקאָרפּיאָנען (עקדישען).

.17

באַלזאַק.

אין זיין געשיכטע פון פראַנקרייך דאַטירט מישלע א נייע עפּאָכע אין דעם פראַנצויזישען גייסטיגען לעבען פון דער צייט, ווען קאַפע איז געוואָרען אַן אַלגעמיינע משקה. דאָס איז, פאַרשטעהט זיך, א גוזמא; אָבער מען קען אָהן איבערטרייבונג זאָגען, אז אין דעם סטיל פון וואָלטעיר פיהלט זיך דער ריח פון קאַפע, אזוי ווי אין דעם אַרט שרייבען פון די פריהערדיגע דיכטער שפּירט זיך די באַגייסטערונג, וואָס קומט פון וויין. באַלזאַק'ס דרך צו אַרבייטען האָט איהם געצוואונגען אָפּצופרישען זיך מיט א שעדליכער מאָס קאַפע דורך די לאַנגע, אָנגעשטרענגטע נעכט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביי דער אַרבייט; דורך דעם האָט ער אינגאַנצען געפּטר'ט זיין געזונט. אימיצער האָט וועגען איהם זעהר צוגעטראָפען געזאָגט: „ער האָט געלעבט אויף פופציג טויזענט טאַשען קאַפע און איז געשטאָרבען פון פופציג טויזענט טאַשען קאַפע".

מען שפּירט אין זיינע ווערק די אומרוהיגקייט, מיט וועלכע ער האָט געאַרבייט און די איבעראַנשטרענגונג פון זיינע נערווען, אָבער עס איז גאַנץ מעגליך, אז אויב ער וואָלט געווען אַרבייטען רוהיגער וואָלטען זיינע ווערק ניט געהאַט די זעלבע לעבעדיגקייט און זיין אייגענער לעבען וואָלט לענגער ניט געדויערט. ווען מיר לייענען זיינע שריפטען פיהלען מיר דעם גוואַלדיגען געטומעל פון דער וועלט-שטאָדט, איהר ברענענדע קאָנקורענץ, איהר פיבערישע אַרבייט און איהר געיעג נאָך תענוגים, דעם שלאָפלאָזען הודיען פון דעם גרויסען וועב-שטול. אָט די אַלע פייערען און לאַמפּען האָבען צוגעגעבען פלאַם צו זיינע ביכער. באַלזאַק איז געווען אין

זיין אייגענעם עלעמענט ווען ער האָט געהאַט ארבייט פאַר זיך, הינטער זיך און ארום זיך; ווען ער האָט, ווי א מאַטראָס אין מיטען ים, וואָס זעהט בלויז הימעל און וואַסער, ארום זיך געזעהן קיין אנדער זאַך אויסער ארבייט.

דורך די לעצטע זיבעצעהן יאָהר פון זיין לעבען פלעגט זיין פלייסיגע ארבייט ווערען אונטערבראָכען און באַלעבט פון א גייס־טיגע פאַרבינדונג מיט א פרוי, וועלכע האָט געוואוינט א גרויסען מהלך פון פאַריז, צו וועלכער ער פלעגט שרייבען כמעט יעדען טאָג. אין דעם ראָמאַן „אַלבערט לאַוואַרוס” האָבען מיר אן עט־וואָס פאַרמאַסקירטע באַשרייבונג פון דער דאָזיגער פריינדשאַפט.

אין פעברואַר 1832 האָט א יונגע פוילישע גרעפין, מאַדאַם עוועלינא האַנסקא, וועלכע איז דאַמאָלסט אַלט געווען זעקס אָדער אכט און צוואַנציג יאָהר, געשיקט אַן אַנאָנימען בריף צו באַלזאַק, אין וועלכען זי האָט איהם באַדאַנקט פאַר זיינע שריפטען און האָט זיך געפּרובט צו ווירקען אויף איהם ער זאָל קוקען אויף זאַכען פון א מעהר גייסטיגען שטאַנדפּונקט. דאָס האָט געפיהרט צו א קאָרעספּאָנדענץ צווישען זיי. מאַדאַם האַנסקא איז געווען א זעהר טאַלאַנטפולע, הויכגעבילדעטע פרוי. לויט איהר יחוס האָט זי באַלאַנגט צו דער באַריהמטער רזשעוואוסקי משפחה. דער באַריהמטער פוילישער שרייבער הענרי רזשעוואוסקי איז געווען איהר ברודער. איהר מאַן איז געווען א זקן, א חלוש, זעהר א רייכער און אָריגינעלער מענש. זיי האָבען געלעבט זעהר אפּגע־זונדערט אין זייער הויף אין קליינרוסלאַנד, און זי האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אינטערעסירט אויסער מיט ליטעראַטור און מיט באַלזאַק'ן.

זייער ערשטע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין נייע־שטאַטעל, אין דער שווייץ, אין אָנפאַנג פון דעם יאָהר 1833, אָבער דאַמאָלסט זיינען זיי געווען צוזאַמען אַליין נאָר עטליכע מינוטען. אָבער אין דעצעמבער פון דעם זעלבען יאָהר האָבען זיי פאַרבראַכט צוזאַמען זעקס וואָכען אין גענף און איידער זיי האָבען זיך צושיידט האָבען זיי אפּגערעדט צווישען זיך חתונה צו האָבען אַזוי שנעל ווי די גרעפין האַנסקא וועט בלייבען אן

אַלמנה. פון דאַמאָלסט אָן פלעגען זיי זיך צוזאַמענטרעפען כמעט אַלע יאָהר אין דער שווייץ אדער אין עסטרייך און זיי האָבען אָנ־געהאַלטען צווישען זיך אַ שטענדיגע קאָרעספּאָנדענץ. עס איז ניטאָ דער קלענסטער ספק, אַז באַלזאַק איז געווען געטריי און איי־בערגעבען צו דער גרעפין האַנסקאַ, הגם זיין ליבע צו איהר האָט איהם ניט געשטערט צו האָבען פילע פאַרבינדונגען מיט אַנדערע פרויען. זי איז געווען דער שטערן אין דעם וועג פון זיין לעבען און ער האָט געפיהלט, אַז ער מוז איהר איבערגעבען אַלע זיינע געדאַנקען און וועגען אַלץ, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט.

זי האָט איהם אָהן ספק פון איהר צד געליבט מיט אַ ליבע, וואָס איז טיילוויז געווען אַ ווירקליכע צוגעבונדענקייט און טייל־וויז דער רעזולטאַט פון צופרידענגעשטעלטע כבוד־זוכעניש. אָבער באַלזאַק'ס בריף צו איהר צייגען, אַז זי האָט איהם ניט אויפגעהערט צו מאַטערען מיט איהר ליידענשאַפטליכער אייפערזוכט. ער האָט שוין אָנגעהויבען ווערען קיהלער צו איהר ווען אַ לאַנגע באַגעגעניש אין וויען אין דעם יאָהר 1835, וואָס די גרעפין האַנסקאַ האָט צוגעגרייט, האָט ווידער אין אַ פלאַם פאַנאַנ־דערגעבלאָזען זיין ליידענשאַפט. נאָכדעם זיינען פאַרביי עטליכע יאָהר און זיי האָבען זיך ניט געזעהן. אין דעם יאָהר 1841 האָט מאַדאַם האַנסקאַ פון איהר צד ארויסגעוויזען אַ געוויסע אָפּגע־קילטקייט צו איהם, צוליב אַ חשד, און נאָך דעם טויט פון גראַף האַנסקאַ, וועלכער איז געשטאָרבען אין נאָוועמבער פון יענעם יאָהר, האָט די גרעפין ניט ארויסגעצייגט קיין איבעריגען חשק חתונה צו האָבען פאַר באַלזאַק. דער אָפּמאַך זייערער אָבער איז געבליבען ווי געווען און באַלזאַק'ס איינציגער פאַרלאַנג איז געווען צו הייראַטען די פרוי, וואָס ער האָט געליבט. זי האָט עס אַלץ אָפּגעהאַלטען. זיי האָבען זיך ניט באַגעגענט ביז דעם יאָהר 1843 (אין פּעטערבורג). אין דעם יאָהר 1845 האָבען זיי זיך צוזאַמענגעטראָפען אין פּאַריז און אין 1847, ביי איהר אין דער־היים אין דעם דאָרף ווערזכאָווניע. דאָרט האָט באַלזאַק פאַר־בראַכט אַ טייל פון דעם יאָהר 1848 און האָט אָפּגעוואוינט דעם גאַנצען יאָהר 1849. נאָר ערשט אין דעם יאָהר 1850, ווען באַל־זאַק'ס געזונט איז שוין געווען געבראָכען, האָט מאַדאַם האַנסקאַ

מסכים געווען צו הייראַטען איהם. צוליב זיין צופיל ארבייטען א סך יאָהרען נאָכאַנאַנד האָט ער באַקומען א האַרץ־קראַנקהייט, וועלכע איז געוואָרען געפעהרליך נאָך איידער זיי האָבען געהיי־ראַט. זייער חתונה איז פאָרגעקומען אין מערץ 1850, אין בער־דיטשעוו. דריי מאָנאַטען שפּעטער איז באַלזאַק שוין געווען טויט. ער האָט צוגעגרייט זעהר א שעהנע היים פאַר זיך מיט זיין פרוי אין פּאַריז. זיינע פריינט האָבען וועגען דעם דערמאָנט דעם טער־קישען שפּריכוואָרט: „ווען די הויז איז פאַרטיג, קומט דער טויט אריין".

קורץ ווי דער פאַרהייראַטער לעבען פון דער פּאָרעל איז געווען, איז ער אָבער געווען לאַנג גענוג פאַר באַלזאַק'ן אויסצוגע־פינען, ווי פאַלש ער האָט אָפּגעשאַצט די פרוי, וועמען ער האָט פאַרגעטערט און האָט באַהאַנדעלט ווי א העכערע באַשעפעניש פילע יאָהרען. ווי עס ווייזט אויס איז זי ווירקליך געווען זעהר א האַרצלאָזער נפש און זעהר א צודרעהטע, מטורף'דיגע פרוי. איהר יוגענדליכע ליידענשאַפט פאַר דעם גרויסען שרייבער האָט זיך איינגאַנצען אויסגלאָשען. אין וויקטאָר הוגאָ'ס בוך „געזעהענע זאַכען", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען נאָך באַלזאַק'ס טויט, ווערט דערצעהלט ווי אַזוי ער איז אין יוני 1850, ווערענדיג אומ־רוהיג איבער די באַריכטען אין שטאָדט וועגען באַלזאַק'ס גע־זונט, אליין געגאַנגען איהם מבקר חולה זיין. א דינסטמיידעל האָט געעפענט די טיר און האָט געזאָגט: „דער הער איז גוסס. די מאַדאַם איז אוועק צו זיך אין צימער". הוגאָ איז אַרויף אין באַלזאַק'ס שלאָפצימער און האָט דאָרט געטראָפען אן אַלטע פרוי און א באַדינער שטעהענדיג אַרום בעט. די אַלטע פרוי איז גע־ווען באַלזאַק'ס מוטער. זיין ווייב איז ניט געווען מיט איהם אין זיין לעצטער שעה.

עס איז שווער צו באַשטימען איהר איינפלוס אויף איהם אַלס א שרייבער. ער איז בכלל געווען ניט באַדייטענד. אונטער איהר ווירקונג האָט ער אָנגעשריבען דעם שוועדענבאָרג'שען, נעבעלדיגען ראָמאַן „סעראַפיטאַ" און די שעהנע, קלוגע ערצעהלונג „די צנועה'־דיגע שעהנהייט."

דער טוים איז געקומען גראדע דאמאָלסט ווען זיין גייסטיגע אַנטוויקלונג איז געקומען צו איהר העכסטען פונקט. ער האָט קיינמאָל בעסער ניט געשריבען, ווי אין דעם לעצטען יאָהר פון זיין לעבען. זיין באריהמטקייט איז אויך נאָר דאמאָלסט געוואָרען זעהר גרויס. זי איז געוואקסען פאמעלאך. די ערשטע פאָר צעהנדליג פון זיינע ראָמאַנען האָבען איהם ניט געמאכט קיין גרוי־סען שם צווישען דעם אַלגעמיינעם עולם, אָבער זיי האָבען געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון מענשען מיט טאַלאַנט פון דעם יונגערען דור, וועלכע האָבען זיך פאַרזאמעלט ארום איהם און האָבען מיט'ן טיפסטען אינטערעס נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון זיין ליטעראַ־רישער קאַריערע. פאַר די, וועלכע האָבען געשטרעבט צו האָבען ער־פאָלג אין דער ליטעראַטור, האָט ער רעקאָמענדירט דריי זאכען: פלייסיגקייט, אַן איינזאמען לעבען און (האלב מיט א שפאַס) נזירות (האַלטען זיך פון דערוואַקסענעם פון פרויען). ער האָט מתיר געמאכט צו קאָרעספּאָנדירען מיט א געליבטע דערפאַר, וואָס „בריף שרייבען אנטוויקלען דעם סטיל". דער יונגער עולם האָט זיך גע־וואונדערט צו באקומען אַזעלכע עצות פון א מענשען, וועמעס בי־כער פלעגען כסדר באַגעגענט ווערען פון דער פרעס מיט גרויסע יללות וועגען דער באַליידיגטער מאָראַל. זיי האָבען נאָך דאַ־מאָלט ניט געוואוסט, אז די יללות וועגען אונמאָראַלישקייט זיי־נען דער שטענדיגער אויסדרוק פון ליטעראַרישער אוממאַכטיגקייט נעגען אלץ, וואָס איז שטאַרק און לעבעדיג אין דער ליטעראַטור. טראָץ אַלע אַטאַקעס אויף איהם, איז זיין נאָמען געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר באַוואוסט און געעהרט, און ארום דער צייט פון זיין באַריהמקייט האָבען די שרייבער פון זיין צייט שוין אָנגעפאַנ־גען צו פאַרשטעהן, אז אין באַלזאַק'ן האָבען זיי געהאַט איינעם פון דיווירקליך גרויסע שרייבער, וועלכע האָבען א גייסטיגע ווייר־קונג אויף א גאַנצער קינסטלערישער שולע. ער האָט ניט נאָר געלייגט דעם יסוד פון דעם מאָדערנעם סטיל אין דעם שרייבען פון ראָמאַנען, נאָר, ווי אַן אמת'ער זוהן פון דעם יאָהרהונדערט, ווען די וויסענשאַפט האָט אַלץ טיפער אריינגעדרונגען אין דער קונסט, ער האָט אויך אויסגעאַרבייט א מעטאָדע, ווי צו באַאַרבייטען דעם לעבען, וואָס קען געברויכט ווערען פון אַנדערע. זיין אייגענער

נאָמען איז געווען גרוים פאר זיך אָבער די נעמען פון שאַפערס פון נייע שולען זיינען דאָ אין גאַנצע מחנות.

דער פאַקט, וואָס ער האָט פאר זיין לעבען ניט באַקומען די פולע אנערקענונג, ווערט ערקלעהרט דורך צוויי חסרונות, וואָס זיינע ווערק האָבען.

זיין סטיל איז ניט קיין זיכערער, צייטענווייז קליינליך פלאַך און צייטענווייז מליצה׳דיג; און א חסרון אין דעם סטיל איז אַן ערנסטע זאַך, ווארים קונסט צייכענט זיך אוים פון ניט־קונסט מיט דעם, וואס זי פאַריאָגט פון דעם סטיל אלץ, וואס איז ניט אנערקענט אלס זיכער גוט. דעם דאָזיגען חסרון אין באַלזאַק׳ס שרייבען האָבען באַזונדערס געפיהלט די פראַנצויזען, וועלכע האָבען אזא גוטען חוש פאר רעטאָריק. אָבער נאָך באַלזאַק׳ס טויט האָט מען זיינע ווערק אָנגעפאַנגען צו לערנען אין אויסלאַנד אזוי פיל, ווי אין פראַקרייך, און די אויסלענדער האָבען זיך צו זיין פעהלער ווענינ צוגעקוקט. דער, וואָס פאַרשטעהט א שפּראַך גוט גענוג צו קענען אין איהר לייענען, אָבער ניט גענוג צו פאַרשטעהן אלע איהרע פיינקייטען, איז לייכט מוחל א שרייבער חטאים אין דעם סטיל אויב ער געפינט ביי איהם אַנדערע זעלטענע און באַצויבערענדע מעלות, וואָס זיינען מכפּר אויף יענע חטאים. אין אזא לאַגע האָט זיך געפונען דער גרויסער לעזענדער עולם אין אייראָפּא. געבילדעטע איטאַליענער, עסטרייכער, פּאָליאַקען, רוסען א. אז. וו. האָבען געלייענט באַלזאַק׳ס ראָמאַנען מיט א ניט־פאַרשטערטען תענוג און האָבען זיך ווענינ אַרומגעקוקט אויף די שוואַכקייטען פון זיין סטיל. דער חסרון וועט אָבער זיכער האָבען א ווירקונג אויף דעם געדויער פון זיינע ווערק. אלץ, וואָס איז פאָרמלאָז אָדער האַלב־געפאָרמירט, קען ניט לאַנג געדויערען. די גרויסע „מענשליכע קאָמעדיע” (ווי די מאַלעריי צעהן טויזענט סטאַדיען לאַנג, וועגען וועלכער אריסטאָטעל האָט געזאָגט, אז זי איז גאָר ניט קיין קונסטווערק), וועט פון די קומענדע דורות ניט באַטראַכט ווערען אלס איין גאַנצע פּאָעטישע שאַפונג, און די לענג פון דער צייט, וואָס איהרע באַזונדערע טיילען וועלען פאַרנעמען א פּלאַץ אין דער ליטעראַטור פון דער וועלט, וועט זיין פּינקטליך פּראָפּאָרציאָנעל צו דער מאָס פון קינסטלערישער פולשטענדיגקייט,

וואָס יעדער איינציגער פון זיי האָט. אין עטליכע יאָהרהונדערט ארום וועט מען זיך קוים אינטערעסירען צו לייענען זיי בלויז צו־ליב דעם קולטור־היסטאָרישען מאטעריאל, וואס אין זיי איז פאראן.

אויסער די פעהלערען אין דער פאָרם איז ביי באַלזאַק דאָ א פיעל גרעסערער חסרון: דאָס איז די ארימקייט פון זיינע ראָמאַנען בנוגע צו אבסטראקטע אידעען אין זייער אינהאלט. ער האָט ניט געקאָנט באקומען די פולע אנערקענונג נאָך ביי זיין לעבען בלויז דערפאַר אליין, וואָס ער איז געווען גרוים אלס ראָמאַנען־שריי־בער. מענשען זיינען צוגעוואוינט צו באטראכטען א דיכטער אלס זייער גייסטיגען פיהרער, און באַלזאַק איז עס ניט געווען. זיין גרויסע פעהיגקייט פאנאנדערצוגלידערען, ווי א נאטור־פאָרשער, די מענש־ליכע נשמה איז פארטונקעלט געווארען צוליב דעם, וואס ער האָט אלע זיינע יאָהרען גאר ניט פארשטאַנען די רעליגיעזע און סאָ־ציאלע אידעען פון זיין דור, וועלכע האָבען אזוי פריה באגייסטערט זשאָרזש זאנד און וועלכע האָבען געהאט אזא מעכטיגען איינ־פלוס אויף וויקטאָר הוגאָ, אויף לאמארטין און אויף אנדערע. זיינע פּאָליטישע און רעליגיעזע איבערצייגונגען, וועלכע זיינען געווען שטארק גענייגט צום אבסאָלוטיזם און צום אָרטאָדאָקסישען קאָ־טוליציזם, האָבען פיל מענשען פון איהם אָפּגעשטויסען. לכתחילה האָט מען, אמת, געשמייכעלט ווען דער שרייבער פון זינ־דיגע ראָמאַנען מיט רעפאָרמאטאָרישע אידעען האָט זיך סומך גע־ווען אויף די דאגמאטיקער פון דעם ווייסען באַנער, זשאָזעף דע־מעסטר און באָנאלד; אָבער צוביסלעכווייז האָט מען משיג גע־ווען, אז ביי איהם אין קאָפּ איז אין דעם פּרט א פולשטענדיגער תהו־ובהו.

זיין שטארק סענזועלער טעמפעראמענט און זיין אונגעצאַמ־טע פאנטאזיע האָבען גורם געווען, אז באַלזאַק זאָל זיין גענייגט צום מיסטיציזם אין דער וויסענשאפט און אין רעליגיע. ער האָט שטארק געגלויבט אין דער טעאָריע וועגען דעם מאגנעטיזם אין חיות, וואָס האָט לערך פון דעם יאָהר 1820 אָן און ווייטער געשפּילט אזא וויכטיגע ראָלע אין דער ליטעראטור; ער האָט געדענקט, אז דער מאגנעטיזם ערקלעהרט פיעלע געהיימנישע פון דער מענש־

ליכער נשמה. אין די ראָמאַנען „לאַ פּאָ דע שאַגרען", „סעראַפיטאַ" און „לואי לאַמבער" ווערט די מענשליכע בחירה (דער ווילען) באַ־צייכענט אלס א קראַפט, וואָס איז עהנליך צום דאַמף, אלס „א פליסיגקייט, וואָס קען לויט איהר געדיכטקייט ענדערען אלץ, אפילו די נאַטור־געזעצען". טראָץ דעם, וואָס זיין מח איז געווען א מאָדערנער, איז באַלזאַק געווען געגוג פארכאַפּט פון דעם ראָמאַנ־טיזם ער זאָל גלויבען אין זעהעריי (א סאָרט ספּיריטואַליזם) און האָט בכלל געהאַט גרוים אָפּשיי פאַר די „געהיימע וויסענשאַפ־טען". דאָך מוז מען צוגעבען, אז טראָץ די סימנים וואָס זיין דור, דער דור פון ראָמאַנטיזם, האָט געמאַכט אויף זיין געדאַנק, האָט ער, ווי וויקטאָר הוגאָ האָט זיך אויסגעדריקט ביי זיין קבר, „באַ־וואוסטזייניג צי ניט, מיט אָדער געגען זיין ווילען, באַלאַנגט ער צו דער שטאַרקער ראַסע פון רעוואָלוציאָנערע שריפטשטעלער".

לויט זיין נאַטור און זיין ערציהונג האָט ער געדאַרפט פאַר־שטעהן דעם פולען לעבען און צוליב דעם געניסען פון איהם. אָבער ער איז פריה אריינגעצויגען געוואָרען אין דער פאַרדאָרבענקייט פון דער געזעלשאַפט; זיין דערשראָקענער געדאַנק, וואס האָט ליעב געהאַט אָרדנונג, האָט זיך ארומגעקוקט און געזוכט א צוים און א געבים פאַר דער פאַרווילדעטער מענשהייט און ער האָט עס אין גאָר ניט געפונען אויסער אין דער פאַרשטאַרקטער אמונה. פון דעם נעמט זיך די פיינליכע סתירה צווישען די סענזועלע און די אסקעטישע (זינדיגע און נזירי'שע) טענצענדען, וואס מיר באַ־געגענען אזוי אָפט אין באַלזאַק'ס שריפטען, באַזונדערס, ווען ער באַהאַנדעלט די פאַרהעלטנישע צווישען די געשלעכטער. דער דאָזיגער ווידערשפּרוך איז די סיבה פון דעם, וואָס זיינע ראָמאַ־נען „די ליליע פון טאָל" (וועלכען ער אליין האָט באַטראַכט אלס זיין מייסטערווערק) און „די זכרונות פון צוויי יונג־פאַרהייראַטע" מאַכען אויף דעם לעזער אזא ניט ריינעם און ניט אנגענעמען איינ־דרוק. פון דעם ערקלעהרט זיך ווייטער די אָפטע ווידערשפּרוכען צווישען זיינע פילאָזאָפישע איבערצייגונגען און זיינע נייגונגען צו דער קירכע. אין דער הקדמה צו דער אויסגאַבע פון זיינע גע־זאַמעלטע ווערק ערקלעהרט ער לכתחילה, אז דער מענש פאַר זיך איז ניט גוט און ניט שלעכט און אז די געזעלשאַפט מאַכט איהם

אימער בעסער; אויף אַזאַ אופן דערקלעהרט ער זיך אומבאַ־וואוסטזיניג גראַד נעגען איינעם פון די וויכטיגסטע עיקרים פון דער קירכע, וועלכע לערנט, אַז די מענשליכע נאַטור איז פאַר־דאָרבען זינט דעם חטא (פון אָדם הראשון). עטליכע שורות ווייטער לויבט ער דעם קאַטוליציזם אַלס „די איינציגע גוטע סיסטעם פאַר דער אונטערדריקונג פון די פאַרדאָרבענע נטיות אין דער מענשהייט" און פאָדערט, אַז די גאַנצע ערציהונג פון דעם פאָלק זאָל איבערגעגעבען ווערען אין די הענט פון די גייסטליכע. זיין איבערצייגונג, אַז עס עקזיסטירען „פאַרדאָרבענע נטיות" האָט איהם געבראַכט צו דעם, אַז ער זאָל באַטראַכטען און באַשרייבען די נידעריגערע קלאַסען, די באַדינער און די פויערען, אַלס די שונאים פון די באַזיצענדע קלאַסען (זעה זיינע קאָמישע דיבורים נעגען די באַדינער אין „קוזען בעט" און זיין באַשרייבונג פון די פויערען אין „די פויערען") און ער פלעגט מיט פאַרגעניגען אָנפאַלען אויף דעם המון, אויף דער דעמאָקראַטיע, אויף די ליבעראַלען, אויף די צוויי (געזעצגעבענדע) קאַמערען, אויף דער פאַרלאַמענטאַרישער פאָרם פון רעגירונג, ריהמענדיג דערביי די קירכע און דעם אַב־סאָלוטיזם.

מיט אַלע זיינע גרויסע און גלענצענדע מעלות, האָט באַל־זאַק'ן געפעהלט דאָס, וואָס די פראַנצויזען באַצייכענען כמעט ריכ־טיג מיט דעם וואָרט „קולטור" און וואָס ביי אונז, דענעמאַרקער, הייסט עס בילדונג, אַנטוויקלונג. איהם האָט געפעהלט די רו־היגקייט, וואָס קולטור שאַפט, אָדער ריכטיגער געזאָגט, זיין אומ־רוהיגער, שטענדיג שאַפענדער, פאַנטאַזירענדער געדאַנק האָט קיינמאָל ניט געהאַט די רוהיגקייט, וואָס איז איינע פון די באַ־דינגונגען פון בילדונג.

אָבער ער האָט געהאַט דאָס, וואָס איז פיעל וויכטיגער פאַר אַ דיכטער: אַ זשעניע, וואָס ליעבט דעם אמת און דרינגט טיעף אריין אין זאַכען. די יעניגע, וועלכע זוכען אין אַלץ נאָר דאָס שעהנע, באַשרייבען בלויז דעם שטאַם און די קרוין (די צווייגען מיט די בלעטער) פון דעם מענשליכען בוים. באַלזאַק האָט איהם פאַר אונז געמאָלען מיט זיינע ווארצלען. פאַר איהם איז נעווען

זעהר וויכטיג צו באשרייבען דעם גאנצען גאנג פון ווארצלען, דעם גאנצען פארוויקעלטען אונטערערדישען לעבען פון דעם בוים, פון וועלכען עס וועגדעט זיך זיין לעבען איבער דער ערד, וואס מיר זעהען. די פעהלערען אין זיין קינסטלערישער און אין זיין איני־טעלעקטועלער אנטוויקלונג וועלען ניט שטערען די צוקונפטיגע דורות צו אנערקענען זיין זשעניע.

18.

בעיל.

פון אונזער היינטיגען שטאנדפונקט זעהען מיר שטעהן לעבען באלזאק'ן אנאנדער פראנצויזישען שרייבער, וועמען עס וואלט קיינעם אין זייער צייט ניט איינגעפאלען אויף דעם געדאנק צו שטעלען זייט ביי זייט מיט איהם און וועמעס ליטעראַרישער לע־בען איז געוועזן אזוי שטיל און אומבאמערקט, ווי באלזאק'ס לעבען איז געוועזן טומעלדיג און איינרייסענד. עס איז מערקווירדיג, אז באלזאק איז געוועזן דער איינציגער צווישען אנרי בעיל'ס צייט־גענאָסען, וועלכער האָט איהם אינגאנצען און אָהן קיינע שאלות אנערקענט. דער היינטיגער יונגער דור אין פראנקרייך באטראכט בעיל און באלזאק אלס שרייבער, וועלכע זיינען ממלא איינער דעם אנדערען אזוי זיכער ווי לאמארטין און וויקטאָר הוגאָ זיינען השלמות (מאכען גאנץ; איינער פילט אוים דאָס, וואָס דער צוויי־טער האָט פארפעהלט) צווישען זיך. עס קען זיך אויסדרוכטען, אז די צוזאמענשטעלונג פון די ביידע שרייבער געשיקט זיך ניט דער־פאר, וואס איינער פון זיי האָט אָנגעשריבען כמעט הונדערט ראָ־מאנען און דער צווייטער האָט אָנגעשריבען נאָר עטליכע, פון וועלכע נאָר צוויי זיינען גרעסערע. אָבער דער ווערט פון בעיל'ס צוויי ראָמאַנען איז אזוי אויסערגעוועהנליך, אז זיי גיבען א רעכט זייער מחבר צו ווערען געשטעלט אויף איין מדרגה מיט דעם פאָ־טער פון דעם מאָדערנעם ראָמאַן, אין געוויסע פון זיינע אנדערע ווערק (ער האָט געשריבען ראמאנען, ערצעהלונגען, קריטישע און טעאָרעטישע ארטיקלען, ביאָגראפיען און רייזע־באשרייבונגען — אלץ צוזאמען צוואנציג בענדער) האָבען געהאט אזא גרויסען איינ־פלוס אויף דער ליטעראַטור, ווי זיינע דיכטערישע ראמאנען.

בעיל׳ס שיכות צו באלזאק איז ווי די שיכות צווישען א רעפלעקטירענדען גערדאנק און א באָבאכטענדען, צווישען א דענקער אין קונסט און א זעהער. מיר קוקען אריין אין די הערצער פון באלזאק׳ס כאראקטערען, אין דעם „טונקעל־פורפורנעם מיהל פון ליידענשאפט", וואס איז די באוועגענדע קראפט פון זייערע מעשים; בעיל׳ס פערזאָנען ווערען געטריבען צו טאָן דאָס, וואָס זיי טוען, דורך דעם קאָפּ, דורך דעם „אָפּענעם חלל פאר ליכט און קלאנג"*) די סיבה דערפון איז, וואס בעיל איז געווען א לאָגיקער און באלזאק איז געווען א מענש, ועמעס אנימאלישע נאטור (כח החיים) איז געווען רייך בשפע. די שיכות צווישען בעיל און וויקטאָר הוגא איז די זעלבע ווי צווישען לעאָנארדאָ דא ווינטשי און מיקעל אנדזשעלא. אין הוגאָ׳ס פלאסטישער איינביל־דונגסקראפט ווערט באשאפען אן איבערנאטירליך קאָלאסאלע און מוסקולערע מענשהייט, וואָס ווערט געהאלטען פעסט אין אן איביג קעמפענדען און ליידענדען מצב. בעיל׳ס מיסטעריעזער, קאָמפּליצירטער און ראפינירטער שכל פּראָדוצירט א קליינע רייהע צורות פון מענער און פרויען, וועלכע האָבען כמעט א כשופ׳דיגע ווירקונג אויף אונז און שמידען אונז צו צו זיך מיט זייער טיפען רעטענישפולען אויסדרוק און מיט זייערע זיסע, צוציהענדע, באַצויבערענדע, פארפיהרענדע און אפילו זינדיגע שמייכלען. עס פארשטעהט זיך, אז מיקעל אנדזשעלאָ׳ס מדרגה איז אויף אזוי פיעל העכער פון וויקטאָר הוגאָ׳ס ווי לעאָנארדאָ׳ס אזי העכער פון בעיל׳ס. אָבער פונקט ווי עס איז דאָ אן עהנליכקייט צווישען דעם סטיל פון וויקטאָר הוגאָ און דעם סטיל פון מיקעל אנדזשעלאָ׳ס „משה", אזוי איז דאָ א קרובות׳שאפט צווישען בעיל׳ס „די הערצאָגין פון סאנסעווערינא" און לעאָנארדא׳ס „מאָנא ליזא", און טראָץ דער אָהן־אן־ערד׳דיגער גרעסערקייט פון די גרויסע איטאליענער איז די עהנליכקייט צווישען דער געגענזייטיגער שיכות צווישען די צוויי גרויסע קינסטלער און די צוויי שרייבער שטארק צו באמערקען. בעיל איז דער אידעאָלאָג צווישען די פראנצויזישע שרייבער פון זיין צייט, ווי לעאָנארדאָ איז געווען

---

*) אויסדרוקען פון גאטפריד קעללער.

דער אידעאָלאָג צווישען די גרויסע מאָלער פון דער רענעסאַנס עפּאָכע.

מיר האָבען שוין באַגעגענט בעיל אלס איינעם פון די פיה־רער אין דעם ערשטען קאַמף געגען דעם קאָנווענציאָנעלען סטיל פון דער פראַנצויזישער טראַגעדיע און געגען דעם שאָוויניזם, וואָס האָט געבליהט צווישען די קלאַסיקער, וועלכע האָבען מבטל גע־מאַכט די גאַנצע אויסלענדישע ליטעראַטור פּשוט דערפאַר, וואָס זי איז ניט פראַנצויזיש. אין יענע צוזאַמענשטשויסונגען איז ער געוועזען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען דורכגעבראָכען א וועג דורך דעם שונא'ס מחנה און האָבען אפּגערייניגט די לופט. קיי־נער האָט ניט געבראַכט קיין גרעסערע מפּלות פאַר די שרייבער פון דער אימפּעריע, ווי דער שרייבער, וועלכער איז אליין אין א געוויסער מאָס געוועזען א מענש פון דער עפּאָכע פון נאַפּאָלעאָנ'ס קייזערטום. שוין דער אומשטאַנד אליין, אז צווישען די גרויסע שרייבער פון דעם יאָהר 1830 איז ער געוועזען דער איינציגער, וועל־כער האָט דורכגעמאַכט די צייט פון דער אימפּעריע, האָט איהם אוועקגעשטעלט אויף א באַזונדער מדרגה צווישען דער גרופּע ראָמאַנטיקער. ער איינער צווישען זיי אלע האָט בייגעוואוינט די שלאַכט ביי מאַרענגאָ און דעם אריינטרעט אין מילאַן, די שלאַכט ביי יענאַ און דעם אריינטרעט קיין בערלין, ער האָט גע־זעהן די שרפות אין מאָסקווע און האָט דורכגעלעבט די בהלות פון דעם צוריקטרעט דורך רוסלאַנד. ער איז געוועזען דער איינציגער צווישען זיי אלעמען, וועלכער האָט גערעדט צו נאַפּאָלעאָנ'ען און האָט געהאַט באַגעגענישען מיט בייראָנ'ען. ער איז געוועזען נאָר מיט איין יאָהר יונגער פון נאָדיעי. אָבער בשעת נאָדיעי איז גע־ווען א מבשר, וועמעס שופר־בלאָזען האָט געגעבען די בשורה און געוועקט צו דער שלאַכט, איז בעיל געוועזען ניט בלויז א מבשר, נאָר אליין אן איש־חיל, א פאַרהאַרטעוועטער קעמפער מיט א שווערד און א פאָהן, איינער פון יענע אולאַנען, פון וועלכע יעדער איינער פאַרנעמט איינער אליין א שטאָדט. אין נאָדיעי'ס גייסטיגען לע־בען איז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע די גרויסע געשעהעניש, וואָס האָט געהערשט איבער אלץ. ער איז קיינמאָל ניט מיעד געוואָרען צו באַשרייבען איהרע העלדען און איהרע קרבנות, די סצענעס אין

איהרע תפיסות, איהרע פארשווערונגען, געהיימע געזעלשאפטען א. אז. וו. אין דעם גייסטיגען לעבען פון בעיל איז די קאריערע פון נאפּאָלעאָן און זיין פאלען געווען דער עיקר איבער אלץ.

מאַרי אנרי בעיל איז געבאָרען געוואָרען אין גרענאָבל דעם 23טען יאנואר, 1783. זיין משפּחה האָט באלאנגט צום העכערען מיטעל־קלאס, — פּריצים דורך דעם געזעץ. ווען ער איז בלויז אכט יאָהר אלט געווען האָט ער פארלאָרען זיין מוטער. ער האָט דעם פארלוסט אזוי טיעף געפיהלט, אז ער האָט כסדר וועגען דעם גע־טראכט. זיין פאָטער איז געווען א פארשלאָסענער מענש, וועל־כער האָט זיך ווייניג ארומגעקוקט אויף זיינע קינדער און האָט זיי באהאנדעלט זעהר שטרענג. די ערציהונג פון זיין זוהן האָט ער איבערגעגעבען צו ארימע גייסטליכע, וועמען דער איינגעל האָט פיינט געהאט און האָט אויף זיי געקוקט, ווי אויף טיראנען און צבוע'קעס. צווישען דעם יונגען בעיל און זיין פאָטער האָט זיך פריה אנגעצונדען אן אמת'ע שנאה, וועלכע האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעלאָשען. אלע גוטע איינדריקע וואָס אנרי האָט איינגעל־וויז באקומען זיינען געקומען פון זיין זיידען פון דער מוטער'ס צד, זעהר א געבילדעטער און פעהיגער דאָקטאָר; אָבער זיין פאָ־טער'ס פּרינציפּען וועגען ערציהונג זיינען אזוי שטרענג דורכגע־פיהרט געווארען, אז ווען ער איז שוין אלט געווען פערצעהן יאָהר איז ער קוים געווען באקאנט מיט צוויי־דריי קינדער פון זיין איי־גענעם עלטער. פדער דאָזיגער איינגעל, אין וועמענס נאטור עס איז געווען פארליינגט די זריעה פון אזא טיפער אריגינאליטעט, דער יסוד פון וועמעס כאראקטער איז געווען פאר'עקשנ'טע זעלבסט־שטענדיגקייט, וועמעס ענערגישער טעמפּעראמענט האָט געשאפען א שטארקען פארלאנג צו טאָן אויסערגעוועהנליכע זאכען און אין וועמען די חושים האָבען פריה און גליהענד ערוואכט צום לעבען, איז געצוואונגען געוואָרען צו זיין אונטערוואָרפען אונטער אזא שטרענגע, אָהן־רחמנות'דיגע, אָהן־טענות'דיגע אונטערדריקענדע ערציהונג, וועלכע האָט געמוזט אין איהם ארויסרופען א ליידענ־שאפטליכע אינערליכע מרידה. דערפאר, וואָס די גייסטליכע, וועלכע האָבען געלעבט אין שטענדיגען שרעק פאר דער רעוואָלו־ציע, האָבען איהם ערצויגען אלס ראָיאליסט און קאטויליק, האָט

ער זיך נאַטירליך אַנטוויקעלט אין אַ רעוואָלוציאָנער, אין אַ באַ־נאַפּאַרטיסט, אין אַ פריידענקער אין דעם ברייטסטען זינען פון דעם וואָרט. אבער דער שטענדיגער קאַמף צווישען זיין פאָטער'ס ווילען און זיינע אייגענע פארלאַנגען האָבען, חוץ דעם, ארויסגע־רופען אין איהם אזא טיפען אומצוטרוי צו מענשען, אזא שטענ־דיגען חשד געגען זיי, וואס איז קיינמאָל ניט אויסגעווארצעלט גע־וואָרען פון זיין נשמה. און צו דער מורא, אז אנדערע זאָלען איהם ניט אָפּנאַרען און ניט באַשווינדלען, איז אין גיכען צוגעקומען די שרעק ער זאָל זיך אליין ניט אָפּנאַרען און ניט ווערען אנטוישט; דאָס האָט אין איהם אַנטוויקעלט אַ געוואוינהייט שטענדיג צו זיין אויף דער וואך, שטענדיג אכטונג צו געבען איבער זיך און איבער אלע זיינע אייגענע מעשים.

אין זיין כאַראַקטער איז געווען עטוואָס אזוינס, וואָס ער־קלעהרט זיך מיט די אייגענאַרטיגקייטען פון דער פּראָווינץ, אין וועלכער ער איז געבאָרען געוואָרען און אין וועלכער זיין משפחה האָט געלעבט ניט ווייניגער פון אַ משך פון צוויי הונדערט יאָהר. די איינוואוינער פון דאָפינע זיינען לעבעדיגע, פאַר'עקשנ'טע מענ־שען, וועלכע האָבען ליעב זיך אויסצוטענה'ן; זיי זיינען אזוי פאַרשיידען פון זייערע שכנים פון פּראַוואַנס אין דרום, ווי פון די פּאַריזער, אין צפון. דער פּראָוואַנסאַלער דריקט אויס זיינע געפיהלען טומעלדיג אָדער באַריידעוודיג; ער זידעלט זיך און שילט ווען ער ווערט אויפגערעגט אָדער ווען ער פיהלט זיך באַליי־דיגט. דער פּאַריזער איז העפליך, וויציג, אויבערפלעכליך און ראַפינירט; דער כאַראַקטער פון די איינוואוינער פון דאָפינע צייכענט זיך אויס מיט אַ מערקווירדיגער עקשנות; זיי זיינען אין דערזעלבער צייט טיף און פיין; זיי געדענקען אַ באַליידיגונג און זיינען זיך נוקם פאַר איהר, אָבער זיי לאָזען קיינמאָל ניט אויס זייער כעס אין זידלערייען. אין בעיל'ס פאַמיליע איז געווען אַ מסורה, אז זיין מוטער'ס משפחה האָט געשטאַמט פון איטאַליען. זיין מוטער האָט געלייענט דאַנטע און אַריאָסטאָ אין דער אָריגי־נעלער שפּראַך, וואס פאַר אַ פּראָווינציעלער דאַמע איז עס דאַ־מאָלסט געווען אַ זעלטענע זאַך. מעגליך, אז מיט דעם ערקלערט זיך טיילווייז בעיל'ס שטאַרקע נייגונג צו אַלץ, וואָס איז איטאַ־

ליענער. מען דאַרף אָבער אויך געדענקען אַז ביז דעם יאָהר 1349 איז דאָפינע ניט געווען א טייל פון פראַנקרייך און אין איהר פּאָליטישען לעבען איז זי געווען א האַלב־איטאַליענישע מלוכה. בעיל האָט זיך, חוץ דעם, איינגערעדט, אַז לודוויג דער עלפטער, וועלכער האָט פּאַרוואַלטעט עטליכע יאָהר דאָס לאַנד אַלס יורש־עצר, האָט איבערגעגעבען די איינוואוינער עטוואָס פון זיין גייסט פון פאַרזיכטיגקייט, וואָס האָט איהם געמאַכט צו היטען זיך פון צו גלויבען די ערשטע איינדרוקען. ווי ניט־וואַרשיינליך די דאָזיגע השערה איז, איז זי אָבער פאַר זיך כאַראַקטעריסטיש.

אומשטאַנדען האָבען פריה פאַרטיפט די טענדענץ צו אומ־צופרוי, וואָס דער היימישער לעבען פון אַנרי האָט אין איהם איינ־געפלאַנצט. ווען ער האָט אַמענדע באַקומען די פרייהייט, אויף וועלכער ער האָט אַזוי געוואַרט, דאָס הייסט, ווען מען האָט איהם אַוועקגעשיקט אין א שולע, האָט איהם ערוואַרטעט א ביטערע אַנ־טוישונג. דער קליינער, קרעפּטיגער, שטאַרק־געבויטער אינגעל, מיט דעם לעבעדיגען בליק און רייצענדיגען פּנים (ווענען מען האָט צוליב זיין פעסטען גאַנג, זיינע הערקולעסישע איברים און זיין קיילעכדיגען הערקולעסישען קאָפּ, געגעבען א צונעמעניש „דער וואַנדערענדער טורעם"), איז געווען, טראָץ דעם איראָנישען אויס־דרוק פון זיין מויל, א גרויסער ענטוזיאַסט. אין זיינע שול חברים האָט ער ניט געפונען די מונטערע ליבעסווירדיגע און איידעלע קאַ־מעראַדען, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, נאָר א מחנה פון זעהר עגאָאיסטישע יונגע קונדסים.

דערציעהלענדיג וועגען דעם זיין פריינד קאָלאָמב, האָט ער געזאָגט:

„עס איז געווען אַן אַנטוישונג, וואָס האָט זיך תמיד איבער־געחזר'ט אין מיין לעבען. איך האָב בכלל ניט געהאַט קיין גליק צו מיינע חברים, און איך אַליין האָב אויף זיי אויך קיין בעסערען איינדרוק ניט געמאַכט. יעצט זעה איך איין, אַז איך האָב דאַ־מאָלסט אַרויסגעצייגט א לעכערליכען געמיש פון גדלות און פון א פאַרלאַנג צו מאַכען לצנות. אויף דעם גראָבען עגאָאיזם פון די אַנדערע אינגלאַך האָב איך געענטפערט מיט מיינע איידעלע שפּאַנישע באַגריפען וועגען עהרע און איך פלעג ווערען פאַרצווייי־

פעלט ווען זיי פלעגען אוועק שפּילען זיך צוזאַמען און האָבען זיך אויף מיר פּשוט ניט ארומגעקוקט."

פאַרגלייכט די דאָזיגע ווערטער מיט דער ביטערער אנטוי־שונג פון דעם יונגען פאַברים (אין „די נאָנע פון פאַרם" פון דעם יאָהר 1899), ווען ער בעט נאָך דער שלאַכט ביי וואַטער־לאָאָ פון די פאַרביייגעהענדע סאָלדאַטען א שטיקעל ברויט און זיי זאָגען איהם אָפּ אין דעם מיט א לצנות:

„די האַרטע ווערטער און דער אלגעמיינער געלעכטער, וואָס זיי האָבען ארויסגערופען, זיינען שוין געווען צו פיל פאַר פאַב־רים. הייסט עס, אז מלחמה איז ניט קיין איידעלע, אלגעמיינע דערהייבונג פון נשמות פון מענשען, פאַר וועמען עהרע איז טייע־רער פון אלץ, ווי די פּראָקלאַמאַציעס פון נאַפּאָלעאָן האָבען איהם געמאַכט צו דענקען."

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען וויפיל זכרונות וועגען ווילדע אויסברוכען פון חיה'שען עגאָאיזם בעיל האָט אין זיך אנגעזאַמעלט דורך דער צייט פון זיינע פעלד־צוגען מיט דער ארמיי און זיינען דערנאָך געמאָלען געוואָרען אלס די ערפאַהרונגען פון פאַברים. בעיל האָט, ווי עס ווייזט אויס, זיך געשאַפען א צו־הויכע פאָר־שטעלונג וועגען דעם געפיהל פון חבר'שאַפט צווישען די סאָל־דאַטען און ער האָט אין דעם פּרט געמאַכט פונקט אזא טעות, ווי דעם טעות, וואָס ער האָט געמאַכט בנוגע צו די שול־אינגלאַך.

פון לערך דעם יאָהר 1798 פאַנגט ער אָן זיך אָפּצוגעבען מיט גרויס חשק צום שטודיום פון דער מאַטעמאַטיק און דאָס האָט ער געטאָן, דערצעהלט ער זיינע פריינד, צוליב דעם גאַנץ גוטען טעם , וואָס ער האָט גערעכענט פאַר אוממעגליך צו געפינען אין דער דאָזיגער וויסענשאַפט די צבוע'צטווע, וואָס ער האָט אזוי פיינט געהאַט און וועלכע ער האָט געפונען אין אנדערע וויסענ־שאַפטען. זיין חשק אין דעם פּרט האָט, אָהן ספק, אויך פיל מיט־געהאָלפען דער גרויסער נאָמען, וואָס א יונגער פראַנצויזישער גענעראַל אין איטאַליען האָט דאַמאָלסט באַקומען דורך דעם, וואָס זיין פּראַקטישער באַנוצען זיך מיט דער מאַטעמאַטיק פאַר דער אַר־טילערישער וויסענשאַפט האָט איהם געפיהרט פון איין זיעג צו א צווייטען.

ווען ער האט געענדיגט זיין שטודירען איז בעיל דעם 10טען נאוועמבער, 1799, פונקט אויף מארגען נאך דעם 18טען ברומעיר, אנגעקומען קיין פאריז. ער האט געהאט מיט זיך א רעקאמענדאציאנס־בריף צו דער פאמיליע פון דארו, וועלכע זיינען געווען נאהענטע קרובים פון זיינע עלטערן, און אזוי ווי פיער דארו איז נאך דער מלוכה־איבערקעהרעניש באשטימט געווארען אלס גענעראל־סעקרעטאר פון קריעג און אינספעקטאר פון די רעוויוען, (ארמיי־אויסשטאטונג), האט ער בעיל'ן געגעבען א שטעל אין זיין מיניסטעריום. מיר דוכט זיך, אז די עראינערונגען וועגען דעם דאזיגען אמט געפינען מיר אין דער באשרייבונג ווי זשוליען איז באשטימט געווארען סעקרעטאר צום גראף דע־לא־מאל (אין „רויט און שווארץ"). קאלאמב דערצעהלט, אז אין איינעם פון די ערשטע טעג נאכדעם, ווי בעיל האט באקומען זיין שטעל, ווען דארו האט איהם דיקטירט א בריף, האט ער אין צוטראגענקייט אנגעשריבען „סעללא" אנשטאט „סעלא" מיט אן איבעריגען „על", און האט דערפאר פון דארו באקומען א שפאסיגע, אבער דאך א באליידיגענדע באמערקונג. אקוראט אזא פאסירונג קומט פאר אין דעם ראמאן. אבער עס זעהט אוים, אז דארו איז געווען א פיעל פריינדליכערער און פיינערער באשיצער איידער דע־לא־מאל. ער איז תמיד געבליבען בעיל'ס פריינד און בעל־טובה. אויסער זיינע פעהיגקייטען אלס מיליטערישער פארוואלטער האט דארו אהן ספק אויך געהאט א היבשען טאלאנט פאר ליטעראטור. זיינע איבערזעצונגען פון האראז, און זיין היסטארישע פראזע זיינען אויסגעצייכענטע ביישפילען פון דעם ליטעראַרישען סטיל פון דער צייט פון דער אימפעריע און אלע שרייבער פון יענער עפאכע האבען איהם בכלל באטראכט אלס זייערען א מין נייטראלען פיהרער, וועלכער קומט פון מלחוץ דער שרייבערשער מחנה. עס איז געווען א זאנדערבארע שפיעל פון דעם מזל, אז כמעט אין אלע זיינע פעלד־צוגען זאל ער האבען נאהענט ארום זיך איינעם פון די ליטעראַרישע פיאנערען פון דער קומענדער עפאכע. ער האט נאטירליך ווייניג חושד געווען, אז זיין אנגעשטעלטער האט א גרויסען טאלאנט, ווי דער יונגער בעיל אליין האט דאמאלסט וועגען דעם געהאט נאך א גאנץ קליינע השגה.

ווען דארו און זיין יונגער ברודער האָבען, בשעת קאַרנאָ איז געוועזען קריגס־מיניסטער, צוגעגרייט דעם דענקווירדיגען פעלד־צוג אין איטאַליען פון דעם יאָהר 1880 און זיינען אויף א באַפעהל פון דער רעגירונג אוועק אין דער ארמיי, האָבען זיי ביידע פאַר־געשלאָגען בעיל'ן ער זאָל מיטפאָהרען מיט זיי, הגם זיי האָבען דאמאָלסט ניט געהאט קיין באַשטימטען אמט פאַר איהם. דער 17־יאָהריגער בעיל מיט זיין ענערגישען און פּאָעטישען כאראק־טער, האָט נאָר גע'חלומ'ט וועגען העלדישע מעשים און איז גע־ווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר דעם ערשטען קאָנסול (נאַפּאָלעאָן); ער האָט ניט געוואָרט מען זאָל איהם בעטען נאָכאמאָל. ער האָט איינגעפּאַקט מיט זיך א טוצען ביכער פון די באַריהמטסטע שריי־בער און איז אוועק קיין גענף. הגם ער האָט זיך קיינמאָל ניט געלערענט פאָהרען רייטענדיג, האָט ער אין גענף זיך אוועקגעזעצט אויף א פערד, וואס דארו האָט דאָרט איבערגעלאָזען א קראַנקען און וועלכער איז שפּעטער געזונט געוואָרען, און האָט דעם 22טען מאַי, צוויי טעג רייזע ווייטער פון נאַפּאָלעאָנ'ען, מיט גרויסע שווע־ריגקייטען אריבערגעריטען דעם סענט־בערנאַרד. דעם ערשטען אָדער דעם צווייטען יוני איז ער אָנגעקומען קיין מילאַן, די שטאָדט, אין וועלכער ער האָט צום ערשטען מאָל גענאָסען פון דעם לעבען און וועלכע האָט שטענדיג געשפּילט אזוי גרויסע ראָלע אין זיין פאַנטאַזיע. דאָרט האָט ער געזעהן דעם שטורעם פון פרייד און באַגייסטערונג, מיט וועלכען די איטאַליענער האָבען באַגריסט די בשורה, אז זיי זיינען פריי פון דעם עסטרייכישען יאָך, און דעם 4טען יולי האָט ער אלס פרייוויליגער זיך באַטייליגט אין דעם שלאַכט ביי מאַרינגאָ. נאָך דעם, ווי ער איז אָפּגעוועזען עטליכע מאָנאַטען אויף א שטעל אין דער ארמיי־פאַרוואַלטונג, איז ער אריינגעטראָטען אין דעמזעלביגען רעגימענט פון די דראַגונער אלס וואַכמייסטער (ווי עס זעהט אויס פון א קאָמישע באַמערקונג אין דעם פינפטען קאַפּיטעל פון „רויט און שוואַרץ"). אין ראָמאַנעגא האָט מען איהם באַשטימט אלס אונטערלייטענאַנט און באַלד נאָכ־דעם אלס אדיוטאַנט צו גענעראל מישאָ. ער האָט זיך אויסגעצייי־כענט אין אלע שפּעטערדיגע שלאַכטען און באַזונדערס ביי קאַסטעל־פראַנקאָ ניט נאָר מיט זיין מוטיגקייט, נאָר אויך מיט זיין פּינקט־

ליכקייט, מיט זיין איבערגעבענהייט און מיט דער אינטעליגענץ, מיט וועלכער ער האט דורכגעפיהרט די אויפגאבען, וואס מען האט איהם פארטרויט. ווייל מען האבען א קלארען בילד וועגען די געפיהלען פון דעם יונגען בעיל בשעת ער האט ביינגעוואוינט די שלאכט ביי מארענגא, דארף מען בלויז שטודירען די באשרייבונג פון דער קינדערש באגייסטערטער און העלדישער שטימונג פון פאברים דעל־דאנגא, ווען ער האט ביינגעוואוינט די שלאכט ביי וואטערלאא. די דאזיגע באשרייבונג איז אהן ספק אזוי מייסטערהאפט דערפאר, וואס זי גיט געטריי איבער די פערזענליכע איבערלעבונגען פון דעם מחבר. דער משך צייט, וועלכער פאנגט זיך אן מיט זיין אריבערפאהרען רייטענדיג די אלפען־בערג און ענדיגט זיך מיט זיין געזעגענען זיך מיט דער ארמיי נאך דעם שלום־אפמאך אין אמיען, איז געבליבען אין בעיל'ס זכרון אלס די צייט פון פאלקאמענעם גליק אין זיין לעבען. זי איז געווען רייך מיט אלערליי ראמאנטישע ערפאהרונגען. זי איז געווען פאר איהם א צייט פול מיט מוטיגע טאטען. דורך דעם משך האט ער זיך געשלאגען אויף זיין ערשטען קאמישען דועל; האט דורכגעמאכט פארשיידענע ליבעס־אפערען, האט דורכגעלעבט דעם פאעטישען לעבען פון א סאלדאט אין לאגער און האט גענומען אן אנטייל אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון די פאליטישע סאלאנען אין א פרעכטיג לאנד, וואו די פרעמדע באזיגער זיינען באגריסט געווארען אלס באפרייער און העלדען פון א זארגלאזער, נאאיוו־לײדענשאפטליכער באפעלקערונג, וועמען קיין זאך האט ניט געשטערט פון אפצוגעבען זיך מיט זייערע פארגעניגענס.

ווען אנרי האט זיך צוריקגעקערט אהיים קיין גרענאבל פון זיין ערשטער לאנגער נסיעה אין דער גרויסער וועלט, האט ער דארט אלץ געפונען, ווי ער האט איבערגעלאזט. זיין פאמיליע האט נאך אלץ געהאלטען פאר הייליג דאס, וואס ער האט פאראכטעט, און האט פיינט געהאט אלץ, פון וואס ער פלעגט ווערען ענטוזיאסטיש באגייסטערט. נאך א היבש ביסעל ארומקריגען זיך, האט דער יונגער היצקאפ באקומען די ערלויבניש צו באזעצען זיך אין פאריז. דארט האט ער געשטודירט מאנטעין, מאנטעסקיו און די פילאזאפען פון דעם אכטצעהנטען יאהרהונדערט. ער

האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבען מיט שטודירען די ווערק פון קאַבאַניס און דע־טראַסי. מיט דעם לעצטען איז ער פיעלע יאָהרען שפּעטער געוואָרען נאָהענט באַפריינדעט. דע־טראַסי׳ס „אידעאָ־לאָגיע" האָט בעיל׳ן באַגייסטערט נאָך אין זיין פריהער יוגענד. ער האָט, חוץ דעם, געשטודירט די ענגלישע שפּראַך.

דער דאָזיגער רוהיגער לעבען פון אָפּגעבען זיך מיט שטודי־רען, וואָס האָט אנגעהאַלטען עטליכע יאָהר, איז איבערגעריסען געוואָרען דורך אַ מאָדנער פּאַסירונג. אין יאָהר 1805 האָט בעיל זיך פאַרליבט אין אַ יונגע שעהנינקע אַקטריסע, וועלכע האָט באַ־זוכט זיין היימיש שטעדטעל בשעת ער איז דאָרט געווען אויף אַ באַזוך. די אַקטריסע האָט איהם אויך געענטפערט מיט ליעבע. ער האָט ביי זיך בשום אופן ניט געקענט פּועל׳ן צו שיידען זיך מיט איהר און ווען זי האָט געמוזט פאָהרען שפּילען קיין מאַר־סעיל, איז ער אויך אַהינצו אוועק און האָט דאָרט זיך געשטעלט אַרבייטען אַלס שרייבער אין אַ גרויסען קאָלאָניאַל־געשעפט. קיין אַנדער זאַך פון וואָס צו לעבען האָט ער דאָרט ניט געקענט געפי־נען. אַ גאַנצען יאָהר האָט זיין ליבע אנגעהאַלטען און ער איז דורך דער צייט געווען גליקליך צו פאַרבלייבען ביי זיין שטעל. אָבער די אַקטריסע האָט פּלוצלונג חתונה געהאַט פאַר אַ רוס, און בעיל האָט זיך אומגעקערט קיין פּאַריז. ער האָט דאָרט אינגיכען באַקומען אַן איינלאַדונג פון מאַרשאַל דאַרו, ער זאָל מיט איהם מיטפאָהרען אין דער אַרמיי. ער האָט זיך שוין געווען גענומען פאַר זיין ליטעראַרישער אַרבייט, אָבער פון דער איינלאַדונג האָט ער זיך ניט געקענט אָפּזאָגען. ער האָט בייגעוואוינט די שלאַכט ביי יענאַ, האָט גענומען אַן אנטייל אין נאַפּאָלעאָנ׳ס זיעגרייכען אַריינקומען קיין בערלין און איז באַשטימט געוואָרען אַלס אינ־טענדאַנט פון דעם קייזערליכען הויף אין בראַונשווייג. ער איז אין דעם דאָזיגען אַמט פאַרבליבען צוויי יאָהר און האָט זיך פאַר דער צייט אויסגעלערענט אַביסעל דייטש, האָט זיך באַקאַנט מיט דער דייטשער ליטעראַטור און האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכענט מיט זיין איבערגעבענקייט צו די אינטערעסען פון דעם קייזער. מען האָט איהם, למשל, געגעבען אַ באַפעהל צו זאַמלען פון דער באַ־פעלקערונג פון בראַונשווייג אַ קריעגס־שטייער פון פינף מיליאָן,

האָט ער ארויםגעלייגט א שטייער פון זיעבען מיליאָן. דאס האָט דאמאָלס געהייסען צו האָבען אין זיך „א הייליגען פייער" (le feu Sacre). ווען נאַפּאָלעאָן האָט זיך וועגען דעם דער־וואוסט, האָט ער געזאָגט: „דאס איז גוט געטאָן", און האָט דערביי פארצייכענט דעם נאָמען פון דעם אסעסאָר. אבער בעיל האָט אויך באקומען א שם דורך מעהר סימפּאטישע אויפטואכצען. איז דעם יאָהר 1809 האָט מען איהם איבערגעלאָזען אין א קליינער דייטשער שטעדטעל מיט שפּייז פאר דער אַרמיי און מיט פאר־וואונדעטע סאָלדאטען, וואָס מען האָט ניט געקענט מיטנעמען. ווי נאָר די סאָלדאטען, וועלכע האָבען באזעצט די שטעדטעל, זיינען אוועק, האָבען די איינוואוינער אָנגעפאנגען קלינגען אין שטורעם־גלאָקען און גערופען דעם המון צו בארויבען די שפּייז און צו באפאלען דעם האָספּיטאל. די אָפיצערען האָבען אינגאנצען פאר־לאָרען זייערע קעפּ און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, אָבער בעיל האָט געצוואונגען אלע קראנקע און פארוואונדעטע סאָלדאטען, וועלכע האָבען געקאָנט ארונטער פון בעט, זיך צו באוואפענען, האָט די שוואכסטע אוועקגעשטעלט אויף דער וואך ביי די פענ־סטער, וועלכע ער האָט פארוואנדעלט אין שיס־לעכער, און מיט די אנדערע סאָלדאטען איז ער באפאלען דעם אָנקומענדען המון און האָט איהם צוטריבען.

ער האָט נאָכגעפאָלגט דער ארמיי קיין וויען, וואו ער האָט גענומען אן אנטייל אין די פארהאנדלונגען, וואָס זיינען דאָרט פארגעקומען איידער נאַפּאָלעאָן האָט געהייראט מאריע לואיזע און איז באשטימט געוואָרען אלס אינספּעקטאָר פון די קייזערליכע הייזער און מטלטלים (פארמעגען, וואָס מען קען אריבערנעמען פון איין אָרט אין א צווייטען). דער דאָזיגער אמט האָט איהם געגעבען א צוטרעט צום הויף און ער איז פאָרגעשטעלט געוואָרען פאר דער קייזערין.

נאכדעם, ווי ער האָט ווידער א צייט לאנג פארבראכט אין מילאן, האָט ער אין דעם יאָהר 1812 באקומען די ערלויבניש צו באטייליגען זיך אין דעם צוג אנטקעגען רוסלאנד. זיין לוסט צו וואנטורען איז שוין אין די פריהערדיגע צוגען געווען מעהר ווי צופרידענשטעלענד. ער האָט געהאַט שמערצען און געפיהלט אַז

עקעל ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו זעהן מאסען טויטע קערפּערס פון די געפאלענע אין שלאַכט, און ווען די רעדער פון זיין קארעטע זיינען איבערגעפאָהרען דורך די אינגעווייד פון די גע'הרג'עטע, האָט ער דערפיהלט, אז ער מוז זיך דערווייטערען אין דער וועלט פון פאַנטאַזיע און האָט אָנגעשריבען אַ בריף אַהיים בעטענדיג מען זאָל איהם צושיקען פּאָעטישע ביכער צום לייענען. אָבער די מלחמה האָט איהם ווידער צוגעצויגען צו זיך. מיר זעהען ווי דער מאַן, וועלכער האָט שפּעטער אין זיינע ביכער ארויסגעצייגט אזוינע פיינע און טיפע ידיעות וועגען דער פּסיכאָ־לאָגיע פון פעלקער, שטודירט ביים אריבערגאַנג פון דעם טייך נעמאַן דעם אויסזעהן און דעם טעמפּעראַמענט פון די סאָלדאַטען פון אלע לענדער, פון וועלכע די גרויסע ארמיי איז געוועזען צוזאַ־מענגעשטעלט. אָבער שוין אין סמאָלענסק האָט ער דערפיהלט, אז ער האָט שוין נעהאַט גענוג פון דעם מין ערפאַהרונג. ער שרייבט פון דאָרט:

„ווי שטאַרק אַ מענש קען זיך ענדערען! די דורשט נאָך נייע איבערלעבונגען, וואָס איז אַמאָל געווען אין מיר אזוי שטאַרק, איז ביי מיר יעצט לחלוטין פארשוואונדען. זינט איך האָב געזעהן מילאַן און איטאַליען שטויסט מיך אַלץ אָפּ פון זיך מיט זיין גראָבקייט. וואָלסטו עס געגלויבט? — אָהן קיין פּערזענליכע סיבה פיהל איך אַמאָל ווי אויסצוברעכען אין טרעהרען. אין דעם דאָזיגען ים פון בארבאריי איז ניטאָ קיין טאָן, וואָס זאָל געפינען אַן אָפּקלאַנג אין מיין נשמה. אַלץ איז גראָב, שמוציג און שטי־קענד בוכשטעבליך און בלשון מליצה. דער איינציגער פארגעני־גען, וואָס איך האָב דאָ, איז צו מאַכען שפּילען אויף אַ צופּאָהרע־נעם קלאַוויר אַ חברה־מאַן, וועלכער איז אזא גוטער שפּילער, ווי איך בין אַ גוטער קאַטויליק. כבוד האָט שוין איבער מיר מעהר קיין מאַכט ניט; דער שעהנסטער אָרדען קען מיר ניט געבען קיין נחמה פאר דעם, וואָס איך לייד דאָ דורך. איך שטעל זיך פאָר די הויכקייטען, איבער וועלכע עס שוועבט מיין גייסט, — וואו ער פאַרפאַסט ביכער, הערט די סימאַראָזא און האָט ליעב אַנגעלאַ אונטער אַ פריינדליכען הימעל, — ווי פראַכטפולע בערג. ווייט אין דער נידעריג פון זיי, אין טאָל, ליגען גיפטיגע זומפּען, אין

װעלכע איך זינג יעצט. דו װעסט עס קוים גלױבען, אָבער װאָס גיט מיר װירקליכען פארגעניגען דאָ איז אָפּצוגעבען זיך מיט די אָפּיציעלע אַקטען, װאָס האָבען אַ שייכות מיט איטאַליען. די לעצטע צייט איז אין דעם פּרט געװען עפּעס צו טאָן, אָבער װען איך װער אפילו פארטיג מיט דער דאָזיגער ארבייט, בלייבט מיין פאנטאַזיע מיט דעם פארנומען װי מיט אַ ראָמאַן".

אין דעם טאָג־בוך, װאָס ער האָט געשריבען אין מאָסקװע, שפּירט זיך אויך די זעלבע דאָפּעלטקייט פון זיין נאַטור, דער זעל־בער דראַנג צו באַשעפטיגען זיין פאַנטאַזיע און דער פארלאַנג צו זיין טעטיג אליין און צוזעהן אַנדערע טעטיג. אין דער צייט פון די שׂרפות שרייבט ער:

„דער פייער איז שנעל צוגעקומען צו דער הויז, פון װעלכער מיר זיינען אװעק. אונזערע קאַרעטען זיינען פינף־זעקס שטונדען געשטאַנען אויף דעם בולװאַרד. גאָר ניט טאָן איז מיר געװאָרען מיאוס—בין איך אװעק זעהן די שׂרפה און האָב פארבראַכט אַ פּאָר שעה מיט זשואַנװיל... מיר האָבען אויסגעטרונקען אַ פלאַש װיין, װאָס האָט אונז לעבעדיגער געמאַכט. איך האָב דורכגעלייענט עטליכע שורות פון דער איבערזעצונג פון Paul et Virginie װאָס האָט אין מיר דערװעקט אַ געפיהל פון גייסטיגען לעבען אין מיטען פון דער אַלגעמיינער באַרבאַריי ארום מיר".

בעת דעם שרעקליכען צוריקטריט דורך רוסלאַנד איז בעיל באַשטימט געװאָרען אַלס הויפּט דירעקטאָר פון די שפּייז־לאַגערען אין מינסק, װיטעבסק און מאָהילעװ. ער האָט זיך אויסגעצייכענט אין דעם אַמט מיט דעם, װאָס װען די ארמיי איז דורכגעגאַנגען אָרשאַ, האָט ער באַזאָרגט די סאָלדאַטען מיט שפּייז אויף דריי טעג. דאָס איז געװען דער איינציגער מאָל, װאָס די ארמיי האָט באַ־קומען שפּייז צװישען מאָסקװע און בערעזינאַ. די קאַלטבלוטיג־קייט און די אַנטשלאָסענקייט, װאָס זיינען געװען כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם פון קינדהייט אָן, האָבען איהם אויך דאָ ניט פארלאָזען. מען האָט אָפט דערצעהלט װי ער האָט זיך אין איינעם פון די אומגליקליכסטע טעג פון דעם מאַרש געמאָלדען אין דער הויפּט־קװאַרטיר פון דאַרו אַ ריין אָפּגעגאָלטער און זאָרגפעלטיג גע־

קליידט. זיין עלטסטער, דארו, האט איהם דערביי באגריסט מיט דעם קאמפלימענט:

— „איהר זייט א מוטיגער מענש, מאסיע בעיל, איהר האט זיך היינט געהאזירט".

בשעת דעם צוריקטרעט האט ער אלץ פארלארען: זיינע פערד, זיינע קארעטען, זיינע נסיעה־קליידער און זאכען און זיין געלד; אפילו די סומע געלד, וואס ער האט אנגעגרייט פאר אן עת־צרה, איז אויך פארלארען געווארען. ביים אפפאהרען האט זיין שוועסטער פארביטען אלע קנעפלאך אין איינעם פון זיינע אויבעררעק מיט מטבעות פון צוואנציג און פערציג פראנק־שטיק. ווען ער איז געקומען צוריק, האט זי ביי איהם געפרעגט, אויב די געלד איז איהם צוניצגעקומען. מיט גרוים שוועריגקייט האט ער זיך דערמאנט, אז ערגעץ ארום ווילנע האט ער דעם אויבערראק אוועקגעשענקט איינעם פון זיינע באדיענער אלס אן אבגעטראגענעם. דער דאזיגער שטריך איז זעהר כאראקטעריסטיש, מחמת בעיל, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט אלס דיפלאמאט, ווי אויך אלס דיכטער, איז געווען אין געוועהנליכען לעבען זעהר ניט־פארזיכטיג און ביז צום גאר א בעל־שכחה.

אין פאריז האט ער ווידער פארנומען זיין פריהערדיגע שטעלע. אין דעם יאהר 1813 איז ער געווען אלס א מיטגליעד פון נאפאלעאנ'ס שטאב צוזאמען מיט דער קייזערליכער הויפטקווארטיר אין מאינץ, אין ערפורט, אין לוטצען און אין דרעזדען, און ער איז באשטימט געווארען אלס גענעראל-אינטענדאנט פון שלעזיען. פון דארט איז ער צוליב שלעכטען געזונט אוועק וואוינען ארום דעם א־ערע קאמא, אין דעם געגענד, וואוהין עס האט איהם תמיד געצויגען, ווי צום גן־עדן פון דער ערד, און וואו ער האט, ווי געוועהנליך, גאר ניט געטאן דורך דער ליידיגער צייט, וואס א גליקליכע ליעבע האט פאר איהם איבערגעלאזען. אין דעם יאהר 1814 האט ער ווידעראמאל געשפיעלט אן אקטיווע ראלע אין דער צייט פון נאפאלעאנ'ס פארטיידיגונגס־קאמף; אבער ווען נאפאלעאן איז געפאלען, זיינען אלע זיינע האפנונגען אויף אן ערפאלגרייכע פאליטישע קאריערע געווארען צו גארנישט. ער האט אלץ פארלארען — זיין אמט, זיין איינקונפט, זיין מצב אין דער געזעל־

שאפט און זיינע האפנונגען אויף דער צוקונפט; האך האט ער זיך ניט באקלאגט; ער האט דעם פארלוסט אויפגענומען אפילו מיט א געוויסער מונטערקייט און האט זיך צו זיין לאגע פארהאל־טען מיט פילאזאפישער גלייכגילטיגקייט און איז געווען צופרידען צו בלייבען להבא א פשוט׳ער קאסמאפאליט, א פריינד פון קונסט, א דעליטאנט און א מחבר.

פון דעם יאהר 1814 ביז דעם יאהר 1821, חוץ א קורצען משך אין דעם יאהר 1817, האט בעיל געוואוינט אין זיין באליב־טען מילאן. ער האט די שטאדט ניט פארלאזען אפילו דורך די הונדערט טעג (ווען נאפאלעאן האט ווידער פארכאפט די מאכט), מחמת ער איז געווען איבערצייגט, אז נאפאלעאן׳ס מזל איז פאר־שפילט. זייענדיג א ליידענשאפטליכער ליבהאבער פון איטאליע־נישע מוזיק און געזאנג, פלעגט ער פארברייגגען גליקליכע אווענ־טען אין דעם „לא סקאלא" טעאטער. מען פלעגט איהם אויפנע־מען אין דער בעסטער געזעלשאפט אין שטאדט. אין דעם הויז פון גראף פארא אדער אין דער לאזשע פון לאדאוויקא דע־ברעם האט ער זיך באקאנט מיט די איטאליענישע שרייבער און פאטריא־טען, מיט סילוויא פעלליקא, מאנזאני און אנדערע, און אויך מיט אזעלכע באריהמטע רייזענדע, ווי בייראן, מאדאם דע סטאל, וויל־העלם שלעגעל און א גאנצע רייהע אנדערע ענגלישע און דייטשע באריהמטהייטען. א ליבע פארהעלטניש, וואס האט אנגעהאלטען עטליכע יאהר, האט איהם געמאכט דאס, וואס ער איז לויט זיין כאראקטער געווען מסוגל צו זיין: פאלקאם גליקליך. אבער דער גליק זיינער איז גראב צושטערט געווארען דורך דעם, וואס ער איז אין דעם יאהר 1821 פלוצלונג ארויסגעטריבען געווארען פון מי־לאן. די עסטרייכישע פאליציי האט איהם חושד געווען, אהן קיין שום גרונד, אז ער האט פארבינדונגען מיט די קארבאנארי (אי־טאליענישע נאציאנאליסטישע רעוואלוציאנערען).

ער האט זיך דאמאלס ווידער אמאל צוריקגעקעהרט קיין פא־ריז זעהר א דערשלאגענער גייסטיג. דורך יענער צייט, ווען ער האט אמשטארקסטען געליטען צוליעב זיין שיידונג פון דער פרוי, וועמען ער האט געליעבט, האט ער אנגעשריבען זיין באריהמטען בוך „דע ל׳אמור". ביז דאמאלס האט ער אנגעשריבען, אדער

לכל הפחות פאַרעפּענטליכט, בלויז די לעבענסבאַשרייבונגען פון האַידען און מאָצאַרט, וועלכע זיינען געוועזן ניט מעהר ווי באַאַרביטונגען פון איטאַליענישע און דייטשע ווערק, און „די געשיכטע פון מאַלעריי אין איטאַליען“, וואָס ער האָט מיט שטאָלצער הכנעה געווידמעט צום געפאַנגענעם אויף דעם אינזעל פון דער הייליגער העלענא. קיינע פון די ביכער האָבען ניט געמאַכט קיין רושם, אָבער דער לעצטער האָט פאַר איהם געוואונען די פריינדשאַפט פון דעם פילאָזאָף דע טראַסי. בעיל האָט תחילת זיך געפיהלט זעהר איינזאַם אין פּאַריז, פון וואַנען מען האָט פיעלע פון זיינע אַלטע גוטע פריינד פאַרטריבען; א סך פון זיינע געוועזענע פריינד האָבען אינגאַנצען פאַרלאָרען זיין אַכטונג דורך זייער בוקען זיך פאַר די נייע הערשער. ביי דע טראַסי אין הויז האָט ער זיך אבער באַגעגענט מיט דער בעסטער געזעלשאַפט פון יענער צייט. דאָרט האָט ער געטראָפען לאַפּאַיעט, גראַף סעגור, בענזשאַמין קאָנסטאַן און פיעלע אַנדערע. אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אין דער הויז פון דער באַריהמטער אָפּערע זינגערין דזשיאודיטאַ פּאַסטאַ צוזאַמענגעטראָפען מיט די יונגע שרייבער, מיט אַזוינע פּערזענליכקייטען, ווי מערימעי און זשאַקמאַן. בעיל איז פאַרבליבען אין פּאַריז ביז דעם יאָהר 1830 און האָט פאַר דער צייט געמאַכט קורצע באַזוכען סיין ענגלאַנד און איטאַליען. פון 1830 ביז זיין טויט אין דעם יאָהר 1842 האָט ווידער געלעבט אַלס רעגירונגס־באַאַמטער, אָבער זיינע שטעלען זיינען באמת געוועזן ניט מעהר ווי סינעקורען (געלעגענהייטען צו נעמען שכירות אָהן אַרבייט). דעם ערשטען יאָהר איז ער געוועזן קאָנסול אין טריעסט, וואו ער האָט זיך געפיהלט ניט גוט, און די איבעריגע יאָהרען אין טשיוויטאַוועקקיאַ, וואָס האָט געמיינט כמעט דאָס זעלבע, ווי צו וואוינען אין דעם נאָהענטען רוים. ער האָט דאָ געלעבט אונטער דעם הימעל, וואָס ער האָט תמיד ליב געהאַט, צווישען א פאָלק, וועלכען ער האָט באַטראַכט אַלס בעסער פון אַלע אַנדערע. דאָך האָט דאָס איהם ניט געשטערט שרעקליך צו לאַנגווייליגען זיך און צו ליידען פון זיין ניט האָבען וואָס צו טאָן. ער פלעגט זיין א פריינדליכער און געניטער וועגווייזער פאַר זיינע לאַנדסלייטע, וואָס פלעגען באַזוכענדיג איטאַליען איהם אויפזוכען, אויב זיי פלעגען איהם

געפעלען זיין, אָבער ער האָט אימער געשטרעבט אהיים, קיין פּאריז, הגם ער האָט, בלייבענדיג געטריי דעם קריגערישען גייסט פון דער צייט פון דער אימפּעריע, זיך אויפגעהערט צו באטראכטען אַלס פראַנצויז זינט די רעגירונג פון לואי פיליפּ האָט אין דעם יאָהר 1840, בשעת א סכסוך איבער דער מזרח פראגע, זיך אונטערגע־געבען דעם פּסק פון איירָאָפּאַ אָהן אַ קלאַפּ מיט דעם שווערד. אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען האָט ער אַ סך געקרענקט. ער איז געשטאָרבען פּלוצלונג אין פּאריז פון אַ שלאַגאַנפאַל בשעת ער איז דארט געווען אויף אורלויב*).

*) לויט זיין צואה, וועלכע צייגט ווי שטאַרק עס זיינען איהם ביז דעם סוף פון זיין לעבען געווען זיינע זכרונות וועגען מילאַן, האָט מען אויף זיין מצבה אויף דעם מאָנמאַרטר בית־עולם אויסגעקריצט זיין נאָמען „אררִיגאָ", אין איטאַליעניש, אַנשטאָט דעם פראַנצויזישען נאָמען „אַנרי" און באַצייכענט איהם אַלס מילאַנעזער.

.19

בעיל.

אנרי בעיל איז אָהן ספק איינער פון די קאמפּליצירטסטע מחות פון דער מיט טאַלאַנטען רייכער עפּאָכע, צו וועלכער ער באַלאַנגט. דער עיקר, מיט וואס ער צייכענט זיך אמשארפסטען אוים פון זיינע חברים פון דער פראנצויזישער ראָמאַנטישער שולע איז דאָס, וואָס ער איז א דירעקטער גייסטיגער יורש פון דעם אכצעהנטען יאָהרהונדערט, באזונדערם פון דער שטרענג ראַציאָנאַלער, סענזואַליסטישער פילאָזאָפיע פון יענעם יאהרהונדערט. אין זיין נשמה באמערקט זיך ניט, אפילו דורך דער קורצער איבער־גאנגם צייט פון זיין יוגענד, קיין סימן פון דעם ראמאנטישען שפּל'דיגען יראת־הכבוד פאר רעליגיעזע טראדיציעס, וואס איז געוועזען אזוי געוועהנליך אין יענע יאהרען. ניט שאַטאָבריאַן און ניט מאַדאַם דע סטאַל האָבען געהאט דעם מינדסטען איינפלוס אויף איהם; ער איז ניט געוועזען קיין קאַלאָריסט (וואס באשרייבט זאכען מיט צופיעל פארבען), ווי דער ערשטער, און ניט קיין בעל־מליצה, ווי די לעצטע. אנדרע שעניעי, הוגאָ און לאַמארטין האָבען ניט געהאט די קלענסטע ווירקונג אויף איהם, מחמת ער האָט ניט געהאט קיין חוש פאר מעטריק (די מאָס אין פּאָעזיע) און איז ניט געוועזען ניט לירים און ניט פּאַטעטיש. זיינע פאָרבילדער אלס ראָמאַנטישער שרייבער זיינען געוועזען ניט קיין פראנצויזישע, און זיין באגייסטערונג פאר קאָנדילאַק און העלוועציוס, די פילאָזאָפען, וועמען די ראָמאַנטיקער פון אלע לענדער האָבען פאראכטעט, איז געוועזען זעהר טיעף און האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט, אפילו אין דער צייט ווען יעדער איינער האָט זיי פארדאמט.

ער איז געווען און איז געבליבען א ליידענשאפטליכער אטעאיסט. דאס הייסט, אז אין זיין איבערצייגונג, אז די וועלט ווערט ניט באהערשט פון א גאט־פאטער איז געלעגען א געוויסע שנאה צו דעם „הוה“ (דער ווזען), אין וועלכען ער האט ניט געגלויבט, א כעס איבער די שרעקענס פון לעבען, וואס האט זיך אויסגעדריקט אינ׳ם טרויעריגען און וויציגען ווערטעל: „גאט׳ס אנטשולדיגונג איז דאס, וואס ער עקזיסטירט ניט“. בעיל האט קיינמאל ניט דורכגעלאזען די קלענסטע געלעגנהייט ארויסצייגען זיין ניט־ליבע צו דער זאגענאנטער אנטפלעקטער אמונה. ווען ס׳איז איהם אויסגעקומען צו שרייבען „דער איינציגער אמת׳ער גלויבען“ פלעגט ער קיינמאל ניט פארגעסען אריינצושטעלען אין האלב־רינגען (קלאמערען) די ווערטער „(פון דעם לצוער)“, און ווען ער פלעגט באריהרען די פראגע פון דער קריסטליכער מאראל, פלעגט ער ליעב האבען צו באמערקען, אז דער סך הכל פון דער דאזיגער מאראל איז: „עסט ניט קיין טרופעלען, וועט איהר ניט האבען קיין בויך־וועהטאג“.

אלס מאראל־פילאזאף (און אלס פריוואטער מענש) איז ער געווען אן אויסגעשפראכענער עפיקורעער. ער האט ניט אנערקענט קיינע אנדערע כחות, וואס טרייבען דעם מענשען צו זיינע מעשים, אויסער עגאאיזם, דאס הייסט די תשוקה צו האבען הנאה און די מורא פאר יסורים. און לויט זיין מיינונג איז ניט נויטיג צו האבען קיין אנדער זאך, אום צו ערקלערען אפילו די אזוי גערופענע העלדישע אקטען, מחמת די מורא פאר זעלבסט־פאראכטונג, דאס הייסט, די מורא פאר עטוואס, וואס פארשאפט יסורים, איז גענוג צו מאכען א מענשען, למשל, שפרינגען אין וואסער אום צו ראטעווען אן אנדערען (זעה בעיל׳ס סברות וועגען דער דאזיגער פראגע אין דעם העכסט אינטערעסאנטען בריעף פון דעם 28טען דעצעמבער 1829). אונטער די ווערטער „גוטע מעשים“ פארשטעהט ער אזעלכע האנדלונגען, וועלכע זיינען גורם אונבאקוועמליכקייטען אדער ליידען פאר די מענשען, וואס באגעהען זיי און זיינען אבער נוצליך פאר אנדערע.

ער איז אינגאנצען און אויסשליסליך געווען א פסיכאלאג. אלס באאבאכטענדער רייזענדער, אלס פארשער פון אלטע כראני־

קען און אלס מחבר פון ראמאנען און ערצעהלונגען איז ער געווען א פסיכאלאָג און ניט מעהר. ער האָט שטענדיג געשטודירט די מענשליכע נשמה און ער איז געווען איינער פון די ערשטע מאָדערנע שרייבער, וועלכע האָבען דעם סך־הכל פון דער געשיכטע אלס וויסענשאפט געבראכט צוריק צו דער פראגע וועגען דער מענשליכער פסיכאלאגיע. אבער די וויסענשאפט וועגען דער מענשליכער נשמה איז פאר בעיל׳ן, פאר וועמען דער יסוד פון מאָראל איז אייגעננוץ, געווען א וויסענשאפט וועגען מענשליכען גליק . אונטער דעם ווארט „כאראקטער" האָט ער פארשטאנען די באזונדערע דרכים, דורך וועלכע א געוויסער מענש איז זיך נוהג צו זוכען זיין גליק, און דער טעם, פארוואס ער האָט געהאלטען א סך מעהר פון די איטאליענער, ווי פון אנדערע פעלקער, איז געווען, וואס איהם האָט זיך געדוכט, אז די איטאליענער, מענער און פרויען, האָבען געפונען דעם זיכערסטען און גלייכסטען וועג צום גליק.

אלס א זעלבסטשטענדיגע, אָריגינעלע און ליידענשאפטליכע נאַטור האָט ער געדענקט, אז דער ערשטער תנאי פאר גליק איז צו בלייבען א מענש פאר זיך. אומעטום אין אלע זיינע ווערק הערט זיך אין אָהן א שיעור נוסחאות די זעלבע וואָרעניש:

„האָב ניט קיין צוטרוי צו קיינעם! גלויב קיין זאך ניט, חוץ דאָס, וואס דו האָסט געזעהן. באוואונדער ניט קיין זאך, סיידען עס געפעלט דיר פערזענליך און זיי שטענדיג תחילת זיכער, אז דיין שכן האָט באקומען א שכר ער זאל דיך אפנארען".

ער האָט אָהן א שיעור מאָל איבערגע׳חזר׳ט די תרעומות געגען די פראנצויזען, אז זיי זיינען צופיעל גדול׳דיג ביי זיך צו האָבען א ריכטיגע השגה וועגען גליק, אדער, בעסער געזאגט, אז זיי האָבען ניט קיין חוש פאר קיין העכערען גליק איידער צופרידענגעשטעלטע גדלנות, וואָס ער אליין שאצט זעהר נידעריג. לויט בעיל, האָט דער פראנצויז א טבע תמיד צו פרעגען זיין שכן וועגען זיך אליין צו ער האָט פארגעניגען, צו ער איז גליקליך א. אז. וו. ער האָט קיין העזה ניט אליין פאר זיך צו באשליסען וועגען דעם. ז׳ מורא ניט צו זיין ווי אנדערע, אָדער איבער דעם, וואס אנדערע וועלען זאגען, איז לויט בעיל׳ס מיינונג דער הערשענדער געפיהל

ביי די פראַנצויזען. ער אליין, פאַרקעהרט, איז זיך ניט מסתּכל מיט זיין איינגעבאָרענער אָריגינאַליטעט, זי איז ניט גענוג פאַר איהם, און ער האָט שטענדיג מורא ער זאָל ניט זיין עהנליך צו אַנדערע, און דאָס האָט איהם געפיהרט צו אַלערליי משונה'דיגע איינפאַלען און צו געקינצעלטקייט. ער, דער מענש, וועלכער פלעגט תמיד מאַכען לצנות פון אַנדערע דערפאַר, וואָס זיי האַל־טען זיך ביי די מיינונגען פון זייערע שכנים, וועלכער האָט ליב געהאַט און שטענדיג געהאַט פולע אָפענהערציגקייט, אמת'דיגקייט, גראַדקייט און פשוט'קייט, איז תמיד געוועזען אויף דער שמירה איבער זיך אַליין, פלעגט שטענדיג צוקוקען זיך צו זיך אַליין און פלעגט שאַפען פאַר זיך אַזוינע פליכטען, ווי צו טאָן צו להכעיס און נעמען נקמה פון אַנדערע, — און די דאָזיגע פליכטען פלעגט ער ניט פאַרפעהלען אָבצוהיטען. דער געדאַנק וועגען דעם, וואָס זיין שכן וועט אפשר זאָגען אָדער טאָן, פלעגט איהם פייניגען ניט ווייניגער, ווי עס האָט געפייניגט וועלכען עס איז בורזשואַ, מיט בלויז דעם איינציגען אונטערשייד, וואָס דעם בורזשואַ פלעגען פאַרפאַלגען די געדאַנקען וועגען זיין שכן דערפאַר, וואָס ער האָט יענעם געוואָלט נאָכטאָן, און בעיל'ן פלעגען זיי פאַרפאָלגען דער־פאַר, וואָס ער האָט געוואָלט טאָן יענעם להיפוך אָדער פאַרהיטען זיך פון צו טאָן, ווי יענער טוט. אייביגע געגנערשאַפט צום בור־זשואַ איז געוועזען אַן עכט ראָמאַנטישער כאַראַקטער־שטריך. ניט ווייניגער ראָמאַנטיש איז דאָס: דער מאַן, וועלכער פלעגט כסדר פרעדיגען און לויבען נאַטירליכקייט און ניט צוריקגעהאַלטענקייט, זאָל דורך זיין גאַנצען לעבען האָבען אַ ליידענשאַפט פאַר באַהאַל־טענקייט, פאַרשטעלטקייט, פאַר מאַכען פון אַלץ אַ סוד, פאַר פאַרדעקען זיינע פערזענליכע ערפאַהרונגען און געדאַנקען אונטער אַ גאַנצען של פון וויקעלאַך און דראַפּירונגען.

בעיל'ס יונגערע יאָהרען זיינען אַוועק אין טיעפער גייסטיגער איינזאַמקייט. דער איבערפלוס פון זיינע געפיהלען איז געלאָפען צוריק אין זיין נשמה אַריין. נאָך אַלס קינד האָט ער פאַרלאָרען זיין מוטער, האָט פיינט געהאַט זיין פאָטער, וועלכער האָט איהם אַליין פיינט געהאַט, און ער האָט זיך פריה אויסגעלערענט צו קו־קען אויף זיך, ווי אויף עטוואָס אַנדערש פון אַנדערע מענשען. ער

האָט אָהן ספק אויך געדענקט, אז ער איז העכער פון אנדערע, הגם
ער האָט די דאָזיגע העכערקייט פארשטאַנען אלס פארשיידענ־
קייט*).

ער האָט געוואוסט, אז מחמת זיין טיפער פארשיידענקייט
פון אנדערע מענשען דארף ער זיך ניט ריכטען צו געפינען קיין
אלגעמיינע סימפּאַטיע, אָדער מען זאָל איהם בכלל פארשטעהן. פון
דעם איז געקומען זיין פארלאנג אלס שרייבער צו שרייבען זיינע
ביכער אין אזא שפּראַך, וואָס נאָר די וויינינגער אויסערוועהלטע
זאָלען פארשטעהן, אין אַ הייליגער שפּראַך (une langue sacrée
א לשון הקדש). דערפאר האָט ער זיך אויך געוואונשען צו גע־
פינען נאר איין איינציגען לעזער, אן איינציגען אין דעם פולען
זינען פון דעם וואָרט ("un lecteur unique, unique dans tous
les sens") צוליעב דעם זעלבען טעם האָט ער געמאכט די אונ־
טערשריפט צום בוך „די נאָנע פון פּאַרם" „צו די ווייניגע גליק־
ליכע".

דאָס איז אויך געווען דער אמת'ער מקור פון זיין נייגונג צו
פארבאָרגענקייט. בעיל האָט ניט נאָר ארויסגעגעבען זיינע ביכער
אונטער א פרעמדען נאָמען (אַלע זיינע ביכער, מיט דעם אויס־
נאַם פון איינעם, זיינען ארויס אונטער דעם פּסעוודאָנים „דע־

*) אין אַ בריף פון יולי דעם 16טען, 1813, שרייבט ער: „אויב
די אַזוי־גערופענע העכערקייט איז ניט מעהר ווי אַ העכערקייט אין
אַ פּאָר גראַדען, מאַכט זי אַ מענשען ליבעסווירדיג און צוציהענד פאַר אַנ־
דערע, ווי צום ביישפּיל, ביי פאַנטענעל. אויב זי איז מעהר ווי דאָס, צו
שטערט זי דעם גאַנצען שיכות צווישען דעם מענשען און אַנדערע. דאָס
איז די אומגליקליכע לאַגע, אין וועלכער דער העכערער מענש, אָדער,
ריכטיגער געזאָגט, דער מענש, וועלכער איז א נ ד ע ר ש געשאַפען פון
אַ נ ד ע ר ע, געפינט זיך. די יעניגע, וועלכע געפינען זיך ארום
איהם, קענען גאַר ניט מוסיף זיין צו זיין גליק. דער לויב פון די דאַזיגע
מענשען וואָלט מיך אין אַ קורצער צייט עקלען און זייער קריטיק וואָלט
מיך פּייניגען".

עהנליכעס לייענען מיר אין דעם פערטען קאַפּיטעל פון „די נאַנע
פון פּאַרם": — „זיינע חברים האָבען געפונען, אַז פאבריס איז גאַנץ פאר־
שיידען פון זיי אַליין, דאָס האָט זיי אָפּגעשטויסען. ער, לחיפוך, האָט
אָנגעפאַנגען צו פיהלען אַ שטאַרקע פריינדשאַפט צו זיי".

סטענדהאל", וואהרשיינליך נאָך דעם נאָמען פון דער פּרייסישער שטאָדט „סטענדהאל", ווינקעלמאַנ'ס געבורטסאָרט), נאָר אין פיע-לע פון זיי, צווישען אנדערע אין „דע ל'אמור" טרעט דער פארשטעלטער מחבר ארויס אונטער א סך אנדערע פרעמדע נע־מען. יעדער געדאַנק, וואס ער וויל ניט מען זאל אננעהמען אלס זיין אייגענעם, יעדע פּאַסירונג, וואס קען באלויכטען זיין פער־זענליכען לעבען, לייגט ער אריין אין מויל פון אן אלבעריק, א לואיזאַ אדער פון דעם „ליבעסווירדיגען רעגימענט-אויבערשטען אזוי און אזוי". און ער האָט זיך באַטיילט מיט ניט ווענינער מלאכות, ווי מיט נעמען. אָט איז ער אן אָפיצער פון דער קאַוואַ־לעריע, אָט איז ער אַן אייזענהענדלער, אָט איז ער אן אַבצאָלבאַ־אמטער און דאָ איז ער א געשעפטס-רייזענדער; דאָ טרעט ער ארויס בצורת מאַן און דארט בצורת פרוי; איינמאל איז ער א פּרינץ, א צווייטען מאל איז ער א מענש פון דעם המון; איינמאל איז ער אן ענגלענדער, א צווייטען מאל איז ער אן איטאַליענער. ער וואָלט גערן געשריבען אין א שיפרירטער שפּראַך נאָר פאר די, וואָס ווייסען דעם סוד פון אזא שריפט. די הנאה, וואס ער האָט פון אראָפּפיהרען דעם לעזער פון דעם ריכטיגען דרך, פון מיסטי־פיצירען זאכען, קומט טיילווייז פון דער געהיימניספולקייט פון דעם דיפּלאָמאַט. אבער אין זיין פּריוואַטער קארעספּאנדענץ קומט עס אויך פון זיין שטענדיגען חשד נעגען דער פּאָליציי, וואס איז ביי איהם געווען א מין משוגעת. אין זיינע יונגע יאָהרען האָט בעיל זיך גוט באקאנט מיט נאַפּאָלעאָנ'ס און מיט דער עסט־רייכישער פּאָליציי און ביי איהם איז אויף שטענדיג געבליבען די מורא, אז מען זאל ניט פארכאַפּען און עפענען זיינע בריעף. דער־פאר האָט ער כמעט קיינמאל ניט אונטערגעשריבען א פּריוואַטען בריעף מיט זיין אייגענעם נאָמען. איך האָב אין זיין קאָרעספּאָנ־דענץ אָנגעצעהלט איבער זיבעציג פארשיידענע פּסעוודאָנימע אונ־טערשריפטען, פון דעם משונה'דיגסטען ביז דעם געוועהנליכסטען נאָמען: קאָניקדעל, אַרנאָלף דער צווייטער, ס. דע־סייסעל, שאָ־פען ד'אַרנאָוויל, טאָריטשעלי, פראַנסואַ דיוראַן און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער. אמאל שרייבט ער זיך אונטער „קאפּיטאַן", אמאל „מארקיז", אמאל „אינזשעניר", אמאל שרייבט ער זיך אונ־טער מיט דער צאָהל יאָהרען, וואס ער איז אלט, אדער מיט דעם

נאָמען פון דער גאס, וואו ער וואוינט, אדער מיט דעם נומער פון זיין הויז. גרענאָבל הייסט ביי איהם „קולארא", טשיוויטא־ווע־קיא רופט ער אבעל. ער אמוזירט זיך צושטעלענדיג דעם נאָמען פון אן אויסגעטראכטען ישוב צו זיין אונטערשריפט, צום ביי־שפיעל: „טהעאָדאָר בערנארד (du Rhone)"; אפילו אויף אן אָפיציעלען פּראָיעקט, וואס ער האט צוגעשטעלט צו דער יולי רע־גירונג וועגען א נייעם מלוכהשילד פאר פראנקרייך, האט ער זיך גע'חתמ'עט אזוי:

Olagnier,
De Voiron (Isere).

ער האט אזוי הנאה געהאט פון מאכען, אז מען זאָל איהם נים דערקענען און פון זיין א נסתר, אז די ווערטער Odi profanum vulgus et arceo (איך האָב פיינט דעם המון און איך האלט איהם פון דערווייטענס) קאָנען געברויכט ווערען כדי אמבעסטען אויסצודריקען דאָס, וואס ער האט זיכער באטראכט אלס די באדינגונג פאר זיין גליק.

אין וואס איז, לויט זיין איינענער מיינונג, זיין גליק באַ־שטאַנען?

אין זיינע יונגע יאהרען איז ער, עס ווייזט אויס, באשטאַנען אין מוטיגע מעשים און אין ליידענשאפטליכער ליבע. די העכסטע מאָמענטען אין דער עקזיסטענץ פון א מענשען זיינען פאר איהם געוועזען דער שוידער, וואס איינער פיהלט, ווען ער שטעלט אין סכנה זיין לעבען פאר דער זאך אדער פאר דעם צווייטען מענשען, צו וועלכע ער איז איבערגעבען מיט זיין גאנצען נפש; דער צוי־טער, מיט וועלכען א גליקליכע ליבע פילט אָן די נשמה. שריי־בענדיג אין זיין הקדמה צו La Chartreuse וועגען מילאן, באַ־מערקט ער זעהר כאראקטעריסטיש:

„דאס אוועקגעהן פון דעם לעצטען עסטרייכישען רעגימענט סאָלדאטען איז געוועזען א צייכען פון דעם פאלען פון די אלטע אידעען. עס איז געווארען א מאָדע פאר מענשען צו שטעלען אין סכנה זייערע לעבענס. זיי האָבען איינגעזעהן, אז אום נאָך יאהר־הונדערטע פון צבוע'צסטווע און פלאכקייט צו זיין גליקליך, מוזען

זיי עפּעס ליב האָבען מיט אַן אמת'ער ליידענשאַפט און צו זיין מסוגל, ווען עס איז נויטיג, צו ריזיקירען מיט זייערע לעבענס".

די צוויי ליידענשאַפטען, די ליבע צו מלחמה און די ליבע צו פרויען זיינען ביי בעיל געווען נאָר פאַרשידענע אויסדרוקען פון איין גרונדליידענשאַפט; די ליבע צו "אַס, וואָס ער רופט גע־וועהנליך "le divin imprevu" (דאָס געטליכע ניט־פאַראויס־געזעהענע), די ליידענשאַפט, אין וועלכער ער איז אַן אמת'ער דיכטער. ווי אַזוי דער קריג, באַזונדערס ווי נאַפּאָלעאָן האָט איהם געפיהרט, האָט באַפרידיגט די דאָזיגע שטרעבונג זיינע, ברויכט ניט קיינע ערקלעהרונגען. ווי אַזוי פרויען, באַזונדערס איטאַליע־נישע פרויען, האָבען זי באַפרידיגט, דערצעהלט ער אונז אַליין. אין אַ בריעף פון מילאַן, געדאַטירט דעם 4טען סעפּטעמבער 1820, שרייבט ער:

„היות ווי איך האָב פאַרבראַכט פופצעהן יאהר אין פאַריז, איז אויף דער וועלט ניטאָ קיין זאַך, צו וועלכער איך זאָל זיין אַזוי אינגאַנצען גלייכגילטיג, ווי צו אַ שעהנינקער פראַנצויזין. און מיין דערווידער פאַר אַלץ, וואָס איז וואָכעדיג און פאַר געמאַכטקייט צווינגט מיך אָפט צו ווערען מעהר, ווי בלויז גלייכגילטיג. ווי נאָר איך באַגעגען אַ יונגע פראַנצויזין, און זי איז נאָך צום אומגליק גוט ערצויגען, פאַנג איך תיכף אָן זיך דערמאָנען אָן מיין אייגע־נער היים ביי מיינע עלטערען און די ערציהונג, וואָס מיינע שוועס־טער האָבען באַקומען. איך זעה פאַראויס אַלע איהרע באַוועג־גונגען און איך וויים אַפריהער אפילו די וויטסטע אָפּשפּיגלונגען פון איהרע געדאַנקען. דערפאַר האָב איך בעסער ליב אַ שלעכטע געזעלשאַפט, מחמת דאָרט איז דאָ מעהר, וואָס מען קען ניט פאַר־אויסזעהן. אויף וויפיעל איך קען זיך אַליין, איז עס די דאָזיגע זייט פון מיין נשמה, וואָס איטאַליען און איטאַליענער ריהרען אָם שטאַרקסטען אין מיר אָן, פריהער פאַר אַלץ די פרויען. שטעל זיך פאָר מיין אַנטציקונג ווען איך האָב אין איטאַליען אַנטדעקט אַזוינס, וועגען וואָס קיין שרייבער און קיין רייזענדער דערמאָנען ניט אין זייערע שריפטען און האָבען דעריבער ביי מיר ניט פאַרכאַפּט דעם פאַרגעניגען צו זיין אַן אַנטדעקער. מיין אַנטדעקונג איז, אַז דאָס ניט־פאַראויסגעזעהענע געפינט מען גראָדע אַממייסטען אין דער

איטאַליענער בעסטער געזעלשאַפט. די דאָזיגע מערקווירדיגע גייסטער (זשעניען, זאָגט ביעל) האַלט גאָר ניט אָפּ פון צו טאָן דאָס, וואָס עס גלוסט זיך זיי, סיידען זיי האָבען קיין געלט ניט אָדער דאָס, וואָס זיי ווילען, איז פשוט אוממעגליך. אויב עס עקזיסטירען נאָך ערגעץ פּאָראורטיילען, איז עס נאָר צווישען די נידריגערע קלאַסען."

אין אנדערע ווערטער, בעיל האָט טיעפער פון אַלץ ליעב די ענערגיע אין דער טאַט און אין געפיהל, וואָס שטעלט זיך פאר קיין זאַך ניט אָפּ, אָהן אונטערשייד צי זי טרעט ארויס אלס אומבאַזיגבאַרער געניאַלער פיהרער פון ארמייען אָדער אַלס גרענעצלאָזע צערטליכקייט פון אַ פרוי. דערפאַר פאַרגעטערט עס ער נאַפּאָלעאָנ'ען, — ער, דער קאַלטער, טרוקענער אַפּשפּעטער*). דערפאַר האָט ער ליעב די מילאַנערין. דערפאַר פאַרשטעהט ער און מאָלט פאַר אונז, אַלס שרייבער, אַ סך בעסער דעם פופצעהנטען און דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט אין איטאַליען, איידער די יעצטטיגע צייט. ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט ארומגעטראָגען מיט אַ פּלאַן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם, אָנצושרייבען „די געשיכטע פון ענערגיע אין איטאַליען" און מען קען כמעט זאָגען, אַז זיינע „איטאַליענישע כראָניקען", וואָס ער האָט געקאָפּירט פון אַלטע כתבים, האָט איבערגעאַרבייט אָדער האָט צוגעטראַכט, זיינען באמת אַ פּסיכאָלאָגישער שטודיום פון דער ענערגיע פון די איטאַליענער.

איין אָנדייטונג איז גענוג אום צו צייגען, אַז די זעלבע ליבע פאַר דאָס ניט־פאָראויסגעזעהענע, וואָס האָט איהם געטריבען אין

*) אין אַ בריף וואָס ער האָט געשריבען, אָבער וואָס ער האָט ניט אָפּגעשיקט, צו בייראָן, שרייבט ער וועגען נאַפּאָלעאָן אין אָפענע ווערטער אַלס „דער העלד, וועמען איך פאַרגעטער". און אין אַ בריף פון דעם 10טען יולי, 1818, שרייבט ער באַגוצענדיג זיך וואָרשוינליך מיט דעם איינציגען לירישען אויסדרוק, וואָס מען באַגעגענט אין אַלע זיינע צוואַנציג בענדער: „אָך, הייליגע העלענאַ! דו, פון יעצט אָן אזוי באַריהמטער פעלזענשטיין, דו ביזט דער שטיין, אָן וועלכען ענגלאַנד'ס עהרע איז צושמעטערט געוואָרען". ער דערמאָנט דאָ די אמת'ע ליריקער, ווי הוגאָ און היינע.

דער מלחמה, האָט איהם געמאַכט, ווען די מלחמה איז געווען אריבער, פאַר אַ רייזענדען, פאַר אַן עמיגראַנט און קאָסמאָפּאָליט.

אין איין שטעל אין זיינע בריף, דערציילענדיג, אַז ער האָט באַקומען אַ באַפעהל אָבצופאָהרען אויף אַנ'אַנדער פּאָסטען און ווי שווער עס איז איהם צו שיידען זיך מיט דער ליעבע, וואָס בינדט איהם צו צום אָרט, וואו ער איז געווען, זאָגט ער, אַז פונדעסטוועגען האָט ער ניט ווילענדיג הנאה. „ווען מען פאַנגט נאָר אָן צו שמועסען וועגען אָבפאָהרען און וועגען זעהן עפּעס נייעס." און עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש, אַז די זעלבע שטרעבונג צו דאָס ניט פאַר־אויסגעזעהענע, דאָס הייסט, צו מוטיגקייט און פארשייטקייט, אָדער, אין אַ טיפערען זין, צו דאָס געניאַלע, וואָס האָט איהם גע־צויגען צו פרויען און געמאַכט איהם ליבען צאַרטער און ליידענ־שאַפטליכער פון אַנדערע, צייגט זיך ארויס אין זיין ליידענשאַפט־ליכער ליעבע צו מוזיק און צו דער פלאַסטישער קונסט, וואָס האָט נורם געווען ער זאָל ווערען אַן ענטוזיאַסט, אַ דילעטאַנט, אַ צײ־צעראָן און אַ שרייבער פון ביאָגראַפיען. ער האָט ליעב געהאַט טשימאַראָזאַ און קאָרעדזשיאָ, אַריאָסטאָ און בייראָן, ווי מען האָט ליעב אַ פרוי. באַטראַכט, למשל, זיין פאַרהאַלטען זיך צו בייראָן. פאַר דער וועלט האָט ער איהם, און זיינע שריפטען, שטרענג און קאַלט קריטיקירט; אין זיינע פּערזענליכע פאַרהעלטניסע מיט איהם האָט ער זיך געהאַלטען שטאָלץ, האָט דיספּוטירט מיט איהם וועגען נאַפּאָלעאָנ'ען, א. א. וו. ער האָט אפילו איבערגעלאָזען אָהן אַן ענטפער דעם זעהר ליעבען בריעף, וואָס בייראָן האָט צו איהם געשריבען זיבען יאָהר נאָך זייער באַגעגעניש, דערפאַר וואָס, ווי ער אַליין זאָגט עס, ער האָט באַמערקט סימנים פון צבוע'צסטווע אין בייראָנ'ס פאַרטיידיגונג פון סיר וואָלטער סקאָט. אָבער קוקט זיך נור צו ווי ער באַשרייבט די געפיהלען, וואָס זיין ערשטע באַ־געגעניש מיט בייראָן האָט ביי איהם אַרויסגערופען, דאָרט, וואו ער שרייבט אָפענהערציג:

„איך בין דאַמאָלס געווען ווילד פארליעבט אין „לאַראַ". פון צווייטען בליק האָב איך שוין מעהר ניט געזעהן פאַר זיך בייראָן אַזעלכען, ווי ער איז באמת געווען, נאָר אַזעלכען, ווי דער מחבר פון „לאַראַ" האָט אין מיינע אויגען געמוזט זיין. ווען דער שמועס

אין דער לאָזשע האָט זיך אָבגעהאַלטען, האָט דער הער דע־ברעס געפּרואווט זיך מאַכען מיך צום ריידען, אָבער איך האָב פּשוט ניט געקענט. איך בין געווען צו איבערפילט מיט יראת־הכבוד און צערטליכקייט. ווען איך וואָלט געהאַט די העזה וואָלט איך גע־קושט בייראָנ׳ס הענט און וואָלט אויסגעפּלאַצט אין טרעהרען ... אוים צערטליכקייט האָב איך איהם געראַטען ער זאָל נעהמען א דראָזשקע״*).

פיעלע אַנדערע מענשען אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער האָבען ליעב געהאַט מלחמה און נסיעות, פרויען און קונסט. אָבער זעהר כאַראַקטעריסטיש און אויסערגעוועהנליך מאָדערנע איז געווען בעיל׳ס נייגונג און פעהיגקייט אָבצוגעבען זיך א חשבון וועגען זיינע אייגענע געפיהלען בשעת ער איז געווען פאַרטאָן אין זיינעם מעשים און אין דער עכטער היץ פון זיינע ליידענשאַפ־טען. ער הערט קיינמאָל ניט אויף צו באָאָבאַכטען זיך אַליין, ער האַלט שטענדיג, אַזוי צו זאָגען, זיין האַנט אויף זיין פּולס. מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיגקייט גיט ער זיך אָב א חשבון וועגען דעם צושטאַנד פון זיין נשמה און וועגען די סיבות וואָס האָבען דעם דאָזיגען צושטאַנד געבראַכט און ער ציהט פון דאָס אַלץ א גאַנצע קייט אַלגעמיינע שלוסען. מיר וועלען איהם נאָכפאָלגען אין א שלאַכט. בשעת דער קאַנאָנאַדע פון באָוצען שרייבט ער אין זיין טאָג־בוך:

„צווישען צוועלף און דריי א זייגער זעהען מיר מערקווירדיג גוט אַלץ, וואָס מען קען זעהן אין א שלאַכט, דאָס הייסט, גאָרנישט. די הנאה באַשטעהט אין דעם, וואָס מיר פיהלען זיך לייכט (דער „לייכט״ איז זעהר כאַראַקטעריסטיש) אויפגערעגט צוליעב דער זיכערקייט, אַז עטוואָס מורא׳דיגעס קומט פאַר פאַר אונזערע אויי־גען. דער מאַיעסטעטישער דונערען פון די קאַנאָנען מאַכט דעם איינדרוק זעהר א סך שטאַרקער. אויב זיי וואָלטען געפייפט גלויב איך ניט, אַז אונזער אויפרעגונג וואָלט געווען אַזוי שטאַרק. דאָס

---

*) מעהר וועגען בייראָן אין בעיל׳ס ווערק זעה דעם אַרטיקעל „לאָרד בייראָן אין איטאַליען״ אין דעם באַנד אונטער דעם נאָמען „ראַסין און שעקספּיר״ ז. 126 און „בריף צו פריינד״: 1, 273 און 2, 71.

פייפען קען זיין אַזוי מוראַ'דיג אָבער עס קען ניט זיין אַזוי גראַנ־דיעז."

אָדער מיר וועלען איהם הערען ווען ער איז פאַרליעבט. ער שרייבט:

„דאָס געבורט פון דער ליבע.

אָט־וואָס עס קומט פאָר אין דער נשמה:

1. באַוואונדערונג.

2. מען זאָגט צו זיך אַליין: „וואָס פאַר א פאַרגעניגען עס וואָלט געווען איהר א קוש צו געבען אָדער צו באַקומען א קוש פון איהר, א. אַ. וו."

3. האָפענונג.

מען שטודירט די ערפאָלגען, וואָס מען האָט שוין געהאַט... אפילו ביי דער צניעות'דיגסטער פרוי גלאַנצען די אויגען און די באַקען ווערען רויט אין דעם מאָמענט פון האָפענונג; די ליידענ־שאַפט איז אַזוי שטאַרק, דער תענוג איז אַזוי גרויס, אַז זיי לאָזען זיך דערקענען דורך סימנים, אין וועלכע מען קאָן ניט מאַכען קיין טעות.

4. די ליבע איז געבאָרען.

ליב צו האָבען מיינט צו האָבען הנאה פון זעהן, פון אָנריהרען, פון באַנעמען מיט אַלע חושים אַזוי נאָהענט ממש ווי מעגליך דעם נפש, וואָס מיר האָבען ליב און וואָס האָט אונז ליב.

5. עס פאַנגט זיך אָן די ערשטע קריסטאַליזאַציע.

מען נעמט זיך דעם נחת צו באַפוצען מיט א טויזענד מעלות די פרוי, אין וועמעס ליבע מען איז זיכער. מען חזר'ט איבער אין געדאַנק מיט דער גרעסטער הנאה אַלע פרטים פון דעם גליק וואָס מען לעבט דורך.

לאָזט דעם מח פון א פאַרליבטען ארבייטען פיר און צוואַנציג שטונדען כסדר און דער רעזולטאַט וועט זיין ענליך צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אין זאַלצבורג, ווען מען וואַרפט אַרונטער א צווייג אָהן בלעטלאַך אין טיפען מדבר פון די זאַלץ־מינען. ווען מען נעמט זי צוריק אַרויס צוויי אָדער דריי מאָנאַטען שפעטער, איז

זי ארומגערעקט מיט גלאַנצעדיגע קריסטאַלען. די קלענסטע צווייַ־
געלאַך אויף דעם צווייַג, אפילו יענע, וואָס זיינען ניט גרעבער
פון אַ פינגער פון אַ בלומויז, זיינען באַזעצט מיט אָהן אַ שיעור
באַוועגליכע, שימערענדע, פינקלענדיגע דימענטען. די געוועזענע
צווייַג איז ניט צי דערקענען. דאָס, וואָס איך רוף קריסטאַליזאַציע,
איז די ארבייט פון דעם מח, וועלכער אַנטדעקט אין אַלץ, וואָס
שטעלט זיך איהם פאָר, אַ נייע מעלה פון דער פערזאָן, וואָס מען
ליבט. אַ רייזענדער דערצעהלט ווי קיהל עס איז אין די ברענענדיגע
זומערדיגע טעג אין די אַפּעלסינען־גערטנער אין גענוא — וואָס
פאַר אַ פארגעניגען עס וואָלט געווען צו געניסען די קיהלקייט צו־
זאמען מיט איהר!... די דאָזיגע ערשיינונג, וואָס איך נעם זיך
די פרייהייט אָנצורופען קריסטאַליזאַציע, האָט איהר מקור אין אונ־
זער נאַטור, וועלכע באַפעהלט אונז צו זוכען פארגעניגען און צווינגט
די בלוט צו לויפען דורך אונזער קאָפּ; זי שטאַמט אויך פון דעם,
וואָס אונזער תענוג וואַקסט צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון די מעלות
פון דעם מענשען, וואָס מיר ליבען, און אַמענדע פון דעם געדאַנק:
זי איז מיינע. דער ווילדער מענש האָט קיין צייט ניט צו געהן
ווייטער פון דעם ערשטען טראָט. ער האָט אויך פארגעניגען, אָבער
די ענערגיע פון זיין מארך ווערט פארנוצט אויף צו יאָגען זיך נאָך
דעם הערש, וועלכער באַזאָרגט איהם מיט שפייז... הגם דער מאַן,
וואס איז ליידענשאַפטליך פארליבט, זעהט אַלע מעלות אין דער
פרוי, וועלכע ער האָט ליב, דאָך ווערט זיין געדאַנק אויך צוגעצויי־
גען פון אַנדערע זאַכען, מחמת דער מח ווערט מיד פון אַלץ, וואָס
איז מאָנאָטאָנע, אפילו ווען דאָס איז פולער גליק. אָבער צו דעם
קומט צו נאָך אַ זאַך, וועגען וואָס מען מוז זיך פארטראַכטען:

6. עס ווערט געבאָרען דער ספק.

נאָך דעם ווי צעהן אָדער צוועלף בליקען אָדער אַנאַנדער רייהע
פון סמנים האָבען באַגייסטערט דעם פארליבטען מיט האָפנונג
און האָבען די דאָזיגע האָפנונג פארשטאַרקט... פאַנגט ער אָן
צו פאָדערען זיכערערע באַווייזען וועגען זיין גליק. ווען ער איז
ביי זיך צופיל זיכער, קומען איהם אַנטקעגען קאַלטקייט, גלייכגיל־
טיגקייט און אפילו כעס... ער פאַנגט אָן צו צווייפלען אין דער זי־
כערקייט פון'ם גליק, וואָס ער האָט זיך פארשפּראָכען. ער באַשליסט

זיך צו געפינען נחמה אין די אנדערע פארגעניגענס פון דעם לע־בען, אָבער עס ווייזט זיך ארויס, אז זיי עקזיסטירען שוין מעהר ניט פאר איהם. עס פאלט אויף איהם אָן א מורא פאר א שרעק־ליכען אומגליק און א טיפער פארלאנג צו באטראַכטען וואָס קומט עס מיט איהם פאָר.

7. די צווייטע קריסטאַליזאציע.

איהרע דימענטען זיינען פארקריסטאליזירונגען פון דעם גע־דאנק: זי ליבט מיך. אַלע פערטעל שטונדע דורך דער נאכט נאָך דעם געבורט פון דעם ספק זאָגט דער פארליבטער, נאָך א מאָ־מענט פון שרעקליכע יסורים, צו זיך אליין: יאָ, זי האָט מיך ליב, און ער געפינט נייע זאכען, פון וואָס צו זיין אנטציקט. דאָן באַ־פאלט איהם דער ספק ווידעראמאָל; ער זעצט זיך אוועק, פאר־געסט זיך צו אָטעמען און פרעגט זיך אליין: אָבער האָט זי מיך טאקע באמת ליב? און אין מיטען פון די דאָזיגע יסורים'דיגע און שמחה'דיגע געדאנקען פיהלט דער אָרימער פארליבטער קלאָר איין זאך: דער לעבען מיט איהר וועט מיר געבען די אלע פארגעני־גענס, וואָס נאָר זי איינע אין דער וועלט קען שאפען פאר מיר און צו וועלכע עס איז קיין גלייכען ניטאָ."

עס זיינען דאָ ווייניג אזעלכע פיינע און שארפע אנאליזען פון א ליידענשאפט. ניט אָהן א יסוד האָבען בעיל'ס באשרייבונגען פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער מענשליכער נשמה ווען זי געפינט זיך אונטער דעם איינפלוס פון ליידענשאפט, דערמאָנט זיינע בעסטע קריטיקער, טעין און בורזשעי, אָן דעם דריטען טייל פון שפינאָזא'ס עטהיק, אָן דעם מייסטערהאפטען „דע אפעקטיבוס". אין דעם דאָזיגען סאָלדאט, אדמיניסטראטאָר, דיפלאָמאט און לי־בעס־פיהרער האָט געשטעקט א גאנץ היבשער פילאָזאָף. ער האָט געשטערעבט אויפצולייזען יעדע ערשיינונג אין דעם לעבען פון די געפיהלען אין די עלעמענטען, פון וועלכע זי באשטעהט, און האָט, פון צווייטען צד, אָנגעוויזען אויף דער פארבינדונג צווישען די אי־דעען און די אויפרעגונג פון די חושים, וואָס, פאראייניגט אין איין סיסטעם, — באַשטימען דעם גייסט און דעם כאראקטער פון דעם אינדיווידועלען מענשען. ער האָט ניט ווייניגער באטראַכט די פאר־שיידענע שטאַרקייט, בערך איינער צו די אַנדערע, פון די געפיהלען,

ווי זייערע פארשיידענע פארבינדונגען און צוזאמענפלעכטונגען צווי־שען זיך. ער האט געזוכט דעם מקור פון משונה'דיגקייטען אין כא־ראקטערען אין טיפע נאציאנאלע און קלימאטישע סיבות. ער האט באשריבען די פסיכאלאגיע פון ראסען און הגם ער האט זיך קיינ־מאל ניט געהאלטען ביי שטרענג וויסענשאפטליכע מעטאדען איז אבער אין זיינע פארשונגען פון די באוועגונגען אין דער מענשליכער נשמה שטענדיג געווען א שטארקע שטרעבונג די זאך וויסענשאפט־ליך צו באהאנדלען. ער האט שטענדיג געזוכט צו באשטימען זא־כען מיט א צאהל, מיט א מאס אדער מיט א וואג. אין איין ארט באשרייבט ער ווי א קעניג האט באזוכט א קליין שטעדטעל, דעם רעש, מיט וועלכען ער פאהרט אהינצו אריין, דעם גרויסען פאראד, דעם „הנותן תשועה למלכים" און דאס רויכערען פון ווייררויך אין קלויסטער און די שיסערייען פון ביקסען און פון קאנאנען אויסערען קלויסטער, און פארענדיגט די באשרייבונג מיט די ווערטער:

„די פייערען זיינען געווען אויסער זיך פון שמחה און פון יראת־המלכות. איינער אזא טאג פטר'ט די ווירקונג פון הונדערט בלעטער פון די יאקאבינישע צייטונגען".

אין איינעם פון זיינע ביכער דערצעהלט אן אנטלאפענער רע־וואלוציאנער ווי אזוי דער אויפשטאנד, וועלכען ער האט אנגעפיהרט, איז דורכגעפאלען דערפאר, וואס ער האט ניט געוואלט געבען זיין הסכמה מען זאל הינגריכטען דריי מענשען און ער האט זיך אנט־זאגט צו צוטיילען צווישען זיינע אנהענגער זיבען־אכט מיליאן פראנק, וואס זיינען געלעגען אין א קאסטען, צו וועלכען ער האט געהאט דעם שליסעל.

„דער וואס וויל זיך דערשלאגען צו א ציל, — זאגט בעיל'ם העלד, — מוז וועלען באנוצען זיך מיט די מיטלען; ווען איך וואלט געהאט די מאכט, וואלט איך געהאנגען דריי מענשען כדי צו ראטעווען דעם לעבען פון פיר" *).

די טעאריע איז בכלל א נארישע און מען קען זי ניט פאר־

*) Rouge et Noir („רויט און שווארץ"), 1, 105; 2, 45.

טיידיגען, מחמת זי איז באַגרינדעט אויף דעם קינדערשען געדאַנק, אז פיר מענשען זיינען אַלע מאָל ווערט מעהר פון דריי.

עס איז דייטליך געזאָגט, אַז דער לעצטער תנאי פון גליק איז, לויט דעם שטאַנדפּונקט פון בעיל, קלאָרקייט. דער ענדציל פון אַלע זיינע שטרעבונגען איז געווען אַ קלאָרער פאַרשטעהן פון זיין אייגענעם גייסטיגען צושטאַנד און פון דעם מעכאַניזם פון דער מענשליכער נשמה בכלל. זיין מיינונג איז געווען, אַז ערפאָלג, גליק אין ליבע און גליק אין אַלגעמיין מאַכען קלאָר דעם שכל און מאַכען שאַרפער די פעהיגקייטען צו קריטיק און ער איז געווען, פון צווייטען צד, איבערצייגט, אַז קיין זאַך מאַכט ניט אַ מענשען אַזוי אומגליקליך ווי חסרון אין קלאָרקייט. אין אַ בריף צו אַ פריינד, געשיקט פון מאָסקווע אין 1812, שרייבט ער זעהר כאַראַקטעריסטיש:

„דער גליק, וואָס דו לעבסט יעצט דורך מוז אומבאַדינגט נאַטירליך פיהרען דיך צוריק צו די פרינציפּען פון ריינעם בעיליזם (פון בעיל). אַ וואָך צוריק האָב איך דורכגעלייענט רוססאָ'ס „וידוי". ער איז געווען אומגליקליך נאָר דערפאַר, וואָס איהם האָבען געפעהלט צוויי אָדער דריי בעיל'ישע פרינציפּען. די דאָזיגע מאַניע (משוגעת) אומעטום צו זעהן פליכטען און מידות־טובות האָט געמאַכט זיין סטיל פעדאַנטיש (פון אַ שטאַרקען מקפּיד) און זיין לעבען אומגליקליך. ער פאַרברייננגט דריי וואָכען פריינדליך מיט אַ מענשען און, — אָט — נאַ"דיר! — : די פליכטען פון פריינדשאַפט, און אַזוי ווייטער. צוויי יאָהר שפּעטער האָט יענער מענש אָן איהם פאַרגעסען; רוססאָ זוכט און געפינט דערפאַר עפּעס אַ מעלאַנכאָלישע ערקלעהרונג. „בעיליזם" וואָלט איהם געזאָגט: „צוויי קערפּערס דערנעהענטערען זיך איינער צום אַנדערען, פון דעם קומט אַרויס אַ וואַרימקייט און אַ ברויזעריי אָבער אַלע אַזעלכע צושטאַנדען געהען אַריבער. דאָס איז אַ בלימעל, פון וועלכען מען דאַרף נעמען דעם פולען גענוס."

אין די דאָזיגע ווערטער איז פאַראַן אַ שטיק אויסגעצייכענטע פילאָזאָפיע וועגען לעבען, וואָס וואָלט געווען אַ סימן פון אַן אויסערגעוועהנליכע גייסטיגע גלייכגעוויכט, אויב דער פּראַקטישער לעבען פון בעיל'ן פערזענליך וואָלט געשטימט מיט זיינע פרינציפּען. אָבער הגם בעיל איז בטבע געווען גענייגט צו שטאַרקען סענ־

זואַליזם און אין זיין רײדען האָט ער זיך צוגעוואוינט צו אַ גראָבען ציניזם — ער האָט מיט זיין ניבול־פּה אָפּגעשראָקען פון זיך זשאָרזש זאַנד, ווען זי און דע מוסעי האָבען זיך מיט איהם באַגעגענט פאָה־רענדיג קיין איטאַליען — און הגם ער איז אַלס דענקער געווען דאָס, וואָס ער האָט געפאָדערט פון אַ פילאָזאָף צו זיין: אַ מענש מיט אַ קלאָרע קאָפּ, קאַלט און פריי פון אילוזיעס (איינביידענישען), — ער פלעגט זאָגען, אַז צו זיין אַ באַנקיר מיינט דורכצוגעהן די בעסטע פּאָרשול פאַר פילאָזאָפיע, — איז אָבער דאָך הינטער דעם דאָזי־גען קרעפטיגען טעמפּעראַמענט און דער טרוקענער לאָגיק געווען אַן אויפרייצענדער, פּרויענ׳שער קינסטלערישער חוש פאַר אַלע איינ־דרוקען, וואָס איז געווען ניט שוואַכער פון רוסאָ׳ס. און בעיל האָט דעם דאָזיגען חוש זיינעם ניט אָנגעוואָרען ביז דעם סוף פון זיין לעבען. אין דער אויטאָביאָגראַפיע (Vie de Henri Brulard) וואָס מען האָט געפונען צווישען זיינע כתבים, איז ער זיך מודה:

„מיינע חושים זיינען געוואָרען צו שאַרף. דאָס וואָס עס קראַצט נאָר אָן ביי אַנדערע די הויט, פאַרוואונדעט מיך ביז צום בלוט. אַזעלכער בין איך געווען אין דעם יאָהר 1799; אַזעלכער בין איך אין 1840. אָבער איך האָב זיך אויסגעלערענט דאָס אַלץ צו פאַרבאָרגען אונטער אַן איראָניע, וואָס דער המון פאַרשטעהט ניט.“

זעלטען האָט אַ נשמה אין זיך פאַראייניגט אַזאַ גרויסע ליבע פאַר אינסטינקטיוועקייט און פאַרשייטקייט מיט אַזאַ אויסגערעכענט־קייט און צערטליכקייט צו אַנדערע; מען האָט זעלטען באַגעגענט אַ מח, וואָס האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט דעם אמת און איז אין דער זעלבער צייט געווען אַזוי פאַרמאַסקירט, וואָס האָט געהאַט אַזאַ ברענענדען האַס פאַר צביעות און איז אין דער זעלבער צייט געווען אַזוי ווייניג אָפענהערציג און דירעקט.

.20

בעיל.

ביז דעם יאָהר 1830 האָט בעיל ניט פאַרעפענטליכט קיינע וויכ־טיגע פּאָליטישע ווערק אויסער אַ ראָמאַן אונטער דעם נאָמען „ארמאַנס" (1827), ניט קיין גרעסערעם בוך, וועמעס העלד, אַ באגאבטער יונגערמאַן, מאַכט די פרוי, וואָס ער ליבט, אומגליק־ליך מחמת ער ליידט פון אַ האַלב־פיזישער און האַלב־גייסטיגער קראַנקהייט; דער מהות פון דער קראַנקהייט איז ניט קלאָר באַ־שטימט, אָבער זי שיינט צו זיין ענליך צו דער, וועלכע האָט גע־שפּילט אַזאַ ראָלע אין דעם לעבען פון סוויפט און פון קירקעגאָר. דער יאָהר 1830, וועלכער איז בכלל אַן אנפאַנג פון אַ נייער עפּאָכע אין דער געשיכטע, איז אויך געווען אַן אָנפאַנג פון אַ נייער עפּאָכע אין דער ליטעראַרישער קאַריערע פון בעיל. אין יענעם יאָהר האָט ער אָנגעשריבען, אָדער לכל הפחות אָנגעוואָרפען זיינע ביידע גרויסע ראָמאַנען "Rouge et Noir" וועלכער איז אַרויס אין דעם יאָהר 1831 און La Chartreuse de Parme, וועלכער איז ניט פאַרענדיגט געוואָרען ביז דעם יאָהר 1839, ווען ער איז אָפּגעדרוקט געוואָרען צוזאַמען מיט די וויכטיגסטע פון זיינע איטאַליענישע כראָניקען L'Abbesse de Castro.

ביידע ראָמאַנען באַהאַנדלען די עפּאָכע תיכף נאָך דעם פאַלען פון נאַפּאָלעאָן און ביידע באַהאַנדלען די עפּאָכע אין דעם זעלבען גייסט. איבער ביידע וואָלט מען געקענט געבען אַלס מאָטטאָ די שטעלע פון דעם ערשטען קאַפּיטעל אין מוסיע'ס „ווידוי פון אַ קינד פון דעם יאָהרהונדערט", וואָס איז ציטירט געוואָרען אין „די רעאַקציע אין פראַנקרייך":

„און ווען די יונגע מענשען האָבען גערעדט וועגען רוהם, פלעגט מען זיי ענטפערען: ווערט גלחים! ווען זיי פלעגען אָנ־

פאנגגען ריידען וועגען עהרע, פלעגט מען זיי זאָגען: ווערט גלחים! און ווען זיי פלעגען ריידען וועגען האָפנונג, וועגען ליבע, וועגען מאכט, וועגען לעבען, האָבען זיי תמיד געהערט די זעלבע תשובה: ווערט גלחים!"

די האנדלונגען פון „רויט און שווארץ" קומען פאָר אין פראנק־רייך און פון „די גאַנצע פון פארם" — אין איטאליען, אָבער אין ביידע ביכער איז דער הויפט כאראקטער א יונגער מענש, וועלכער באוואונדערט בסוד נאפאָלעאָנ'ען און וואָלט זיך געפיהלט גליקליך, אויב ער וואָלט געהאט די געלעגענהייט צו קעמפען און אויסצייכענען זיך אונטער דער הערשאפט פון זיין העלד, ווען יענעמס לעבען איז געווען פול מיט דעם גלאנץ פון דער זון; יעצט אָבער, ווען נאפאָלעאָן איז געפאלען, האָט ער קיין אנדער וועג ניט ווי שנעל צו מאכען א קאריערע, אויסער דורך זיין א היפאָקריט. די יונגע העלדען פון ביידע ראָמאנען אנטוויקלען אין זיך צוביסלאכוויז א גרויסע בריה'שאפט צו שפילען זייערע היפאָקריטישע ראָלען קינסטלעריש. ביידע, זשוליען און פאבריס, טויגען בעצם אמבעסטען צו זיין אפיצערען אין דער קאוואלעריע, דאָך ווערען זיי ביידע גלחים. איינער ענדיגט א קאטוילישען סעמינאריום, דער צווייטער ווערט דערהויבען צו דער מדרגה פון א בישאָף. ניט אָהן א יסוד האָט מען וועגען בעיל'ם ראָמאנען געזאָגט, אז ביידע זיינען באמת שולחן־ערוך'ם פאר צבוע'צסטווע. די גרונדשטימונג אין ביידע איז דער טיפער עקעל און כעס, וואָס דער נצחון פון צבוע'צסטווע האָט ארויסגערופען אין זייער מחבר. ער גיט דער דאָזיגער שטימונג, פון וועלכער ער וויל זיך באפרייען, דעם פול־סטען אויסדרוק, באשרייבענדיג, אָהן א סימן פון כעס, די צבוע'צ־סטווע אלס די הערשענדע מאכט פון יענער צייט, צו וועלכער יע־דער איינער, וואָס וויל שטייגען אין לעבען, מוז זיך בוקען. ער פרובירט זיך שפיעלען די ראָלע פון א מאָדערנעם מאקיאוועלי, אפּלאָדירענדיג ניט זעלטען זיינע העלדען, ווען עס געלינגט זיי גוט צו פארמאסקירען זיך און אפצונארען אנדערע דורך זייער צבוע'צ־סטווע און האָבענדיג געגען זיי, פארקעהרט, תרעומות, ווען זיי לאָזען זיך אָפּנארען פון אנדערע אָדער ווען זיי ציינען ארויס אומ־געריכטערהייט פאר זיך אליין זייער אמת'ען „איך". דעם דאָזיגען

איראָנישען סטיל פון דערצעהלען קען מען ניט אָפּטיילען פון א געוויסער מאָס געצוואונגענקייט און פיינליכער געקינצעלטקייט *).

מחמת בעיל איז בעיקר געווען א מענש פון שכל מיט א כח פאר ריינע פילאָזאָפישע באָבאַכטונגען און מיט א שטענדיג לע־בעדיגע נייגונג צו הסתלקות (רעפלעקסיע), האָבען אויסערליכקייטען געמאַכט אויף איהם א שוואַכען איינדרוק און זיינע פעהיגקייטען צו באַשרייבען פארבען און פאָרמען זיינען געווען זעהר קליין. ער האָט זיך אינטערעסירט נאָר מיט דעם לעבען פון די געפיהלען און

*) למשל: „זשוליען האָט זעהר גוט געענטפערט אויף די דאָזיגע טענות אויף וויפיל דאָס האָט צו טאָן מיט זיינע ווערטער גופא, אָבער דער טאָן, מיט וועלכען ער האָט זיי ארויסגעזאָגט און די שלעכט באַ־האַלטענע בליצען פון זיינע אויגען האָבען געמאַכט דעם הער שעלאַן אומרוהיג. דאָך דאַרפען מיר צוליב דעם ניט האָבען אַ צו־שלעכטע מיינונג וועגען זשוליען. ער האָט געפונען פונקט די זעלבע אויסדרוקען, וואָס דער היפּאָקריט, וואָס געהט ארום מיט קעצישע טריט, וואָלט געברויכט. פאַר זיינע יאָהרען איז דאָס געווען גוט. וואָס אנבאלאנגט זיין טאָן און זיינע העויות, מוז מען געדיינקען, אַז ער האָט תמיד געלעבט צווישען פויערען און האָט קיינמאָל ניט געהאט די געלעגענהייט צוקוקען זיך צו די גרויסע מוסטערען. אָבער קוים האָט ער געהאט די פּריווי־לעגיע צו זעהן די דאָזיגע הערען פון דער נאָהענט זיינען די באַוועגונגען פון זיינע הענט און זיין שפּראַך געוואָרען וואונדערבאַר בשלמות". אין אַנאַנדער אָרט ווערט באַשריבען ווי זשוליען עסט צוזאַמען ביי איין טיש מיט אַ ברוטאַלען אויפזעהער פון אַ תפיסה. ער שעמט זיך מיט דער חברה, אין וועלכער ער געפינט זיך. ער זאָגט צו זיך אַליין, אַז ער וואָלט אויך אַמאָל געקענט באַקומען אַזאַ שטעל, אָבער נאָר דורך דעם, וואָס ער וואָלט באַגאַנגען די זעלביגע געמיינע מעשים, צו וועלכע די חברה ביים טיש זיינען געוואוינט געוואָרען. „אַך, נאַפּאָלעאָן, — טראַכט ער פאַר זיך, — „ווי גלענצענד איז געווען דיין צייט, ווען מענשען האָבען זיך דערשלאָגען צו אַ הויכען מצב אין לעבען דורך די סכנות פון דעם שלאַכטפעלד! אָבער יעצט מוזען זיי עס טאָן דורך פארגרע־סערען די יסורים פון די אומגליקליכע!" בעיל איז מוסיף: „איך בין מודה, אַז די שוואַכקייט, וואָס זשוליען צייגט דאָ ארויס אין דעם מאָנאָלאָג, שאַפט ביי מיר ניט קיין געהויבענע מיינונג וועגען איהם. ער וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַ חבר פאר יענע רעוואָלוציאָנערען אין געלע הענטשקעס, וועלכע ווילען איבערקעהרען די גרויסע מדינה מיט דעם קאָפּ אראָפּ, אָבער זיינען אנטשלאָסען ניט צו האָבען אפילו די לייכט־סטע תרעומות געגען זיך אַליין".

פון דעם באוואוסטזיין און זייענדיג אליין א פסיכאָלאָג, מאָלט ער כמעט אלע זיינע כאראקטערען אלס לויטער פסיכאָלאָגען. אלס א כלל פארשטעהן זיי קלאָר, וואָס עס קומט פאר אין זייערע אייגענע נשמות, פיעל בעסער ווי געוועהנליכע בשר־ודם'ס קענען עס לערנען פון זייער ערפאהרונג. דאָס איז דער מקור פון דעם אייגענטימליכען געבוי פון בעיל'ס ראָמאַנען. זיי באשטעהען מעהרסטענס פון צוזאמענגעבונדענע מאָנאָלאָגען, וואָס יעדער איינציגער פון זיי פארנעמט א גאנצען זייט און א מאָל עטליכע זייטען כסדר. ער וויקעלט פאר אונז פאנאנדער דעם שטומען לעבען פון דעם מח פון זיינע פערזאָנען און דריקט אויס אין ווערטער זייערע אינערליכסטע געדאנקען. זיינע מאָנאָלאָגען זיינען קיינמאָל ניט די לירישע, די דיטהיראמבישע (א געוויסע פאָעטישע פאָרמע) אויסברוכען, ווי זיי זיינען אפט ביי זשאָרזש זאנד; זיי זיינען די שאלות און די תשובות, — קורצע און שארפע, הגם זיי לאָזען זיך אריין אין די קלענסטע פרטים, — דורך וועלכע מענשען באטראכטען זאכען שטום אין זיך.

דער טיפסטער שטריך פון בעיל'ס הויפט פערזאָנען, וועלכע זיינען פונ'ם שטאנדפונקט פון דער געוועהנליכער מאָראל, העכסט געוויסענלאָז און אונמאראליש, באשטעהט אין דעם, וואָס זיי שאפען פאר זיך זייער אייגענע מאָראל. דאָס איז אייגענטליך וואָס, לויט בעיל'ס מיינונג, אלע מענשען דארפען קענען טאָן, אבער דאָס איז א מדרגה, צו וועלכער נאָר די אנטוויקעלטסטע מענשען דערגרייכען, און מיט דעם זיינען עס בעיל'ס פערזאָנען אין אזא מערקווירדיגער מאָס העכער פון אנדערע כאראקטערען, וואָס מיר טרעפען אין ביכער אדער אין ווירקליכען לעבען. זיי האלטען תמיד פאר זייערע אויגען אן אידעאלען מוסטער, וואָס זיי האָבען אליין פאר זיך באשאפען, זיי שטרעבען צו לעבען אין הסכם מיט איהם און זיי בארוהיגען זיך ניט כל־זמן זיי קענען ניט האָבען קיין אכטונג פאר זיך אליין. דערפאר קען זשוליען, וועלכער ווערט הינגעריכטעט פאר אן אבשייליכען פארזוך צו דערמאָרדען א פארטיידיגונגסלאָזע פרוי, זיך טרייסטען אין דער שעה פון זיין טויט מיט דעם געדאנק, אז זיין לעבען איז ניט געוועזען אָהן א זינען; ער האָט שטענדיג געהאט פאר די אויגען די אידעע וועגען „פליכט".

עס איז דייטליך געגוג, אַז בעיל האָט דעם דאָזיגען שטריך, מיט וועלכען ער באַזאָרגט זיינע העלדען, גענומען פון זיין אייגענעם כאַראַקטער. אין אַ בריף, געשריבען אין דעם יאָהר 1820, נאָך דעם ווי ער איז זיך מאריך וועגען דעם, אַז ער האָט פיינט גרויסע אכסניות, דעריפאַר, וואָס דאָרט ווערען די רייזענדע באַהאַנדעלט מיט אומ׳כבוד, איז ער מוסיף:

„אַ טאָג, אין וועלכען איך בין געוועזן צו׳כעס׳ט, איז פאַר מיר אַ פאַרלאָרענער טאָג, און דאָך ווען מען באַהאַנדעלט מיך מיט אומ־כבוד, דוכט זיך מיר, אַז מען וועט מיך פאַראַכטען, אויב איך וועל ניט ווערען אין כעס“.

פונקט די זעלבע סברות האָבען זשוליען און פאַברים. מיט אַזאַ מין געדאַנק אין קאָפּ צווינגט זיך זשוליען צו גלעטען מיט ליבע די האַנד פון מאַדאַם רע־רענאַל. פאַברים צווינגט זיך אויף צו להכעים איבערצוחזר׳ען די אמת׳ע, אָבער די רשעות׳דיגע באַ־מערקונג, וואָס ער האָט געברויכט ביי וואַטערלאָאָ וועגען דעם אַנט־לויפען פון די פראַנצויזישע סאָלדאַטען. זשוליען איז אַ פראַנצויז און טוט אַלץ באַטראַכטערהייט; פאַברים איז אַן איטאַליענער און נאַאיוו, אָבער ביידע האָבען די אייגענשאַפט, וועלכע מיר קע־נען אָנרופען „מאָראַלע פּראָדוקטיוויטעט“, די נייגונג אויסצואַר־בייטען פאַר זיך אַ מאָראַל. זשוליען זאָגט צו זיך אַליין אין גע־פענגעניש:

„די פליכט, וואָס איך האָב זיך פאַרגעשריבען, — מיט רעכט אָדער מיט אומרעכט, — איז געוועזן פאַר מיר ווי דער שטאַם פון אַ שטאַרקען בוים, אויף וועלכען איך האָב זיך אָנגעלעהנט בשעת אַ שטורעם“.

דער לייכטזיניגער פאַברים, האָבענדיג טענות צו זיך אַליין פאַר אַ וויילעדיגען שרעק, זאָגט צו זיך:

„מיין מומע רעדט, אַז פריער פון אַלץ מוז איך זיך אויס־לערנען זיך אַליין מוחל צו זיין. איך אָבער פאַרגלייך זיך תמיד מיט אַ בילד, וועלכער איז פאַלקאָם, אָבער וועלכער איז אויף דער וועלט ניטאָ“.

מיט דעם זעלבען געפיהל פון העכערקייט איבער אַנדערע מענשען און זעלבסטשטענדיגקייט צייכענען זיך אויס מאַדעמואַזעל

דע־לא־מאַל אין „רויט און שווארץ" און מאַסקא אין „די נאַנע פון פארם". מאַסקא, וועמען בעיל'ס צייטגענאָסען האָבען נאָאיוו אָנגענומען פאר א בילד פון מעטערניך, איז, טראָץ דעם, וואָס ער איז א הויפט־מיניסטער פון א קליינעם לעגיטימיסטישען הויף דאָך אזוי פאַלשטענדיג גייסטיג פריי פון דער סיסטעם, וועלכע ער דינט, ווי בעיל'ס יונגע העלדען. מאַסקא איז אויך פאר־זיך באַ־גייסטערט פאר נאַפּאָלעאָנ'ען, אין וועמעס ארמיי ער האָט אין זיינע יונגע יאָהרען געדינט אלס אפיציער. ווען ער טוט אָן אויף זיך דעם ברייטען גאָלען באַנד פון זיין אָרדען, וויצעלט ער זיך:

„פאר אונז פאַסט ניט צו פארניכטען דעם אנזעהן פון מאַכט. די פראַנצויזישע צייטונגען טוען עס שנעל גענוג. ד י מ ש ו ג ע ת פ ו ן י ר א ת ־ ה כ ב ו ד וועט אונז קוים איבערלעבען".

אָבער צי די באַשריבענע פערזאָנען זיינען בכלל באַגאַבטע מענשען צי ניין, ווערט אָבער זייער גייסטיגער לעבען געמאָלען אויף איין און דעם זעלבען אופן. ניט נאָר זעהען מיר זייערע נשמות, נאָר מיר באַקומען אויך, מעהר ווי ביי וועלכען עס איז אנדער שרייבער, — א השגה וועגען די פּסיכאָלאָגישע געזעצען, וואָס צווינגען זיי צו טאָן און צו פיהלען אזוי און ניט אנדערש. קיין אנדער שרייבער פון ראָמאַנען גיט ניט זיינע לעזער אזוי פיעל פארגעניגען, וואָס קומט פון א ריכטיגען פארשטעהן פון די האַנד־לונגען.

מאַדאַם דע־רענאַל איז פארליבט אין זשוליען, דעם הויז־לעה־רער פון איהרע קינדער. אין איין אָרט זאָגט דער שרייבער:

„מיט שאַנדע און מיט מורא האָט מאַדאַם דע־רענאַל אנט־דעקט, אַז זי האָט מעהר ליב איהרע קינדער דערפאר, ו ו אָ ס ז י י ז י י נ ע ן א ז ו י א י ב ע ר ג ע ב ע ן צ ו ז ש ו ־ ל י ע ן".

מאַטילדע דע־לא־מאָל פייניגט זשוליען מיט דעם, וואָס זי דערצעהלט איהם וועגען די געפיהלען, וואָס זי האָט געהאַט צו איהרע פריהערדיגע געליבטע. בעיל זאָגט וועגען דעם:

„ווען מען זאָל געווען אין זיין ברוסט אריינגיסען צושמאָל־צענעם בליי, וואָלט ער ניט אזוי שטארק געליטען. ווי אזוי האָט געקאָנט דער ארימער בחור, עלענד ווי ער איז געווען, חושד זיין,

אַז מאַדעמואַזעל דע־לאַ־מאָל האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע הנאה צו דערמאָנען זיך וועגן איהרע אַלטע ליבשאַפטען מיט מאָסיע דע־קעילוס און מאָסיע דע לוץ ד ו ק א ד ע ר פ א ר, ו ו א ָ ס ז י ה א ָ ט ו ו ע ג ע ן ד ע ם א י ה ם ד ע ר צ ע ה ל ט ?״

ביידע שטעלען דעקען פאַר אונז אויף אַ פסיכאָלאָגישען געזעץ.

זשוליען איז געוואָרען אַ גלח צוליב דעם כבוד, וואָס די קאַר־יערע פון אַ גייסטליכען גיט, אָבער ביי זיך אין הארצען האָט ער פיינט געהאַט די פרנסה, פאַר וועלכער ער האָט זיך גענומען. בשעת איינע פון די חנאות זעהט ער אַ יונגען בישאָף שטעהענדיג אויף די קני אין דעם דאָרף־קלויסטער, ארומגערינגעלט פון לויטער שעהנינקע יונגע מיידלאך, וועלכע זיינען פאַרטאָן אין באַוואונ־דערען די שעהנע שפיצען פון זיין בגד, זיין בכבוד׳ען אויסזעהן און באַנעמען זיך און זיין איידעלען געשמאַקען פנים:

„ביי דער דאָזיגער סצענע איז דער ביסעל שכל, וואָס איז נאָך געבליבען ביי אונזער העלד, פאַרשוואונדען. אין יענעם מאָמענט איז ער געווען גרייט צו קעמפען פאַר דער אינקוויזיציע און ער וואָלט עס געווען געטאָן מיט זיין גאַנצען הארצען". די הוספה „מיט זיין גאַנצען הארצען" איז באַזונדערס וואונדערבאַר.

אַן עהנליכען שטעל געפינט מען אין La Chartre. בשעת אַן אויפשטאַנד, וואָס האָט אויסגעבראָכען נאָך דעם טויט פון אַ פירשט — אַ הערשער, ווען ער (מאָסקאַ) האָט אַליין פאַראַכטעט און ווען זיין אייגענע געליבטע האָט פאַר׳סמ׳ט, — האָט מאָסקאַ געמוזט זיך שטעלען בראש פון די סאָלדאַטען און אונטערדריקען די מאַסען אין דעם נאָמען פון דעם יונגען פירשט, ווען כאַראַק־טער איז געווען אַזוי מיאוס, ווי פון דעם געטויטעטען. אין אַ בריף, אין וועלכען ער דערצעהלט וועגן דער געשעהעניש צו זיין געליבטער, שרייבט ער:

„אָבער די קאָמישע זאַך פון דער געשיכטע איז דאָס, וואָס איך, אין מיינע יאָהרען, בין אויף אַ ווייַלע געווען באמת באַגייס־טערט ווען איך האָב געהאַלטען מיין רעדע צו דער גאַרד און האָב אַרונטערגעריסען די עפּאָלעטען פון די אַקסלען פון דעם לומפ, דעם גענעראַל פ.. וועלכער האָט אָנגעפיהרט דעם המון. א י ן י ע־ נ ע ם מ א ָ מ ע נ ט ו ו א ָ ל ט א י ך, נ י ט פ א ר ט ר א כ־

טענדיג זיך, געווען אָפּגעבען מיין לע־בען פאר דעם פירשט. איך בין זיך איצט מודה, אז דאָס וואָלט געווען זעהר א נארישער וועג ווי מיין לעבען צו ענ־דיגען".

ביידע שטעלען ציינען מיט וואונדערבארער פיינקייט ווי א קינסטליכע באגייסטערונג פארבלענדעט און פארכאפּט א מענשען ווי אן אַנשטעקענדע מגפה.

קיין אנדער ראָמאַנען־שרייבער קומט ניט צו בעיל אין פאר־שטעלען דעם אינערליכען קאַמף פון אידעען און די געפיהלען, וואָס דער דאָזיגער קאַמף רופט ארויס.

בעיל ציינט אונז די ענדערונגען און די געפיהלען, וואס גליק און אומגליק שאַפען אין טעטיגע און ליידענדע מענשליכע ברואים, — און אויך די לערך'דיגע קראַפט פון די דאָזיגע געפיהלען, — ווי מען ציינט דורך א מיקראָסקאָפּ אָדער דורך איינשפּריצונגען פון פארבען די קלענסטע אדערלאַך אין א שטיק גוף. מאָסקא האָט באַקומען אן אַנאָנימען בריעף, אין וועלכען מען דערצעהלט איהם, אז זיין געליבטע האָט ליב אַנאַנדערען. ער האָט עטליכע אור־זאכען צו דענקען, אז די ידיעה איז ריכטיג און דאָס מאכט איהם תחילת אוים מענש. נאָכדעם, ווי א קלוגער מענש און א דיפּ־לאָמאַט, פאנגט ער ניט ווילענדיג אָן צו טראַכטען וועגען דעם בריף גופא און מאכט פארשיידענע השערות וועגען דעם, ווער האָט איהם געקאָנט שרייבען. ער באשליסט, אז דער פירשט איז געווען דער מחבר פון דעם בריף:

„ווי נאָר די פראגע איז געווען פארענטפערט, איז די קליינע פרייד, וואָס דאָס מאכען פון דער ריכטיגער השערה האָט איהם גע־געבען, אָפּגעווישט געוואָרען דורך דעם שמערצליכען געפיהל, וואָס האָט איהם פארכאפּט, ווען ער האָט זיך פארגעשטעלט אין געדאנק דעם פירשען, יוגענדליכען אָנבליק פון זיין קאָנקורענט".

בעיל האָט דאָ ניט פארפעהלט אָנצוציינען דעם מאָמענטאַ־לען געפיהל פון צופרידענהייט מיט דער ריכטיגער אָנטדעקונג,

וואָס האָט אויף אַ ווײַלע איבערגעריסען די יסורים פון אייפער־זוכט.

זשוליען מוז געהן אויף דער תליה נאָר אין עטליכע טעג ארום, דערווייל זעהט ער זיך אָפּט מיט זיין געליבטע, וועמען ער האָט עטליכע יאָהר ניט געזעהן, וועלכע באזוכט איהם אין תפיסה. ער גיט זיך איינגאַנצען אָפּ מיט זיין ליבע און טראכט ניט אפילו וועגען דעם נאָהענטען סוף זיינעם.

„דורך אַ וואונדערבארער ווירקונג פון דער ליידענשאַפט, וועלכע האָט דערגרייכט דעם העכסטען גראַד און איז ניט גע־שטערט געוואָרען דורך קיינע ספקות, *איז מאַדאַם דע רענאַל געוואָרען כמעט אַזוי זאָרגלאָז און אַזוי מונטער, ווי ער*".

דער לעצטער שטארקער צוזאַץ שיינט מיר צו זיין אַ וואונ־דערבאַר טיפע באָאבאַכטונג. בעיל האָט ריכטיג געפיהלט און איבערגעגעבען, אַז אַ ליידענשאַפט, וועלכע פילט אָן די גאַנצע נשמה מיט גליק, פארטרייבט אַלע טריבע געדאַנקען, אפילו דעם געדאַנק וועגען טויט, ווי נאָר זיי קומען אין מח אריין. ער ווייס, אַז ליידענשאַפט, ווען זי קומט צו אַ קאַמף מיט דער פאָרשטעלונג וועגען אַן אָנקומענדען אומגליק, באזיגט זי און שאַפט זי מאַכט־לאָז, אויב זי פארוואַרפט זי ניט אינגאַנצען אַלס אַזוינס, וואָס איז ניט דענקבאַר. אַזוינע שטעלען, ווי די, מאַכען אַנדערע ראַ־מאַנען־שרייבער אויסקוקען פלאַך אין פארגלייך מיט בעיל.

זיינע פערזאָנען זיינען קיינמאָל ניט קיין פשוט'ע, גראַדע מענשען. דאָך ווייס ער ווי צו מאָלען זיי אַזוי, אַז זיי זאָלען, — די פרויען אַזוי גוט ווי די מענער, — מאַכען אַן איינדרוק, ווי זיי וואָלטען געהאַט זייער אייגענעם מין גרויסקייט. זיי באַזיצען אַ געוויסע אמת'ע, הגם צודרעהטע, העלדישקייט, אַ געוויסען כח פון באַגייסטערונג, וואָס פאַרכאַפּט אין איין שוואונג זייער גאַנצע נשמה, און ווען עס קומט די שעה פון זייער גרעסטען נסיון אין לעבען צייגען זיי ארויס, אַז זייערע געפיהלען זיינען טיפער און זייערע הערצער זיינען שטאַרקער, ווי ביי געוועהנליכע מענשלי
באַשעפענישען. באַמערקט די קליינינקע כאראַקטעריסטישע שט

בען, מיט וועלכע ער באַזאָרגט זיינע פּרויען. ווענן מאַדאַם דע רענאַל אין „רויט און שוואַרץ" זאָגט ער אונז:

„זי איז געווען איינע פון יענע אידעלע, פאַר'חלומ'טע נשמות, וועלכע פיהלען אַזעלכע שאַרפע געוויסענסביסע ווען עס געלינגט זיי ניט דורכצופיהרען אַן אידעלען אויפטו, וואָס זיי האָבען פאַר־קלעהרט, ווי זיי וואָלטען באַגאַנגען אַ פאַרברעכען".

מאַטילדע דע־לאַ־מאָל זאָגט:

„איך פיהל זיך אויף דער זעלבער מדרגה מיט יעדער זאַך, וואָס איז העלדיש און גרויס... וועלכער גרויסער אויפטו קוקט ניט אויס ווי אַ שטות, ווען מען פאַנגט איהם אָן דורכצופיהרען? — נאָר האַמאָלסט, ווען ער איז שוין אָפּגעטאָן, שיינט ער פאַר דעם גע־וועהנליכען בשר־ודם צו זיין אַ מעגליכע זאַך".

מיט וואָס פאַר אַ זיכערער מייסטערקייט ווערען אין די צוויי געבראַכטע קורצע ציטאַטען געמאָלען צוויי גענענזעצטע פאָרמען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס דער כאַראַקטער פון אויסערגע־וועהנליכע פרויען: זעלבסט־אָפּפערונג און העלדישקייט! מיר פיהלען, אַז בעיל איז געווען פאָלשטענדיג געדעכט ווען ער האָט, אין זיין בריף צו באַלזאַק, אַזוי כאַראַקטעריזירט זיין מעטאָדע צו שאַפען:

„איך נעם די אָדער יענע פּערזאָן, וועמען איך קען גוט, איך לאָז איהם אָדער איהר איבער די גרונדשטריכען פון זייער כאַראַקטער און איך גיב זיי צו מעהר שכל—"ensuite je lui donne plus d'esprit".

פון די צוויי ראָמאַנען איז „רויט און שוואַרץ", וואו די האַנד־לונג קומט פאָר אין פראַנקרייך, אָהן ספק, דער בעסטער. אין „די נאָנע פון פּאַרם" פיהלען מיר נאָר ציימענווייז אונטער אונזערע פיס דעם זיכערען באָדען פון דער ווירקליכקייט. בעיל האָט אויפגעבויט זיין אייגענע איטאַליען אויף דעם יסוד פון פאַנ־טאַסטיש אויסגעטייטשטע ערפאַהרונגען פון זיין יוגענד און אויף אונז, מענשען פון דער מאָדערנער צייט, מאַכט די דאָזיגע איטאַ־ליען אַן איינדרוק פון אַן אונגלויבליכע זאַך. אין זיין ראָמאַן און אין זיינע אַרטיקלען צייגט ער אונז, אַז די איטאַליענער, מחמת זייער לעבעדיגע איינבילדונגס־קראַפט, ווערען מעהר, אין פאַרגלייך מיט די פּראָנצויזען, געפּלאָגט פון מיסטרויען און איינריידענישען,

דערפאַר אָבער זיינען זייערע פאַרגעניגענס שטאַרקער און דויערנ־דער; זיי האָבען אַ שאַרפערען חוש פאַר שעהנקייט און זיי זוכען ווענינער כבוד. בעיל איבערראַשט אונז צייטענווייז דורך באַמער־קונגען וועגען פאָלקס־פסיכאָלאָגיע, וועלכע, אויב זיי זיינען ריכ־טיג, — איך גלויב אַז זיי זיינען עס, — מאַכען אַן איינדרוק פון אונגעוועהנליכער טיפקייט. אין איין אָרט, למשל, זאָגט ער וועגען דער הערצאָגין סאַנסעווערינא, אַז הגם זי האָט אַליין זיך באַנוצט מיט גיפט כדי פּטור צו ווערען פון איהרען אַ שונא, איז זי דאָך געווען אויסער זיך פון יסורים ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איהר געליבטער איז אין געפאהר צו ווערען פאַר׳סמ׳ט.

„עס איז איהר אויף דעם געדאַנק ניט געקומען יענע מאָראַ־לישע סברה, וואָס פאַר אַ פרוי, וועלכע איז ערצויגען געוואָרען אין די באַגריפען וועגען פערזענליכער פאַראַנטוואָרטליכקייט פון די אמונות פון די צפון־לענדער, איז אַזוי נאַטירליך: „איך האָב זיך באַנוצט מיט גיפט און דערפאַר ווער איך דורך גיפט באַשטראָפט”. אַזעלכע סברות אין אַ מאָמענט פון טראַגישער ליידענשאַפט וואָל־טען אין איטאַליען אויסגעזעהן אַזוי נאַריש און ניט אַם פּלאַץ ווי אַ לצנות וואָלט אויסגעזעהן אונטער עהנליכע אומשטענדען אין פּאַריז”. בעיל איז, עס זעהט אויס, געווען באַזונדערס פאַראינ־טערעסירט מיט דעם היידנישען (געצענדינערישען) כאַראַקטער פון די איטאַליענער, וועלכען קיינע אמונות פון די אַלטע און פון די מאָדערנערע צייטען האָבען ניט געקענט פאַרניכטען. אָבער טראָץ דער גאַנצער טיפקייט, מיט וועלכער עס ווערט אין איהם אָפט גע־מאָלען די פּסיכאָלאָגיע פון פעלקער, איז דאָך דער ראָמאַן „די נאָנע פון פּאַרם” ווענינער אינטערעסאַנט פאַר דעם מאָדערנעם לעזער פון „רויט און שוואַרץ”, מחמת אין איהם זיינען דאָ מעהר ריין אינערליכע ראָמאַנטישע פּרטים: פאַרקליידעגישען, פאַר־גיפטונגען, מאָרדען, באַשרייבונגען פון תפיסות און אַנטלויפע־נישען א. א. וו. ביידע ביכער צייכענען זיך אָבער גלייך אויס מיט אַ טיפען, אינערליכען ראָמאַנטיזם.

אין פילע באַציהונגען איז בעיל העכסט מאָדערן. זיין שטענ־דיגע נביאות: „מיינע ביכער וועט מען נאָך לייענען אין דעם יאָהר 1880” איז ריכטיג מקוים געוואָרען. דער ראָמאַנטיזם איז אָבער

געווען בולט אין זיין גייסטיגען לעבען און אין זיין באשרייבען פון כאראקטערען. מען דארף באמערקען, אז זיין ראָמאַנטיזם איז דער ראָמאַנטיזם פון אַ שטאַרקער נשמה און אַ קריטישען מח; זיין יסוד איז אַ באגייסטערונג, וואָס גרענעצט זיך מיט משוגעת און אַ צערטליכקייט, וואָס דערגרייכט ביז זעלבסטאָפּפערונג, וואָס מיר טרעפען אַמאָל אין כאַראקטערען, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט שכל און פעסטקייט. אין בעיל׳ס חקרנ׳ישע פּערזאָנען ווירקט דער דאָזיגער ראָמאַנטיזם ווי אַ שטאַרקער אויפרייס־מאַטעריאל. ער איז איינגעשלאָסען אין זייער הארטען, פּעסטען קערפּער, אָבער ער בלייבט דאָרט ביי זיין קראַפּט. אַ שטויס, — און דער דינאַמיט צושמעטערט זיין גלעזערנעם שיידעל און פארשפּרייט ארום זיך טויט און חורבן. באַטראַכט נאָר זשוליען, די הערצאָגין פון סאַנ־סעווערינא א. א. וו. צייטענווייז שיינט, אז די כאַראקטערען באַ־לאַנגען מעהר צום זעכצעהנטען יאָהרהונדערט, וועלכען בעיל האָט אַזוי פלייסיג שטודירט, ווי צום ניינצעהנטען. בעיל אליין באַ־מערקט אין איין אָרט וועגען פאַברים, אז זיין ערשטער ארויסטריט איז געווען אינגאַנצען אין דעם גייסט פון דעם 16טען יאָהרהונ־דערט. און מאַטילדע ווערט פאָרגעשטעלט אַזוי, ווי זי וואָלט איהר גאַנצען לעבען געלעבט אין יענעם גייסט. אָבער מיט דעם ראָמאַנ־טיזם פון ענערגיע און פון העלדישע מעשים פאַראייניגט בעיל דעם ראָמאַנטישען ענטוזיאַזם, מיט וועלכען פראַנקרייך האָט זיך אויסגע־צייכענט אין דער עפּאָכע פון 1830. זיין זשוליען, דער פאָלקס־קינד, וועלכער קען ניט שטייגען אין לעבען צוליב דעם גייסט פון דער עפּאָכע פון רעסטאַוראַציע און פיהלט זיך פארשאַטענט פון דעם הערשענדען גייסט פון דער גאָלדענער מיטעלמעסיגקייט, ווערט פארצעהרט פון אַ הונגער און אַ דורשט נאָך איבערלעבענישען און איינדרוקען. ער ווערט געבראַכט צו אַ מצב פון מאַכטלאָזער שנאה און ברויכט אַלע מינים מיטלען צו דערהויבען זיך צו זיין פריהערדיגען שטעל אין לעבען, אָבער אפילו אין דעם מאָמענט פון זיין נצחון בלייבט ער אין אַ צושטאַנד פון מלחמה געגען זיין סביבה און ניט־צופרידען. אַלס אַ רעוואָלוציאָנערער מעלאַנכאָליקער, אַלס אַ נקמה־זוכענדער פּלעבעער (אַ מענש פון דעם המון), אַלס l'homme malheureaux en guerre avec la societé (אַן אומגליקליכער

מענש, וואָס פיהרט מלחמה נעגען דער געזעלשאַפט), ווי בעיל אליין האָט איהם גערופען, איז ער אַ ברודער, אין זעלבען עלטער אָבער קליגער, צו די שטיף־קינדער פון דער געזעלשאַפט, וועלכע הוגאָ האָט געמאָלען — דידיעי, זשילבערט, רואי בלאַז; צום העלד פון אַלעקסאַנדער דומאַ'ס יוגענד — אַנטאָני דער ממזר; צו מוסעי'ס פראַנק, צו זשאָרזש זאַנד'ס לעליאַ און צו באַלזאַק'ס ראַסטינאַק.

אַלס שרייבער איז בעיל אַ דירעקטער יורש פון דעם 17טען און 18טען יאָהרהונדערט. זיין סטיל האָט ער אויסגעאַרבייט אונ־טער דעם איינפלוס פון מאָנטעסקיו. ער דערמאָנט אונז צייטענ־ווייז אָן שאַמפאָר. ער איז אַ באַוואונדערער פון פאָל לואי קוריעי, וועלכער איז, ווי ער, אַריבער פון אַ מיליטערישער קאַריערע צו אַ ליטעראַרישער און וועמעס סטיל, וואָס איז געווען אָרים אין ביל־דער אָבער קלאָר צום פאַרשטעהן און קלאַסיש איינפאַך, ער האָט געשעצט זעהר הויך. אָבער ווען קוריעי האָט באַטראַכט די ריינע האַרמאָניע און קלאָרקייט פון דעם סטיל אַלס דעם עיקר, ווען ער האָט, לויבענדיג אַ שרייבער פון דעם אַלטערטום, געזאָגט וועגען איהם אַלס אַ שבח, אַז ער וואָלט געלאָזט פּאַמפּעי'ען געווינען די שלאַכט ביי פאַרזאַלוס אויב ער וואָלט געקאָנט דורך דעם מאַכען אַ זאַץ בעסער פאַרענדיגט, איז זיין שטאַנדפּונקט געווען אַמווייט־כטען פון דעם שטאַנדפּונקט פון בעיל. בעיל אַלס סטיליסט האָט ניט קיין חוש פאַר פאַרבען אָדער פאָרמען. ער האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט שרייבען פאַר דער אויג. דאָס בילד איז פאַר איהם געווען גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם געדאַנק. ער האָט קיינמאָל ניט געמאַכט אפילו די קלענסטע פּראָבע צו שרייבען אויף דעם זעלבען אופן ווי שאַטאָבריאַן אָדער הוגאָ. און פונקט אַזוי וועניג האָט ער געזוכט צו ווירקען אויף דעם אויער. פּאָעטישע פּראָזע האָט אין איהם אַרויסגערופען אַ גרויל. ער האָט פיינט געהאַט דעם לשון פון מאַדאַם דע סטאַל אין "Corrine" און ער פלעגט מאַכען לצנות פון דעם סטיל פון זשאָרזש זאַנד'ס ראָמאַנען. אויס כעס צו פּאָעטישער מליצה האָט ער אָנגעשריבען די באַ־וואוסטע ווערטער אין זיין בריף צו באַלזאַק:

„בשעת איך האָב געשריבען La Chartreuse פלעג איך יעדען פריהמאָרגען איבערלייענען צוויי־דריי זייטען פון Code civile (די

זאַמלונג פון ציווילע געזעצען) כדי איך זאָל קענען כאַפּען דעם ריכטיגען טאָן און זיין אינגאַנצען נאַטירליך. איך וויל ניט אריינ־כאַפּען די לעזער דורך קינסטליכע מיטלען".

מיט קיין גרעסערע אָדער מעהר ניט־באַגרינדעטע פאַראַכטונג פאַר דאָס קינסטלערישע קען זיך קיין דיכטער ניט אויסדריקען. דאָך האָט בעיל געהאַט קינסטלערישע מעלות. הגם דער בנין פון זיינע ראָמאַנען איז מיאוס, — זיי זיינען, אַזוי צו זאָגען, שלעכט געצייכענט, — זיינען אָבער אַ סך פּרטים אין זיי געמאָלען מייס־טערהאַפט. הגם זיין סטיל איז בשום אופן ניט מוזיקאַליש, — וואָס איז זאָנדערבאַר פאַר אַזאַ פאַרגעטערער פון דער איטאַליע־נישער מוזיק, — זיינען אָבער דאָ אין זיינע ביכער אַ סך אויס־דרוקען, וואָס מען קען ניט פאַרגעסען. ער איז ניט געווען קיין מייסטער אָנצושרייבען אַ גאַנצען בלאַט, אָבער ער האָט פאַרמאָגט אַ געניאַליטעט, וואָס האָט איבערגעלאָזען זיין חתימה אויף אַ וואָרט אָדער אויף דער באשרייבונג פון אַ כאַראַקטער־שטריך. אין דעם פּרט איז ער דער היפוך פון זשאָרזש זאַנד. איהר בלאַט איז תמיד פיל העכער פון איהרען אַ וואָרט. בעיל'ס וואָרט איז פיל בעסער פון זיין בלאַט. ער האָט באַלזאַק'ן באמת באַוואונדערט, אָבער זיין סטיל פלעגט אויף איהם אָנוואַרפען אַ שרעק. מען זעהט דאָס אַמבעסטען פון אַ באַמערקונג אין Mémoirs d'un Touriste, וואו ער דריקט אויס די מיינונג, אַז באַלזאַק פלעגט פריהער אָנשרייבען זיינע ראָמאַנען אין אַ שכל'דיגען לשון און נאָכדעם פלעגט ער זיי באַפּוצען מיט ראָמאַנטישע מליצות, ווי „דער שניי פאַלט פון מיין האַרץ" א. ד. ג. בעיל'ס אייגענער סטיל האָט די מעלות און די חסרונות, וועלכע זיינען אָן אונפאַרמיידליכער רעזולטאַט פון זיין פילאָזאָפישען און אַפאָריסטישען (קורץ געפאַסטע פילאָזאָפישע געדאַנקען) אַרט דענקען. ער איז רייך אין אידעען און זינדיגט ניט מיט באַפּוצונגען. פון דעם צווייטען צד איז ער אָבער אָהן אַ סדר נאַכלעסיג און שפּרינגט פון איין ענין צו אַ צווייטען.*) זיין

*) אום צו באַקומען אַ באַגריף ווי גוט און ווי שלעכט בעיל קען שרייבען, לייענט די עטליכע זאַצען:

"Ce raisonnement, si juste en apparence, acheva de jeter Mathilde hors d'elle-même. Cette ame altiere, mais saturee de toute cette

גרויסע מעלה איז וואָס ער איז דורכגענומען מיט אַן אמת'ען horror vacui , אַן אימה פאַר פוסטקייט און ניט־באַשטימטקייט. עס איז קוים דאָ נאָך אַ שרייבער, ביי וועמען דער סיפור־המעשה איז אַזוי אינהאַלטסרייך און ניכטער.

בעיל פלעגט אָפט זאָגן אַז נאָר פעדאַנטען און גלחים ריידען וועגען דעם טויט; ער האָט פאַר דעם טויט קיין מורא ניט געהאַט, אָבער ער האָט איהם באַטראַכט אַלס אַ טרויעריגע און מיאוס'ע זאַך, וועגען וועלכער וואָס ווייניגער מען רעדט איז בעסער. ווען ער איז אין דעם יאָהר 1842 געשטאָרבען פּלוצלונג, ווי ער האָט געהאָפט צו שטאַרבען, איז זיין נאָמען געווען כמעט אומבאַקאַנט. נאָר דריי מענשען זיינען געווען ביי זיין קבורה און קיינער פון זיי האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. דאָס, וואָס די צייטונגען האָבען וועגען איהם נאָך זיין טויט געשריבען, הגם עס איז געווען וואויל געמיינט, האָט נאָר געצייגט ווי ווייניג עס האָבען איהם פאַרשטאַנען אפילו די מענשען, וועלכע האָבען איהם אָנערקענט. אָבער זינט זיין טויט איז זיין רוהם כסדר געוואַקסען. לכתחילה האָט מען איהם באַטראַכט אַלס אַ משונה'דיגען מענשען, וועמעס משונה'דיגקייט איז געווען מעהר אָדער ווייניגער אַן אָנשטעל. שפּעטער, ווען מען האָט שוין צוגעגעבען, אַז ער האָט געהאַט גרויסע גייסטיגע כחות, האָט מען איהם נאָך אַלץ באַטראַכט אַלס אַן איזאָלירטע פיגור, אַלס אַ פּאַראַדאָקסישען, אומפרוכטבאַרען מח. איך, פון מיין צד, זעה אין איהם ניט נאָר איינעם פון די הויפּט פאַרשטעהער פון דעם דור פון 1830, נאָר אויך אַ נויטיגען גליד אין דער אידעען־באַוועגונג פון

---

prudence sèche, *qui passe dans le grand monde pour peindre fidèlement le coeur humain,* n'éait pas faite pour comprendre vite le bonheur de se maquer de toute prudence qui peut être si vif pour une ame ardente."

מען איז זיך משער וואָס דער שרייבער מיינט, הגם דער זאַץ איז, חוץ דעם, וואָס ער איז שלעכט געבויט, אַפילו לאָגיש ניט ריכטיג. אָבער תיכף נאָך דעם זאַץ קומט אַנאַנדערער, וועלכער איבערראַשט אונז מיט זיין טיפקייט ווי מיט זיין שאַרפען וויץ:

"Dans les hautes classes de la société de Paris, ou Mathilde avait vécu, la passion ne peut que bien rarement se dépouiller de la prudence, et c'est du cinquième étage qu'on se jette par la fenêtre."

דעם יאהרהונדערט. ווארים אלס פסיכאלאג איז זיין נאכפאלגער און פארטזעצער פון זיין ארבייט געווים ניט קיין קלענערער מענש פון טעין און אלס דיכטער איז זיין נאכפאלגער און זיין תלמיד געוועזן פראספער מערימעי.*)

*) די בעסטע אפשאצונג פון בעיל זיינען באלזאקים קריטיק פון "La Chartreuse"; טעין'ס קריטיק פון "Rouge et Noir"; מערימעי'ס באמערקונג אין דער הקדמה צו בעיל'ס "Correspondence inédite", מעהר באריכות אין "Portraits historiques"; קאלאמב'ס ביאגראפישער ארטיקעל; סענט־בעוו'ס צוויי ארטיקלען אין די Causeries du Lundi, T. 9; באסיער'ס ארטיקעל אין "Revue des deux Mondes" פון דעם פופצעהנטען יאנואר, 1843; זאלא'ס אין "Les Romanciers naturalistes" און פאל בורזשעי'ס אין Revue Nouvelle פון דעם 15טען אויגוסט, 1882. אלפרעד דע־בוזשוי'ס "Stendhal" איז נאר פלאגיאריזם און א אנשטעל צו מאכען זיך פאר א חכם.

.21

מערימעי.

מיה, מענשען פון היינטיגען דור, וועלכע האָבען געלייענט וויקטאָר הוגאָ'ם סאַרקאַסטישע ווערטער וועגען מערימעי אין זיין „געשיכטע פון אַ פאַרברעכען" (L'histoire d'une crime) און זיינען געצוואונגען צו זעהן אין הוגאָ נאָר אַ ליריש־רעטאָרישען רעפּובּליקאַנער און אין מערימעי נאָר דעם ראַפינירטען, סאַרקאַס־טישען סעקרעטאַר פון דעם ליבע־הויף פון דער צווייטער אימפּעריע, קאָנען זיך קוים פאָרשטעלען, אַז די דאָזיגע צוויי מענשען, וועלכע זיינען זיך מיט דער צייט דורך זייערע פאַנאַטישע און פּאָליטישע אַנטיפּאַטיעס אַזוי ווייט פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָבען אין זייער יוגענד באַלאַנגט צום זעלבען לאַגער און האָבען געלעבט צווישען זיך ניט נאָר בשלום, נאָר אויך אַלס גוטע פריינד. אין איינעם פון די שעהנע פריהלינגס טעג פון'ם ראָמאַנטיזם האָט די אַלצועהענדע זון אַרונטערגעשיינט אויף דעם זעהר פּינקטליכען מחבר פון "Mateo Falcone" בשעת ער איז געשטאַנען אין וויקטאָר הוגאָ'ס קיך מיט פאַרקאַטשעטע אַרבעל און אין אַ פאַרטוך, אַרומ־גערינגעלט פון דער גאַנצער פאַמיליע, און האָט געלערענט די קעכין פון דעם באַריהמטען שרייבער די מלאכה ווי צו מאַכען macaroni a l'italienne (איטאַליענישע לאָקשען). דער מאַכל איז דאַמאָלס אַרויסגעקומען אויסגעצייכענט גוט. מען דערצעהלט אויך, אַז איינמאָל אין אַ יום־טוב'דיגען אָוונט האָט הוגאָ — פּילייכט באַגייסטערט פון די זעלבע מאַכל'דיגע לאָקשען, — גע־מאַכט פון דעם נאָמען Prosper Mérimée דעם געלונגענעם און חנפיה'דיגען אַנאַגראַם (נוטריקון) M. Première Prose („דער ערשטער צווישען שרייבער פון פּראָזע").

וויקטאָר הוגאָ אַליין וואָלט שפּעטער זיכער געלייקענט, אַז דער אַנאַגראַם האָט זיך געפּאַסט (ווען ער האָט איינמאָל געהערט

ווי מען לויבט מערימעי'ס ניכטערען סטיל, האָט ער אַ שליידער געטאָן די ווערטער: „די ניכטערקייט פון אַ שוואַכען מאָגען!"[1], עס וועט אָבער ניט זיין קיין טעות צו זאָגען, אַז ער האָט מערק־ווירדיג ריכטיג אויסגעדריקט די מיינונג פון דעם יעצטיגען עלטערען דור פון פראַנקרייך. די עלטערע פיינגעבילדעטע מענשען פון דער בעסערער געזעלשאַפט אין פראַנקרייך דענקען, אַז קיין בעסערע פראָזע פון מערימעי'ס שרייבט יעצט קיינער ניט.

איך זאָג „פון דער בעסערער געזעלשאַפט" און די „עלטערע מענשען", מחמת די מאַלעריש און תאוה'דיג געשטימטע פראָזא־איקער פון דער יעצטיגער צייט און זייערע לעזער, הגם זיי באַ־טראַכטען איינפאַכע נאַטירליקייט, קלאָרקייט און קורצקייט פון די אויסדרוקען אלס מעלות, דאָך שעצען זיי די זאַכען ניט גאָר הויך. דער געוועהנליכער געבילדעטער פראַנצויז, פאַרקערט, האָט ליעב אַ סיפור־המעשה און האָט פיינט באַשרייבונגען. ער איז, ניט וויסענדיג וועגען דעם, אַן אנהענגער פון די פרינציפען, וואָס לעסינג האָט ארויסגעשטעלט אין „לאָאָקאָאָן", אַן עכטער ראַציאָנאַ־ליסט, וועלכער פאַרדאַמט די ראָמאַנטישע און נאַטוראַליסטישע משוגעת צו באַשרייבען זאַכען און שטעלט וואָלטעיר'ס סטיל הע־כער פון דידעראָ'ס. דער שרייבער, וועלכער גיט איבער אַזוי פיעל פאַקטען ווי מעגליך, ניט שאַדענדיג דער בולט'קייט, אויף דעם קורצסטען פלאַץ, דריקט אוים דעם קינסטלערישען אידעאַל פון דעם דורכשניטליכען געבילדעטען מענשען; נאָך מעהר, ער פאַר־ווירקליכט דעם דאָזיגען אידעאַל ווען ער פאַרבינדט, ווי מערימעי, מיט דער בקיצור'קייט אַ פולע זעלבסטבאַהערשונג בנוגע צום טאָן און צום סטיל. דער עלטערער דור אין פראַנקרייך, פאַר וועמען דער וואָרט „ראָמאַנטיזם" איז צו ביסלעכווייז געוואָרען כמעט דאָס זעלבע ווי פאַר'חלום'טקייט און גוזמא'דיגע באַריכות'דיגקייט, קאָן קוים פאַרשטעהן ווי אַזוי האָט מען מערימעי ווען עס איז באַ־טראַכט אלס איינעם פון די ראָמאַנטיקער. זיי גיבען צו, אַז ער האָט זיך באַטייליגט אין דעם ערשטען ארויסטרעט פון די ראָמאַנ־טיקער, אָבער זיי ערקלערען, אַז דאָס האָט פאַסירט טיילווייז על־פי

1) Victor Hugo raconté par un témoin de sa vie II. 159; Eugéne de Mirécourt: Merimeé, 25.

טעות. ווען זשול סאַנדאָ האָט באַגריסט לואי דע־לאָמעני, מע־רימעי'ס נאָכפאָלגער אין דער פראַנצויזישער אקאדעמיע, האָט ער, כדי צו צייגן וואָס פאַר אַ מין ראָמאַנטיקער מערימעי איז געווען, דערציילט אַן אַלטן אַנעקדאָט וועגן אַ מאַן, וועלכער האָט אין די טעג פון דער יולי רעוואָלוציע פון 1830 אומגעדולדיג אַרומ־געריסן פון די הענט פון איינעם פון די רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָט ניט געקענט גוט שיסן, זיין ביקס, האָט דעם וואָפן אָנגע־שטעלט אויף איינעם פון די שווייצער סאָלדאַטן, וועלכער איז געשטאַנען ביי אַ פענסטער אין דעם טוליערי פאַלאַץ, און האָט איהם דערשאָסן אויף טויט. ווען דער רעוואָלוציאָנער האָט איהם געבעטן ער זאָל לאָזן ביי זיך דעם ביקס, מחמת ער איז אַזאַ גוטער שיסער, האָט ער העפליך געענטפערט: „אַ גרויסן דאַנק, אָבער, דעם אמת געזאָגט, איך בין אַ ראַיאַליסט". מערימעי איז בעצם תמיד געווען, האָט סאַנדאָ געמיינט צו זאָגן, אַ קלאַסיקער; אויב ער האָט אין דער ערשטער עפּאָכע פון זיין קאַריערע כמעט איבערגעשטייגט די ראָמאַנטיקער מיט זיינע אָנפאַלן אויף דעם קלאַסיציזם, איז דאָס געווען בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון צו צייגן זיי ווי צו שיסן. דער געדאַנק, וואָס ליגט אין דעם יסוד פון דער דאָזיגער שפּאַסיגער גוזמא, איז אָבער ווייט ניט ריכטיג. מען קאָן לייכט באַווייזן, אַז טראָץ זיין צוריקגעהאַלטענקייט און דער קלאַסישער שטרענג־קייט פון זיין סטיל איז מערימעי אין פילע הינזיכטען געווען אַן אמת'ער פאָרטרעטער פון דער פראַנצויזישער ראָמאַנטישער ריכ־טונג. דער דאָזיגער אַלגעמיינער גרונדשטריך זיינער טרעט אַרויס אַלץ שאַרפער, וואָס מעהר מיר פאַרטיפען זיך אין דער אייגענאַר־טיגער אָריגינאַליטעט פון זיין כאַראַקטער.

פּראָספּער מערימעי (געבאָרען דעם 28טען סעפּטעמבער, 1803) שטאַמט פון אַ פאַמיליע פון קינסטלער. זיין פאָטער איז געווען אַ טיכטיגער, פיעלזייטיג געבילדעטער מאַלער, וועלכער האָט אָנגעשריבען אַ בוך וועגן דער טעכניק פון זיין קונסט. זיין מוטער איז אויך געווען אַ מאַהלערין. זי איז געווען באַריהמט מיט איהרע פּאָרטרעטען פון קינדער. אויסער דעם האָט זי געהאַט אַ טאַלאַנט צו דערצעהלען מעשות. מיט איהרע שפּאַסיגע געשיכ־

מעם פּלעגט זי מאַכען, אַז די קינדער זאָלען זיצען רוהיג בעת זי פּלעגט מאָלען זייערע בילדער. דער פּאָרטרעט, וואָס זי האָט גע־מאָלען פון איהר איינציגען זוהן ווען ער איז אַלט געוואָרען פינף יאָהר, גיט אַ גוטע פאָרשטעלונג וועגען איהר טאַלאַנט אַלס מאַ־לערין, ווי אויך וועגען דעם אויסזעהען פון איהר קינד. דער פּנים פון דעם יונגען אינגעל איז אויסערגעוועהנליך שעהן; איינגערוימט אין בלאָנדע, ווייכע לאָקען, צייגט די קינדערשע צורה אַרום דעם שטאָלץ און דעם געפיהל פון גייסטיגער גרויסקייט פון אַ מאַן. אין די אויגען איז דאָ אַ תמימות און דער בליק איז פריי, אָבער אין דער געדרעהטער ליניע פון די שטייף געשלאָסענע ליפּען איז דאָ קלוגע שקצ׳ערייע. די האַלטונג פון דעם קאָפּ איז פון אַ קליינעם פּרינץ *). מען פאַרשטעהט ווי דער דאָזיגער אינגעל האָט, נאָכ־דעם ווי ער האָט געזעהן ווי זיינע עלטערען, וועלכע האָבען געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי זיינען ברוגז אויף איהם, האָבען געלאַכט הינ־טער זיין רוקען איבער זיינע חרטה־טרעהר׳ען, באַשלאָסען „מעהר קיינמאָל ניט בעטען קיין פאַרגעבונג״, אַ באַשלוס צו וועלכען ער איז געבליבען טריי ווי אַ מאַן. זיין מוטער, מיט וועמען ער האָט געוואוינט צוזאַמען ביז איהר טויט אין דעם יאָהר 1852, האָט געהאַט אַ וואונדערבאַר שטאַרקען כאַראַקטער. די פילאָזאָפיע פון דעם 18טען יאָהרהונדערט האָט אין איהר אַנטוויקעלט אַזאַ שטאַרקע געגנערשאַפט געגען יעדען רעליגיעזען גלויבען, אַז זי האָט אפילו ניט דערלויבט מען זאָל טויפען איהר זוהן. ווען מערימעי איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער מענש, פלעגט ער וועגען דעם אָפט דערמאָנען מיט סאַטירישע צופרידענהייט. ווען אַ פרומע, ליעבעסווירדיגע דאַמע האָט אַמאָל געברויכט איהר גאַנצע באַריידזאַמקייט צו פועל׳ען ביי איהם ער זאָל דורכמאַכען די טויף־צערעמאָניע, האָט ער איהר געענטפערט:

„איך וועל עס טאָן מיט איין באַדינגונג: איהר זאָלט זיין מיין קוואַטער. איך וויל זיך אַנטאָן אין אַ ווייסען לאַנגען קיטעל און איהר וועט מיך אַזוי אַוועקטראָגען אויף די הענט אין קלויסטער אריין״.

---

*) אַ קאָפּיע פון דעם פּאָרטרעט איז געדרוקט אין מאָריס טורנעי׳ס בוך וועגען מערימעי׳ס פּאָרטרעטען און שריפטען.

די אויסערליכע פאַסירונגען אין מערימעי׳ס לעבען קאָן מען איבערגעבען אין עטליכע פשוט׳ע ווערטער. ווען ער איז אַלט געווען צוויי און צוואַנציג יאָהר, נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט זיין יורידישע בילדונג, וואָס יעדער יונגער באַלעבאַטישער פראַנצויז פלעגט דאַמאָלס טאָן, איז ער מיט גלענצענדען ערפאָלג ארויסגעטראָטען אַלס פּאָעט. זעקס יאָהר צייט האָט ער געפיהרט א לעבען פון א גוט באַזאָרגטען יונגען מאַן אין די געזעלשאַפטליכע קרייזען פון דער ליבעראַלער אָפּאָזיציע און האָט זיין צייט פאַרבראַכט פאַר ליטעראַרישער ארבייט און פאַרגעניגענס. אין דעם יאָהר 1831, ווען זיינע פריינד האָבען באַקומען די פּאָליטישע מאַכט, איז ער באַשטימט געוואָרען אַלס אינספּעקטאָר פון די היסטאָרישע מאָנומענטען אויף דעם פּלאַץ פון וויטע, וועמעס נאָכפאָלגער ער איז שוין אַלס דיכטער געווען. ער האָט פאַרוואַלטעט זיין אַמט מיט איבערגעבענהייט און פעהיגקייט. אָפטע נסיעות אין שפּאַניען און ענגלאַנד, איין נסיעה אין די מזרח לענדער און צוויי אין גריכענלאַנד האָבען פאַרפולט זיין אייגענטימליכע בילדונג און האָבען איהם באַרייכערט מיט די פאַרשיידענסטע איינדרוקען וועגען אויסלענדישע כאַראַקטערען און מנהגים. זיינע אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען פאַר שפּראַכען האָבען געמאַכט מעגליך ער זאָל זיך אַמבעסטען אויסנוצען מיט זיינע נסיעות. ארומפאָהרענדיג אין פרעמדע לענדער האָט ער זיך דאָרטען געפיהלט ווי א היגער. עס איז זעהר זעלטען, אז א פראַנצויז זאָל וויסען אזוי פיעל שפּראַכען וויפיעל מערימעי האָט געוואוסט. ער האָט גערעדט ענגליש, שפּאַניש, — ער האָט גוט געקענט אַלע דיאַלאָגען פון דער שפּאַנישער שפּראַך און האָט גערעדט אפילו ציגיינעריש, — ניי־גריכיש און רוסיש און ער איז געווען א בקי אין די ליטעראַטורען פון די דאָזיגע שפּראַכען. חוץ דעם איז ער געווען גוט באַקאַנט מיט די קלאַסישע ליטעראַטורען פון רוים און גריכענלאַנד. אַלס א בעאַמטער האָט ער פאַרעפענטליכט באַריכטען וועגען זיינע נסיעות איבער פראַנקרייך פול מיט פּרטים, וואָס צייגען אויף א גרויסע בקיאות. צוליב די דאָזיגע קענטענישע זיינע און עטליכע אָפּהאַנדלונגען וועגען געוויסע מאָמענטען אין דער רוימישער געשיכטע, האָט מען איהם אין דעם יאָהר 1841

ערוועהלט אלס ארכעאָלאָג פון דער Acadèmie des Inscriptions. אין דעם יאָהר 1844 איז ער געוואָרען א מיטגליעד פון דער Acadèmie Francaise. אונטער דער צווייטער אימפעריע איז ער אלס אן אלטער פריינד פון דער גרעפין מאָנטיהאָ געוואָרען נאָהענט באפריינדעט מיט דער קייזערליכער פאמיליע. ער און אָקטאוו פעליע זיינען א לאנגע צייט געווען די איינציגע ליטעראַרישע באצירונגען פון דעם נייעם הויף. אין דעם יאָהר 1853 האָט מען איהם געמאכט פאר א סענאַטאָר. ער איז געווען צו עהרליך פאר דעם דאָזיגען כבוד און דאָס, וואָס ער האָט איהם אָנגענומען האָט, ניט אָהן א גרונד, שטארק געשאדט זיין רעפּוטאציע, טראָץ דעם וואָס ער האָט כמעט קיינמאָל זיך ניט באטייליגט אין די זי־צונגען פון דעם סענאַט־קאַמער. בעת ער איז געווען דעם לעצטען מאָל קראַנק, האָט ער זיך דערוואוסט וועגען דעם פאל פון דער אימפעריע. ער איז געשטאָרבען אין קאַננע דעם 23טען סעפּ־טעמבער, 1870.

דער אינערליכער לעבען פון דעם מענשען, ווי ער צייגט זיך ארויס פון זיינע ביכער, איז ווייט ניט אזוי איינפאך. דער כאַ־ראַקטער פון דעם יונגען מאַן, וועלכער איז אין עלטער פון 18 יאָהר ארויס אין דער וועלט, איז באשטאנען פון א סך פארשיידענע עלעמענטען. ער איז געווען זעהר שטאָלץ ביי זיך; עזות'דיג און שעמעדיג אין דער זעלבער צייט. זיין שכל איז געווען העזה'דיג, אָבער זיין כאַראַקטער איז געווען א צוריקגעהאַלטענער. כדי צו פארדעקען זיין בושה'דיגקייט, וואָס האָט אָנגעריהרט זיין שטאָלץ, פלעגט ער זיך האַלטען אָדער שטייף און קאַלט אָדער מיט א לייכטזיניגקייט, געמישט מיט א ציניזם, וואָס איז שפּעטער ביי איהם געוואָרען א געוועהנליכער דרך אין זיין פאַרהאַלטען זיך צו מענער. עס איז ריכטיג, אז אין זיין יוגענד האָט ער זיך ניט פאַרהאַלטען צו מענשען מיט אזא חשד און אזוי צוריקגעהאַלטען ווי שפּעטער, עס איז אָבער א טעות צו דענקען, אז זיין סקעפּטי־ציזם בכלל איז געקומען פון עפּעס א באזונדער אנטוישונג. זעלבסטפארשטענדליך, ער האָט, ווי מיר אלע, געהאַט פיעלע אַנ־טוישונגען אין לעבען און זיינע אילוזיעס זיינען אָפט מיאוס צו־קלאַפּט געוואָרען; זיינע פריינד האָבען איהם אָפּגענאַרט; א

פרוי, וועמען ער האָט געליבט, האָט איהם מקריב געווען פאַר אַנאַנדערען (דאָסאָנוויל דערצעהלט די פּרטים וועגען דעם אין "Revue de deux Mondes" פון דעם 15טען אוגוסט, 1877).
ער האָט זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטעהן די וועלט און האָט זיך דערוואוסט, אַז דער לעבען איז אַ מלחמה און אַז אַ מענש מוז זיך ניט נאָר באַשיצען געגען פאַלשע און ניט־זיכערע פריינד, געגען געהיימע און אָפענע שונאים, נאָר אויך געגען אַזעלכע מענשען, וואָס, ווי ער אַליין זאָגט עס, „טוען רשעות צוליב די רשעות גופא".
אָבער ווען ער זאָל לכתחילה ניט געווען האָבען אין זיך די מיקראָבען פון אומצוטרוי און חשד, וואָלט אפילו אַ טוצען ביטערע אַנטוישונגען איינער נאָך דעם אַנדערען ניט אויסגעוואָרצעלט פון איהם זיין גלויבען אין מענשען, וואָרום אַ מענש מיט אַ צוטרויליכע נאַטור קען תמיד געפינען אין זיין לעבען נאָך אַזא צאָהל פאַרקעהרטע ערפאַהרונגען, וועלכע זיינען מכריע די אַנדערע. אָבער מערימעי'ס נייגונג צו קריטיק איז געווען ניט שוואַכער פון זיין נייגונג צום פּאָעטישען שאַפען און מענשען מיט אַזא כאַראַקטער זיינען מסוגל צו מאַכען דעם כלל, וואָס מיר האָבען בנוגע צו פּראָפעסיאָנעלע קריטיקער — צו טרויען זיי אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי צייגען ארוים אומצוטרוי — פאַר אַ כלל אין זייער לעבען אין אַלגעמיין. מיר קאָנען זיך פאָרשטעלען ווי שטאַרק זיינען די יסורים, וואָס דער פּאָעטישער חוש פאַרשאַפט אַ מענשען מיט אַזא הויך אַנטוויקעלטען קריטישען שכל, ווי מערימעי'ס.

אַ נטיה צו קריטיק איז פריהער פון אַלץ אַ ליעבע צום אמת, און מערימעי האָט די ליעבע געהאַט אין דער גרעסטער מאָס. זיין געבאָרענע עזות'דיגקייט פלעגט איהם, חוץ דעם, צווינגען ארויסצוזאָגען דעם אמת פּונקט אַזוי, ווי ער האָט איהם געפיהלט, ניט רעכענענדיג זיך מיט קיין זאַך. פון זיינע בריעף זעהט מען ווי אָפענהערציג ער איז געווען בטבע, ווי שטאַרק ער איז געניינגט אַרויסצוזאָגען דעם אמת ניט פאַרשטעלט און ווי אומגעדולדיג ער איז געווען מיט די פאַלשקייטען צוליעב דרך־שלום אָדער אפילו מיט די מילדע אָדער מגוזמ'דיגע אויסדרוקען. באַזונדערס איז דאָס צו באַמערקען אין זיינע „בריעף צו אַן אומבאַקאַנטען". אפילו אין די [illegible] ליעבע־בריעף ווערט מערימעי כמעט גראָב ווען עס

דאַכט זיך איהם, אַז זיין גליעבטע האָט אויסגעדריקט אַ געוויסע מיינונג בלויז דערפאַר, וואָס זי איז קאָנווענציאָנעל, אָנגענומען פון דער וועלט. הגם זיין מורא צו מאַכען זיך לעבערליך און זיין שטענדיג וואַקסענדער סקעפּטיציזם האָבען אין איהם ניט געשאַפען קיין נייגונג צו ווערען אַ וואַנדערענדער ריטער אָדער אַ מאַרטירער, איז ער דאָך אין דעם עלטער פון 50 יאָהר באַגאַנגען אַזא ריטערישען שטות, וואָס די מעהרסטע מענשען זיינען מסוגל צו באַגעהן בלויז ווען זיי זיינען נאָך גאָר יונג. ווען זיין פריינד, דער באַריהמטער ליברי, איז פאַר׳משפּט געוואָרען דערפאַר, וואָס ער האָט מיסברויכט זיין אַמט אַלס ביבליאָטעקאַר און האָט צוגענומען און פאַרקויפט אַ סך פון די טייערסטע ביכער פון דער נאַציאָנאַלער פראַנצויזישער ביבליאָטעק, האָט מערימעי, וועלכער האָט ניט געקאָנט גלויבען, אַז ליברי איז פעהיג צו טאָן אַזא מיאוס׳ע זאַך, זיך גענומען איהם צו פאַרטיידיגען מיט אַ היץ, וואָס איז כדאי פאַר עטוואָס בעסערס, און האָט אַטאַקירט די אונטערזוכונגס קאָמיטע און די ריכטער אין אַן אַרטיקעל אין דעם „רעוויו פון צוויי וועלטען" (אַפּריל 15, 1852) מיט אַזא גלענצענדער וויציגקייט, וואָס דערמאָנט אָן די פּאַמפלעטען פון פּאָל לואי קוריע. אַ פּראָפעסיאָנעלער דאָן קיכאָט וואָלט קיין גרעסערען שטות ניט געקענט באַגעהן, און אויב אפילו עס איז אמת דאָס, וואָס די בעלי־סוד פון דעם ענין זאָגען, אַז ער האָט עס געטאָן ניט אַזוי פיעל צוליב ליברי, נאָר דערפאַר, וואָס מאַדאַם ליברי האָט איהם צו דעם אָנגערייצט, ענדערט דאָס ניט דעם תמצית פון זיין טאַט.

אונטער דער אימפּעריע, אפילו אַלס הויפּטמענש, האָט מערימעי פאַרהיט זיין פרייהייט צו זאָגען, וואָס ער דענקט. איך מיין דאָ ניט דעם פאַקט, וואָס ער האָט, אַלס אַ כלל, גערעדט מיט אום׳כבוד וועגען נאַפּאָלעאָן דעם דריטען; דאָס איז פאַר איהם בעצם ניט קיין עהרע, ווען מיר ווייסען, אַז ער איז אָפיציעל געווען נאָהענט פאַרבונדען מיט דעם קייזער׳ס רעגירונג. אָבער אפילו אין זיינע געשפּרעכען מיט מיטגלידער פון דער קייזערליכער משפּחה האָט ער געוואוסט ווי צו פאַראייניגען העפליכקייט מיט אָפענהערציגקייט. אין אַ בריף פון דעם 20טען יולי, 1859, דערצעהלט ער, אַז נאָך אַ לאַנגע רעדע, וואָס דער קייזער האָט געהאַלטען, קומענ־

דיג צוריק פון איטאַליען, האָט די קייזערין איהם געפרעגט אין שפּאַניש, וואס ער דענקט וועגען דעם קייזער'ס ריידען.

„אום צו פאַראייניגען דעם טאָן, — שרייבט ער, — וואָס פּאַסט זיך פאַר דעם קייזערליך הויף און צו זיין אָפענהערציג, האָב איך געענטפערט: „מואי נעצעסאַריאָ" (זעהר נויטיג).

מערימעי'ס נאַטירליכע נייגונג צו פולע אָפענהאַרציגקייט פלעגט דאָך פאַרשטיקט ווערען דורך זיין שטאָלץ און זיין צוריק־געהאַלטענקייט. ער האָט זיך פריה אויסגעלערענט צו פאַרשטעהן, אז דער וואס שטעלט נאַאיוו ארויס זיינע געפיהלען פאַר דער וועלט, מאַכט זיך ניט נאָר לעכערליך, נאָר ער רופט אויך מיט דעם ארויס די סימפּאַטיען און די מחותנות'שאַפט פון דעם גראָבען המון, און נאָך אַלס יונגער מענש האָט ער באַשלאָסען ער זאָל קיינמאָל ניט „ווארפען זיין הארץ פאַר די כלבים". אויסער דעם האָט ער גאר ניט באַדאַרפט זיין אַזוי מיסטרויאיש, ווי ער איז געוועזן, אום צו פאַרשטעהן, אז די מעהרסטע מענשען ארום איהם, וועלכע האָבען אַזוי פריי און קינדעריש ארויסגעשטעלט זייערע געפיהלען, האָבען בכלל גוט געוואוסט צוליב וואס זיי טוען עס. ער האָט תמיד געדענקט, אז די פילע מענשען, וואס שרייען אויף דעם גרויסען יריד פון דער עפענטליכקייט וועגען זייער איידעלקייט, זייער ערנסטקייט, זייער ליבע פאַר דער מאָראַל און דעם גלויבען, זייער פאַטריאָטיזם א. א. וו., טוען עס אדער כדי צו באַקומען דער־פאַר שבחים פון דער וועלט אדער צוליב געשעפט. ער האָט ניט געקאַנט פאַרפעהלען צו באַמערקען, ווי גוט בכלל עס לוינט זיך צו מאַכען דעם איינדרוק, אז מען האָט איידעלע און ווארימע געפיה־לען, און עס איז געוועזן שווער פאַר איהם צו דענקען, אז אנדערע ווייסען ניט דאָס זעלבע. אַלענפאַלס, ער האָט ניט געקענט טאָן, ווי יענע; ער איז געוועזן איינער פון יענע מענשען, וועלכע קענען זיך ניט צווינגען צו לאָזען וויסען דער וועלט וועגען זייער ליבע פאַר גוטסקייט און זייער שנאה פאַר שלעכטסקייט און שטענדיג צו זאָ־גען שבחים פאַר „דאָס גוטע, דאָס אמת'ע און דאָס שעהנע".

אום אויסצומיידען חברותה מיט די אויסגערעכענטע „מענשען פון געפיהלען" און צו באַשיצען זיין אינערליכען לעבען געגען די בליקען פון דעם המון, פלעגט מערימעי באַהאַלטען זיינע שטאַרקע־

רע איבערלעבונגען אונטער אַ שטאַלענעם מאַנטעל פון איראָניע. ער האָט באַשלאָסען בעסער אויסצוזעהן ערגער, ווי ער איז, איידער מען זאָל איהם אָננעמען פאַר איינעם פון די דאָזיגע מוסטערען פון אַלע גוטע מידות. צוליב דעם איז ער געווען אַזוי שטרענג מיט זיך אַליין, אַז ער האָט פאַרלאָרען זיין ערשטע פרישקייט, זיין איינפאַכע נאַטירליכקייט און האָט אין זיך אָנגעשטאָט דעם אויסגעאַרבייט אַ טאָן, וואָס, הגם נאָך אַלץ פשוט און נאַטירליך, איז דאָך בעצם געווען אַ געמאַכטער. אין „לע וואַז עטרוסק", זיין ערצעהלונג, וואָס גיט דעם בעסטען איינבליק אין זיין אינערליכען לעבען, ווען ער איז נאָך געווען יונג, שרייבט ער וועגען דעם העלד, סען קלעיר:

„ער איז געבאָרען געוואָרען מיט אַ צאַרטע, ליבענדע האַרץ, אָבער אין יענעם עלטער, ווען אַלץ מאַכט לייכטער אַן איינדרוק אויף מענשען, און די איינדרוקען האָבען אַן איינפלוס אויף זייער גאַנצען שפּעטערדיגען לעבען, פלעגט זיין אָפּענהערציגע צערטליכקייט אַרויסרופען שפּאָט פון זיינע חברים. ער איז געווען שטאָלץ און אַמביציעז, ער האָט ליב געהאַט מען זאָל האָבען וועגען איהם אַ גוטע מיינונג, ווי אַלע קינדער. פון דאַמאָלס אָן האָט ער זיך געלערענט צו באַהאַלטען אַלע אויסערליכע סימנים פון דאָס, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר אַ מיאוס'ע שוואַכקייט. ער האָט דערגרייכט זיין ציעל, אָבער זיין נצחון האָט איהם טייער געקאָסט. ער האָט געקענט באַהאַלטען פון אַנדערע דאָס, וואָס עס איז פאַרגעקומען אין זיין לייכט באַוועגליכער נשמה, אָבער יעדען מאָל, ווען ער האָט זיינע געפיהלען איינגעשלאָסען אין זיין האַרץ, האָט ער זיי געמאַכט טויזענד מאָל פּייניגליכער פאַר זיך. אין דער געזעלשאַפט האָט ער באַקומען אַ מיאוס'ען שם, אַז ער איז אָהן געפיהלען און איז לייכטזיניג. נאָר ווען ער פלעגט בלייבען מיט זיך אַליין פלעגט זיין אומרוהיגע פאַנטאַזיע שאַפען פאַר איהם יסורים, וועלכע זיינען געווען שרעקליכער דערפאַר, וואָס ער האָט זיי קיינעם ניט געוואָלט פאַרטרויען".

עס איז אוממעגליך ניט צו באַמערקען, אַז מערימעי האָט געמאָלען זיך אַליין אין דער דאָזיגער כאַראַקטעריסטיק, הגם די פאַרבען זיינען צו טונקעל.

22.

בעיל און מערימעי.

אין אזא צושטאנד האָט מערימעי, ווען ער איז אלט געוואָרען 18 יאהר, זיך באַקאַנט מיט בעיל, וועלכער איז געווען 20 יאהר עלטער פון איהם. זיי האָבען זיך באגעגענט אין דער הויז פון דער באריהמטער זינגערין מאדאם פאסטא, וועלכע איז אוועק פון מיי־לאן און האָט זיך באזעצט אין פאריז. עס איז געווען אונפארמייד־ליך, אז בעיל זאָל האָבען א היבשען איינפלוס אויף דעם פיל יונגערען מענשען, וועמעס נשמה איז געווען נאָהענט צו זיינע. עס איז אומ־מעגליך דירעקט צו דערווייזען דעם דאזיגען איינפלוס מחמת מע־רימעי האָט נאָך נאר ניט געשריבען, איידער ער האָט זיך באגע־גענט מיט בעיל. אבער ווען מיר פארגלייכען די ווערק פון די ביידע שרייבער, ווארפט זיך אין די אויגען די עהנליכקייט צווישען זייערע באזונדערע אייגענטימליכקייטען. דער פארגלייך איז נאָך מעהר באלערענד מיט דעם, וואס מערימעי'ס אריגינאליטעט טרעט דערביי פיעל בולט'ער ארויס. איך דענק, עס איז אונמעגליך אנ־צונעמען, אז מערימעי האָט געהאט אן איינפלוס אויף בעיל, סיי־דען מיר וועלען אננעמען, אז איבערצוגעבען אלגעמיינע ידיעות מיינט צו באאיינפלוסען, ווארים בעיל איז זיכער געווען א בעל־חוב צו מערימעי פאר פילע פון זיינע באמערקונגען וועגען דער געשיכטע פון דער קונסט אין זיינע „מעמוארען פון א רייזענדען". בעיל, זייענדיג פיעל עלטער, איז, פארשטעהט זיך, געווען א רייי־פערער און איינגעשטעלטערער מענש, דערפאר מוזען מיר אננע־מען, אז ווען דער יונגערער פון די צוויי פריינד פאנגט אן זיין ביאָגראפישען נאָטיץ וועגען דעם עלטערען מיט דער פארזיכע־רונג, אז טראָץ זייער פריינדשאפט האָבען זיי קוים געהאט אין זיי־

ער גאַנצען לעבען צוויי געמיינשאַפטליכע אידעען, מאַכט ער די דאזיגע קלאָרע גוזמא וואָרשיינליך דערפאַר, וואס ער וויל זעהר ניט, אז די לעזער זאָלען אנווענדען געוויסע פון זיינע באַמערקונגען וועגען בעיל אויף איהם אליין.

בעיל און מערימעי זיינען עהנליך איינער צום אנדערען פריהער פון אלץ מיט זייער ליבע צו פאַקטען. ווער עס האָט נאָר געלייענט מערימעי'ס שריפטען וויים, אז ער מאָלט שטענדיג נאַקעטע פאַקטען, פּינקטליכע פּרטים, וועלכע מען קען דערווייזען. אלץ, מיט וואָס ער אינטערעסירט זיך אין דער געשיכטע, ווי ער איז עס אליין מודה אין דער הקדמה צו זיין ראָמאַן „די כראָניק פון דער הערשאַפט פון שאַרל דעם נײנטען", זיינען די אנעקדאָטען און צווישען זיי אינטערעסירען איהם בעיקר די יעניגע, וועלכע גיבען א בילד פון די מנהגים און די כאַראַקטערען פון דער גאַנצער עפּאָכע. פּונקט דאס זעלבע קען מען זאָגען וועגען בעיל. די נאַטירליכע פאָרמע פון זיין דענקען איז דער אנעקדאָט. ער טראַכט אין אנעקדאָטען. ער מאָלט דעם איינצעלנעם מענשען אין אנעקדאָטען און די עפּאָכע אין לעבענס-באַשרייבונגען. זיין האַס געגען דאס אונבאַשטימטע צווינגט איהם צו שרייבען געשיכטע אין אזא פאָרמע, וועלכע, ער דענקט, איז מעהר פול מיט לעבען; אין אנדערע ווערטער, איבערצוגעבען פאַקטען אין דער פאָרמע פון א ראָמאַן אָדער פון א קורצער, רעאַליסטישער דראַמע. די קורצע, שאַרפע אנעקדאָטען, וואָס ער דערצעהלט, זיינען ניט קיין אלטעגליכע מעשות, נאָר זיי דריקען שטענדיג אוים דעם אמת'ען תמצית פון דער זאַך. אין דעם פּרט איז מערימעי זעהר עהנליך צו איהם. ווען א מאָדערנער באַוואונדערער פון בעיל (פּאָול העיז אין איינער פון זיינע נאָוועלען) ריהמט זיינע קורצע איטאַליענישע היסטאָרישע דערצעהלונגען, „אין וועלכע די מעכטיגע, פאַרשייטע ליידענשאַפטען טרעטען ארוים אָהן זעלבסטנאַרעריי, מיט היציגער אדער קאַלטער אונבאַטראַכטקייט, גרייט אין דער לעצטער מינוט צו כאַפּען זיך פאַר א מעסער", פיהלען מיר, אז דיזעלבע אויסדריקען קענען, אָהן א שינוי פון איין וואָרט, אנגעווענדעט ווערען אויף מערימעי'ס דערצעהלונגען.

דאָך האָבען די היסטאָרישע פּאַסירונגען, ווי זיי ווערען אי-

בערגעגעבען פון בעיל און פון מערימעי אזעלכע פארשיידענע באַדייטונגען, אז עס איז לייכט צו באַשטימען די גרענעצען פון דעם איינפלוס, וואָס דער עלטערער שרייבער האָט געהאט אויף דעם יונגערען. די הויפּט־טענדענץ פון בעיל איז צו שאַפען אלגעמיינע אידעען. א כאראקטער־שטריך, וואס באמערקט זיך אמשטאַרקסטען אין א געשעהעניש, איז פאר בעיל נאָר א ביישפּיל, וואס מאַכט קלאָר א פּסיכאָלאָגישען געזעץ אדער עס איז א סימן פון דעם אלגעמיינעם צושטאַנד פון דער געזעלשאפט אדער פון א באַזונדערע ראַסען־אייגענשאפט, וואָס ער איז שטאַרק פאראינטערעסירט צו דערקלערען. ווען ער פילט, למשל, אָן זיין בוך "De l'Amour" מיט אָהן א שיעור אנעקדאטען, טוט ער עס פּשוט כדי צו באווייזען אין א פּראַקטישען און איבערצייגענדען אופן וואָס ער מיינט מיט די פארשיידענע נעמען, מיט וועלכע ער רופט אָן די פארשיידענע מינים ליידענשאפטען אין די פארשיידענע צושטאַנדען פון זייער אנטוויקלונג. ער שטעלט פאר זיינע מאַטעריאַלען און זיינע ארגומענטען, אין דער פארמע פון אנעקדאטען, כדי צו באַקומען די הסכמה פון זיינע לעזער צו די באַשלוסען, צו וועלכע ער איז געקומען. די דאָזיגע טענדענץ זיינע שטערט כמעט און מאַכט שוואַכער די ווירקונג פון זיינע ראָמאַנען. צו אָפט דערקלערט ער זיינע לעזער: „זי האָט געהאַנדעלט אזוי און אזוי דערפאר וואָס זי איז אַן איטאַליענערין; א פּאַריזערין וואָלט, פארשטעהט זיך, געהאַנדעלט גאָר אנדערש".

ביי מערימעי איז פון אזעלכע זאכען קיין סימן ניטא; קיינע סברות, קיינע אבטרעטונגען פון דעם ענין, בלויז א שטרענגער איבערגעבען פון דעם פאַקט און מעהר גאָרניט. ווען ער האָט אויסגעקליבען זיין טעמע, וועלכע איז, אממייסטען עפּעס אַן איבערבלייבאכץ פון די ווילדע מידות פון די אלטע צייטען, וואס פאַראינטערעסירט איהם, ווי אַן אלטע מטבע צווישען היינטיגע פאַראינטערעסירט א מבין אין אזעלכע זאכען, אָדער ווי אַן אלטע געביידע אין א מאָדערנע שטאָדט פאראינטערעסירט א רייזענדען, איז זיין ערשטער צוועק צו מאָלען די זעלטענע ערשיינונג אזוי בולט, ווי מעגליך, אין פארגלייך מיט דער פלאַכקייט פון אונזער יעצטיגען לעבען. ער באַזייטיגט אלץ, וואס קען שטערען דער מערקווירדיגער

איבערבלייבאכץ פון דער פארגאנגענהייט צו מאכען דעם שטאַרק־סטען איינדרוק. אבער איהם קומט קיינמאָל ניט אויף דעם גע־דאנק צו זוכען די פארבינדונג פון דער ערשיינונג מיט די אלגעמיינע באדינגונגען פון דער געזעלשאפט אדער פון דעם לאנד, וועמעס סימנים זי טראגט אויף זיך און דורך דער דאזיגער פארבינדונג צו דערקלערען זי. דער אלגעמיינער איבערבליק איבער זאכען האָט מיט איהם ניט צו טאָן. די פויגעל־פערספעקטיוו לאָזט ער איבער פאר אנדערע. ער זוכט אויף א חידוש אין דער רעאלער וועלט, באַ־שרייבט איהם און גיט אין איהם דערביי אריין א טייל פון זיין איי־גענעם לעבען, אבער די זאך בלייבט ביי איהם אלעמאָל א חידוש׳דיג ערשיינונג. ער איז אזוי שטרענג רעאליסטיש אין זיינע פרושים, ווי ער איז אין זיינע באשרייבונגען. באמערקט, למשל, ווי ער פראָטעסטירט (אין זיינע „היסטאָרישע און ליטערארישע פאָרטרע־טען") געגען דער סימבאָלישער אויסטייטשונג פון „דאָן קיכאָט", אין וועלכען ער זעהט נאָר א מייסטערהאפטע פאראָדיע (שפאסיגע נאָכמאכונג) אויף די ריטערליכע ראָמאנען.

„לאָמיר איבערלאָזען פאר די טיפזיניגע דייטשע פראָפעסאָרען — שרייט ער אוים — דעם כבוד צו מאכען די אנטדעקונג, אז דער ריטער פון לא־מאַנטשאַ איז א סימבאָל פון פאָעזיע און זיין וואַ־פען־טרעגער איז א משל פאר דער פראָזע. דער פרושים־מאכער וועט אלע מאָל געפינען אין די ווערק פון א געניאלען מענשען טויזענדע פאָעטישע מיינונגען, וואס דער מחבר האָט זיי גאר אין זינען ניט געהאט".

פארגלייכט, אין געגענטייל, די קריטיק מיט דעם ווי פיין אזא קריטיקער, ווי סעינט־בעוו, דריקט זיך אוים וועגען דעם דאָן־קיכאָט:

„דער דאזיגער בוך, וואס איז לכתחילה אנגעשריבען געוואָ־רען צוליב א געוויסער געלעגענהייט, איז געווארען א טייל פון דער וועלט־ליטעראטור. ער האָט דערווארבען פאר זיך א פלאץ אין דער פאָעזיע פון אלע מענשען. יעדער לעזער האָט איבער איהם געארבייט, לויט ווי עס איז איהם געפעלען און האָט איהם אויסגע־טייטשט לויט זיין אייגענעם געשמאַק און נויגונג. סערוואנטעס

האָט וועגן דעם ניט געטראַכט, אָבער מיר טראַכטן יאָ. יעדער איינער פון אונז איז היינט אַ דאָן־קיכאָט און מאָרגן אַ סאַנכאָ פּאַנזאַ. אין יעדן איינציקן פון אונז איז דאָ מער אָדער ווייניקער פון דער סתירה׳דיקער פאַראייניקונג פון אַ שטרעבונג צו די הויך־פליענדע אידעאַלן און פון דעם האַרטן שכל, וועלכער האַלט אונז גראָב צו צו דער ערד. פאַר פילע איז עס נאָר אַ פראַגע פון עלטער: מען ווערט אַנטשלאָפן אַ דאָן קיכאָט און מען כאַפּט זיך אויף אַ סאַנכאָ פּאַנזאַ".

בעיל וואָלט זיך ייִרן געחתמ׳ט אונטער די דאָזיקע ווערטער. מערימעי וואָלט עס ניט געטאָן, מחמת זיין דערווידער צו חקירות בכלל.

זייער ליבע צו פּשוט׳ע פאַקטן און צו דער בקיצורדיקער פאָרמע פון דערציילן האָט ביי ביידן, ביי בעיל און ביי מערימעי, געשאַפן אַ גלייכע שטאַרקע שנאה צו דער פראַנצויזישער קלאַסישער רעטאָריק, און — וואָס איז נאָך וויכטיקער — ביידע אונטערשיידן זיך פון אַלע פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער פון זייער צייט מיט דעם, וואָס די לירישע פּאָעזיע פאַרנעמט ביי זיי ניט דעם פּלאַץ פון דער רעטאָריק. בעיל האָט קיינמאָל קיין איין פערז ניט אָנגעשריבן. ער האָט ניט געהאַט קיין אויער פאַר דעם איינפאַכסטן מעטרישן ריטם (דער האַרמאָנישער קלאַנג, וואָס קומט פון דער אויסגעמאָסטענקייט פון די שורות און דעם סדר אין די זילבן אין דער פּאָעזיע). טראָץ דער ענטוזיאַסטישער באַוואונדערונג, וואָס ער האָט געמיינט, אַז ער האָט פאַר די איטאַליענישע דיכטער, האָט ער דעם מעטר באַטראַכט אַלס אַ זאַך, וואָס העלפט פּשוט דעם זכרון און האָט פאַר איהם קיין טעם ניט געפונען אין אַ שריפט, וואָס איז ניט געמיינט מען זאָל זיך עס אויסלערנען אויף אויסווייניג. די זעלבע ניט־ליבע צו פערזן געפינען מיר ביי מערימעי. ער האָט געהאַט אַזאַ דערווידער פאַר דער ווייכער, בענקענדיקער מוזיק פון ריטמען, אַז די פילע פּאָעמען, וואָס מיר געפינען אין זיינע שריפטן, זיינען אַלע אָהן אַן אויסנאַם געשריבן אין פּראָזע. ער האָט ליבער דערלאָזט, אַז זיי זאָלן פאַרלירן זייער גאַנצן כאַראַקטער, איידער צו איבערגעבן זיי אין די פּאַסנדע געמאָסטענע שורות. עס

קומט, נאַטירליך, אויף דעם געדאַנק די ערקלערונג, אַז ער האָט זיך געפיהלט ניט פעהיג צו באהערשען די דיכטערישע פאָרמע. איך דענק אבער בעסער, אַז זיין שטאָלץ האָט איהם ניט ערלויבט צו צייגען פאר אנדערע זיין פּאָעזיע און אויסצוהערען קריטיק. זיינע „בריף צו אן אונבאַקאַנטע" צייגען, אַז ער האָט געקענט שרייבען אפילו ענגלישע פערזען, אזוי אַז עס קען קוים זיין אַ פראַגע וועגען זיין פעהיגקייט צו באַנוצען זיך מיט דער שפּראַך. ער האָט אבער זיין פעהיגקייט ניט אַנטוויקעלט. אַ דערווידער געגען האַרץ־אויסגיסונגען, אַ טיפע שעמעדיגקייט האָבען ביי מערימעי געפיהרט צו די זעלבע פּראַקטישע רעזולטאַטען, ווי ביי בעיל זיין חסרון אין געהער.

אין דעם פּרט אבער, ווי אין פאַרשיידענע אַנדערע, געהט מערימעי ווייטער פון זיין לעהרער. טיף אין בעיל'ס נשמה איז געלעגען אַ שטרעבונג צום ליריזם, וועלכע צייגט זיך אַרויס אין זיין פאַר'עקשנ'טען ענטוזיאַזם פאַר נאַפּאָלעאָן, פאַר איטאַליען, פאַר דעם 16טען יאהרהונדערט, פאַר טשימאַראָזאַ און ראָסיני, פאַר קאָרעדזשיאָ און קאַנאָוואַ און אין די אַלע סופּערלאַטיוועןּ (שמות־התואר), וואָס שיטען זיך פון זיין פעדער מיט אַזאַ שפע, ווי פון באַלזאַק'ס. מערימעי, פאַרקעהרט, באַגנוגענט זיך ניט מיט פאַרטרייבען די לירישע פאָרמע פון זיינע ווערק; ער זאָגט זיך אָפּ אפילו פון דער נשמה פון דער ליריק, ער פאַרמויערט זיך פון איהר. זיין פּראָזע איז ווייניגער ליריש פון וועלכער עס איז אויף דער וועלט. אויב דער אַלטער כלל, אַז „מען קען ניט זיין קיין פּאָעט אָהן ליריק" איז ריכטיג, מוז מען זאָגען, אַז מערימעי איז ניט קיין פּאָעט.

כדי צו באַקומען אַ פולען באַגריף וועגען זיין ליטעראַרישען פּאָזיטיוויזם (די נייגונג צו באַשרייבען נאָר פאַקטען), וועלען מיר פאַר אַ ווײַלע פאַרגלייכען זיינע ערצעהלונגען ניט מיט די ערצעהלונגען פון בעיל, נאָר מיט די ערשטע ראָמאַנען פון דזשאָרזש זאַנד, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען אין דער זעלבער צייט. זשאָרזש זאַנד גיט אונז אין די דאָזיגע ראָמאַנען הויפּטזעכליך אַזאַ מייסטערהאַפטע באַשרייבונג פון דעם אינערליכען לעבען פון דער

יונגער פרוי, מיט איהר צניעות און איהר ענטוזיאַזם, איהר שטרע־בונג צו איבערגעבענהייט און איהר חוש פאר ליידענשאַפט, ווי קיין פרוי האָט עס פריהער פאר אונז ניט אנטפלעקט אזוי קינסט־לעריש און אזוי בשלמות; אָבער טיף אין איהר נשמה האָט זי געהאַט א צוועק דערביי. זי וויל זיך נוקם זיין פאר אַן עולה, זי וויל צופרידענשטעלען איהר כעס; זי באַטראַכט ניט די ליידען פון דעם פרויען געשלעכט פון דעם שטאַנדפונקט פון א זייטיגען, ניט פאראינטערעסירטען מענשען; זי פּרובירט ניט צו פאַרדע־קען דעם פאַקט, אז איהר הארץ בלוטיגט. מערימעי, פאַרקעהרט, האָט ניט קיין זאַך און קיין טעאָריע צו פארטיידיגען, קיין מינד־סטע פּאָליטישע אדער געזעלשאַפטליכע טענדענץ. ער איז פאר קיין זאַך ניט באגייסטערט, ער גלויבט אין קיין זאַך ניט, ניט אין א פילאָזאָפישע סיסטעם, ניט אין קיין שול פון קונסט און ניט אין קיין רעליגיעזען אמת; ער גלויבט אַפילו קוים אין דעם אַל־געמיינעם היסטאָרישען פראָגרעס פון דער מענשהייט. זיין הארץ איז פארהאַרטעוועט דורך דעם סקעפּטיציזם פון דעם וועלט־מענש געגען אַלע רעפאָרמערס, מיסיאָנערען, וועלט־פאַרבעסערער און דערלייזער פון דער מענשהייט. ער ענטפערט ניט די פראַגע צי ער גלויבט אדער ער גלויבט ניט אין זיי. ער איז פאר זיי לחלוטין טויב. זשאָרזש זאַנד צייגט וואָס די הייראַט איז אין פראַנק־רייך און פרעגט דעם עולם מיט א ציטערדיגע שטימע: „וואָס זאָגט איהר וועגען דעם? קען מען אזוינס אויסהאַלטען?" מע־רימעי שרייבט "La double Méprise" („דער דאָפּעלטיגער טעות") און פאַרענדיגט זיין דערצעהלונג אָהן דער קלענסטער מינע אין פּנים.

זשאָרזש זאַנד רוהט זיך אָפּ פון די מעכטיגע באוועגונגען אין איהר נשמה געהענדיג צוריק צו דער פּרימיטיווער מענשליכער נאַטור און מאָלענדיג מיט איינפאַכע, שעהנע שטריכען (ווי אין Mauprat) דעם כח און דעם גליק פון געטרייער ליבע, אָדער שאַ־מענדיג (ווי אין די פויערען־דערצעהלונגען און אין Jean de la Roche) פּשוט'ע, ריהרענדע און אידעאַלע בילדער פון דער אינער־ליכער איידעלקייט פון דער מענשליכער נשמה. מערימעי גלויבט ניט אין קיין אידעאַל און ער האָט ניט קיין טאַלאַנט פאר אידי־

ליען. אַלץ וואָס ער מאָלט איז דורכגענומען מיט אַ טונקעלען, אומרוהיגען טאָן און דאָס רייסען זיך פון דאָס הארץ צו ריינקייט, וואָס עס ליבט, אָדער צו העלדישקייט, וואָס עס באַוואונדערט, איז פרעמד פאר זיין קונסט. אין דער טיפעניש פון איהר נשמה איז זשאָרזש זאנד אַ לירישע פּאָעטין. ווען זי באַהאַנדעלט אין איהר ווערק הויפּטזעכליך די ליידענשאַפט פון ליבע און גיט איהר אַלע רעכטע און איהר גאַנצע סימפּאַטיע אפילו ווען די ליידענשאַפט באַגייסטערט אַן אונווירדיגע פּערזאָן (ווי אין דעם מערקווירדיגען און טיפען ראָמאַן "Valvèdre") , אָדער ווען זי ווערט אַליין באַגייסטערט פאר דעם מוט און פעסטען כאַראַקטער פון די בעסטע פון איהר אייגענעם געשלעכט, טיילט זי שטענדיג מיט מיט איהרע העלדינען זייערע שטימונגען און זייערע ליידענשאַפטען, זי פרעהט זיך, וויינט, זיפצט און שמייכעלט צוזאַמען מיט זיי. מערימעי, פאַרקעהרט, גיט, ווי בעיל, אַן אונפערזענליכען דראַמאַטישען אויסדרוק פאַר זיינע אידעען און געפיהלען, נאָר ער איבערטרעפט איהם מיט זיין העכערער קונסט. ער באַמיהט זיך מיט אַלע זיינע כחות צו פאַרשליסען זיינע געפיהלען אין זיך, צו דערשטיקען זיי, ער מאַכט זי צו שוויינען מיט דער אונבאַדינגטער שטילקייט, וואָס מען פאָדערט פון אַ געפאַנגענעם אין אַ תפיסה, און ער דריקט זיי קיינמאָל, אָהן אַן אויסנאַם, ניט אויס אין זיין אייגענעם נאָמען. ער לאָזט זיי ריידען נאָר דורך גאַנץ פאַראַנטוואָרטליכע פּערזאָנען אין זיינע דערצעהלונגען און דאָס אויך נאָר זעלטען. אויף אַזאַ אופן קומען ביי איהם די כאַראַקטערען אַרויס מיט אַ ביז־איהם־אונבאַקאַנטער בולט'קייט און זיי רעדען מיט אַן אויסערגעוועהנליך בקיצור'דיגער און ענערגישער שפּראַך; אַזוי קומט אויס, אַז וואָס טיפער און צערטליכער עס זיינען תחילת מערימעי'ס געפיהלען, אַלץ שטאָלצער איז די אויסערליכע האַלטונג פון די כאַראַקטערען, וואָס דריקען זיי אויס. אין זיי איז ניטאָ קיין סימן פון ווייבערישקייט. אפילו אין זיינע פרויען־כאַראַקטערען ברענגט ער אַרויס ניט דאָס, וואָס מיר רופען געוועהנליך ווייבערשע שטריכען. בעיל, וועלכער איז אין דעם פּרט אַ שאַרפער היפוך געגען איהם, מאַכט, אין איינעם פון זיינע בריף, די ריכטיגע און פיינע באַמערקונג, אַז אין זיינע ראָמאַנען פעהלט „אײדעלע צערט־

ליכקייט" *). זיינע פרויען זיינען מענעריש און לאָגיש אין זייערע ליידענשאַפטען. אַלע אָהן אַן אויסנאַם זיינען זיי שטאַרקע פער־זענליכקייטען; אפילו די לייכטזיניגסטע און די צולאָזענסטע צווי־שען זיי באַגעגענען דעם טויט מיט אַ פעסטקייט און אַ רוהיגקייט. (ארסען גילאַ, דזשולי דע־שאַווערני, קאַרמען). קיינע פון זיי האָ־בען ניט יענע שמעלצענדע ווייכקייט פון קאָרדעדזשיאַ, וואָס בעיל האָט געגעבען זיינע פרויען־געשטאַלטען.

בעיל'ס סטיל איז מעהר ליריש און ער האָט טיפער פארשטאַ־נען די נשמה פון דער פרוי הויפטזעכליך דערפאַר, וואָס ער איז בעצם געוועזען אַן ענטוזיאַסט מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע. דאָס ציינט זיך ארויס ווי נאָר מען קראַצט פון איהם אַרונטער אַ ביסעל דעם בעל־חקירה. דערפאַר האָט בעיל ליב צו באַשרייבען באַגייסטערונג בעת מערימעי מיידט עס אויס מעהר פון אַלץ. פאַרגלייכט זיי, למשל, אַלס מאַלער פון שלאַכטען, פאַרגלייכט די צוויי בעסטע באַ־שרייבונגען פון שלאַכטען אין פּראָזע, וואָס האָבען דאַמאָלס עקזיס־טירט, מערימעי'ס באַריהמטע "L'Enlèvement de la Redoute" („דאָס שטורמען פון אַ פעסטונג") און בעיל'ס ניט ווייניגער באַ־ריהמטע באַשרייבונג פון דער שלאַכט ביי וואַטערלאָאָ. זיי שטע־לען מיט זיך פאָר אַ שאַרפען קאָנטראַסט. ביי בעיל איז דער ענטוזיאַזם פון אַ יונגען מענשען פאַר נאַפּאָלעאָן און זיין דורשט נאָך מיליטערישען רוהם באַשריבען מיט אַ ווייכער איראָניע, אָבער אויך מיט אַן אמת'ער סימפּאַטיע. ביי מערימעי ווערט באַשריבען נאָר די טונקעלע זייט פון מלחמה: די האַלב־מעכאַנישע אַטאַקע אויף דער באַפעסטיגונג און דער גרויל פון דער שלאַכט, וואָס ער מאָלט מיט אַזאַ קינסטלערישע האַנט, ווי זשעראָם'ס, אָהן אַ סימן פון פּאַטריאָטיזם, אָהן באַגייסטערונג און מיט ניט קיין אַנדערע העכערע געפיהלען איידער דער סטאָאיציזם פון דעם סאָלדאַט, וועל־כער האָפט צו באַקומען אַ העכערען ראַנג.

בעיל און מערימעי שטימען צווישען זיך אין זייער פאַרהאַל־טען זיך צו רעליגיע, וואָס איז געוועזען אַנדערש פון דער ראָמאַנ־

*) Souvent vous ne me semplez pas assez *délicatement tendre;* or il faut cela dans un roman pour me toucher."

טישער שולע בכלל. די פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער, ווי די דייטשע, זיינען תחילת ניט געווען פיינדליך צום רוימישען קאטוילּיציזם. איינציגע פון זיי זיינען פון אָנפאַנג אָן געווען גוטע קאַטויליקער, די אַנדערע האָבען זיך בכלל פארהאַלטען צו דער אמונה מיט א יראת־הכבוד אָדער גלייכגילטיג. אָבער ביידע, מערימעי און בעיל, זייַנען פון לכתחילה אָן געווען „עובדי־עבודה־זרה" (היידען, געצענ־דינער) לויט זייערע אידעען און זייערע געפיהלען. מערימעי איז אויך געווען אַזאַ ליידענשאַפטליכער פריידענקער ווי בעיל. ער איז געווען ניט אַזוי נאַאיוו צו האָבען, ווי בעיל, אַ מין שנאה צו אַ פערזענליכען גאָט, אָבער ער האָט געהאַט די זעלבע שנאה ווי בעיל צו די פאָרשטעהער פון גלויבען. דאָך דריקט זיך זיין געג־נערשאַפט צום קריסטענטום אויס אַ סך ווענינער דירעקט ווי ביי בעיל, דער קאַטויליציזם; ער לאַכט זיך נאָר פון איהם אויס. בלויז דעם שפיץ פון זיין פינגער צייגט ער ארויס פון אונטער זיין שווארצען דאָמינאָ. ער מאַכט זיך לוסטיג באשרייבענדיג פאַר־ליבטע קאַטוילישע גלחים און ווען זיינע פערזאָנען קומט אַמאָל אויס צו ריידען וועגען דעם טויפ, וועגען די התודות (די קאַטוי־ליקער זיינען מחויב זיך מודה צו זיין אויף אַלע זייערע עברות פאַר זייערע גלחים), אָדער וועגען וועלכער עס איז אַנדער רעליגיעזער צערעמאָניע ווערט ער מעהרסטענס צושטעלען, אַז זיי האָבען עס געטאָן „מיט אַ פרומען ניגון און ריידענדיג אונטער'ן נאָז". אָבער ווען די ווערטער זיינען זיינע אייגענע טרעפען מיר ביי איהם קיינ־מאָל ניט מעהר פון אַ זעהר פאָרזיכטיגע, איידעלע איראָניע, ווי אַזאַ, למשל:

„דער בוך, וואָס מאַדאַם דע־פּעיאַן האָט מיט זיך גענומען, איז געווען אַ רעליגיעזער; און איך דענק ניט אויסצוזאָגען דעם נאָמען פון דעם בוך, ערשטענס, דערפאַר, וואָס איך וויל ניט באַ־געהן קיין עולה נעגען דעם מחבר, צווייטענס, דערפאַר, וואָס איהר ווערט מיך פיליכט באַשולדיגען, אַז איך מיין מיט דעם אויס־פיהרען עפּעס רשעות'דיגעס בכלל וועגען אַזעלכע ביכער. עס ווערט זיין גענוג צו זאָגען, אַז דעם בוך האָט אָנגעשריבען אַ בחור פון נייַנצעהן יאָהר און ער האָט עס בעיקר געטאָן מיט דעם צוועק כדי אומצוקעהרען אַלטע בעלי־עבירה'ניצעס צו דעם מוטערליכען

שוים פון דער קירכע; אַז אַרסען איז געווען זעהר אָפּגעשוואַכט און אַז זי האָט ניט צוגעמאַכט איהרע אויגען די פאָריגע נאַכט. ווען זי האָט געהאַלטען אין לייענען דעם דריטען זייט איז פאַר־געקומען דאָס, וואָס וואָלט געווען פּאַסירען אויב זי וואָלט גע־האַלטען אין די הענד וועלכען עס איז אַנדער בוך — מאַדעמואַזעל גילאָ האָט פאַרמאַכט איהרע אויגען און איז איינגעשלאָפען".

דער הויפּט אונטערשייד צווישען בעיל און מערימעי איז אויך דאָס, וואָס דער ערשטער איז אַ סך ווייניגער אַ סקעפּטיקער פון דעם צווייטען. בעיל איז געווען אַ מאַטעריאַליסט פון דער שולע פון די ענציקלאָפּעדיסטען, און אַלס אַזעלכער האָט ער גע־האַט אַ פעסטען גלויבען אין זיין תורה. ער האָט געהאַט זיין פילאָזאָפיע, — דעם עפּיקורעאיזם, — ביי וועלכער ער האָט זיך טריי געהאַלטען; זיין מעטאָדע — דעם פּסיכאָלאָגישען אַנאַליז; זיין אמונה — די פאַרגעטערונג פון דער שעהנקייט אין לעבען, אין דער מוזיק, אין דער פּלאַסטישער קונסט און אין דער ליטעראַטור. מערימעי האָט ניט געהאַט קיין פילאָזאָפיע; מען קען זיך ניט פאָרשטעלען קיינעם ווייניגער דאָגמאַטיש פון איהם, מיט זיינע האַלב־סטאָאישע, האַלב־תאוה'דיגע שטימונגען; ער האָט ניט גע־האַט קיין רעליגיע, ער האָט קיין זאַך ניט פאַרגעטערט. ער מיידט אוים באַגייסטערונג אַזוי פאָרזיכטיג ווי זי וואָלט געווען אַ מגפה. מיר פיהלען עס קלאָר לייענענדיג זיינע באַמערקונגען וועגען לעאָנידאַס און וועגען דעם שלאַכט ביי טערמאָפּילען אין זיין באַריהמטער גרויסער אָפּהאַנדלונג וועגען גראָט'ס „געשיכטע פון גריכענלאַנד". ער דערצעהלט דאָרט ווי ער אליין האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק פאַרבראַכט דריי טעג אין טערמאָפּילען און ער איז זיך מודה, אַז „פראַנצאָזיש ווי ער איז", האָט ער דאָך ניט געקענט בלייבען ניט געריהרט ווען ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ קליינעם באַרג, וואו דער לעצטער פון די „דריי הונדערט" איז געפאַלען. ער האָט זיך אָבער ניט ערלויבט צו ווערען פאַר־כאַפּט פון זיינע געפיהלען צופיל. ער האָט אונטערגעזוכט די פּערסישע פיילען־שפּיצען און האָט געפונען, אַז זיי זיינען געווען פון פייערשטיין. אין פאַרגלייך מיט די אייראָפּעער זיינען די אַזיאַטען, דעריבער, געווען נאָר פּשוט'ע ווילדע; אויב עס איז דאָ

וועגען וואָס צו וואונדערען זיך איז עס וועגען דעם, ווי זיינען זיי בכלל דורכגעקומען דורך דעם פּאַס (אַ דורכגאַנג צווישען בערג). ער קריטיקירט לעאָנידאַס'ן. יענער האָט געהאַנדעלט זעהר נאַריש מיט דעם, וואָס ער האָט אַליין פאַרנומען די דאָזיגע פּאָזיציע, וואָס איז אוממעגליך פאַר אַ שונא איינצונעמען, און האָט דעם צווייטען דורכגאַנג, וועלכען עס איז פיל שווערער צו פאַרטיידיגען, איבערגעלאָזען אונטער דער אויפזיכט פון אַ פייגלינג. לעאָנידאַס איז אָהן ספק געשטאָרבען ווי אַ העלד; אָבער לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אויב מיר קענען, זיין קומען צוריק קיין ספּאַרטאַ נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעגעבען דעם שליסעל פון העלאַס (דעם צוגאַנג צו גריכענלאַנד) צו די באַרבאַרען. מערימעי קומט צום שלוס, אַז העראָדאָטוס האָט געשריבען די געשיכטע פון גריכענלאַנד ווי אַ פּאָעט און, חוץ דעם, ווי אַ גריכישער פּאָעט, וועמעס הויפּט צוועק איז אַרויסצושטעלען דאָס שעהנע אַזוי בולט, ווי מעגליך. און ער ענדיגט מיט דער פראַגע: קען מען זאָגען, אַז אין דעם פאַל איז די דיכטונג מעהר ווערט פון דער ווירקליכקייט? ניין און נייַנציג מענשען פון הונדערט וואָלטען אפילו ניט קיין טראַכט געטאָן און ענטפערען: „יאָ". מערימעי טוט עס ניט. ער שרייבט אין דעם יאָהר 1849 און האָבענדיג אין זינען די לעצטע היסטאָרישע טראַגעדיעס, וואָס ער האָט ביינעוואוינט, ענטפערט ער:

„מעגליך. אָבער נאָר דורך דעם מיסברויך פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען ביי טערמאָפּילען, דורך די גוזמאות וועגען דער לייכטקייט, מיט וועלכער דריי הונדערט פרייע מענשען האָבען זיך געקענט וועהרען געגען דריי מיליאָן שקלאַפען, איז די איטאַליענישע אָראַטאָרען געלונגען צו טרייבען די פּיעדמאָנטעזער צו דעם, אַז זיי זאָלען אַליין אָהן אַן אָפּמאַך מיט אַנדערע אָנפאַנגען אַ מלחמה געגען עסטרייך".

פאַרגלייכט דעם דאָזיגען סקעפּטיציזם פון מערימעי מיט דער באַגייסטערטער נאַאיווער אמונה, מיט וועלכער בעיל שרייבט איבער דער כלל ניט־זיכערער כראָניק וועגען בעאַטריטשע טשענטשי.

די עפּאָכע פון דעם יאָהר 1830 איז געווען אַ צייט ווען די אָנגעזעהענסטע פראַנצויזישע שרייבער זיינען זעהר שטאַרק אַרויס־

געטראָטען געגען דעם שאָוויניזם. די נײַ דערוועקטע פאַרשטענדניש פון די מעלות פון די אויסלענדישע ליטעראַטורען האָט דורך אַ גאַנץ נאַטירליכע רעאַקציע געפיהרט צו אַ פאַראַכטונג פאַר יעדע אייגענע און פאַר די קלאַסישע שרייבער און צייטענווייז אפילו פאַר דעם פראַנצויזישען גייסט בכלל. די ערשטע, גאַנץ נאַרישע, אַטאַקע, וואָס די ראָמאַנטישע שול האָט געמאַכט אויף ראַסין, איז אַ באַקאַנטער פאַל. מען האָט דערקלעהרט, אַז די פראַנצויזישע קלאַסישע ליטעראַטור פּאַסט נאָר פאַר שול־קינדער. וויקטאָר הוגאָ, וועמען עס האָט בשום אופן ניט געפעהלט קיין נאַציאָנאַלער שטאָלץ, האָט אין דער הקדמה צו "Les Orientales" אויסגעשריען: „אַנדערע פעלקער זאָגען: האָמער, דאַנטע, שעקספּיער. מיר זאָגען — בואַלאָ". הוגאָ האָט זיין יוגענד פאַרבראַכט אין שפּאַניען און ער האָט באַהאַנדעלט שפּאַנישע טעמעס אין זיינע ערשטע דראַמען (Inez de Castro, Hernani) ברויכנדיג די שפּאַנישע איינטיילונג פון דראַמען אין טעג אַנשטאָט אין אַקטען. שפּאַניען און איטאַליען זיינען בכלל געווען פאַר די אָנפאַנגענדע ראָמאַנטיקער באַליבטע לענדער. אַלפרעד דע מוסעי האָט אָנגעשריבען "Contes d'Espagne et d'Italie"; טעאָפיל גאָטיע האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו האָגלען מיט קללות אויף דעם קאַלטען קלימאַט און די פאַרבענלאָזע מנהגים פון פראַנקרייך, האָט גערופען שפּאַניען זיין אמת'ע פאָטערלאַנד, א. א. וו., א. א. וו.

בעיל און מערימעי רעפּרעזענטירען ביידע אין זעהר אַ הויכער מאָס די אָפּאָזיציע געגען דער נאַציאָנאַלער גאוה פון פראַנקרייך. אין בעיל'ס מויל איז דער וואָרט „פראַנצויזיש" געווען כמעט אַ זידלערײַ; ער פלעגט געוועהנליך אין לצנות רופען די פראַנצויזען "les vainvifs" (בעלי־גאוה); זיינע ביכער מימלען מיט אַזוינע אויספאַלען, ווי דער: „קען זיין עטוואָס מעהר קאָמישעס, ווי צו זוכען טיפקייט אין דעם כאַראַקטער פון אַ פּאַריזער?" ער זאָגט אויף זיין פאָטערלאַנד, אַז „זי איז די מיאוס'סטע לאַנד אין דער וועלט, וועלכע שוטים רופען די שעהנע פראַנקרייך" (Le plus villain pays du monde, que les nigauds appellent la belle France). מיר האָבען געזעהן, אַז אַמענדע האָט ער זיך אָפּ־

נעזאָגט פון זיין נאַציאָנאַליטעט. מערימעי, וועלכער איז געווען פאַרליבט אין שפּאַנישע מידות כמעט אַזוי שטאַרק, ווי בעיל איז געווען פאַרליבט אין די איטאַליענישע, האָט געהאַט די נייגונג פון די ערשטע ראָמאַניקער צו אַלץ, וואָס איז אויסלענדיש און עקזאָטיש. ער אויך, ווי זיין עלטערער פריינד, האָט באַטראַכט אַלס איינעם פון די הויפּט־שטריכען פון דעם פראַנצויזישען כאַראַקטער תמיד צו רעכענען זיך מיט די מיינונגען פון אַנדערע ווענגען זיך (le qu'en dira-t-on) וואָס פאַרניכטעט יעדע אָריגינאַליטעט, נעמט צו די פריידען פון לעבען און שאַפט דעם שטאַרקסטען יסוד פאַר געזעלשאַפטליכער צבועצ'סטווע. זיין אַלגעמיינע מיינונג וועגען זיינע לאַנדסלייט איז געווען אַ גאַנץ נידעריגע און ער האָט זיך ניט געפּרופט צו באַהאַלטען זי פון זיי. אָבער צום סוף האָט ער, להיפּוך פון בעיל, זיך דערקלעהרט פאַר אַן אָנהענגער פון דער אַלטער תורה און אמונה פון פּאַטריאָטיזם. דאָס איז געווען ניט קיין לייכטער שריט פאַר אַ מענשען, וועלכער האָט פיינד געהאַט פּאַטריאָטישע פראַזען־מאַכעריי ווי אַ מגפה, און עס האָט זיך געפאָדערט ניט קיין קלענערע פאַסירונג, ווי די מפלה פון פראַנקרייך, אום אַרויסצורופען ביי איהם אַן אויסדרוק פון ליבע צו זיין לאַנד. אָבער אין אַ בריף געדאַטירט דעם 13טען סעפּטעמבער, 1870, שרייבט ער:

„איך האָב מיין גאַנצען לעבען געשטרעבט צו האַלטען זיך פריי פון פּאָראורטיילען און צו זיין מעהר אַ קאָסמאָפּאָליט (אַ וועלט־בירגער) איידער אַ פראַנצויז, אָבער די אַלע פילאָזאָפישע דראַפּירונגען ברענגען קיינע נוצען ניט. איך בלוטיג אַלע טאָג איבער די וואונדען פון די דאָזיגע דומע פראַנצויזען, איך וויין איבער זייערע דערנידעריגונגען און ווי אונדאַנקבאַר און נאַריש זיי זאָלען ניט זיין, האָב איך זיי טראָץ דאָס אַלץ זיי דאָך ליעב".

אין זיין כאַראַקטעריסטיק פון בעיל קומט מערימעי צום שלום (אין דעם פּרט איינשטימענדיג מיט סעינט־בעוו), אַז איינער פון זיינע בולט'סטע שטריכען איז זיין מורא מען זאָל איהם ניט מאַכען צום נאַר דורך זיין צו גרויסען צוטרוי צו מענשען.

„פון דעם האָט זיך ביי איהם גענומען, — שרייבט ער, —

זיין קינסטליכע האַרטקייט, זיין עקשנות'דיגע זוכעניש נאָך גידעריגע טעמים פאַר אַלע אײדעלע מעשים און זיין ווידערשטעלען זיך געגען די ערשטע נטיות פון זיין האַרץ; די אַלע זאַכען זיינען, לויט מיין מיינונג, ביי איהם געווען מעהר געמאַכט, ווי ווירקליך. דער עקעל און די פאַראַכטונג, וואָס סענטימענטאַליטעט האָט ביי איהם אַרויסגערופען, האָבען איהם אָפט געפירט צו דעם, ער זאָל איבערטרייבען די מאָס אויף פאַרקעהרט. דאָס האָט שטאַרק אויפגערעגט געגען איהם די מענשען, וועלכע, ניט קענענדיג איהם גוט פערזענליך, האָבען געגלויבט בוכשטאַבליך אין אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט וועגען זיך אַליין".

די מורא מען זאָל איהם ניט מאַכען צום נאַר, מיט די אַלע קאָנסעקווענצען (פועל־יוצא'ס), וואָס מערימעי רעכענט דאָ אויס, זיינען געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר מערימעי אַליין, ווי פאַר בעיל, נאָר צוליב זיין צאַרטערע און שוואַכערע נאַטור האָט ער גער מוזט באַגעהן מעהר גוואַלדען איבער זיך אַליין כדי אויסצואַרבייטען אין זיך דעם ציניש׳ען טאָן, וואָס איז לסוף געוואָרען אַזוי נאַטירליך פאַר איהם אין זיין פאַרקעהר מיט מענער, ווי זיין חניפה'דיג־גאַלאַנטער טאָן בנוגע צו פרויען. אַלס יונגער מענש האָט ער אויך געהאַט דעם נחת צו ווערען באַטראַכט אַלס אַ רוח (שד) פון ניאוף, און נאָר אַזאַ קאָמישע פּאַסירונג, ווי די מורא פון אַ פּראָווינציעלער דאַמע צו פאָהרען מיט איהם צוזאַמען אין איין דיליזשאַנס („בריף צו אַן אונבאַקאַנטע", 1, 72), וואָס האָט איהם געצייגט, וואָס פאַר אַ שלעכטען שם ער האָט געהאַט, האָט איהם געמאַכט צו פיהלען פאַר עטליכע טעג אַ חרטה וועגען זיינע נאַרישקייטען. די מורא פאַר צבוע'צסטווע האָט באמת געמאַכט מערימעי פאַר אַ היפּאָקריט, טרייבענדיג איהם צו מאַכען אַן אָנשטעל פון אַ נואף און פון אַ מענשען מיט אַ האַרטע האַרץ, און זיין מורא מען זאָל איהם ניט אָפּנאַרען האָט איהם געטריבען ניט נאָר צו דעם ער זאָל אָפּנאַרען אַנדערע, נאָר ער זאָל אויך אויסנאַרען פון זיך אַליין פילע ריינע און פשוט'ע פאַרגעניגענס. דער שוטה איז ניט נאָר אויף דער ביהנע, — ווי גאָרגיאַס האָט געזאָגט, — אָפט קליגער פון די, וועלכע מען האָט קיינמאָל ניט אָפּגענאַרט. דער וואָס לעבט ניט אין שטענדיגער מורא פאַר בלייבען דער נאַר, האָט מעהר מוט, איז

מעהר פּראָדוקטיוו, פאַרווירקליכט מעהר און פולשטענדיגער די מעגליכקייטען, וואָס דרעמלען אין זיין נשמה.

מערימעי׳ס שטענדיגע דאגה ער זאָל אין עפּעס ניט אריינ־פאַלען האָט געפיהרט צו צוויי שלעכטע רעזולטאַטען, וועלכע מען באמערקט ניט ביי בעיל. ערשטענס האָט זי מיט דער צייט גע־שאַפען אין איהם אַ מין אָפיציעלע שטייפקייט. אַלס אַ מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע און פון דעם סענאַט און אַלס אַ פאַרטרויטער מקורב פון דער קייזערליכער פאַמיליע איז איהם אָפט אויסגעקומען ארויסצוטרעטען אין דער עפענטליכקייט און האַלטען רעדעס ביי יום־טוב׳דיגע אנגעלעגענהייטען. ביי זיך אין הארצען האָט ער געמוזט דערביי לאַכען פון דער צערעמאָניע, פון זיין אייגענעם אָנ־שטעל און פון זיינע אייגענע ווערטער. בעיל האָט זיך קיינמאָל ניט אוועקגעשטעלט אין אַ לאַגע ער זאָל מוזען ריידען מיט כבוד וועגען זאַכען, וואָס ער האָט פאַראַכטעט, אָדער מאַכען קאָמפּלי־מענטען צו שוטים. ער האָט ניט אומזיסט געשריבען:

„ווען איך זעה ווי אַ מאַן שפּאַצירט ארום איבער אַ זאַל מיט אַ סך אָרדענס אָנגעשטעקט אין זיין ראָק, טראַכט איך ניט־ווילענ־דיג וועגען דעם, ווי פיל געמיינע, שפּל׳דיגע און אָפט פאַררעטערישע מעשים האָט ער געמוזט באַגעהן אום אָנצוקלייבען אַזוי פיל עדות וועגען זיי״.

צווייטענס האָט זיין מורא געמאַכט מערימעי אַזוי שטרענג קריטיש צו זיך אַליין אַלס שרייבער, אַז ער איז געוואָרען אינגאַנ־צען ניט־פּראָדוקטיוו. בעיל׳ס כלל איז געווען: „יעדער טאָג מוז האָבען זיין שורה״. מערימעי האָט קיינמאָל קיין סך ניט גע־שריבען און אַם ענדע האָט ער גאָר אויפגעהערט שרייבען. זיינע פאָדערונגען צו זיך אַליין בנוגע צו פאָלקאָמענהייט און פלאַסטיק זיינען געווען אַזוי הויך, אַז ער האָט זיך בעסער אינגאַנצען אָפּגע־זאָגט פון צו קעמפען פאַר זיין אידעאַל, איידער איינצושטעלען אַ דורכפאַל. ער האָט געדענקט, אַז פאַר איהם וועט זיין בעסער צו באַנוגענען זיך מיט דעם, וואָס ער האָט געשאַפען, איידער צו ריזי־קירען מיט זיין נאָמען אַלס קינסטלער דורך אַ ניי ווערק. פאַר איהם איז דאָס געווען לייכטער צו טאָן דערפאַר, וואָס ער איז בטבע

געוועזן א צוריקגעהאַלטענער מענש און זיין נטיה צו שאַפן איז געוועזן ווייט ניט אזא, וואָס איז שווער צו קאָנטראָלירען.

בעיל האָט אומזיסט געהאַט צו איהם א טענה, אז ער איז „פויל". איינע פון די סיבות פון זיין פוילקייט איז געוועזן אזוינס, וואָס בעיל האָט ניט פארשטאַנען און וואָס איז געוועזן דער הויפּט אונטערשייד צווישען די צוויי מענשען. בעיל איז געוועזן א פּסי־כאָלאָג און א דיכטער, אָבער ניט קיין קינסטלער; מערימעי איז געוועזן א קינסטלער ביז זיינע פינגערשפּיצען. ער איז גרוים אלס א קינסטלער און בלויז אלס א קינסטלער. דאָס האָט ער דעם רייכען אינטעלעקטועלען מאַטעריאַל, וואָס בעיל האָט ארויסגע־בראַכט אויף דער ליכט, געמאַכט אונשטערבליך אין קינסטלערישע פאָרמען און דער פאַרטשריט, וואָס ער האָט געמאַכט אין פארגלייך מיט בעיל, איז באשטאַנען אין אָט־דער קינסטלערישער מייסטער־האַפטקייט.

זיין „פוילקייט" איז נאָך אַלעמען ניט געוועזן קיין אבסאָלו־טער גאָרניט־טאָן. זי איז באשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט ניט געשריבען קיין דיכטערישע ווערק, נאָר אָפּהאַנדלונגען און באשריי־בונגען פון היסטאָרישע מאָנומענטען, איבערזעצונגען פון רוסיש בא־שיידענע אָבער שטרענג היסטאָרישע אונטערזוכונגען און היסטאָ־רישע שריפטען. מערימעי איז געוועזן א פילאָלאָג (א שפּראַכען־פאָרשער), אן ארכעאָלאָג (א פאָרשער פון אַלטערטום), א געלעהר־טער און א טוער אין די אינטערעסען פון וויסענשאַפט. זיין קונסט קען מען פארגלייכען צו אן אָאזיס, וועלכער איז געלעגען אין מיטען פון דעם טרוקענעם מדבר פון זיינע טעכנישע שטודירונגען. ער גרענעצט זיך ארום־און־ארום מיט וויסענשאַפט און דער וועג פון דעם אָאזיס צו היסטאָרישע באשרייבונגען איז א לייכטער; עס קומט א מאָמענט ווען די ליבע צו פאַקטען און די ליידענשאַפט צו פּינקטליכקייט און באשטימטקייט קען זיך מעהר ניט צופרידענ־שטעלען מיט בלויזע פאַנטאַזיע. אין דעם פּרט איז די געשיכטע פון מערימעי'ס פּערזענליכער קאַריערע אלס שרייבער עהנליך צו דער געשיכטע פון דער ראָמאַנטישער שולע. ער שפּיגעלט מיט זיך אָפּ אין א קליינער מאָס א גרויסע באוועגונג, מחמת אין פראַנק־רייך, אזוי ווי אין דייטשלאַנד, זיינען די וויסענשאַפטליכע קריטיק

און די היסטאָרישע פאָרשונגען געגאַנגען אויף דעם וועג, וואָס די ליטעראַרישע קריטיק פון די ראָמאַנטיקער האָט געעפענט פאַר דער דיכטערישער ליטעראַטור. ווען די דיכטער האָבען אויפגעהערט אָפּצוגעבען זיך מיט אויסלענדישע און מיטעלאַלטערישע מאַטעריאַ־לען, האָבען די וויסענשאַפטליכע אָנגעפאַנגען צו באַהאַנדלען די דאָזיגע מאַטעריאַלען אין דעם גייסט, וואָס די פּאָעזיע האָט אַרויס־גערופען.

מערימעי׳ס דיכטונג איז תמיד געווען ווי א פּועל־יוצא פון זיינע פאָרשונגען, און פילע פון זיינע ראָמאַנען, אַזעלכע ווי La Vénus d'Ille, Carmen און Lokis זיינען צוליב לצנות אפילו איינגעפּאַסט געוואָרען אין ראַמען פון אַרכעאָלאָגישע און פילאָ־לאָגישע אונטערזוכונגען. דערפאַר איז געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז די וויסענשאַפט זאָל פון דרויסען ביסלאַכווייז אַריינדרינגען אין דעם עצם הארץ פון זיינע ווערק. אין דעם כאַראַקטער פון מערימעי אַלס וויסענשאַפטסמאַן ליגט דער לעצטער גרונד־אונטערשייד צווי־שען איהם און בעיל; מערימעי איז ניט קיין וויסענשאַפטסמאַן פון ערשטען ראַנג. ער באַזיצט די גרינדליכקייט און די זיכערקייט פון די וויסענשאַפטליכע פון דעם צווייטען ראַנג, איהם פעהלט אָבער דער פונק פון באַגייסטערונג, וואָס ער האָט אַלס שרייבער; דאָך האָט ער דעם אמת׳ען סימן פון א געלעהרטען; ער רעדט קיינמאָל ניט וועגען א זאַך, וואָס ער פאַרשטעהט ניט, ער לאָזט זיך קיינמאָל ניט אריין אין סברות אין דער וועלט אריין אָדער אין פלפול׳דיגע פּאַראַדאָקסען. ער געהט פאָראויס שריט נאָך טריט. צייטענווייז איז ער אפשר טרוקען און לאַנגווייליג, אָבער ער מאַכט קיינמאָל ניט קיין טעות.

בעת מערימעי איז א ניכטערער געלעהרטער אָהן א זשעניע, איז אָבער בעיל להיפוך א באַגייסטערטער וויסענשאַפטליכער דילע־טאַנט; ער האָט אַלע סמנים פון געניאַליטעט, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך אַלע סמנים פון דילעטאַנטיזם (ניט־גרינדליכ־קייט, אויבען־אויפקייט). זיינע ביכער זיינען פול מיט געוואַגטע באַהויפּטונגען, מיט סברות, וועלכע מען קען ניט באַווייזען, מיט אַלגעמיינע טעאָריעס וועגען פעלקער, וועמעס שפּראַכען ער האָט ניט גענוג פאַרשטאַנען, און מיט אַזעלכע דילעטאַנטישע פּאַראַדאָקסען,

ווי אז ווערנער׳ס „לוטהער" איז די בעסטע דייטשע דראמע. זיינע ארטיקלען זיינען אזוי אינטערעסאנט און רייך אין איינפאַלען, ווי מערימעי׳ס זיינען לאַנגווייליג און טרוקען, אָבער מערימעי׳ס החלטות (שלוסען) זיינען פעסט באגרינדעט אויף פעלז און בעיל׳ס זיינען צו אָפט געבוים אויף זאמד.

מערימעי באצייכענט, בכן, א שריט פאָראויס אין פארגלייך מיט בעיל אין וויסענשאפט אזוי גוט ווי אין דער ליטעראטור. זיין געדאנק איז שמאָלער און ניט אזוי רייך, אָבער דער אינהאַלט פון זיין געדאנק איז אין א פיל בעסערער אָרדנונג און זיין סטיל איז קינסטלעריש פאָלקאָם.

23.

מערימעי.

אלס שרייבער פון דראמען און ראָמאַנען איז מערימעי לכתחילה ארויסגעטראָטען אין דער ראָלע פון א פּאָלעמיקער (וועמעס צוועק איז פּאַרצושטעלען די שלעכטע זייטען פונ׳ם סדר העולם). הגם ער איז געווען א באָאבאַכטער, שטעלט ער זיך דאָך ניט די אויפגאַבע, ווי באַלזאַק, צו געבען א פּאַרשטעלונג פון דער גאַנצער וועלט ארום זיך. ער האָט אויך ניט געזוכט דעם כבוד, אז די דורות נאָך איהם זאָלען דורך זיינע ווערק שטודירען די מדות און די אידעען פון זיין צייט. ער וויל ארויסטרעטען געגען דעם הערשענדען גע־שמאַק; ער וויל אויפרייצען אָדער ארייגברענגען אין כעס זיינע לאַנדסלייט און ער קלייבט אויס פאַר דעם צוועק אַזעלכע טעמעס, וועלכע האָבען די מעגליך קלענסטע שייכות מיט דער מאָדער־נער ציוויליזירטער געזעלשאַפט.

עס איז געווען נאַטירליך, אז זיין געגנערשאַפט זאָל זיך צו־ערשט אויסדריקען געגען דער ליטעראַרישער סענטימענטאַליטעט. דער שעמעדיגער, שטאָלצער יונגער מענש איז געווען דורכגענומען מיט דעם געדאַנק, אז די פליכט פון א שרייבער איז איבער־צוגעבען זיינע אידעען פאַר די לעזער; אין דער זעלבער צייט דאַרף ער אָבער האָבען גענוג אכטונג צו זיך אליין ניט ארויסצושטע־לען זיינע אייגענע געפיהלען פאַר זיי. די פראַנצויזישע שרייבער פון יענער צייט האָבען איהם אָבער ניט געשטיצט אין דער מיינונג זיינער. זינט רוסאָ׳ס ראָמאַנען, שוין ניט רייךענדיג וועגען זיין „וידוי״, האָבען געמאַכט א וועג פאַר באשרייבונגען פון האַלב־אמת׳ע און האַלב־אויסגעטראַכטע געפיהלען, פאַר אַן אָפענהערציג־קייט, וועלכע האַלט גאָר ניט צוריק, האָבען א גאַנצע רייהע שרייבער פון שאַטאָבריאַן ביז לאַמארטין און סעינט־בעוו געפּאָלמעסט זיך

אליין לעבעדיגערהייט צוליב דער הנאה פון דעם עולם. זיי האָבען אויפגעדעקט פאַר די לעזער אַלע סודות פון זייערע נשמות, זיי האָבען, מיט איין וואָרט, מיט אַלע מיטלען אויפגעדעקט זייער איי־גענעם לעבען און צופרידענגעשטעלט די נידעריגסטע נייגעריגקייט פון דעם גראָבען המון. און מיט וואָס פאַר אַ צוועק האָבען זיי עס געטאָן? — צו געווינען די סימפּאַטיע פון דעם דאָזיגען המון. מערימעי איז געווען אינגאַנצען צו שטאָלץ ער זאָל וועלען טאָן אַזאַ זאַך. „אום גאָטעס ווילען, קיינע וידוי׳ס!" — זאָגט ער צו זיך אליין ווען ער נעמט צום ערשטען מאָל זיין פעדער אין האַנד צו שרייבען. און בכדי ער זאָל ניט ווערען סענטימענטאַל אָדער קינות׳דיג באַהאַלט ער זיך אינגאַנצען הינטער די פּערזאָנען, וואָס ער באַשרייבט. ער לאָזט זיי אַליין און זייערע מזלות טאָן, וואָס זיי ווילען און זאָגט קיינמאָל ניט ארויס קיין אייגענע מיינונג וועגען זייערע מעשים. בעיל, וועלכער האָט אויך אַזוי שטאַרק ניט ליב געהאַט קיינע סענטימענטאַליטעטען, האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון ארייגצושטעלען זיינעם אַ וואָרט. מערימעי מאַכט מען זאָל איהם אַליין ניט זעהן, ניט הערען און ניט באַמערקען. אָבער זיין טעמפּעראַמענט מאַכט פאַר איהם אוממעגליך ער זאָל עס טאָן אַנדערש ווי דורך פאַרשטעלען בלויז טיפּע, אַנטשלאָסענע כאַ־ראַקטערען, וועלכע האַנדלען אָהן לאַנגע ישוב־הדעת׳ען אָדער שמועסען, וועלכע ווערען פאַרכאַפּט פון זייערע ליידענשאַפטען און געהען אריבער צו מעשים פּלוצלונג און אונערוואַרטעט.

„פאַר מיר, — זאָגט מערימעי׳ס שיפסקאַפּיטאַן פון דרום אַמעריקאַ אין דער הקדמה צו דער „פאַמיליע קאַרוואַזשאַל", — זיינען די אַלע העלדען פון טראַגעדיעס אַ מין פלעגמאַטישע פילאָ־זאָפען אָהן ליידענשאַפטען. אויב איינער פון זיי טויטעט זיין געגנער אין אַ דועל אָדער אויף אַנאַנדער אופן, ווערט ער תיכף דורכגענומען פון געוויסענסביסען און ווערט ווייך ווי אַ וואָלענע שמאַטע. איך האָב אָפּגעדינט זיבען און צוואַנציג יאָהר, איך האָב געטויטעט איין און פערציג שפּאַניער און איך ווייס ניט וואָס אַזאַ געפיהל מיינט... די כאַראַקטערען, די געפיהלען, די האַנדלונגען — אַלץ זעהט אונז אויס אונגאַטירליך ווען מיר לייענען די דאָזיגע פּיעסען אויפ׳ן קול אין דעם אָפיצערען־צימער אויף דער שיף. זיי

זיינען אַלע פּרינצען, וואָס מאַכען דעם אָנשטעל, אַז זיי זיינען ביז משוגעת פאַרליבט און ניט נאָר וואָגען זיי ניט אפילו אָנצוריהרען די שפּיצען פון זייערע פּרינצעסינען׳ס פינגער, נאָר האַלטען זיך אַ גאַנצען מהלך ווייט פון זייערע דאַמען. מיר ים־מענשען געהען אין אַ פיל געוואַגטערען וועג אין ליבע־זאַכען״.

מערימעי שרייבט ניט פאַר דער בורזשואַזיע, ביי וועמען די שוואַכסטע געפיהלען רופען אַרויס טרערען אין די אויגען; ער ווענדעט זיך צו מענשען מיט שטאַרקערע נערוועז, וועלכע ווערען ניט אַזוי לייכט גערירהט. בכן — אַרונטער מיט די געוועהנ־ליכע לאַנגע הקדמות, מיט אַלע הכנות און וואָרענישען פון די טראַגעדיעס! מענשליכע נפשות מיט בלוט אין זייערע אָדערען האָבען ניט אַזעלכע לאַנגע ישוב־הדעת׳ען און נערוועזע שוואַכקייט איז אַן אַנגענעהמע שפּיל נאָר פאַר בלוטלאָזע מענשען. אויב אַ פרוי האָט ליב, וואָס קען זיין מעהר נאַטירליך פאַר איהר ווי צו זאָגען עס און צו זעהן, אַז, — אַלע אַנדערע זאַכען אָן אַ זייט, — די הפסקות צווישען דער ערשטער ליבע־שבועה, דעם ערשטען קוש און דעם ערשטען אַרומנעמען זיך זאָלען זיין אַזוי קורץ ווי מעגליך? אויב אַ מאַן האָט פיינט מיט אַ מענליכע שנאה, וואָס איז מעהר נאַטירליך פאַר איהם ווי צו מאַכען אַ סוף צו זיינע אייגענע יסורים און צו זיין שונא׳ס לעבען מיט אַ שטאָך אָדער מיט אַ שאָס? דאָס איז זיכער נאַטירליך ווען די ראַסע, וואָס דער שרייבער באַשרייבט, איז ניט קיין אָפּגעשוואַכטע, נאָר אַ קרעפטיגע, און מיט דעם ער־קלעהרט זיך מערימעי׳ס טענדענץ צו געבען יעדען געפיהל דעם כאַראַקטער פון אַ העפטיגע, גוואַלדיגע ליידענשאַפט, צו פאַרטיפען זיך אין זאַכען, וועלכע זיינען אכזריות׳דיג און גראָב, צו מאָלען דעם טויט, — ניט דעם טויט פון טראַגעדיעס, נאָר דעם ווירק־ליכען טויט מיט זיין גאַנצער קאַלטער האַרטער אונ׳ברחמנות׳דיג־קייט, — אַלס דעם עיקר און דעם סוף פון אַלע ווערק, וואָס זיינען אַרויס פון קינסטלערישען ווערקשטאַט. דאָס ערקלעהרט, מיט איין וואָרט, די "l'atroce" (די אכזריות׳דיגקייט) פון מערימעי׳ס ווערק.

מערימעי איז געוואָרען היימיש מיט דעם טויט. אויב מען קען בנוגע צו איהם ברויכען די אַלטע אויסדרוקען, קען מען זאָגען,

אז ער איז א גרויסער טראגישער דיכטער. אבער מערימעי גלויבט ניט אין דאס, וואס די דאגמאטישע אנהענגער פון די פרינציפען פון אריסטאטעל רופען „די טראגישע טהרה", אז די טראגעדיע רייניגט די מענשליכע נשמה און איז מכפר אויף זיינע שלעכטע מעשים. וועגען דעם ווי אנדערע שרייבער מאלען דעם טויט זאגט ער, שיינט עס, צוזאמען מיט שילער:

„אבער דער טויט, רבותי, איז דאך גאר ניט אזוי עסטעטיש."

טיפער פון אלץ אין מערימעי'ס נשמה איז די ליבע צו קרעפטיגע באראקטערצוגען. אבער ער האט ניט ליב, ווי באלזאק, די קרעפטיגקייט אלס א קראפט אליין, אלס א שטארקען פארלאנג אדער א שטארקע ליידענשאפט. ער האט ליב די קרעפטיגקייט אלס דעם תמצית פון דעם כאראקטער און פון דער ענערגיע, וואס דריקט זיך אויס אין אנטשיידענע מעשים, און דערפאר פאנגט ער לכתחילה נאטירליך אן צו פיהלען און צו באשרייבען די פאעזיע פון אנטשיידענע געשעהענישען א לאנגע צייט איידער ער איז רייף גענוג צו מאלען די פאעזיע פון דעם איינפאכען, שטארקען כאראקטער. פון אלע געשעהענישען איז דער טויט די אנטשיידענסטע, די שטארקסטע, די וויכטיגסטע, און דערפאר פארליבט ער זיך אין דעם טויט, אבער, — באמערקט, — ניט אין דעם טויט ווי עס פארשטעהען איהם די ספיריטואליסטען און די גלוביגע, ניט אין דעם טויט אלס א מטהר'דיגען איבערגאנג אין אן אנדער וועלט, נאר אלס א גוואלדיגען, פלוצלונגען, בלוטיגען סוף. ער איז, ווי סיעיס, פאר „א טויט אהן פראזען" (la mort sans phrase).

מען קען נאטירליך דענקען, אז אין מערימעי אלס מענש האט געפעהלט געפיהל, אז ער האט געהאט א געוויסע נייגונג: צו גרויזאמקייט און דאס איז פיליכט געווען דער יסוד פון זיין ליטעראַרישער הארטהארציגקייט. מ'קאן זיך אבער כמעט איבערצייגען פון זיינע אייגענע ווערטער, אז די שארפסטע אויסדרוקען פון דער דאזיגער אייגענשאפט זיינער זיינען לכתחילה ארויסגערופען געווארען דורך דעם שטארקען עקעל, וואס ער האט געפיהלט בנוגע צו סענטימענטאליטעט אין דער ליטעראטור. אין זיין ארטיקעל וועגען זיין יוגענדפריינד וויקטאר זשאקמאן באגעגנען מיר אזא שטעל:

„איך האָב קיינמאָל ניט באגעגענט קיין מענשען, וועלכער זאָל האָבען אַ מעהר געפיהלפולע הארץ פון זשאקמאָן. ער האָט געהאט אַ ליבענדע, צארטע נאַטור, אָבער ער האָט פארברויכט אזוי פיל כח צו באהאלטען זיינע געפיהלען ווי פיל אנדערע פארברויכען צו פארדעקען זייערע בייזע נטיות. אין אונזער יוגענד איז אונז געווען אָפּשטויסענד די פאַלשע סענטימענטאַליטעט פון רוסאָ און זיינע נאָכמאַכער און דער פּועל־יוצא מיט אונז איז געווען ווי געוועהנליך — אַן איבערטריבענע רעאַקציע. מיר האָבען געוואָלט זיין שטאַרק און דערפאר האָבען מיר זיך אויסגעלאכט פון סענטימענטאַליטעט".

עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אַז די דאָזיגע שנאה געגען ווייכקייט און צערטליכקייט, וואָס איז אזוי להיפוך צו דער שטאַרקער סענטימענטאַליטעט פון די מעהרסטע פון מערימעי'ס יוגענד־ליבע צייט־גענאָסען, און די פאַרליבע פאַר דאָס גוואַלדזאַמע און ווילדע זיינען ניט געווען פּשוט אַ פּועל־יוצא פון דעם גייסט פון צו־להכעיס. אום אָפּצומעסטען די שטאַרקייט פון דער דאָזיגער פאַרליבע ברויכען מיר בלויז אַ בליק צו טאָן אויף דער געשיכטע פון מערימעי'ס אנטוויקלונג. אין אַנאַנדער מענשען וואָלטען מיר ערוואַרטעט, אַז אַזאַ נייגונג זאָל ביי איהר ערשטען אויסברוך אָפּגעהאַלטען ווערען אין די יונגע יאָהרען דורך דער לייכטערער און ליכטיגערער שטימונג פון דער יוגענד און זאָל אויף דער עלטער ווערען געמילדערט דורך דער אַלגעמיינער אָפּשוואַכונג פון דעם מענשען'ס קרעפטיגקייט. אָבער מיט מערימעי איז אַזוינס ניט פאָרגעקומען. זיין ליבע פאַר גוואַלדזאַמע אנטשיידונגען האָט דערלעבט דעם זעלבען עלטער ווי זיין ליבע פאַר דעם טינט און פּעדער, און די שרעקענס און די אימה'ס, וואָס ער באַנוצט אין די ווערק, וואָס ער האָט געשאַפען אין זיינע מיטעלע יאָהרען, צו מאַכען אַ טראַגישען איינדרוק, באַנוצט ער אויך אויף דער עלטער, נאָר דאַמאָלס זיינען זיי ביי איהם בלויז מעהר פינסטער און אָפּשטויסענד.

אין "Théatre de Clara Gazul" („קלאַרא גאַזעל'ס טעאַטער"), מערימעי'ס ערשטער בוך, וואָס ער האָט ארויסגעגעבען ווען ער איז אַלט געווען בלויז 22 יאָהר, באַמערקט מען ווי די יוגענדליכקייט באַשטרייט די טיף איינגעוואָרצעלטע פאַרליבע פאַר

גוואַלדזאַמקייט און ווילדקייט. ווען מען לייענט דעם בוך אויבען־
אויף מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ גאַנץ ערנסט ווערק. הגם
ער ווערט אָנגעגעבען אַלס גענומען פון שפּאַניש, דאָך איז דער בוך
גאַנץ פאַרשיידען אין פילע וויכטיגע פרטים פון דער שפּאַנישער
דראַמאַטישער ליטעראַטור. די פּיעסען, פון וועלכע ער איז צוזאַ־
מענגעשטעלט, האָבען קיין עהנליכקייט צווישען זיך. אין זיי
חזר'ען זיך ניט איבער, ווי אין די געוועהנליכע „מאַנטעל־ און־
דעגענשטיק (שפּיז)" טראַגעדיעס, אין וועלכע עס פּאַסירען אַ סך
דועלען, כסדר די זעלבע מינים כאַראַקטערען און די זעלבע סיטואַ־
ציעס, וואָס ווערען געשאַפען דורך אייפערזוכט און פאַרשאַרפטען
עהרע־געפיהל; אין זיי איז אויך ניטאָ קיין הסכמה צו די קאָנ־
ווענציאָנעלע באַגריפען וועגען מאָראַל, אויף וועלכע יענע טראַגע־
דיעס זיינען געבויט; מעריםעי'ס כאַראַקטערען זיינען גאַנץ באַ־
שטימטע אינדיווידועלע פּערזענליכקייטען און אָנשטאָט ארויסצו־
ציינען איבערמענשליכע זעלבסטבאהערשונג און איינגעהאַלטענקייט
לאָזען זיי זיך בלינד פאַרכאַפּט צו ווערען פון זייערע שטרעבונגען
און ליידענשאַפטען. נאָך וועניגער עהנליכקייט איז דאָ צווישען
די דאָזיגע פּיעסען פון מעריםעי מיט דער גרויסער צאָהל ראָמאַנ־
טישע און פאַנטאַסטישע דראַמען, מיט אָדער אָהן קאַטוילישער
באַגייסטערונג, אין וועלכע קאַלדעראָן קומט צו זיין העכסטען גלאַנץ
אַלס דראַמען־שרייבער און ציינט ארויס זיינע רייכסטע פאַרבען.
נאָר אייניגע פון מעריםעי'ס דראַמען, ווי למשל "Inès Mendo"
שטימען אין זייער אַלגעמיינעם טאָן מיט געוויסע ערנסטערע שפּאַ־
נישע דראַמען, ווי קאַלדעראָן'ס El alcade de Zalamea, Las tres
justicias in una, El medico de su honra, El pintor de su
deshonra אָדער מאָרעטאָ'ס El valiente justiciero. בכלל גע־
נומען מאַכט דער בוך אַן ערנסטען איינדרוק נאָר אויבען־אויף. ער
איז פריי, געוואַגט, חוצפּה'דיג און דורך די שפּאַנישע בגדים פון די
העלדען זעהט זיך ארוים די פראַנצויזישע לייכטזיניגקייט און סאַ־
טירע. אויף דער ביהנע ווערען ארויפגעבראַכט אַזוינע פּערזענליכ־
קייטען, צו וועלכע, ווי מען דערצעהלט אונז אין דער הקדמה צו
"Une Femme est un Diable" („אַ פרוי איז אַ שטן"), אונזערע
אַמען האָבען אונז געלערענט צו פאַרהאַלטען זיך מיט כבוד. אָבער

דער מחבר האָפט, אז די „אויפגעקלעהרטע שפּאַניער" וועלען עס ניט אָננעמען פאַר אומגוט.

„קלארא גאזועל" איז, הייסט עס, א לוסטיגער בוך. די גוטע דאַמע, וועלכע האָט איהם געשריבען, טראָגט ניט קיין צו לאַנגע קליידלאַך. אָבער וואָס פאַר א משונה'דיגע לוסטיגקייט עס איז! עס איז א לוסטיגקייט, וואָס געפינט הנאה אין ווארפען מעסערס און קען זיך אין אויסגעלאַסענהייט מיט קיין זאַך ניט פארגלייכען סיידען מיט דעם שפּרינגען פון א יונגער טיגערין. מערימעי קען ניט צופּאַסען קיין אַנדער שלום אויסער דאָס אויס'הרג'ענען פון אלע זיינע הויפּט כאַראַקטערען און איין וואָרף מיט א שפּיז קומט נאָך דעם אַנדערען כמעט מיט דער שנעלקייט פון א פּופּענשפּיל (א שפּיל פון אויטאָמאַטישע קליינע פיגורען). אָבער תיכף נאָך דער קאַטאַסטראָפע שאַפט זיך מערימעי דעם פארגעניגען צו פאַר־ניכטען די אילוזיע. די אַקטיאָרען הויבען זיך אויף און איינער פון זיי באַדאַנקט דעם עולם פאַר זיין אויפמערקזאַמקייט. די גאַנצע זאַך פארענדיגט זיך ווי אין א לצנות.

דאָנאַ מאַריאַ.

„העלף! זי האָט איינגענומען סם, איך האָב זי פארגיפטעט. איך וועל זיך אליין באַזאָרגען מיט א שטראָף, ווי איך האָב עס פאַרדינט. דער קלויסטער־ברונען איז נאָהענט פון דאַנען". (לויפט שנעל ארוים).

פראַ עדזשעניאָ (צום עולם):

„נעמט ניט אָן פאַר אומגוט, וואָס איך האָב פאַראורזאַכט דעם טויט פון אזעלכע צוויי ליבעסווירדיגע יונגע דאַמען און זייט אזוי גוט און ענטשולדיגט דעם מחבר'ס פעהלער."

אזוי ענדיגט זיך די ווילדע ליידענשאַפטליכע פּיעסע "L'Occasion" („דער צופאַל"). די וויציגסטע קריטיק איבער די דאָזיגע דראַמען און זייער סטיל בכלל געפינען מיר אין אַלפרעד דע מוסעי'ס "Lettres de Dupuis et Cotonet":

„אָט האָבען מיר דאָ שפּאַניען מיט איהרע קאַסטיליאַנער, וועלכע שניידען זיך איינע די אַנדערע די העלזער מיט דער זעלבער לייכטקייט, מיט וועלכער מיר טרינקען אוים א גלאָז וואַסער; מיט

איהרע אַנדאַלוזיערינען, וועלכע באַשליסען זיך נאָך לייכטער אויף אַזעלכע מעשים, וואָס פאַרקלענערען די באַפעלקערונג; מיט איהר אָקסען־קאַמפּען, מיט איהרע טאָרעאַדאָרען, מאַדאַטאָרען, א. א. וו.״

די שפּאַניען פון דער יונגער ראָמאַנטישער שולע, צו וועלכער מוסעי אַליין האָט אויך בייגעשטייערט זיין אַנדאַלוזיערין פון באַרצעלאָנאַ מיט איהר בלייכען פּנים און טונקעלען האַלז, איז ניט נאָר ביי מערימעי אַליין אַרויסגעקומען אַזוי הייסבלוטיג און האַסטיג אין לעבען, אָבער קיינער האָט מיט איהר ניט געטריבען אַזוי פיל לצנות ווי ער, און די טעמעס וואָס ער האָט אויסגעקליבען צו באַאַרבייטען אויף דער עלטער, האָבען פאָלשטענדיג געשטימט מיט דעם געשמאַק, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען אין זיין יוגענד.

זיי לעצטע דערצעהלונג, „לאָקים״, ענטהאַלט די געשיכטע פון אַ יונגען ליטווישען גראַף פון געהיימניספולער אָפּשטאַמונג, וועלכער פיהלט אין זיך צייטענווייז די אינסטינקטען פון אַ ווילדער חיה. אין דער נאַכט פון זיין חתונה ווערט ער משוגע און טויטעט זיין כלה איבערבייסענדיג איהר די האַלז. דעם גראַף׳ס כאַראַקטער ווערט געמאָלען זעהר קינסטלעריש. די אַנטוויקלונג פון זיין משוגעת ווערט באַשריבען מיט צוויי־דריי לייכטע אָבער שאַרפע שטריכען און מערימעי האָט, ווי עס ווייזט אויס, געהאַט גרויס הנאה צו מאָלען דעם כאַראַקטער פון דעם יונגען ליטווישען גראַף מיט זיין גאַנצער ווילדקייט אַלס אַ היפוך צום ביז־צו־גאָר עהרליכען און תמ׳עוואַטען דייטשען פּראָפעסאָר (ווי דער דייטש אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור ביז דעם יאָהר 1870), אַ גאַסט ביי דעם גראַף אין הויז, וועלכער שרייבט אַלע אָוועגט צו זיין כלה, פריילין גערטרוד וועבער, און באַשרייבט פאַר די לעזער אין איינעם פון זיינע בריף די שרעקליכע פּאַסירונג. אָבער דער איינדרוק, וואָס די דאָזיגע וואַמפּיר־געשיכטע לאָזט איבער, איז אַ געמיש פון עקעל און אימה. די מייסטערהאַפטקייט פון דער באַשרייבונג, די פאָלקאָמענהייט פון דעם סטיל, דער טאַקט, מיט וועלכען די ברוטאַלע געשעהעניש ווערט באַהאַנדעלט, דערמאָנען אונז אָן די ווייסע, גלאַנציגע הענטשקעס פון דעם תליון. די דערצעהלונג אינטערעסירט אונז נאָר אַלס אַ סימן ווי שטאַרק עס זיינען פאַרבליבען ביים מחבר זיינע ערשטע נייגונגען צו דאָס שרעקליכע.

די דאָזיגע נייגונגען זיינען ביי מערימעי זיכער אינדיווידועלע און פּערזענליכע, אָבער עס איז קלאָר, אַז עס איז דאָ אַ קרובות'־שאַפט צווישען זיי און די טענדענצען פון דער גאַנצער שולע, וועל־כע סאַוטהי האָט אַ נאָמען געגעבען די „סאַטאַניסטישע" („טייר־וועלשע"). בייראָן'ס איינפלוס איז לייכט צו באַמערקען. אַרום דעם יאָהר 1830 איז אין פראַנקרייך (ווי פריהער אין ענגלאַנד) שטאַרק מיאוס געוואָרען די „אימאַנועליסטישע" (פון דעם מלאך עמנואל, מלאכ'שע, פרומע) פּאָעזיע פון דער צייט פון דער רעַ־אַקציע. די אויבערהרשאַפט אין דער פּאָעזיע איז אריבער פון לאַמאַרטין צו וויקטאָר הוגאָ, וועמעס „אָריענטאַלען" האָבען גע־געבען די שרעקליכסטע בילדער פון מלחמה און פאַרניכטונג. לאַ־מאַרטין אליין, וועלכער איז געווען דער גרעסטער צווישען די סע־ראַפּישע (פון מלאך־השרת, מלאכ'שע) דיכטער, האָט אין זיין "La Chute d'un Ange" האָט אויסגעקלאַפּט אַ סאַטאַניסטישען טאָן און אַ יונגער דיכטער פון וויקטאָר הוגאָ'ס שולע האָט אין דער זעלבער צייט מיט מערימעי, אָבער ניט אונטער זיין איינ־פלוס, באַהאַנדעלט אימה'דיגע טעמעס אין קורצע, קינסטלעריש באַארבייטע, דערצעהלונגען. איך רייד וועגען פּעטערס באָרעל, וועלכער איז געשטאָרבען אָרים און אונבאַקאַנט. זיין Dina, la belle Juive („דינה, די אידישע שעהנהייט") קען זיך פאַר־גלייכען מיט דער שרעקליכסטער פון מערימעי'ס דערצעהלונגען. דער אָרימער באָרעל איז געווען אַ בעל־חלום, אַן ענטוזיאַסט און אַ הייסער מאַראַליסט, וועלכער האָט פאַרבאָרגען זיין ענטו־זיאַזם הינטער זיינע רעאַליסטישע בילדער, דורך וועלכע ער האָט געוואָלט ארויסרופען ביי די לעזער אַן עקעל געגען גוואַלד. דער ראַפינירטער, הויכגעבילדעטער מערימעי מאַכט אָפט נאָר אַן אָנ־שטעל, אַז ער איז בלוטדורשטיג, מחמת עס טוט איהם הנאה צו וואַרפען אַן אימה אויף זיינע לעזער, באַזונדערס אויף זיינע לע־זערינען. אָבער ביי ביידען איז דער עיקר דער עכט ראָמאַנטישער פאַרלאַנג צו טאָן אויף צו־להכעיס דער בורזשואַזיע.

מערימעי איז ניט געבליבען אונבאַשטראָפט דערפאַר, וואָס ער האָט מיט זיין טאַלאַנט געדינט דער ליטעראַרישער בלוטדור־שטיגקייט. הגם ער האָט ניט באַנעגענט זיין געמעזים (די געמין

פון שטראָף) פאַר זיין לעבען, האָט זי איהם אָבער איינגעטיילט זיין שכר נאָך זיין טויט. ווען דעלאָמעני האָט נאָך איהם געמאַכט דעם געוועהנליכען הספד אין דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע, האָט ער צום סוף אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אין מערימעי'ס לעבען האָט געפעהלט די רוהיגקייט און די פארגעניגענס פון א היים, אַז ער וואָלט געווען גליקליכער ווען ער וואָלט געווען „אַ פאָטער פון פיר אָדער פינף קינדערלאַך, וועלכע מען מוז דערציהען"; און ווען זיין פריינדין, גרעפין ליזאַ פרזשעזדיעצקאַ, האָט אָפּגעדרוקט אַ רייהע בריף, וואָס ער האָט איהר געשריבען און וואָס זיינען זיכער ניט געמיינט געוואָרען פאַר דער עפענטליכקייט, אונטער דעם נאָמען „בריף צו אַן אומבאַקאַנטע", האָט זי דעם איינקונפט פון דעם בוך מנדר געווען פאַר אל־מלא־רחמים'ס פאַר דער נשמה פון איהר פריינד, וועלכער איז געווען אַ שונא פון דער קאַטוילישער קירכע.

.24

מערימעי.

ווען מערימעי איז צום ערשטען מאָל ארויסגעטראָטען אין דער ליטעראטור פארקליידט פאר א שפאניער, איז די קלאסישע דראמע שוין געווען אזוי ענטוויקעלט, אז אלע פערזאָנען פון דער פיעסע האָבען געהאַט, ווי די פיגורען אין שאָך־שפיל, זייערע באשטימטע ראָלען און גאנגען. אויף דער ביהנע האָט כמעט תמיד געמוזט זיין דער סטערעאָטיפישער קעניג, דער טיראן, די פרינצעסין, דער פארשווערער, אָדער א מקורב־למלכות בכלל, און אזוי ווייטער. עס האָט ניט אויסגעמאכט צי די קעניגין, וועלכע האָט געטויטעט איהר מאן האָט געהייסען סעמיראמיס, קליטעמנעסטרא, יאהאַנא פון נעאפאָל אָדער מאריא סטוארט; צי דעם געזעצגעבער'ס נאָמען איז געווען מינאָס, פעטר דער גרויסער, אָדער קראָמוועל — זייערע ווערטער און זייערע האנדלונגען, זייערע געדאנקען און זייערע געפיהלען זיינען אלעמאָל געווען די זעלבע. א יונגער דיכטער פון דער קלאסישער שולע, וועלכער האָט באהאנדעלט א טעמע פון דער שפאנישער געשיכטע אזוי, אז דער צענזאָר האָט עס ניט גע־וואָלט ליידען, האָט זיך שטענדיג געקאָנט ארויסדרעהען פון זיינע שוועריגקייטען פשוט, מיט א פיהר פון דער פעדער, אריבערטראָ־גענדיג די סצענע פון בארצעלאָנא קיין בבל און פון דעם זעב־צעהנטען יאָהרהונדערט צו דער צייט פאר דעם מבול. "Barcelone" (בארצעלאָנא) און "Babylone" (די שטאָדט בבל) האָבען די זעלבע צאָהל זילבען (הברות) און ביידע ווערטער גראַמען זיך. אנ־דערע ענדערונגען זיינען קוים נויטיג געווען*). די שפאניען, וואָס מערימעי, פארשטעלט אלס „קלארא גאזעל", ציינט זיינע לע־

*) גיזאָ: „שעקספיער און זיין צייט", ז. 294.

זער, איז ניט די לאַנד, אין וועלכער עס געפינט זיך די אמת'ע שטאָדט באַרצעלאָנאַ. און ער שטעלט זיך ניט צופרידען מיט דעם, וואָס ער פאַרקליידט זיך פאַר א שפּאַנישער דאַמע. אלס א עכטער ראָמאַנטיקער באַטראַכט ער די הויפּט־אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור צו מאָלען די פאַרשיידענע פעלקערשאַפטען, זייערע מידות און זייערע פאַרשיידענע קולטור־צושטאַנדען ניט געלאַקירט און ניט געקאַלכט, אַרויסצוברייננגען קלאָר און בולט דאָס, וואָס מען האָט אין יענע יאָהרען גערופען „לאָקאַלע פאַר־בען". צוליב דעם ווערט ער א תושב פון די פאַרשיידענסטע לענ־דער און א מענש פון די פאַרשיידענסטע עפּאָכען פון דער קול־טור. ער פיהלט זיך ווי א מור, ווי א נעגער, ווי א דרום־אַמערי־קאַנער, ווי אן אילירער, ווי א ציגיינער, ווי א קאָזאַק. אָבער ניט אַלע ווייטע און פרעמדע זאַכען זיינען פאַר איהם אַלץ־איינס אינטערעסאַנט, ווארים ער מיידט אוים די ציוויליזאַציע און די פּאָליטור פון לעבען. ווי טעאָפעל גאָטיע האָט ליב געהאַט צו באַזוכען יעדע לאַנד אין דער צייט פון יאָהר ווען דער קלימאַט איז פאַר איהר אַממעהרסטען כאַראַקטעריסטיש — אַפריקאַ אום זומער, רוסלאַנד אום ווינטער — אַזוי האָט מערימעי ליב געהאַט צו מאַכען נסיעות אין זיין פאַנטאַזיע צו די געגענדען, וואו די איינוואוינער רעכענען זיך אַמווענינגסטען מיט א מענשליכען לע־בען, וואו די ליידענשאַפטען זיינען די שטאַרקסטע, וואו די נאַ־טורען זיינען די ווילדסטע און די אַנטשלאָסענסטע און וואו די אַלטע פּאַראַורטיילען ציינען זיך אַרוים מיט דער גרעסטער קראַפט. ער באַגרענעצט זיך ניט מיט דער איצטיגער צייט. ער איז טיף פאַראינטערעסירט אין די באַרבאַריען פון די פריערען־מלחמות פון דעם מיטעלאַלטער; ער מאָלט פאַר אונז די עפּאָכע פון קאַרל דעם ניינטען און באַשרייבט מייסטערהאַפט די הריגה פון די הוגענאָטען אין דער נאַכט פון דעם הייליגען באַרטאָלאָמעי. ער איז אַזוי היימיש מיט שפּאַניען פון דעם פערצעהנטען יאָהר־הונדערט און מיט רוסלאַנד פון דעם זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט ווי מיט דער אַלטער פראַנקרייך און מיט דעם אוראַלטען רוים. אלס אַרכעאָלאָג און היסטאָריקער האָט ער געשטודירט די אויפ־שריפטען און די מצבות, די געביידעס, די אָרנאַמענטען און די

געוועהר און אלס קענער פון שפּראַכען האַט ער געשטודירט דאָ־קומענטען און כתבים אין פילע שפּראַכען, וועגען וועלכע דער גע־וועהנליכער שרייבער וויים גאָר ניט. דאָס מאַכט זיינע באַשריי־בונגען אויסערגעוועהנליך ריכטיג פאר זיין עפּאָכע.

זיין ליידענשאַפט צו דאָס קרעפטיגע אין איהר פּרימיטיווער נאַקעטקייט האָט איהם געגעבען א חוש פאר דער געשיכטע. דער־פאר זיינען די העלדען פון זיינע היסטאָרישע ווערק די ווילדסטע און די געוואגסטע כאראַקטערען: סולא, קאַטילינא, דאָן פּעדראָ דער אכזר פון קאַסטיליען, דער ערשטער פאַלשער דמיטרי, און אזוי ווייטער, א. אז. וו. זיין פּעדאַנטישע פּינקטליכקייט און זיין מיסטרויען צו דער פאַנטאַזיע אין וויסענשאַפטליכע אנגעלעגענהייי־טען האָבען געמאַכט, אז זיינע היסטאָרישע ווערק זאָלען זיין ניט גענוג לעבעדיג (די בעסטע צווישען זיי זיינען „דאָן פּעדרא דער ערשטער" און „אַן עפּיזאָד פון דער רוסישער געשיכטע"); אָבער דיזעלבע געשיכטע ווערט ביי איהם לעבעדיג ווען ער באַהאַנדעלט זי ווי א דיכטער. נאָכדעם ווי וויטע האָט געצייגט אין זיינע מייסטערהאַפטע „היסטאָרישע בילדער" (Scenes historiques) ווי מען קען אין פרייע דראַמאַטישע בילדער איבערגעבען אמת'ע געשיכטע, האָט מערימעי געגעבען פראַנקרייך אין "La Jaquerie" א בילד פון א פיל פריהערדיגער און ווילדערער עפּאָכע איידער די, וואָס זיין פאַרגענגער און לעהרער האָט דיכטעריש באַהאַנדעלט. ער דריקט אויסגעצייכענט אויס דעם גייסט פון זיין ווערק דורך די ווערטער פון מאַסקאַריל ביי מאָליער, וועלכע ער ברויכט איראָניש אלס מאָטאָ צו זיין בוך:

„איך ארבייט אויף איבערצוגעבען די גאַנצע רוימישע גע־שיכטע אין מאַדריגאַלען"*).

עס איז צום באַוואונדערען ווי טיף מערימעי איז אריינגעדרונ־גען און האָט פאַרשטאַנען די מנהגים, די חסרונות, די אנשוי־אונגען און די פּאַראורטיילען פון יענער ווייטער עפּאָכע, וואָס ער האָט געמאָלען. מיר וועלען נעהמען, צום ביישפּיל, איין כאַראַקטער,

---

*) C'est mon talent particulier, et je travaille a mettre en madrigaux toute l'histoire romaine.

איזאבעלא, די טאכטער פון דעם באראן ד'אפרעמאן, אלס א טיפ פון אן איידעלע, ליבעסווירדיגע יונגע מיידעל פון די פעאדאלע צייטען. איהר הארץ איז ריין, איהרע מידות זיינען זעהר שטרענג מאראליש, זי איז פול מיט רחמנות צו די ליידענדע און די אונ־טערטעניגע. זי איז זעהר צערטליך צום בראווען און געטרייען וואפען־טרעגער, וועלכער געהט דורך פייער און דורך וואסער פאר איהר; זי בעט ביי איהר פאטער ער זאל איהר אפגעבען דעם דאזיגען קנעכט און אוים דאנקבארקייט דערפאר, וואס ער האט גערעטעוועט איהר לעבען, מאכט זי איהם פאר איהר שטאל־מייסטער. זי נייהט אפילו פאר איהם אוים א בייטעלע. אבער ער האט די חוצפה צו ליבען זי און דאמאלס קומט צו אלץ א סוף. זי באפאלט איהם מיט בייזע טענות, זי פארטרייבט איהם פון זיך מיט פאראכטונג און מיט כעס און דענקט, אז איהר עהרע איז צושטערט געווארען בלויז דורך דעם, וואס ער האט געהאט די העזה אויפצוהויבען זיינע אויגען אויף איהר. פארגלייכט די דא־זיגע דאמע מיט וועלכער עס איז פון די איידעלע בתולות, וואס אינגעמאן האט געשאפען. שטעלט זיך פאר ווי אנדערש דער לעצטער וואלט זי געמאלען, ווי זי וואלט זיך ניט גערעכענט מיט די פאראורטיילען פון איהר צייט און וואלט געשעצט די איידעלע הארץ, וואס קלאפט אונטער דעם פשוט'ען בגד, און באמערקט דעם אונטערשייד צווישען א פאנטאסטיש־אידעאליסטישען און א גע־וואגטען, היסטאריש ריכטיגען מאלען פון א גראבער און קרעפ־טיגער עפאכע. נאך איין ביישפיל — די סצענע, וועלכע קומט פאר ביינאכט לעבען דעם פארוואָרפענעם שטיבעל אין וואלד, וואוהין דער ברוטאלער ענגלישער פיהרער פון א רויבער באנדע, סיווארד, האט געבראכט איזאבעלא'ן, וועמען ער האט אוועקגעפיהרט מיט זיך נאך דעם ווי ער איז באפאלען איהר פאטער און האט איהם געטויטעט. די גאנצע סצענע באשטעהט ניט מעהר ווי אין א געשפרעך פאר דער טיר פון דעם שטיבעל צווישען צוויי לאנד־קנעכט, וועלכע האלטען די פערד און שמועסען צווישען זיך וועגען דעם גוואלד, וואס סיווארד איז באגאנגען איבער איזאבעלא'ן, אבער דער איינדרוק, וואס די סצענע מאכט, איז אזוי לעבעדיג, אז ער

גיט אונז אַ בילד פון דער גאַנצער עפּאָכע. דאָך איז אין דעם ווערק דאָ דער פעהלער, וואָס דער שרייבער האָט צוליב זיין שנאה צו סענטימענטאַליטעטען צוזאַמענגענומען אַזוי פיל אַכזריות'דיגע און אימה'דיגע מעשים, אַז אין דער אַלגעמיינער ווילדקייט באַמערקט מען ניט דעם אונטערשייד, וואָס איז דעמאָלט, ווי יעצט, געווען צווישען דער געזעלשאַפט בכלל און איינצעלנע מענשען.

אַ סך מעהר בולט טרעטען אַרויס אויף דעם הינטערגרונד פון דער באַשריבענער עפּאָכע די איינצעלנע פּערזענליכקייטען אין זיין „כראָניק פון דער הערשאַפט פון קאַרל דעם ניינטען". (Chronique du Règne de Charles IX.) דאָ זיינען די כאַראַקטערען אייגענטימליך, ניט זייענדיג דערביי מאָדערנע (אפשר מיט דעם אויסנאַם פון זשאָרזש מערזשי). מעֶרימעי האָט זיך דאָ אַזוי פיל אָפּגעגעבען מיט איינצעלהייטען, אַז יעדער קאַפּיטעל איז ווי אַ קליינע גאַנצע זאַך פאַר זיך און דער בוך בכלל מאַכט דעם איינדרוק פון אַ מאָזאַאיק צוזאַמענגעשטעלט פון איינצעלנע כאַראַקטערפּאָרטרעטען און בילדער פון גאַנצע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט. אין דעם לעצטען פון זיינע האַלב־היסטאָרישע ווערק, אין "Les Débuts d'un Aventurier" באַמערקען מיר, אַז אין דעם פאַלשען דמיטרי אינטערעסירט איהם זיין פּרימיטיווע לעבעדיגקייט, די גראָבע, פרישע קאָזאַקען־נאַטור און ניט די גייסטיגע סתירות, וואָס די פעלשונג רופט אין איהם אַרויס, וועלכע שילער האָט תחילת איינגעזעהן. מען קען זאָגען, אַז מערימעי ענדיגט דאָרט, וואו שילער פאַנגט אָן. די מידות און די מנהגים פון אַ באַשטימטער גרופּע מענשען פון אַ באַשטימטער עפּאָכע אינטערעסירען איהם פיל מעהר ווי דאָס אַלגעמיין מענשליכע אין זיי, דערפאַר צייגט ער אונז דאָ, ווי אין זיינע אַנדערע היסטאָרישע דיכטונגען, ניט דעם אינטעלעקטועלען אָדער סענטימענטאַלען צד פון לעבען, נאָר ווי עס דריקט זיך אויס אין דעם כאַראַקטער פון מענשען, אַלס אַ פּועל־יוצא פון אַ שטאַרקען, פּרימיטיווען, איינגעשלאָסענעם ווילען. ווען ער שרייבט וועגען דער מאָדערנער צייט, מאָלט ער פאַר אונז דעם לעבען פון ציגיינער אָדער רויבער, ווי אין „קאַרמען"; בלוטיגע נקמה, ווי אין „קאָלאָמבאַ"; אַ שרעקליכען

מאָרד אין אַ חתונה־נאַכט, ווי אין Le Venus d'Ille און אין Lokis אויב די האַנדלונג קומט פאָר אין דער מאָדערנער „געזעלשאַפט" גופא, באַשרייבט ער אָדער די אייגנטימלעכקייטן פון יענע קלאַסען, וועלכע זיינען ניט שוה־בשוה מיט דער געזעלשאַפט — די העזה'דיגע רעדעס און די ניט קלאָרע געדאַנקען פון יונגע באַלעטטענצערינען און אַקטריסעס, די עראָטישע חלומות פון קאַטוילישע גייסטליכע — אָדער ער באַנוגענט זיך מיט וואָס־עס־איז אין דעם לעבען פון די העכערע קלאַסען, וואָס דריקט מיט זיך אויס כאַראַקטער, — אַ ליידענשאַפטליכע ליבע, וואָס ענדיגט זיך מיט אַ דועל; ניאוף, וואָס פיהרט צו זעלבסטמאָרד פון איינעם פון די זינדיגע, אָדער וועלכע־עס־איז עכט סקאַנדאַליעזע פאַסירונג, וואָס ניט איהם אמת'ע הנאה צו שליידערען זי אין פנים אריין דער אָפגעשוואַכטער, היפּאָקריטישער געזעלשאַפט פון זיין צייט. אַלס דיכטער פיהלט ער זיך היימיש אומעטום וואו ער באַגעגענט זיך פנים־אל־פנים מיט דעם קאַלטען, און'ברחמנות'דיגען מזל, מיט אימה'דיגע איבערלעבענישען, מיט שטאַרקע ליידענשאַפטען, וואָס ברעכען דורך די געזעצען פון דער געזעלשאַפט ווען זיי זיגען, און ווערען אָנגערופען פאַרברעכענס ווען זיי האָבען אַ מפלה. דערפאַר איז איהם געווען אַזוי ליב די מאָדערנע רוסישע ליטעראַטור. אין די ווערק פון פושקין, וואָס ער האָט איבערגעזעצט, „די שוואַרצע דאַמע" און „די ציגיינער", זיינען די טעמעס זעהר נאָהענט צו די סוזשעטען, וועלכע ער האָט אליין באַהאַנדעלט.

מיר געפינען ביי מערימעי צוויי כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפטען, וואָס האַלטען איהם אָפּ פון משיג זיין און פון באַהאַנדלען קאַטאַסטראָפישע פאַסירונגען אין דעם לעבען פון מענשען אַלס טראַגעדיעס. איינס, — אַ מין מורא, אַז די שאַרפקייט, וואָס ער ליבט, זאָל ניט פאַרלירען איהר קראַפט דורך דאָס אריינטראָגען פון אַזעלכע עלעמענטען, וואָס מאַכען שלום צווישען דעם מענשען און זיין אומגליק; צווייטענס, זיין ניט־גלויבען, אַז עס איז דאָ עטוואָס גרויסעס און גאַנצעס, וואָס איז דער סך־הכל און נעהמט אין זיך אריין די איינצעלנע פאַסירונגען. דאָרט וואו ער האָט אמאָל יאָ אַ ווירקליך טראַגישע ווירקונג, פאַסירט עס כמעט נעגען

זיין אייגענעם ווילען און עס איז א רעזולטאט פון א מעהר אויס־געארבייטער און טיפערער השגה וועגען דער מענשליכער נשמה און פון דער סימפאטיע, וואס ער האט, — דורך דעם וואוקס פון זיי־נע ערפאהרונגען אין לעבען, — געהאט פאר אזוינע פעלע, וואו עס איז דא א קלארע שיכות צווישען דעם איינצעלנעם כאראקטער און זיין מזל. מאלענדיג אין דעם ראמאן פון דער עפאכע פון קארל דעם נייטען ווי איין ברודער שטארבט דורך דער האנד פון א צווייטען, שטעלט פאר דער דיכטער, וועלכער פלעגט זיך תמיד אויס־לאכען פון סימבאליזם, אין איין מעלאדראמאטיש, טראגיש, באמת סימבאליש בילד די גאנצע דומהייט און די שרעקענס פון דער רעליגיעזער און בירגערליכער מלוכה; אויך ווען, אין דער קליינער ערצעהלונג "La Partie de Trietrae", דער ארימער אפי־צער, וועלכער האט זיך נור איינמאל ערלויבט צו שווינדלען אין קארטען, דערפיהלט זיך אזוי אומגליקליך צוליב דער שאנדע פון זיין טאט, אז ער ווערט געטריבען צו באגעהן זעלבסטמארד, באַ־קומט די פאסירונג ניט־באמערקטערהייט דעם כאראקטער פון א טראגעדיע פון דעם עהרע־געפיהל.

אין אן אנדער קליינעם מייסטערווערק "La double Meprise" („דער צווייפאכער טעות") פרופט זיך מערימעי צו מאלען א געוועב פון צופעליגע פאסירונגען און פון שטרעבונגען, וועלכע זיינען זיך סותר איינער דער אנדערער און ווערען ניט ריכטיג פארשטאנען, וואס נעמען צו פון דעם לעבען זיין גאנצע באדיי־טונג און מאכען אפילו די טרויעריגסטע פאסירונגען נאריש און מיאוס ווי טרויעריג זיי זיינען; אבער ווען ער וויקעלט פאר אונז פאנאנדער די אינערליכע געשיכטע פון דער פיינליכער גע־שעהעניש, געפינען מיר צוביסלאכווייז אויס די אונפארמיידליכ־קייט פון דעם, וואס מיר האבען באטראכט אלס אן אבסורד (א שטות) און די זאך שיינט מעהר ניט צו זיין זינלאז. דער תמצית פון דער דערצעהלונג באשטעהט אין דעם, וואס א יונגע פארהיי־ראטע פרוי, זשולי דע־שאווערני, וועמעס אונצופרידענהייט מיט איהר פארהייראטען לעבען אנטוויקעלט זיך אזוי, אז זי דענקט זי איז אומגליקליך, ווערט געטריבען דורך א גאנצע רייהע געדאנקען

און געפּיהלען, וואָס זיינען פאַר־זיך ניט וויכטיג אָבער זיינען צוויי־שען זיך געבונדען ווי די רינגען פון איין אייזערנער קייט, איבערצו־געבען זיך צו א מאַן, וועמען זי האָט באמת ניט ליב, און נאָכדעם באַגעהט זי זעלבסטמאָרד. מערימעי'ס קונסט צייגט זיך דאָ ארויס אין דער רוהיגער זיכערקייט, מיט וועלכער ער נעהמט דעם לעזער פאַר'ן האנד און פיהרט איהם דורך דעם לאַבירינט פון די דאָזיגע אידעען און געפיהלען ביז צו דעם סוף, וועלכער איז אַזוי אומפאַר־מיידליך, ווי ער איז געגען דעם שכל־הישר. צוויי שטעלען אין דער דערצעהלונג זיינען העכסט קינסטלעריש. דער געשפּרעך, אין וועלכען דאַרסי רופט ארויס הייסע באַוואונדערונג אין זשולי גראַדע דורך דער באַשיידענקייט און הומאָר, מיט וועלכע ער דער־צעהלט ניט ווילענדיג זיינע אייגענע העלדישע מעשים, און דער שמועס זייערער אין דעם וואָגען בעת זשולי'ס יעדער אויסדרוק, איהר ווידערשטאַנד אפילו נאָך מעהר פון איהרע וידוי'ס, ברענגען איהר נעהענטער צו איהר אונטערגאַנג. דער גאַנצער סך־הכל פון דער לאַגע ווערט אויסגעדריקט אין דער קלאַסישער פראַזע, צו וועלכער אַלע פריהערדיגע פּאַסירונגען זיינען אַ הקדמה:

„די אָרימע פרוי האָט אין יענעם מאָמענט גאַנץ ערנסט גע־גלויבט, אַז זי האָט דאַרסי'ן תמיד ליב געהאַט און אַז זי האָט געפיהלט צו איהם די זעלבע ליבע דורך די גאַנצע זעקס יאָהר, וואָס זי האָט איהם ניט געזעהן".

מערימעי האָט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ כח, וואָס פאַר אַ טראַגיש באַוועגענדע מאַכט אין דעם מענשען'ס לעבען איז אַן אונפאַרמיידליכע אילוזיע און זעלבסט־נאַרעריי. דאָס איז ניט נור דער מקור פון אַ העלפט פון דעם מענשליכען גליק, נור פון דעם קומט אויך אַ היבשער טייל פון די מענשליכע יסורים.

נאָך נעהענטער קומט מערימעי צו צו דאָס אייגענטליך טראַ־גישע אין לעבען, ווען דער אונפאַרמיידליכער גורל דרינגט אריין טיף אין דעם כאַראַקטער און מישט זיך מיט איהם צוזאַמען ווי גיפט מישט זיך צוזאַמען מיט בלוט. אַלס ביישפּיל נעמט „קאַר־מען"*). פון דעם טאָג אָן ווען יאָזע באַגעגענט זיך צום ערשטען

*) אויף מערימעי'ס דערצעהלונג איז באַגרינדעט ביזע'ס באַ־ריהמטע אָפּערא מיט דעם זעלבען נאָמען. — דער איבערזעצער.

מאָל מיט קארמען די ציגיינערשע מיידעל, ענדערט זיך דער גאַנ־צער גאַנג פון זיין לעבען און ער, דער אָרענטליכער, גוטהארציגער מענש, ווערט צוליב איהר מיט שטרענגער נויטווענדיגקייט א רויבער און א מערדער. נאָך מעהר, דער דיכטער, וועמעס צוועק אלס יונגער ראָמאַנטיקער איז געווען צו האַלטען זיך אזוי ווייט ווי מעגליך פון די פּאָעטען, וועלכע האָבען געשאפען טראגעדיעס אין דעם אַלט־גריכישען סטיל, קומט צו, אין „קאָלאָמבא", מיט זיין מאָדערנער קאָרסיקאנער העלדין, א סך נעהענטער צו דער גרי־כישער טראגעדיע איידער ווער־עס־איז פון די בכבוד'יגע טראַ־גיקער, וואָס האָבען באזונגען דעם גורל פון „אגאמעמנאָנ'ס אומ־שטערבליכער ראסע". עס איז דאָ א יסוד פאר דעם פאַר־גלייך פון קאָלאָמבא מיט עלעקטרא. ווי עלעקטרא פארטיפט זי זיך לגמרי אין דעם געדאנק וועגען דעם טויט פון איהר פאָטער, וואָס איז געבליבען אָהן א נקמה; ווי עלעקטרא רייצט זי אָן איהר ברודער ער זאָל זיך בלוטיג נוקם זיין; און זי איז נאָך וועניגער פון סאָפאָקל'ס יונגע מיידעל עהנליך צו א געוועהנליכער העלדין פון א טראגעדיע, וואָרים הגם זי איז באקליידט מיט דעם שטאָלענעם פּאנצער פון שרעקליכע פאָראורטיילען באוועגט זי זיך דאָך אין איהם גאַנץ נאַאיוו און ליבעסווירדיג. זי איז אין דער זעלבער צייט בלוטדורשטיג און קינדעריש, האַרטהארציג און מיידעליש. דער עצם פון איהר כאראקטער איז רויהע גראציע. יעצט איז פאר אונז לייכט איינצוזעהן וויפיל נעהענטער איז צו די אלט־גרי־כישע פרויען געשטאַלטען די דאָזיגע פרישע נאטור־קרעפטיגע טאָכטער פון א קליינעם אינזעל אין דעם דרום איידער די אלע טע־אטראַלע פּרינצעסענס, וועלכע האָבען אַרומגעשפּאַצירט איבער דער פראנצויזישער ביהנע אין הויכע שטיפלעטען אונטער די נע־מען עלעקטרא, אנטיגאָנע אָדער איפיגעניא. אָבער עס קאָן זיין, אז זי איז נאָך א נאָהענטערע קרובה צו די געצענדינערישע טעכטער פון דעם ווייטען צפון־אינזעל, צו די פרויען געשטאַלטען פון די איסלאַנדישע זאַגען (לעגענדעס), וועלכע הערען ניט אויף מיט ליידענשאפטליכער עקשנות צו טראַכטען וועגען זייערע פאַ־

מיליען שנאות און טרייבען שטענדיג ניט־וועלענדיגע מענער צו נעמען נקמה מיט בלוט פאַר בלוט.

אין דער זעלבער דערצעהלונג 'Colomba" וועלכע איז מערי־מעי'ס באַריהמטסטער ווערק, פייערען די ראָמאַנטישע „לאָקאַלע פאַרבען" זייער גרעסטען טריאומף. די גאַנצע געשיכטע איז דורכגענומען מיט דעם אמת'ען, ניט געפעלשטען געשמאַקען היח פון דעם אינזעל, וואו באָנאַפּאַרט איז געבאָרען געוואָרען, און אָטעמט מיט דעםווירקליכען גייסט פון קאָרסיקא. אלס א באַ־ווייז פון דעם, ווי טריי עס ווערען אין דעם ווערק איבערגעגעבען די קאָרסיקאַנער מנהגים און אויך פון דעם ערפאָלג, וואָס די דער־צעהלונג האָט געהאַט, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ווען מערימעי האָט געוואָרט אין געריכט־הויז צו הערען דעם פסק אין דעם ליברי פּראָצעס, איז א קאָרסיקאַנער געוועזענער באַנדיט ארויסגעקומען פון דעם עולם און האָט שטילערהייט פאָרגעשלאָגען צו נעמען פאַר איהם בלוטיגע נקמה און טויטען דעם פּרעזידענט פון געריכט אויב מערימעי וועט ווערען פאַר'משפּט. מען קען קוים פאָדערען בע־סערע באַווייזע וועגען דער ריכטיגקייט פון מערימעי'ס קאָלירען. אָבער מערימעי וואָלט מערימעי ניט געווען, אויב ער וואָלט, גראָדע דאַמאָלס ווען ער האָט ארויסגעגעבען „קאָלאָמבא", ניט געוועזען ראַטעווען זיין שם אלס א שונא פון אַלע טעאָריען דורך מאַכען שפּאַס איבער די זעלבע באַריהמטע „לאָקאַלע פאַרבען". אין דער הקדמה, וואָס ער האָט געשריבען אין דעם יאָהר 1840 צו דער צווייטער אויסגאַבע פון 'La Guzla", זיין זאַמלונג פון כלומר'שטע אילירישע פאָלקס־לידער און באַלאַדען, דערצעהלט ער, אַז „אין דעם יאָהר פון אונזער משיח 1827" איז ער געווען א ראָמאַנטיקער און איז געווען באַגייסטערט פאַר לאָקאַלע פאַרבען; נאָך מעהר, ער האָט פעסט געגלויבט, אַז אָהן זיי איז קיין גאולה ניטאָ. אונטער די ווערטער „לאָקאַלע פאַרבען" האָט ער און זיינע קאָלעגען פאַר־שטאַנען דאָס זעלבע, וואָס מען האָט אין דעם 17־טען יאָהרהונדערט גערופען „מאַניערען" (מידות, "Moeurs"); אָבער זיי זיינען גע־ווען זעהר שטאָלץ מיט זייער אויסדרוק און האָבען זיך איינגע־רעדט, אַז זיינען אויך געווען די דערפינדער פון דער זאַך גופא, ווי

פון דעם אויסדרוק. זיין איבערגעבענהייט צו לאָקאַלע פארבען האָט אין איהם אַרויסגערופען אַ פאַרלאַנג צו באַזוכען איליריע. מאַנגעל אין געלט איז געווען די הויפּט מניעה פאַר דורכפיהרען זיין וואונש און עס איז איהם געקומען אַ געדאַנק צו באַשרייבען זיין נסיעה איידער ער האָט זי געמאַכט און אויף דעם אופן פאַר־דינען אויף רייזע־הוצאות. ער האָט אָבער דעם געוואַגטען פּלאַן אויפגעגעבען און האָט אָנשטאָט דעם מיט דער הילף פון רייזע־באַשרייבונגען און פון „די פינף־זעקס סלאַווישע ווערטער", וואָס ער האָט געוואוסט, געפאַבריצירט אַ „זאַמלונג פון באַלאַדען, איבערגעזעצט פון איליריש". די גאַנצע וועלט האָט זיך געלאָזט פיהרען פאַר'ן נאָז*). אַ דייטשער געלעהרטער מיט דעם נאָמען גערהאַרד האָט ווירקליך איבערגעזעצט "Guzla"**) צוזאַמען מיט צוויי אַנדערע בענדער פון סלאַווישע דיכטונגען, אין דער דייטשער שפּראַך און ער האָט די באַלאַדען, חוץ דעם, איבערגעזעצט אין דעם זעלבען מעטר (פּאָעטישער מאָס פון די פערזען) ווי זיי זיינען כלומרשט אין דעם אילירישען אָריגינאַל; דער דייטשער געלעהר־טער האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט אין דער פּראָזע פון דער פראַנ־צויזישער איבערזעצונג באַמערקט דעם אָריגינאַלען מעטר. נאָכדעם ווי מערימעי האָט אויף אַזאַ אופן אויסגעפונען ווי לייכט מען קען באַקומען „לאָקאַלע פאַרבען", האָט ער מוחל געווען ראַסין און

---

*) נור דער אַלטער געטהע האָט אָפען דערקלעהרט, אַז מערימעי איז דער מחבר פון די אילירישע באַלאַדען. אין איינעם פון זיינע בריף מאַכט מערימעע, מיט רעכט, עטליכע ביטערע באַמערקונגען וועגען דער דערקלעהרונג, וואָס דער גרויסער דיכטער האָט אָנגעגעבען ווי אַזוי עס איז איהם געקומען אויף דעם געדאַנק די השערה, אַז מערימעי איז עס די פּערזאָן, וואָס באַהאַלט זיך אונטער דעם פּסעוודאָנים „היאַסינט מאַגלאַנאָ־וויטש": „מיר האָבען באַמערקט, — שרייבט געטהע, — אַז אין דעם וואָרט „גוזלאַ" (Guzla) ליגט פאַרבאָרגען דער וואָרט „גאַזול" (Gazul) דער אמת איז, אַז מערימעי, וועלכער האָט, ווי אַלע יונגע ראָמאַנטיקער, געוואָלט האָבען געטהע'ס סימפּאַטיע, האָט צום דייטשען דיכטער צוגעשיקט זיין בוך צוזאַמען מיט אַ בריף, אין וועלכען ער האָט איהם פאַרטרויט דעם סוד, אַז ער אליין איז עס דער מחבר.

**) „גוסלי" מיינט אויף אַ סלאַוויש אַ פאַסטוכשע פייפעל.—איבערז.

די קלאַסיקער דערפאַר, וואָס ביי זיי האָבען די פאַרבען אינגאַנצען געפעהלט.

מען פיהלט אין דער לצנות, אַז דער אַנגעזעהענער פּאָעט האָט זיך געערגערט איבער דעם, וואָס ער האָט, הגם נור אין דער ליטעראַטור און בלויז ווען ער איז געווען נאָך גאָר יונג ווען־עס־איז געטראָגען אַ באַנער און האָט באַלאַנגט צו אַ פּאַרטיי. דעם גאַנצען אמת זאָגט די שפּאַסיגע הקדמה ניט, וואָרים הגם מערימעי׳ם אירישע באַלאַדען אין פּראָזע זיינען בשום אופן ניט גלענצענד אין קיינע אַנדערע הינזיכטען, זיינען זיי אָבער דאָך די פּרוכט פון אַ פאַרזיכטיגען און גענויעם שטודיום און גיבען איבער דעם סטיל פון דער סלאַווישער פאָלקס־דיכטונג. אָבער מערימעי האָט קיינמאָל ניט געקענט שרייבען ווענען זיך אַליין ניט פאַרקלענערענדיג זיינע אייגענע מעלות. זיינע הקדמות, ווען ער לאָזט זיך שוין אַרונטער צו ריידען דירעקט צו זיינע לעזער דורך אַ הקדמה, צייכענען זיך אוים מיט אַ גלייכגילטיגער, אַפּאַטישער ענווות, אַ מידה, וועלכע איזאָלירט אַ מענשען פיל מעהר פון דעם איבערטריבענסטען זעלבסטגעפיהל.

25.

מערימעי.

מערימעי'ס שטרענגער אָדער סאַטירישער צוריקגעהאַלטענער סטיל צייגט זיך אַמקלאָרסטען ארויס אין די ליטעראַרישע ווערק, וואָס ער האָט געשריבען אין פאַרבינדונג מיט זיין אַמט; אין זיינע קורצע באַשרייבונגען פון היסטאָרישע פּראָנצויזישע מאָנומענטען. די ווערק זיינען פול מיט טעכנישע אויסדרוקען. (Notes sur le midi de la France, etc.) אין זיי איז ניטאָ קיין איין וואָרט וועגען איהם אליין, קיין איין פּערזענליכער איינדרוק פון זיינע נסיעות, קיין איין באַמערקונג פאַר מענשען, וועלכע זיינען בכלל עם־הארצים אין אַזעלכע וויסענשאַפטליכע זאַכען! וואָס פאַר אַ נחת עס איז צו מאַכען פאַר שוטים יענע אַלע, וואָס האָבען גע־האָפט צו געפינען ביי דעם אינספּעקטאָר פון פראַנקרייך'ס היס־טאָרישע מאָנומענטען סימנים פון דעם דילעטאַנט און ראָמאַנען־שרייבער!

צוריקגעהאַלטענקייט צייגט זיך אויך ארויס אין דעם חשק צו מיסטיפיצירען, וואָס מיר געפינען ביי דעם מחבר פון דעם „טעַ־אַטער פון קלאַרא גאזול" און פון די אילירישע באַלאַדען. אין דעם פּרט דערמאָנט ער אונז אָן בעיל, הגם ביי איהם האָט די דאָזיגע טענדענץ אָנגענומען אָן עטוואָס אַנדער פאָרמע. מערימעי האָט זיך קיינמאָל לאַנג ניט געהאַלטען ביי זיינע פּסעוודאָנימען, אָבער כל־זמן ער האָט זיי גענוצט זיינען זיי פאַר אַלעמען געבליבען אַ סוד. קיין זאַך האָט איהם ניט געגעבען אַזוי פיל פאַרגעניגען, ווי צו שיקען זיינע לעזער זוכען די גענז. ער פלעגט זיך באַוואָרענען, מיט אַלע מיטלען, אַז זיינע פּסעוודאָנימען זאָלען אָנגענומען ווערען פאַר אמת'ע נעמען. ער האָט זיינע ווערק באַזאָרגט ניט נור מיט די לעבענס באַשרייבונגען פון די כלומרשט'דיגע מחברים, נאָר ער

פלעגט אפילו געבען זייערע בילדער. אום צו מאכען דעם שפאס פארפול, האט ער צו דער ערשטער אויסגאבע פון "Clare Gazul" צוגעגעבען אן אין־קופער־געשטאכענעם בילד פון זיך אליין פאר־קליידט ווי א שפאנישע דאמע אין א קלייד מיט א נידעריג אויסגע־שניטענעם האלז און איבער'ן קאפ פארווארפען א מאנטעלע מיט שפיצען.

דאך, דער וואס נארט אפ דורך שווייגען איז געצוואונגען פריהער אדער שפעטער צו עפענען זיין מויל, און דער, וואס מיס־טיפיצירט דעם עולם, מוז אמענדע, ווען דער סוד ווערט אויפגע־דעקט, מאכען דערקלעהרונגען צום זעלבען עולם און אויסהערען זיין קריטיק. עס איז אבער דא א פאנצער, וועלכער באשיצט בע־סער פון שווייגען און מיסטיפיקאציע. דאס איז די איראניע, און מיט דעם פאנצער האט זיך מערימעי, ווי בעיל, באנוצט.

אין זיין שרייבען איז פון תחילת אן געווען א סאטירישער שטריך; — זיין הייסע ליבע פאר דעם פרימיטיווען ענערגישען באראקטער האט מיט זיך נאטירליך געבראכט א שפאטענדע האל־טונג געגען די פראזענהעלדען. אין אזא פיעסע ווי, למשל, "Les mécontents" („די אונצופרידענע"), איז דא די ביטערסטע סאטירע, וואס איז ווען־עס־איז געשריבען געווארען געגען די רע־וואלוציאנערען אין שלאפראק און פאנטאפעל. א גרופע לעגיטי־מיסטישע (אנהענגער פון דער „געזעצליכער" דינאסטיע אין פראנק־רייך) לאנד־פריצים — מומיען און שוטים, אלטע עובר־בטל'ס, וועמעס איינציגע ליידענשאפט איז צו הערען זיך אליין שמועסען, — ארגאניזירען א בודואר־פארשווערונג געגען דער ערשטער אימ־פעריע. זיי באשליסען צו פארשפרייטען אויפרייצענדע ביכלאך צווישען די פויערען, זיי ריידען זיך צוזאמען וועגען געהיימע סיג־נאלען, ארבייטען אויס גרויסע פלענער, קריגען זיך ארום וועגען דעם ווער זאל זיין דער פארזיצענדער ביי זייערע פארזאמלונגען; אבער זיי צולויפען זיך ביים ערשטען אנבליק פון א זשאנדארם. אין א פיל שפעטערדיגער פיעסע "Les deux Héritages on Don Quichotte", וואס האט וואהרשיינליך געדינט פאר עמיל אזשיעי (Emil Augier) אלס א מוסטער פאר איינינע פון זיינע דראמען,

געפינען מיר אַן ענליכע סאַטירע איבער דער געזעלשאַפטליכער און רעליגיעזער צבוע'צסטווע, איבער דעם פּאָליטישען שווינדעל און איבער דעם קאַלטען, אויסגערעכענטען, ניט־דיטעראַליכען גייסט פון דעם יונגען דור, אין פאַרגלייך מיט וועלכען מערימעי האָט געמוזט באַקומען אַ חשק צו רופען זיך אַליין אידעאַליסט און טרוימער.

אָבער אין די דאָזיגע דראַמאַטישע ווערק, וועמעס שלעכטער נעבוי און ניט פּאָלקאָמענע פאָרמען מען באַמערקט שוין בייַם לייענען זיי, טרעט נאָך ניט אַרויס מערימעי'ס אייגענטימליכע איראָניע. ער איז גענייגט אין זיי צו מאַכען די פאַרבען צו געדיכט. זיין שטאַרקייט ליגט אין זיינע ראָמאַנען. אַ סך פיינער ווי אין די דראַמען איז די איראָניע אין, למשל, דער קליינער באַצויבערענדער דערצעהלונג "L'abbé Aubain", וועלכע צייגט ווי פילזייטיג מע־רימעי איז, וואָרים אין איהר איז זיין סטיל זעהר נאָהענט צום סטיל פון עדמאָן אַבו (Edmond About) אָבער ער איז אַ סך מעהר עלעגאַנט. "L'abbé Aubain" איז אַ קליינע זאַמלונג פון בריף, אייניגע פון זיי געשריבען פון אַ דאַמע, וועלכע דענקט, אַז אַ יונגער גלח איז אין איהר פאַרליבט, און די איבריגע פון דעם גלח (abbé) וועלכער מאַכט לייכטע לצנות און ניט קיין אויפריכטיגע דערקלעה־רונגען וועגען דער ליבע פון דער דאַמע צו איהם. מיר באַקענען זיך מיט צוויי שוואַכע, אָבער פיינע כאַראַקטערען, וועלכע נאַרען איינעם דעם אַנדערען, זיך אַליין און די וועלט און איבער וועמעס קליינליכע ליידענשאַפטען און געמאַכטער איינגעהאַלטענקייט שוועבט די שטומע סאַטירע פון דעם דיכטער.

אין אַזאַ מין מעשה'לע איז ניטאָ קיין דערצעהלער, דערפאַר זעהען מיר דאָ אַזוי וועניג, ווי אין די פּיעסען, דאָס צוריקהאַלטען זיך פון דעם שרייבער. אַמדייטליכסטען טרעט מערימעי'ס אייגענטי־ליכע איראָניע אַרויס דאָרט, וואו עס איז דאָ אַ דערצעהלער, אָבער מיר באַמערקען איהם נור דורך דעם, וואָס ער האַלט זיך אַליין אויסער די איבערלעבונגען, וואָס ער באַשרייבט. צוליב מערימעי'ס צוריקגעהאַלטענעם כאַראַקטער פאַרשטאַרקט ער די ווירקונג פון זיין דערצעלונג דורך אַן איראָניע, וואָס צייגט זיך

ארוים אין קליינע שטריכען, און ער טוט עס אזוי, אז אדער ער לאזט מיט א לייכטען שמייכעל אויף זיינע ליפען די ריהרענדע שטעלען צו ריידען פאר זיך אליין, אדער ער פאסט איין דאס שמערצליכע, דאס אפשטויסענדע, דאס קרענקליכע און דאס ליידענשאפטליכע, וואס ער באשרייבט, אין א ראהם פון א קאלטער, גלייכגילטיגער סביבה.

איך וועל געבען איינינע ביישפילען.

אין דעם קליינעם מייסטערווערק "Le vase êtrus que" די איינציגע דערצעהלונג, אין וועלכער ער באהאנדעלט סימפאטיש א טעמע פון דעם מאדערנעם לעבען, דערצעהלט ער די געשיכטע פון צוויי יונגע נשמות, וועלכע האבען זיך בסוד געליבט. מיר הערען ווי דער יונגערמאן, וועלכער האט זיך נור־וואס אומגעקעהרט אהיים פון א נאכט־באגעגעניש מיט זיין געליבטע, רעדט צו זיך אליין:

„ווי גליקליך בין איך! — האלט ער אין טענה'ן צו זיך אליין, — אמענדע האב איך געפונען א הארץ, וועלכע פארשטעהט מיינע... יא, איך האב געפונען מיין אידעאל, איך האב א פריינד און א געליבטע צוזאמען... וואס פאר א כאראקטער! וואס פאר א ליידענשאפטליכע נשמה!... ניין, זי האט ביז אהער קיינמאל קיינעם ניט געליבט, אויסער מיך!"

און אזוי ווי גאוה מישט זיך אריין אין אלץ פון אונזער וועלט, טראכט ער אין א ווייל ארום ווייטער: „זי איז די שעהנסטע פרוי אין פאריז!", און זיין פאנטאזיע מאלט איהם אלע איהרע צויבערען.

די מעשה האלט אן א היבש ביסעל אין דעם זעלבען נוסח איידער מערימעי שלאגט זיך אליין איבער מיט דער באמערקונג: „א גליקליכער ליבהאבער איז כמעט גראד אזוי לאנגווייליג ווי אן אומגליקליכער". ווייטער, ווען די גליקליכע פארהעלטענישע צווישען די צוויי פארליבטע דערגרייכט דעם העכסטען גראד, ווען סעין־קלעיר'ס זעהר קורצער, אבער געפעהרליכער אנפאל פון אייפערזוכט איבער זיין געליבטער'ס פארגאנגענהייט ענדיגט זיך מיט גארנישט, ציינט זיך ארוים פאר א בלויזע מיספארשטענדעניס און מיר זעהען

פאר זיך א ליבע־סצענע, וואָס דער פיינסטער און צערטליכסטער פּאָעט קען בעסער ניט באַשרייבען; א סצענע, אין וועלכער די טרעהרען פון חרטה מישען זיך צוזאַמען מיט שמייכלען און קו־שען, — ווי אזוי געפינען מיר דעמאָלט אויס, זעקס שורות ווייטער אין דער דערצעהלונג, אז צו אלץ איז געקומען א סוף, אז סעין־קלעיר איז אין דעם פריהמאָרגען נאָכדעם געטויטעט געוואָרען אין א דועל?

מיר דערוויסען זיך וועגען דעם ווי מען דערוויסט זיך גע־וועהנליך וועגען אזעלכע זאַכען אין דעם ווירקליכען לעבען:

— „נו, — האָט ראקאנטען געזאָגט צום רעגימענט־אוי־בערשט באָזשעי ווען ער האָט איהם אין אווענט געטראָפען ביי מארטאָני, — איז די נייעס ריכטיג?

— „שוין צו ריכטיג, — האָט דער אויבערשט געענטפערט טרויעריג.

— „דערצעהלט מיר ווי די זאך האָט פּאסירט.

— „גאנץ פּשוט. סעין־קלעיר האָט מיר איינגערוימט, אז ער איז געווען אונגערעכט, אָבער ער וועט בעסער זיך לאָזען דער־שיסען איידער בעטען אנטשולדיגונג ביי טעמינ'ען. איך האָב גע־קאָנט בלויז איינשטימען מיט איהם. טעמין האָט געוואָלט וואר־פען גורל ווער זאָל שיסען צום ערשטען, אָבער סעין־קלעיר האָט זיך איינגע'עקשנ'ט, אז טעמין מוז שיסען דער ערשטער. טעמין האָט אויסגעשאָסען. איך האָב געזעהן ווי סעין־קלעיר האָט זיך א דרעה געטאָן און איז געפאַלען א טויטער. איך האָב מעהר ווי איין מאָל געזעהן ווי א סאָלדאט, נאָכדעם ווי ער ווערט טויט־ליך פארוואונדעט, טוט זיך אזוי משונה'דיג א דרעה איידער ער פאַלט".

— „דאָס איז וואונדערליך, — האָט ראַקאַנטען געזאָגט. — און וואָס האָט טעמין געטאָן?"

— „אָה, דאָס וואָס אלע טוען אין אזעלכע פעלע. ער האָט א וואָרף געטאָן זיין רעוואָלווער אויף דער ערד מיט אן אויסגע־שריי פון באַדויערען. ער האָט דעם רעוואָלווער אזא שליידער גע־טאָן אז דער „טריגער" (וואָס מען דריקט צום שיסען) האָט זיך

צובראָכען. עס איז געווען אַן ענגלישער רעוואָלווער, אַ מאַנטאָן. איך גלויב ניט, אַז ער קען געפינען אין גאַנץ פאַריז אַ ביקסענמאַכער, וועלכער זאָל קע־נען פאַר איהם מאַכען נאָך אַזאַ גוטען רעוואָלווער״.

דורך דעם, וואָס ער באַשרייבט די סימפּאַטיע פון גוטע פריינד ניט אַזוי ווי עס טוען עס געוועהנליך די סענטימענטאַלע שריי־בער, נור ווי זי דריקט זיך אויס אין ווירקליכען לעבען, ברייננט מערימעי אין דער האַרטער ראַהם אַרויס נאָך מעהר בולט די ליי־דענשאַפטליכע און צאַרטע ליבע פאַרהעלטנישע צווישען דער פאַר־ליבטער יונגער פּאַרעל. וואָלט מען די קונסט פון שטעלען שאַמפּעין־ווייִן אין אייז ניט געווען אַנטדעקט פאַר מערימעי׳ס צייטען, — וואָלט ער עס געווען אַנטדעקט.

איך וועל געבען נאָך אַ פּאָר ביישפּילען פון דעם, ווי דער דיכטער האָט זיך געקענט האַלטען אויסער די נשמה־באַוועגונגען, וואָס ער מאָלט און וואָס ער רופט אַרויס אין זיינע לעזער. נעמט דעם שטעל אין "L'Enlevement de la Redoute" („דאָס שטורמען פון דער פאַרפעסטיגונג״), וואו ער באַשרייבט די הויפּט־אַטאַקע:

„מיר זיינען שנעל צוגעגאַנגען צום פוס פון דער שאַנצע (פאַרפעסטיגונג). די פּאַליסאַדען זיינען געווען צושמעטערט און די ערד איז געווען צוריסען פון אונזערע קוילען. די סאָלדאַטען האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די חורבות מיט דעם געשריי „לע־בען זאָל דער קייזער!״ (Vive l'Empereur) און זייערע קולות זיינען געווען העכער ווי מען האָט געקענט דערוואַרטען פון מענ־שען, וועלכע האָבען שוין אַזוי לאַנג געהאַלטען אין שרייען״.

דער דערצעהלער איז דאָ ניט מערימעי אַליין, נאָר אַן אָפּי־צער, וועלכער גיט איבער זיין ערשטע דערפאַהרונג אין אַ שלאַכט, אָבער דער אונטערשייד איז אַ לייכטער, מחמת מערימעי׳ס אָפּי־צער, ווי ער אַליין, האָט קיין שייכות ניט מיט דער באַגייסטערונג

פון די שטורעמענדע סאָלדאַטען. אַנשטאַט צו לויבען זייער ענ־טוזיאזם פאר נאַפּאָלעאָן אַלס אזוינס, וואָס איז פּאַטריאָטיש און ניט צו מוט, מאכט ער קאַלטבלוטיג א פּירוש וועגען דעם כח פון זייערע לונגען.

מען דאַרף זיך ניט שטאַרק וואונדערען דאָס דער דאָזיגער סטיל, דער דאָזיגער טאָן, וועלכער מאכט אזוי איבערראַשענד זיכער די אָביעקטיוויטעט פון דער באַשרייבונג, זאָל ווידער און ווידער אַמאָל אויסגעטייטשט ווערען אַלס א סימן, אז דער דיכטער האָט א קאַלטע האַרץ. באמת איז דאָס ניט מעהר א סימן פון זיין קאַלט־הארציגקייט, ווי זיין אויסקלייבען פון אימה׳דיגע סוזשעטען איז א באַווייז אז ער איז אַן אכזר. פּאַרקעהרט, דער איראָנישער סטיל איז אָפט א דורכזיכטיגער שלייער, וואָס פּאַרדעקט מיטגעפיהל און צאָרן. שטודירט די דאָזיגע איראָניע אין דער קליינער דער־צעהלונג "Tamango", וואו בלויז דער אויסוואהל פון דער טעמע קען זיך פאַר דעם אויבערפלעכליכען לעזער דוכטען אַלס א סימן פון דעם מחבר׳ס ליבע פאר אויפרעגענדע זאַכען — ווארום וואָס קען זיין מעהר שרעקליך ווי דער מסחר מיט שקלאַפען און די מיאוס׳ע באהאַנדלונג, וואָס זיי באַקומען, אָדער א שיפּבראָך אין מיטען ים, הונגער, נויט און מאָרד? — און די אַלע זאַכען ווערען, חוץ דעם, באַשריבען מיט א איראָנישען שמייכעל!

אָבער מיר פיהלען וואָס די איראָניע באַדייט ווען מיר קומען אויף אזא שטעל, ווי דער:

„אום צו שליסען דעם מסחר, האָט דער קאַפּיטאַן געמאַכט א תקיעת־כּף (געגעבען זיך די הענט) מיט דעם כמעט גאָר־שיכור׳ען קעניג פון די נעגער און די שקלאַפען זיינען תיכף אי־בערגעגעבען געוואָרען צו די פראַנצויזישע מאַטראָסען, וועלכע האָ־בען שנעל פאַרביטען די לאַנגע הילצערנע גאָפּלען, מיט וועלכע די נעגערס האָבען זיי געבונדען פאַר די העלזער, אויף אייזערנע האַלז־ און הענטקייטען, א ן ע נ ד ע ר ו נ ג, ו ו ע ל כ ע צ ײ י ג ט ד י ה ע כ ע ר ק י י ט פ ו ן ד ע ר א י י ר אָ־ פּ ע אַ י ש ע ר צ י װ י ל י ז אַ צ י ע".

מען פיהלט די באַדייטונג פון דער איראָניע נאָך בולט׳ער

און שטאַרקער איז די שורות, וועלכע דערצעהלען ווי דער קאַפּיטאַן וויל דורך שמיץ מיט דער בייטש מאַכען געהאָרכזאַם די שעהנע נע־גערין:

„מיט די דאָזיגע ווערטער איז דער קאַפּיטאַן אַרונטער אין זיין קאַיוטע, האָט געשיקט ברייננען צו זיך איישע'ן און האָט זיך נעפּרופט טרייסטען זי; אָבער ניט קיין לאַסקעס און ניט קיין קלעפּ (וואָרום מען מוז דאָך אַמענדע פּשוט אַרויס פון די כלים) האָבען געמאַכט, אַז די שעהנע נעגערין זאָל זיך אונטערגעבען".

די רוהיגע קאַלטקייט, מיט וועלכער מען שטעלט פּשוט פעסט דעם פאַקט, אַז אַזוי איז שוין די טבע פון מענשען און אַז אַזוי געהט עס צו אין לעבען, מאַכט נאָך פיהלען שטאַרקער דעם שאַרפען איינדרוק, וואָס דער גוואַלדטאַט רופט אַרויס. מיר קענען ניט אַוועקלעגען דעם בוך ניט־געריהרט. מיר פאַרשטעהען אַמענדע, אַז דאָס, וואָס האָט תחילת אויסגעזעהן ווי קאַלטקייט, איז באמת ניט מעהר ווי אַן אָפּגעקיהלטער אויסבראָך פון דעם קינסטלער'ס נשמה. מיר דערשפּירען, אַז אונטער דעם ניכטערען, שטרענגען סטיל פון די דאָזיגע דערצעהלונגען, איז דאָ געפיהל און אַז צוליב דעם דאָזיגען געפיהל מאַכען זיי אַזאַ שאַרפען איינדרוק.

אין קיינער פון מערימעי'ס נאָוועלען זיינען דער איראָנישער סגנון און דער טיפער געפיהל, וואָס האָט זיך באַפרייט פון אַלע שטערענדע פאָראורטיילען, ניט אַזוי אינגאַנצען צוזאַמענגעגאָסען אין איינעם, ווי אין "Arsene Guillat". די אַנערקענטע גוטע מידות פון דער יחוס'דיגער קריסטליכער דאַמע ווערען דאָ גע־שטעלט אין געגענזאַץ אַנטקעגען דער לחלוטינ'ער אונוויסענהייט וועגען קריסטליכקייט און מאָראַל, אין וועלכער עס געפינט זיך די אָרימע יונגע מיידעל, וועמעס אייגענע מוטער האָט זי פאַרקויפט. אין אַ מאָמענט פון פאַרצווייפלונג שפּרינגט אַרסען אַרויס פון אַ פענסטער און צובּרעכט זיך אַ פוס און עטליכע ריפען, אַזוי אַז די האַנדלונג פון דער דערצעהלונג פון יעצט אָן קומט פאָר ביי איהר אין קראַנקענצימער. די געוועהנליכע איראָניע אין דעם איבער־געבען פון די פּאַסירונגען דערלאָזט ניט, אַז רחמנות און געריהרט־

קיט זאָלען אַריבער די גרענעצען פון קינסטלערישער מאָס. דאָך, צום סוף, אין דער באַשרייבונג פון ארסען'ס טויט, דערלויבט דער דיכטער זיין הארץ פריי אויסצורייידען זיך, און איהר איינפאַכע שפּראַך ניט דער שטאַרבענדער גריזעט (אַ פּלגש) צו אַזאַ צויבער, וועלכער איז ניט קלענער פון דעם, וואָס באַלויכט אין דעם מאָמענט פון איהר טויט דעם פּנים פון דע־מוסעי'ס בערנערעט. גאָר צו ענדע טרעט די קינסטלערישע איראָניע ווידער ארויס, וואָרים די שורה: „אַרימע ארסען, זי איז אַ בעטערין פאַר אונז!" געצייכענט מיט אַ בלייפעדער אין אַ פּרוי'ס דעליקאַטער האַנדשריפט אויף ארסען'ס מצבה, דערצעהלט אונז, טראָץ איהר בקיצור'קייט, אַז די שטרענגע דאַמע האָט ניט אויסגעהאַלטען דעם נסיון מעהר פון דער אונגוויסענדער מיידעל, אַז נאָכדעם ווי ארסען איז געשטאָרבען ווי אַ העלדין, האָט איהר באַשיצערין גע'ירש'ענט איהר געליבטען. דער וואָרט איראָניע אין דעם פאַל איז כמעט צו גראָב. עס זיינען ניטאָ קיין אויסדרוקען צו באַשרייבען אַזעלכע פיינע שאַטירונגען. יענע לייכט־איראָנישע, מיט בלייפעדער געשריבענע שורה ענטהאַלט אין איהרע זעקס ווערטער אַ גאַנצע מערימעי'־אישע, דאָס הייסט, לאַקאָנישע דרשה וועגען טאָלעראַנץ.

ד'אָסאָנוועל דערצעהלט אונז וועגען אַ באַמערקונג, וואָס מערימעי האָט געמאַכט צו עמיל אָזשעי וועגען אַ קליינע דערצעהלונג, "La Chambre Clone" וואָס דער ערשטער האָט אָנגעשריבען איז דעם יאָהר 1869 ספּעציעל פאַר דער קייזערין. די באַמערקונג צייגט ווי אַזוי דער דאָזיגער אייגענטימליכער סטיל, וועלכער איז לכתחילה געווען אַן אונבאַוואוסטזיניגער אויסדרוק פון דעם דיכטער'ס כאַראַקטער, איז מיט דער צייט געוואָרען אַ באַוואוסטזיניגער מאַניער. מערימעי האָט געזאָגט:

„אין דער דאָזיגער דערצעהלונג איז דאָ איין גרויסער חסרון, וועלכער איז ארויסגעקומען דורך דעם, וואָס איך האָב בעת'ן שרייבען געענדערט דעם תחילת געפּלאַנטען סוף. אַזוי ווי איך האָב צוערשט געוואָלט פאַרענדיגען די געשיכטע טראַגיש, האָב איך נאַטירליך זי אָנגעפאַנגען אין אַ לוסטיגען טאָן; נאָכדעם האָב איך געענדערט מיין פּלאַן און האָב זי פאַרענדיגט מיט אַ

שפּאַס. איך האָב געדאַרפט איבערשרייבען דעם ערשטען טייל אין אַ טראַגישען טאָן, אָבער דאָס וואָלט געווען מיר צו לאַנגווייליג, האָב איך עס געלאָזען ווי געווען".

די פאָרמע, וועלכע איז לכתחילה געווען דער סטיליסטישער אויסדרוק פון אַ טיף פיהלענדער און זעהר שטאָלצער נשמה, איז אין מערימעי'ס לעצטע יאָהרען געוואָרען אַן אויסגערעכענטער, איבערטריבענער געברויך פון קאָנטראַסטען, אַלס אַ מיטעל צו שאַפען אַ גרעסערען קינסטלערישען עפעקט.

26.

מערימעי און גאָטיעי.

אין אַ בריוו, דאַטירט דעם 22טען נאָוועמבער, 1821, שרייבט דער מאַלער מערימעי:

„איך האָב אַ גרויסען זוהן פון 18 יאָהר, וועמען איך וואָלט גערן געמאַכט פאַר אַן אַדוואָקאַט. ער האָט אַזאַ פעהיגקייט צו מאַלעריי, אַז הגם ער האָט קיינמאָל גאָר ניט געקאָפּירט, מאַכט ער סקיצען ווי אַ יונגער סטודענט פון דער קונסט אַקאַדעמיע".

ווי פילע אַנדערע אָנגעזעהענע פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער, האָט פּראָפעסאָר מערימעי קיינמאָל איינגאַנצען ניט אויפגעהערט צו באַשעפטיגען זיך מיט פּלאַסטישער קונסט. ער האָט געמאָלען אַקוואַרעלען (מיט וואַסער־פאַרבען), אָבער הויפּטזאַכליך איז ער געווען אַן אונערמידליכער און טאַלאַנטפולער צייכנער. זיין טאַלאַנט צו צייכענען איז ווי עס ווייזט אויס געווען זעהר נאָהענט פאַרוואַנדעט מיט זיין סטיליסטישער קונסט.

פּראָספּער מערימעי און טעאָפיל גאָטיעי זיינען די צוויי דיכטער פון דעם דור פון 1830, וועלכע זיינען משלים (מאָשלים; איינער דערפילט דאָס, וואָס עס פעהלט ביים צווייטען) איינער דעם אַנדערען בנוגע צום סטיל. מערימעי'ס שטאַרקייט ליגט אין דער קאָנטור, אין דער שטרענגקייט פון דער ליניע, גאָטיעי'ס — אין די גליהענדע פאַרבען. גאָטיעי שיינט צו שרייבען מעהר מיט דעם פּענזעל (מאָלער'ס בערשטעל) איידער מיט דער פּעדער; ער האָט זעהר ליב דעקאָראַציעס, דעם הינטערגרונד, די סביבה און די באַלייכטונג. מערימעי'ס איינפאַכער, אָבער ביז־צום־גאָר עלעגאַנטער מאָלען איז איינפאַרביג און אין טונקעלע טענער. ער צייכענט ווי מיט אַ ראַדיערנאָדעל. זיין סטיל האָט אַ מעלה, וואָס קען ניט איבערגעטראָפען ווערען פון דער גלענצענדסטער שפּראַכפּאַר־

בונג; ער איז דורכזיכטיג. די געשטאַלטען און די כאַראַקטערען זעהען זיך דורך איהם ארוים אין זייער גאַנצער ווילדער פרישקייט, אַקוראַט ווי לעבעדיגע. אַלע זייגע קאָנטורען קומען ארוים בולט, מיט אַ צו־להכעיס'דיגער שארפקייט, אַקוראַט ווי אויף אַ בילד אָדער אַ ראַדירונג פון זשאַן קאַלאָ, אַ קינסטלער, אָן וועמען ער דערמאָנט זעהר שטאַרק. קאַלאָ'ס אַ בילד פון אַ יונגען מענשען, וועלכער טרעט שנעל ארוים פאָראויס מיט זיין לאַנגען שווערד אין אַ לעדערנעם שיידעל ביים זייט, זיין פעדער־הוט ארויפגעקרעמפט אָן־אַ־זייט איבער אָן אויער, זיין גלעזען ארמיי־ראָק שטייף אויף זיין פיגור, זיינע ברייטע שטיוועל שעהן געקנייטשט אויף זיינע שטאַרקע פיס, זיינע בלאַנקע שפּאָרען קלינגענדיג ביי זיין שנעלען גאַנג, — אַ פיגור, וועמעס שטאָלצע, העזה'דיגע האַלטונג צייגט, אַז דער מענש האָט געקאָנט באַגעהן וועלכען־עס־איז גוואַלדטהאַט, — אַזאַ בילד וואָלט זיך וואונדערבאַר געפּאַסט פאַר דעם פאָדערבלאַט פון אַ ווערק ווי „די כראָניק פון דער הערשאַפט פון קארל דעם נייַנטען.“

מערימעי'ס פּאַרזיכטיגע צוריקגעהאַלטענקייט צייגט זיך ענד־ליך אַמבעסטען ארוים אין דער קלאַסיש־עלעגאַנטער שטרענגקייט פון זיין סטיל. זיין פאָרמע איז קלאָר און גלאַט ווי בלאַנק גע־פּאָלירטער שטאָהל; קיין באַפּוצונג, קיין בלום, קיין איין איינצי־גער אָרנאַמענט פון וועלכען עס איז מין. יעדע פיגור איז ווי גע־האַמערט פון מעטאַל, ריכטיג געפאָרמירט, אַזוי לעבעדיג, אַז אפילו די מלבושים זיינען גוט צוגעפּאַסט.

קיינער פון די פראַנצויזישע שרייבער פון יענער צייט, אפילו שאַרל נאָדיעי, צייגט ניט ארוים אַזאַ אריסטאָקראַטישען קאָנסער־וואַטיזם בנוגע צו דער שפּראַך, ווי מערימעי. ער האָט געברויכט די שפּראַך, ווי ער האָט זי באַקומען, און ער האָט ארויפגעלייגט זיין חתימה אויף יעדען זאַץ, וואָס ער האָט געשריבען, אָהן איין אויסערגעוועהנליכען וואָרט אָדער אַ געוועהנליך וואָרט אויף אַ באַזונדער אופן צו געברויכען. ער האָט אויסגעמידען פריהער פון אַלע אַלגעמיינע אויסדרוקען, פראַזען, וועלכע וואַרפען אַ שלייער אויף דעם געדאַנק, אָדער מאַכען ער זאָל אויסקוקען באַדייטענדער און וויכטיגער, ווי ער איז. ער צייכענט זיך באַזונדער אויס מיט

דער זיכערקייט פון זיין אויסדרוק, מיט דעם כח צו מאַכען פונקט דעם איינדרוק, וואָס ער וויל, מיט אַן איינפאַכען, ניט באַפּוצטען, כמעט אויסגעדראָשענעם וואָרט. הוגאָ'ס סטיל איז בולט און פּאַטעטיש, גאָטיעי'ס און זיינע אָנהענגער'ס ווירקט אויף די חושים און איז רייך מיט בילדער, ביידע האָבען געוואָלט ווירקען דורך וואָרט־אַרכיטעקטור, דורך דעם סגנון. ביי די מייסטערס איז די דאָזיגע שטרעבונג געווען בארעכטיגט, אָבער די פּראָבעס פון זייערע נאָכמאַכער און תלמידים דערמאָנען צו אָפט יענע פּרעכ־טיגע וואַסער־לייטונגען פון די רוימישע צייטען, אויף וועלכע מען האָט פאַרברויכט אונגעהויערע אוצרות פון געלט און אין אר־בייט צו פיהרען די וואַסער פון איין הויכען פּלאַץ צו אַ צווייטען, מחמת מען האָט דאַמאָלס ניט געוואוסט, אַז די וואַסער קען זיך מיט איהר אייגענעם כח ארויסהויבען פון טאָל. מיר באוואונדערען די דאָזיגע מעכטיגע בנינים, אָבער אונזער באוואונדערונג וואָלט געווען נאָך גרעסער, ווען מיר וואָלטען אָנשטאָט זיי געפונען פּשוט'ע רעהרען געלייגט אויף דער ערד פון באַרג צו באַרג. די קינסטליכע הויכע אויסדרוקען זיינען ווי יענע אקוואַדוקטען (וואַסערלייטונ־גען); דער איינפאַכער וואָרט, וועלכער געהט גלייך צו דער זאַך, איז ווי דער פּשוט'ער רעהר. מערימעי'ס סטיל, ווי דער רעהר, האַלט זיך האַרט ביי דער ערד, האָט ניט קיינע נוצלאָזע אָרנאַ־מענטען און ניט־נויטיגע געהייבענקייט; ער פּטר'ט ניט קיין איבעריגע כחות. מען קען ניט זאָגען, אַז צוליב דעם פאַרלירט דער סטיל זיין גאַנצע שעהנקייט, אָבער דער איינציגער צויבער, וואָס ער האָט באַשטעהט אין זיין קראַפט. ער האָט ניט קיין אי־בעריגען וואָרט און יעדער זאַץ דינט מיט עפּעס דער גאַנצער זאַך. דער אַלטער כלל “Ne quid nimis” וואָלט זיך זעהר געפּאַסט פאַר דעם דיכטער אלס לאָזונג.

דער צוועק, צו וועלכען מערימעי האָט געשטרעבט צו דערגריי־כען מיט זיין סטיל איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען צו פאַרהיטען זיינע קליינע קונסטווערק פון דעם פאַרניכטענדען איינפלוס פון דער צייט דורך אויסמיידען אַלץ, וואָס איז אַ בייזאַך און ניט וויכטיג. ער דערמאָנט אונז אין דעם פּרט אַן דאַנאַטעלאָ. מען

דערצעהלט, אַז יענער קינסטלער האָט באַשלאָסען צו געבען זיין אויסערגעוועהנליכער סטאַטוע פון דעם היילינגען געאָרג איהר כאַראַקטעריסטישע פּאָזע, — די אָרעמס און די הענט האַרט ביים קערפּער, — נאָכדעם ווי ער האָט פּאָזיטיוו געשטודירט דעם צושטאַנד פון די באַריהמטע סטאַטוען פון דעם אַלטערטום כדי צו באַשטימען, וועלכע פון זייערע טיילען האָבען אַמשטאַרקסטען געליטען און די אורזאַכען פון דעם. אויף אַן עהנליכען אופן האָט מערימעי געזוכט צו פאַרהיטען זיינע ווערק פון דעם איינפלוס פון ענדערונגען אין געשמאַק, וואָס קומט מיט דער צייט, דורך האַלטען זיך שטענדיג ביים עיקר פון דער זאַך און דורך אויסמיידען אַלע באַפּוצונגען, וועלכע זיינען ניט וויכטיג פאַר דעם ענין.

דאָך איז ניט זיין סטיל אָנגענומען געוואָרען פון די שרייבער פון דעם דור נאָך איהם. ניט מערימעי, נאָר גאָטיעי איז אַלס סטיליסט געוואָרען אַ גרינדער פון אַ ליטעראַרישער שולע, און איך, פון מיין צד, באַקלאָג זיך ניט פאַרוואָס עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ רייכערער און מעהר סענזועלער סטיל און די שפּעטערע פראַנצויזישע שרייבער האָבען געשטרעבט ניט נאָר צו מאַכען זייערע זאַצען קלאָר און ריכטיג, נאָר האָבען זיי אויך, ווען מעגליך, געמאַכט מעלאָדיש, פאַרבענרייך און דופטיג. דער סגנון, וואָס פלאָבער און די ברידער קאָנקור האָבען איבערגענומען פון גאָטיעי און האָבען איבערגעגעבען צו זאָלאַ און דאָדעי האָט אָהן ספק אויך זיין שוואַכע זייט, און דער אַנגעזעהענסטער לעצטער פאַרשטעהער פון דעם מאַלערישען סטיל האָט עס געמוזט באַמערקען. זאָלאַ שרייבט:

„דאָס ערגסטע איז, וואָס, לויט מיין טיפער איבערצייגונג, וועט אונזער יעצטיגער סגנון, — יענע פאָרמען פון אונזער שרייבען, וועלכע זיינען בלויז מאָדע און מוזען ווערען פאַרעלטערט, — זיין באַקאַנט אַלס די מיאוס'ע צו'פּטר'ונג פון דער פראַנצויזישער שפּראַך. מען קאָן דאָס פאָראויסזאָגען מיט כמעט מאַטעמאַטישער זיכערקייט. לייכטער פון אַלץ ווערט פאַרעלטערט דער בילדליכער אויסדרוק. כל־זמן ער איז ניי באַצויבערט ער, אָבער נאָך דעם ווי ער ווערט געברויכט פון איינעם אָדער צוויי דורות כסדר, ווערט ער טריוויאַל, אויסגעדראָשען און אַ שאַנדע פאַר דעם שרייבער, וועל־

כער געברויכט איהם. קוקט זיך צו צו וואָלטעיר מיט זיין טרו־קענעם לשון, מיט זיינע שטאַרקע זאצען אָהן אדיעקטיוועו (שמות התואר), וועלכע דערצעהלען און מאָלען ניט; ער בלייבט אייביג יונג; און קוקט זיך צו צו רוסאָ, וועלכער איז אונזער פאטער אין דעם פּרט, מיט זיינע בילדער, מיט זיין לײדענשאפטליכער מליצה; ער האָט אָנגעשריבען זייטען, וועלכע זיינען אינגאנצען אוממעג־ליכע... מיר, וועלכע האָבען אריבערגעשטייגט רוסאָ, דאַרפען זיך ריכטען אויף א שעהנעם מזל; אויסער ליטעראַטור גיבען מיר זיך אָפּ מיט אַנדערע קונסטען: מיר מאָלען און מיר זינגען אונזערע זאצען, מיר האַקען זיי, ווי זיי וואָלטען געוועזן שטיקער מארמאר, און מיר פּאָדערען פון ווערטער, אז זיי זאָלען ארויסגעבען ריחות. דאָס אַלץ ווירקט אויף די נערוועז פון די לעזער און מיר דענקען, אז דאָס איז אויסגעצייכענט שעהן. אָבער עס פרעגט זיך נאָר: וואָס וועלען אונזערע אור־אייניקלאך זאָגען וועגען דעם? זייערע חושים וועלען זיכער אנדערש באַנעמען זאכען און איך בין איבערצייגט, אז גע־וויסע פון אונזערע ווערק וועלען זיי מאַכען נשתומם צו ווערען. כמעט אַלץ וועט אין זיי זיין פארעלטערט".

דער שרייבער פון דער דאָזיגער טרויעריגער זעלבסטפאר־אורטיילונג געהט פיליכט צו ווייט. עס איז העכסט מעגליך אז דער דור נאָך אונז וועט זיך ווענינג אינטערעסירען מיט אונזערע ביכער, אָבער שולדיג אין דעם איז ניט דער סטיל, אין וועלכען זיי זיינען געשריבען. זאלא׳ס באמערקונג איז אלענפאלס מערק־ווירדיג מיט דעם, וואס א ליטעראַרישער קאָלאָריסט זאָגט זיך ארויס פאר די ניכטערע ראציאָנאליסטען בנוגע צו סטיל, צווישען וועלכע מערימעי איז אין דעם יאָהרהונדערט זיכער דער גרעסטער. די בעסטע פון זיינע ווערק זיינען ליטעראַרישע מייסטערשטיקער. קורצע זאכען אין פּראָזע זיינען ווירקליך זעלטען אין דער וועלט־ליטעראַטור געשריבען געוואָרען אין אזא גרויסאַרטיגען סטיל. די זאך אליין שטעהט פאר אונז אין העלסטען זונענליכט ניט פאר־טונקעלט אפילו פון דעם שוואכסטען נעבעל פון געפיהלען. עס וואָלט געוועזן אן אומרעכט צו שעצען וועניגער דעם שרייבער פון בילדערדרייכער פּראָזע דערפאר, וואָס זיינע בילדער ווערען דורך צו־פיל איבער׳חזר׳ן אפּגענוצט, וואָס דורך לייענען זיי פילע מאָל

ווערט זייער איינדרוק פאַרלאָרען. אויב אַזוי וואָלט מען געקאָנט האָבען טענות צום מוזיקאַלישען קאָמפּאָזיטאָר דערפאַר, וואָס זיינע מעלאָדיען ווערען ניט־אויסצוהאַלטען מחמת מען שפּילט זיי אויף אַלע גאַסען־שאַרמאַנקעס. איין זאַך אָבער קען מען ניט לייקענען און דאָס איז, אַז אַ שטרענגער, ניט באַפּוצטער סטיל, ווי מערימעי׳ס, לעבט איבער די ווערק, וואָס זיינען געשריבען אין אַ בלומענשפּראַך, אַזוי ווי אַ בראָנזענע סטאַטוע לעבט איבער אַ בליהענדען בוים.

לכתחילה האָט מען מערימעי אין זיין צייט אָנגענומען פאַר אַ ריינעם נאַטוראַליסט. דאָס איז מערקווירדיג. אַלפרעד דע־מוסעי האָט אין זיין יוגענד אַנגעשריבען עטליכע פערזען איבער מערימעי, אין וועלכע ער שטעלט נאַאיוו איהם צוזאַמען מיט קאַלדעראָן און וועלכע גיבען אַן אויסגעצייכענטע פאַרשטעלונג וועגען דעם איינדרוק, וואָס מערימעי׳ס ווערק האָבען געמאַכט אויף זיינע צייטגענאָסען. זיי האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט בלויז געמאַכט אָפּדרוקען פון דער ווירקליכקייט:

„איינער, ווי קאַלדעראָן און ווי מערימעי, באַגיסט די ווירקליכקייט מיט הייסען בליי, ביי דער ליכט פון זיין פאַקעל שניידט ער אויס אַ מענשליכען סילועט, טראָגט אַוועק זיין אָפּדרוק (דעם פורם) און וואַרפט איהם אַרויף אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט אויף דער סצענע פון דעם לעבען. די טונקעלע צורה האָט ניט אויף זיך קיין איין קלאַפּ מיט דעם מייזעל, זי איז בלויז אַ קופּערנע מאַסקע, אַזוי ווי גאָט האָט זי אויסגעגאָסען".

„קיין איין קלאַפּ מיט דעם מייזעל" (דער געצייג, מיט וועלכען מען האַקט אויס סטאַטועז) — איז אַ משונה׳דיגער אויסדרוק וועגען דעם ענערגישסטען סטיליסט פון אַן עפּאָכע, אָבער עס איז קלאָר, אַז אַלפרעד דע מוסעי האָט באַטראַכט מערימעי פריהער פון אַלץ אַלס אַ נאָכמאַכער פון דער נאַטור. דאָס איז געקומען פון דעם, וואָס אין דעם ראָמאַנטיזם איז, ווי שוין אויבען באַמערקט לכתחילה געווען אַ נאַטוראַליסטישער עלעמענט. די יונגע ראָמאַנטיקער האָבען ניט תיכף דערזעהן דעם תהום, וואָס ליגט צווישען די צוויי אַרטען שרייבען. די פּאָעזיע פון פּעדערהוטען און טאָלעדאָער שפּיזען איז פאַר אַנדערע זיכער ליבער איידער

דער ניכטערער לעבען פון דער ווירקליכקייט. אָבער די ווירקליכקייט גופא קען געמאָלען ווערען פּאָעטיש אויב זי האָט פארבען און כאַראַקטער,ליידענשאַפט, פלאַם און אַן עקזאָטישען ריח (וואָס וועקט תאוה). אין מערימעי'ס ווערק האָט זי דאָס אַלץ געהאַט. די זריעה פאַר דעם שפּעטערען נאַטוראַליזם געפינט זיך ביי מערימעי, ווי ביי די אַנדערע ראָמאַנטיקער, אָבער ביי זיי איז די ליבע צו קונסט געוועזען שטאַרקער פון דער נייגונג נאָכצומאַכען די נאַטור; פונדעסטוועגען איז מערימעי, מיט זיין ליבע צו ברוטאַלע טעמעס און זיין קינסטליכער קאַלטקייט, געוועזען דער פאָרלויפער פון דער ליטעראַרישער ריכטונג פון דעם דור נאָך איהם. אין טעינ'ס „דער לעבען און די מיינונגען פון דעם הער גרעינדאָרזש" ("Vie et Opinions de M. Graindorge", 1867) געפינען מיר אַ באַמערקונג וועגען דעם געזעלשאַפטליכען לעבען פון יענער צייט, וועלכע פאַסט זיך אַזוי גוט פאַר דער ליטעראַטור: „שוין צעהן יאָהר ווי די עלעגאַנץ ווערט מושלם (גאַנץ געמאַכט, פאַרפולט) דורך אַן אריינמישונג פון ברוטאַליטעט". ("Depius dix ans nuance de brutalite complete l'elegance") מיר פיהלען עס ביי כמעט אַלע באַריהמטסטע שרייבער פון דער צווייטער אימפּעריע, ביי דעם יונגערען דומאַ, ביי פלאָבער, וועמען מען קען רופען דער מערימעי פון דעם צווייטען דור, און ביי טעין אַליין, וועלכער איז זעהר צופרידען ווען ער האָט צו באַשרייבען „אַ שעהנעם מאָרד" און צווינגט זיין גרעינדאָרזש צו געבען די לעזער די פּינקטליכע אָנווייזונגען וועגען דעם פּראַקטישסטען וועג ווי צושניידען זיך דעם האַלז מיט אַ גאָלמעסער.

יעצט ווערט מערימעי באַטראַכט פאַר אַ קלאַסיקער. זיין קלאָרער און דורכזיכטיגער סטיל, זיין מורא פאַר לירישע אָפּטרעטונגען, פאַר משלים און מליצות פאַרזיכערען פאַר איהם, זעהט אויס, אַ פּלאַץ אויסער דער ראָמאַנטישער שולע. אָבער מיר האָבען געזעהן, אַז אין אַ געוויסען זין זיינען אַלע פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער אין דער זעלבער צייט אויך קלאַסיקער, און דער פאַקט, וואָס ביי מערימעי איז דער קלאַסיציזם מעהר בולט, גיט איהם נאָך ניט קיין באַזונדער פּלאַץ אויסער דער שולע.

ווען מיר געדענקען, אויסער דעם, אַז ער, ווי הוגאָ און דע־וויני, איז געווען באַאיינפלוסט פון וואַלטער סקאָט; אַז אין געוויסע פון זיינע ווערק מערקען זיך באַשטימטע סימנים פון „בייראָניזם”, פון דאָס „סאַטאַניסטישע”; אַז ער, דער ניכטערער סקעפּטיקער, האָט געשריבען זאַכען אין דעם סגנון פון האָפמאַן, ווי, למשל, “La Vision de Charles XI” („דער חלום פון שאַרל דעם עלפטען”); אַז ער איז געווען אַ תלמיד פון בעיל און אַז ער האָט כמעט תמיד, ווי אַן עכטער ראָמאַנטיקער, אויסגעקליבען פרעמדע, ניט־מאָדערנע טעמעס, מוזען מיר אַנערקענען, אַז דער שרייבער, וועלכער האָט געהאַט אַזוי פיל געמיינזאַמע שטריכען מיט די פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער איז געווען אַן עכטער קינד פון זיין צייט.

אפילו ווען מיר זאָלען אָננעמען, אַז מערימעי האָט ניט געהאַט קיין באַזונדערע קינסטלערישע אָריגינאַליטעט, שטעהט ער דאָך זעהר הויך צווישען דעם געניאַלען דור פון 1830. די אַנדערע שפּרינגען אין דעם קאַמף פלאַץ אָנגעטאָן אין פילפאַרביגע וואַפענרעק, מיט באַגילטע העלמען און וועהענדע פאָהנען. ער איז דער „שוואַרצער ריטער” אין דעם גרויסען ראָמאַנטישען טורניר.

27.

טעאָפיל גאָטיער.

אָנפאַנג יאַנואַר, 1830, זיינען אין אַ געוויסען טאָג געגאַנגען דריי יונגעלייט אין אַ ניי אויסגעלייגטער גאַס אין דעם געגענד פון די עליסעי פעלדער (Champs Elysees) אין פּאַריז צו אַן איינזאַם הויז, די איינציגע געביידע דערוייל אויף יענער גאַס. איינער פון זיי, אַ ניינצעניאָהריגער בלאָנדער בחור, מיט אַן עט־וואָס ארונטערגעבויגענעם קאָפּ, איז געגאַנגען שנעל מיט קורצע טריט, ווי אַ פויגעל, און פון אַלע זיינע טאַשען האָבען ארויסגע־שטעקט מאַנוסקריפּטען; דאָס איז געווען דער פיינער פאַנטאַסט, דער ליבעסווירדיגער דיכטער זשעראַר דע נערוואַל, וועמעס הויפּט באַשעפטיגונג איז באַשטאַנען אין אַפּלויפען זיך די פיס פאַר זיינע פריינד. ביי זיין זייט איז געגאַנגען מיט אַ ווירדיגער האַלטונג און אַ קאַסטיליאַנער ערנסטער מינע דער בלייכער, שוואַרצבאָר־דיגער פּעטרוס באָרעל, וועלכער איז, אַלס דער עלטערער (שוין צוויי און צוואַנציג יאָהר אַלט), געווען די צענטראַלע פיגור פון דער יונגער גרופּע ענטוזיאַסטען פון קונסט. אַ ביסעל הינטער צו איז מיט אונזיכערע טריט און זעהר אויפגערעגט נאָכגעגאַנגען נאָך זיי אַ שעהנער בחור פון אַ יאָהר אַכצעהן מיט מעסיגע געזיבטעם־שטריכען און אַן איילבירט־געלע הויט, וועמען זיינע צוויי פריינד האָבען פאַרשפּראָכען צו באַקאַנען מיט דעם באַוואוינער פון דעם איינזאַמען הויז, מיט וויקטאָר הוגאָ, ביי וועמען מען פלעגט זיי אַליין גערן אויפנעמען, — אַ גליק, אויף וועלכען פילע פלעגען זיי מקנא זיין.

צוויי מאָל איז דער יונגער גאָטיער פאַמעלאַך ארויפגעשטי־גען די טרעפּ הינטער נערוואַל און באָרעל, וואָרים זיינע שיך זיינען איהם געווען שווער ווי בליי. ער האָט קוים געקענט אָטע־

מען. אויף זיין שטערען זיינען געשטאנען טראפענס קאלטער שוויים און ער האט געקאנט הערען ווי זיין אייגענע הארץ קלאפט אין איהם. יעדען מאל ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טיר און איינער פון די צוויי האט שוין געהאלטען ביים אנקלינגען דעם גלעקעל, פלעגט אויף איהם אנפאלען א גוואלדיגע שרעק און ער פלעגט זיך אומקערען און ארונטערלויפען צוריק. זיינע באשיצער האבען איהם נאכגעיאגט מיט געשרייען און געלעכטער. דעם דריטען מאל האט זיי אפגעגליקט, ווי עס קומט פאר אין א מעשה. דער יונגער מענש האט דערפיהלט, אז קוים וואס זיינע פיס שלעפען איהם און ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם העכסטען טרעפ אויף א ווײלע אפצוכאפען זיך, בעת די טיר האט זיך געעפענט, און אין א שטראם ליכט, ווי די שטראהלען ארום דעם קאפ פון פעבוס אפאלא, האט זיך פאר זיי אויף דעם טונקעלען הינטערגרונד פון די שטיגען באוויזען וויקטאר הוגא בכבודו ובעצמו אנגעטאן אין א זעהר געוועהנליכען שווארצען ראק און גרויהע הויזען און אזוי ציכטיג געראזירט, ווי דער ערשטער בעסטער פיליסטער. ער האט א שמייכעל געטאן דערזעהענדיג דעם אויפגערעגטען יונגענמאן, אבער ער האט ניט אויסגעזעהן צו זיין זעהר איבערראשט, ווארים ער איז געווען צוגעוואוינט צו זעהן ווי יונגע פאעטען און מאלער פארשעמען זיך און ווערען בלייך און כבד־פה ביים ארייננאנג צו איהם אין הויז אריין. ער האט זיך, ווי עס ווייזט אויס, צוגעקליבען ארויסצוגעהן אין גאס ווי א געוועהנליכער בשר־ודם. דאס איז פאר גאטיעי געווען א גרעסערער חידוש, ווי ווען ער וואלט איהם געזעהן דורכפאהרען אין שטאדט אין א טריאומף־וואגען איינגעשפאנט מיט פינף ווייסע פערד און מיט דער געטין פון נצחון האלטענדיג א גאלדענע קרוין איבער זיין קאפ. דאך האט ער זיך אומגעקערט צוריק אין זיין צימער אריין מיט די יונגע לייט און טעאפיל גאטיעי האט זיך שווייגענדיג צוגעהערט צום שמועס, וואס זיינע חברים האבען געהאט מיט הוגא. ער אליין איז געווען צופיל צומישט ער זאל קאנען זיך באטייליגען אין דעם געשפרעך, אבער פון יענעם אויגענבליק פאנגט זיך אן א נייע עפאכע אין זיין לע־

בען. פֿון דאַמאָלס אָן ביז זיין טויט איז ער געבליבען הוגאָ'ס א הייסער אָנהענגער, באַוואונדערער, דאַנקבאַרער תּלמיד און שטענ־דיגער שבחים־זינגער. ער האָט קיינמאָל ניט, אפילו אויף א ווייל, אפילו דורך די פילע יאָרען, וואָס זיי זיינען געווען גייסטיג ווייט איינער פון דעם אַנדערען צוליב זייערע פֿאַרשידענע פּאָליטישע איבערצייגונגען, פֿאַרגעסען צו בלייבען אומבאַדינגט טריי דעם מאַן, וועמען ער האָט ביי דער ערשטער באַגעגעניש אין האַרצען גערופֿען אדוני מורני (מיין האַר און לעהרער).

די סיבה פֿאַר דעם באַזוך איז געווען די ערשטע אויפֿפֿיה־רונג פֿון „ערנאַני” אין דעם „פֿראַנצויזישען טעאַטער”. די יונגע לייט זיינען געקומען נאָך פֿעקלאַך פֿון די פּירעקענדיג רויטע בי־לעטען, אויף וועלכע עס איז געווען אָפּגעדרוקט דער וואָרט ”Hierro“, גאָטיעי, וועלכער האָט שוין פֿריהער געלייענט די „אָריענטאַלען”, איז געווען באַגייסטערט פֿאַר דער פּיעסע, הגם ער איז מיט איהר נאָך ניט געווען באַקאַנט.

אין דעם געגענד אין פּאַריז, וואו ער האָט געוואוינט, איז ער שוין לאַנג געווען באַוואוסט מיט זיינע משונה'דיגע דרכים. ער האָט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים זיך גערייצט מיט זיינע בורזשואַזע שכנים, דעם סאָרט מענשען, וועמען די יונגע ראָמאַנטיקער האָבען פֿיינט געהאַט מעהר פֿון אַלעמען. ער האָט געוועהנליך געטראָגען א שוואַרצען סאַמעטענעם רעקעל און געלע שיך, איז אַרומגעגאַנגען מיט א הוילען קאָפּ, מיט א פּאַראַסאָל אָדער א זאָנטיק אין האַנד און זיינע לאַנגע, טונקעל־ברוינע האָר, וועלכע האָבען זיך וואונ־דערבאַר געפּאַסט צו זיין איילבירט־געלע הויט, האָבען דערגרייכט כמעט ביז צו זיין גאַרטעל. ער פֿלעגט אַרומגעהן מיט'ן קאָפּ פֿאַר־ריסען, מיט בחור'שע גדלות, מיט א ציגאַר אין מויל און פֿלעגט זיך אינגאַנצען ניט אַרומקוקען אויף די שפּאָטישע בליקען פֿון די צורייצטע בורזשויען אָדער אויף די נאָכגעשרייען פֿון די קינדער אין גאַס.

אָבער צו דער ערשטער אויפֿפֿיהרונג פֿון „ערנאַני” האָט ער געפֿיהלט, אַז עס איז נויטיג צוצוגרייטען זיך מיט עפּעס אויסער־

געוועהנליכעס. ער האָט באַשטעלט די „רויטע וועסט", — יענע וועסט, וועמען עס איז באַשערט געווען צו ווערן איינע פון די באַריהמטסטע בגדים אויף דער וועלט. די רויטקייט איז ניט געווען יענער קאָליר, וועלכען די רעוואָלוציאָנערען האָבען אויסגעקליבען אַלס זייער סימבאָל און וועגען וועלכען די פּאָליטיקער דענקען, ווען מען דערמאָנט רויט. ניין, עס איז געווען דער פלאַמענד רויטער קאָליר, וואָס איז געוואָרען די עמבלעם פון דער שנאה פון די יונגע קינסטלער פון יענער צייט צו דער הערשענדער גרויקייט. עס איז געווען דער קאָליר פון אַ שטיק פורפור־רויטען אַטלאַס, וואָס האָט אַנטציקט דעם יונגען מאַלער און דיכטער. ער האָט אויף איהם געקוקט מיט די זעלבע אויגען, ווי — מיר שטעלען זיך פאָר „וועראָנעזע" קוקט אויף אַ שטיק זיידענע מאַטעריע. ווען גאָטיעי האָט באַקומען דעם דאָזיגען אוצר, האָט ער באַלד געשיקט רופען זיין שניידער און האָט איהם געלאָזט וויסען זיין פּלאַן, אַז פון דעם שטיק מאַטעריע דאַרף מען מאַכען אַ וועסט, — יאָ, אַ וועסט (אַ זשילעט); די וועסט זאָל האָבען די פאָרמע פון אַ פאַנצער, זאָל זיין אויסגעקיילעכדיגט אויף דער ברוסט און זאָל זיך פאַרקנעפּלען פון הינטען אויף דעם רוקען.

„ווען מען זאָל, — דערצעהלט גאָטיעי, — פון די צייכנונגען, וואָס מען מאַכט אין אַ קונסט אַקאַדעמיע פאָרצושטעלען די פאַרשיידענע אויסדרוקען פון'ם מענשליכען פנים, אויסקלייבען איינע פון יענע, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר „פאַרוואונדערונג", וואָלט מען באַקומען אַ באַגריף וועגען דער צורה פון דעם צושראָקענעם שניידער. — „אָבער אַזעלכע וועסטען זיינען יעצט ניט אין דער מאָדע, מיין הער" — „עס וועט שוין זיין אין דער מאָדע, ווי נור איך וועל זי אָנטאָן", ענטפערט גאָטיעי. — „אָבער איך ווייס ניט דעם שניט; עס איז מעהר אַ שטיק פון אַ טעאַטראַלישען בגד ווי אַ געוועהנליכער מלבוש; איך האָב מורא איך וועל איבערפיהרען די מאַטעריע". — „זייט רוהיג, איך וועל אייך געבען אַ מוסטער פון לייווענט, וואָס איך וועל עס אַליין אויסמאַכען, צושניידען און צוזאַמענשטעלען".

די וועסט האָט מען אויפגענייהט און אין טעאַטער האָט אין

יענעם באַריהמטען שטורעמדיגען אווענט גאָטיעי מיט דער דור־היגסטער קאַלטבלוטיגקייט אויסגעהאַלטען דעם קרייצפייער פון די פּיליסטערישע בינאָקלען (טעאַטער־גלעזער) און האָט גלייכגילטיג געקוקט, ווי מען טייטעלט אויף איהם פון אַלע זייטען מיט די פינ־גער. זיין נאָמען איז געוואַקסען צוזאַמען מיט דער לעגענדע וועגען דער רויטער וועסט, הגם ער האָט זי געטראָגען בלויז איינמאָל, יענעם אווענט. אַ לאַנגע צייט האָט מען וועגען איהם ווייניג גע־וואוסט אויסער דעם פאַקט, אַז ער האָט געטראָגען די רויטע וועסט (ווען איך בין געווען אין פּאַריז אין דעם יאָהר 1867, האָב איך פערזענליך באַגעגענט מענשען, וועלכע זיינען געווען זיכער, אַז ער טראָגט זי נאָך עד היום). און די וועסט גלאַנצט נאָך ביז היינטיגען טאָג אין דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטע־ראַטור, אַ נאַאיווער סימבאָל פון דער ליבע פון דער דאַמאָלסדיגער באַגייסטערטער יוגענד צו אַלץ, וואָס איז ליכטיג און פאַרביג אין לעבען.

אָבער דאָס איינענטליך ליכטיגע און פלאַמענד־רויטע איז געווען די קונסט, די ריינע קונסט. זעלטען ווען איז אַ מענשליכע האַרץ אינגאַנצען פאַרכאַפּט געוואָרען פון אַזאַ גרויסער ליבע צו קונסט, אַלס קונסט, ווי גאָטיעי'ס. ער איז געווען באַגייסטערט פון איהר דורך זיין גאַנצען לעבען, אָבער אין דער יוגענד האָט ער געפיהלט די דאָזיגע ליבע מיט דעם גאַנצען תענוג, וואָס זי גיט; מיט דער גאַנצער באַוואונדערונג, וואָס זי רופט ארוים; מיט דעם גאַנצען מוט, וואָס זי שאַפט און מיט דער גאַנצער שנאה, וואָס זי וועקט.

די דאָזיגע ליבע האָט עס געווירקט, אַז דער מאַן, וועלכער איז אַליין געווען אַ גרויסער קינסטלער, זאָל אַזוי ערנסט און מיט אַזאַ איידעלע עניוות באַוואונדערען אַנדערע קינסטלער. ער איז גע־ווען אַ באַדינער פאַר הוגאָ און אַן אויפאָפּפערענדער פריינד צו באַל־זאַק. ער איז געווען אַ דיכטער, אָבער זיין באַוואונדערונג פאַר אַנדערע האָט איהם געמאַכט פאַר אַ קריטיקער, און קיינער האָט ניט געהאַט אַזוי פיל פאַרגעניגען פון אַ גוט צוזאַמענגעשטעלטער שורה,

פון אַ גלענצענדען וואָרט, פון אַ מאַלערישען אויסדרוק, פון אַ קרעפטיגער פאַנטאַזיע אָדער אפילו פון אַ געוואַגטען טרוים. ער איז געווען אַ מאַלער איידער ער איז געוואָרען אַ דיכטער און קיינער האָט ניט געגעבען אזוי פיל אנערקענונג, ווי ער, צו דער מעכטיגער, הגם ניט זיכערער, אָריגינאַליטעט פון דעלאַקרוא, וואָס האָט געשאַפען יענעם גלאַנץ אין די פארבען פון זיינע בילדער, וועלכער פאַרטונקעלט זיינע חסרונות אין צייכענען. מיט וואָס פאַר אַ ליידענשאַפט איז ער, וועלכער האָט אַזוי פאַרגעטערט סטיל, וועלכער וואָלט פיל ליבער געזעהן צירק־פאָרשטעלונגען איידער די בורזשואַזע קאָמעדיע אין דעם טעאַטער "Gymnase", באַפּאַלען מיט זיין קריטיק אויף די פלאַכקייטען פון סקריב און אויף דער רעפאָרמאַטאָרישער פאָרזיכטיגקייט פון דעלאַווין; אויף די פוסטע וואָדעווילען און די ליידענשאַפטלאָזע טראַגעדיעס! אין אַ צירק, וואו מען שרייט נאָר „האָפּ!“ און „העיו“ קען מען דאָך ניט באַגעהן אזוי פיל חטאים געגען דעם סינטאַקס און געגען דער מעטריק, ווי סקריב. מיט וואָס פאַר אַ כעס איז ער עס באַפּאַלען דעלאַראָש, ווען יענער (וועמעס טאַלאַנט האָט זיך שפּעט אַנטוויקעלט) האָט באַצויבערט דעם האַלב־געבילדעטען עולם מיט זיין גלאַטען איבערגעבען די געשיכטע פון דעם מיטעלאַלטער און האָט גורם געווען, אַז דער דאָזיגער עולם זאָל בעסער ליב האָבען זיין מיטעלאַלטער איידער דעם מיטעלאַלטער פון הוגאָ און דעלאַקרוא; גאָטיעי האָט באַטראַכט אַלס אַ חלול־הקדש צו שטעלען אַ פאָרזיכטיגען, ניט־זיכערען־מיט־זיך טאַלאַנט העכער פון אַ געוואַגטען, ניט צוריקגעהאַלטענעם זשעניע און מיט דעם שפּרונג פון אַ טיגער פלעגט ער זיך וואַרפען אויף דער פאָפּולאַריטעט פון די דאָזיגע טאַלאַנטען. שפּעטער האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער וואָלט געווען מיט דעם גרעסטען פאַרגעניגען אויפגעגעסען דעלאַראָש רויהערהייט.

די קונסט נור לשם קונסט! די קונסט אַלס אַ צוועק פאַר זיך! (L'art pour l'art) דאָס איז געווען גאָטיעי'ס לאָזונג. און ער האָט געליבט די קונסט (ווי מען ליבט געוועהנליך) צוליב דער קונסט גופא, ניט רעדענדיג וועגען דעם, צי זי איז מאָראַליש אָדער ניט־

מאָראַליש, פּאַטריאָטיש אָדער ניט־פּאַטריאָטיש, נוצליך אָדער ניט־נוצליך.

גאָטיעס פאַרגעטערונג פון קונסט באַצייכענט אַ ווייטערען שריט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם ראָמאַנטיזם. לכתחילה האָט די ליטעראַרישע אויפלעבונג זיך אויסגעצייכענט מיט איבערגע־בענהייט צום קאַטוילויזם און צו דער אַלטער קעניגליכער פאַמיליע, וועלכע האָט ווידער געהערשט אין פראַנקרייך. ווען די באַוועגונג האָט, מיט הוגאָ בראַש, געמאַכט דעם צווייטען גרויסען שריט פאָר־אויס, איז איהר יסוד זיכער געווען די באַגייסטערונג פאַר דער קונסט אַלס קונסט, אָבער ביי דער מעהרהייט פון די ראָמאַנטיקער איז דאָס ניט געווען אינגאַנצען באַוואוסטזיניג. זייער באַגייסטע־רונג פאַר קונסט איז געווען באַהאַלטען אונטער דער באַגייסטערונג פאַר דעם מיטעלאַלטער, אָדער פאַר דעם זעכצעהנטען יאָהרהונ־דערט, אָדער פאַר שטאַרקע ליידענשאַפטען אָדער פאַר לאָקאַלע פאַרבען. גאָטיעי איז געווען דער איינציגער, וועלכער איז געווען אינגאַנצען באַוואוסטזיניג וועגען דעם פאַרבאָרגענעם פּרינציפּ, וואָס איז געווען דער יסוד פון די אַלע אויסדרוקען פון באַגייסטערונג, דערפאַר איז זיין נאָמען אַזוי צוזאַמענגעוואַקסען מיט דער פאַזע פון דער ראָמאַנטישער באַוועגונג, ווען די פּאָעזיע טרעט אַרויס אין דעם נאָמען פון איהרע אייגענע רעכטע. ווען מיר זאָלען נעמען אין אַנבאַטראַכט געוויסע פון הוגאָ'ס הקדמות (למשל, זיין הקדמה צו „די אָריענטאַלען") קען זיך דוכטען, אַז הוגאָ'ס פּאָעזיע האָט זיך ניט אָפּגעגעבען מיט קיינע אַנדערע לעבענס־אידעאַלען און האָט נור געוואָלט אויסקעמפען פאַר זיך איהר אייגענע פולע פרייהייט. אָבער הוגאָ איז בטבע געווען צופיל אַגיטאַטאָר אום ער זאָל אין דעם דאָזיגען קאַמף, אין דער דאָזיגער שטרעבונג זעהן עטוואָס מעהר פון אַ דערוויילינגער אויפגאַבע. עס איז געבליבען פאַר דעם תלמיד, וועלכער איז אַמנאָהענטסטען צום האַרצען פון דעם מייס־טער, ער זאָל די דאָזיגע פאַזע באַטראַכטען פאַר דער לעצטער. פאַר גאָטיעי, ווי פאַר די דייטשע ראָמאַנטיקער, איז דער קאַמף פון דעם ראָמאַנטיזם נעגען דעם אוטיליטאַריאַניזם (די טעאָריע, אַז די קונסט דאַרף זיך רעכענען מיט נוצליכקייט) געווען דאָס

זעלבע, ווי ארויסטרעטען מיט אַן ערקלערונג וועגען דער אונבאַ־דינגטער זעלבסטשטענדיגקייט פון דער קונסט.

טעאָפיל גאָטיעי איז געבאָרען געוואָרען אין טארב, אין דרום־פראַנקרייך, דעם 30טען אויגוסט, 1811. ער האָט געשטאַמט פון אַן אַנגעזעהענער פאַמיליע, וועלכע איז געווען ליידענשאַפטליך ראָיאַ־ליסטיש. ווי די פאָטערס פון הוגאָ און דומאַ, איז זיין פאָטער אויך געווען אַ בראַווער אָפיצער. הוגאָ׳ס פאָטער האָט אַלס מאַיאָר אין נאַפּאָלעאָנ׳ס ארמיי אין איטאַליען געקעמפט געגען פראַ דיאַ־וואָלאָ און אַלס גענעראַל און גובערנאַטאָר פון אַ שפּאַנישע פּראָ־ווינץ אונטער זשאָזעפ׳ן האָט ער געקעמפט געגען די בראַווע שפּאַ־נישע אינסורגענטען. דומאַ׳ס פאָטער איז געווען אַן אַטלעט, וועל־כער האָט לויט אַ לעגענדע (ריכטיגער געזאָגט, לויט ווי דער יונ־גערער דומאַ האָט דערצעהלט) געקאָנט צעדריקען אַ פערד אויף טויט צווישען זיינע פיס און דורכבייסען מיט זיינע ציין אַ העלם (אַ שטאָהלענע היטעל) און האָט איינער אליין פארטיידיגט דעם בריק ארום בריקסען געגען אַן אוואַנגאַרד פון צוואַנציג מאַן. גאָ־טיעי׳ס זיידע איז געוואָרען שטאַרק באַריהמט דורך דעם, וואָס ער איז געווען דער ערשטער ביי דער אַטאַקע פון בערגען־אָפּ־צאָאָם. זיינע פיזישע כחות זיינען געווען קאָלאָסאַל און זיין געוואוקס ריזיג. ער פלעגט תמיד לעבען אויף דער פרישער לופט אין דרויסען, פלעגט געהן אויף דער יאַגד אַלע טאָג און מען פלעגט איהם קיינמאָל ניט זעהן אָהן אַ ביקס, פון וועלכען ער פלעגט אָפט שי־סען אין דער לופטען, ווען עפּעס פלעגט איהם באַגייסטערען. ער איז געשטאָרבען אין דעם עלטער פון הונדערט יאָהר. ביי טעאָ־פיל׳ס פאָטער, וועלכער איז אויך געשטאָרבען אַ זקן, האָט זיך זיין גע׳ירשנ׳טע ענערגיע ארויסגעצייגט הויפּטזאַכליך אויף דעם גייס־טיגען געביט. ער איז געווען אַ וואוילגעבילדעטער מאַן און האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זעהר פארשיידענארטיגע און גרינדליכע קענטניסע. ווי ווייט פריי ער איז געווען פון פאָראורטיילען און ווי גרויס עס זיינען געווען זיינע ליטעראַרישע פעהיגקייטען, צייגט אַמבעסטען דער אומשטאַנד, אַז ער האָט שטאַרק געלויבט די הקדמה צו „קראָמוועל״ און האָט געגעבען זיין הסכמה אויף די פּאָעטישע

שטרעבונגען פון זיין זוהן. נאָך מעהר, ער איז געווען אזוי צו־פרידען פון טעאָפיל גאטיעי'ס העזה'דיג געוואגטע דערצעהלונג "Mademoiselle de Maupien", אז ווען יענער האָט נאָך גע־האלטען דעם בוך אין שרייבען, פלעגט ער אָפט פארשפארען דעם יונגענמאן ביי איהם אין צימער מיט די ווערטער:

— „דו וועסט ניט ארויס כל־זמן דו וועסט ניט אָנשרייבען עטליכע בלעטלאך פון „מארעמואזעל דע מאָפּען".

טעאָפיל'ס מוטער, א מאַיעסטעטישע שעהנהייט, וועגען וועמען מען זאָגט, אז אין איהרע אָדערען האָט געפליסט בורבאָנישע בלוט, פלעגט, ווי דער פאָטער, צולאָזען און פארגעטערען איהר זוהן, ווע־מען די נאטור האָט אזוי רייך באגאבט. ער איז געווען איינער פון יענעם מין מענשען, וועלכע זיינען ווי באשאפען געוואָרען צו ווערען באוואונדערט און געליבט ניט נאָר פון זייערע אייגענע קרובים און פריינד, נור פון אלעמען; איינער פון יענע, וועמען זייער גאנצען דור רופט מיט א פארצויגענעם נאָמען, וואָרים ער איז געווען א גרויסער קינסטלער און א גרויס קינד. ווי כאראקטעריס־טיש איז דער פארקורצטער נאָמען „טעאָ", מיט וועלכען ער ווערט הונדערטע מאָל דערמאָנט אין דער ליטעראטור פון זיין צייט! די פאמיליאריטעט, וואָס קומט פון באוואונדערונג, האָט עס פאר־צויגען זיין נאָמען.

אום צו געבען א פאָלשטענדיגען באגריף וועגען זיין אָפּשטאַ־מונג, מיט וועלכער עס דערקלעהרט זיך זיין כאראקטער, מוז מען צוגעבען דעם פּרט, אז זיין משפחה האָט זיכער אין זיך געהאט מזרח'ישע בלוט. דאָס איז זעהר אינטערעסאנט דערפאר, וואָס — ווי די נעגערשע בלוט דערקלעהרט די גוואלדזאמקייט און די קראפט אין די ווערק פון אלעקסאנדער דומא און פון פושקין — עס גיט א פיזיאָלאָגישע דערקלערונג פון די אָריענטאלישע סימנים, וועלכע זיינען מיט דער צייט געוואָרען צו באמערקען אין גאטיעי'ס פער־זענליכקייט און אין זיינע ווערק. ער איז געבאָרען געוואָרען צו טראָגען א פעז (א טערקיש היטעל) אָדער א טורבאן און צו באוועגען זיך פאמעלאך און מיט ווירדע און עס איז געווען נאטירליך, אז

ער זאָל לסוף די באַוועגונגען פון זיין נשמה אַרויסווייזען אין זיינע ווערק אַזוי וועניג ווי מעגליך.

טעאָפיל גאַטיעי איז אַוועק פון דרום־פראַנקרייך און איז געקומען קיין פאַריז נאָך כמעט אַ קינד. ווי פריה זיין כאַראַקטער האָט זיך אַנטוויקעלט זעהט מען פון דעם, וואָס אין שולע פלעגט ער בעסער ליב האָבען די שרייבער פון פאַר און פון נאָך דער זאָגענאַנטער „גאָלדענער צייט" פון דער ליטעראַטור, איידער די קלאַסיקער און די מליצה־שרייבער. זיינע באַליבטע פראַנצויזישע שרייבער זיינען געווען וויללאָן און ראַבעלעי; קאָרנעל און ראַסין האָבען אויף איהם געמאַכט אַ קליינעם איינדרוק. פון די לאַטיינישע שרייבער פלעגט ער מיט גרויס הנאה לייענען נור די פּאָעטען און די פּראָזאַאיקער פון דער דעקאַדענץ צייט — קלאַודיאַן, מאַרציאַל, פּעטראָניוס און אַפּולעאוס; אין זיינע לאַטיינישע פערזען פלעגט ער זיי נאָכמאַכען אין אַלע מעגליכע מעטרען (מאָסען פון די שורות אין פּאָעזיע) און צו אַזוינע שרייבער ווי ציצעראָ און קווינטיליאַן פלעגט ער זיין אינגאַנצען גלייכגילטיג. די סיבה פון דעם איז קודם כל געווען די קינסטלערשע ליבע צו דעם בילדליכען רייכען סטיל, און צווייטענס די שנאה, וואָס דער אינגעל האָט געפיהלט צו די אַלגעמיינע אויסדרוקען, וואָס אימפּאָנירען דעם המון און וועלכע ווערען נאַטירליך געברויכט פון יעדען שרייבער, וואָס וויל, אַז מען זאָל איהם אָננעמען פאַר אַ קלאַסיקער. פראַנצויזישע שרייבער אַזוי ווילד־מטורף, ווי וויללאָן, אָדער אַזוי זאַפטיג און רייך אין פאַרבען ווי ראַבלעי, האָבען אין גאָטיעי'ס אויגען געהאַט די אונשעצבאַרע מעלה, וואָס די אַבסטראַקטע, אַלגעמיינע פּאָליטור פון דעם גרויסען יאָהרהונדערט האָט זיי ניט אָנגעריהרט. אַ רוימער מיט אַפריקאַנישע בלוט אין זיינע אָדערען, ווי אַפּולעאוס, אָדער פון עגיפּטישער אָפּשטאַמונג, ווי קלאַודיוס, איז נאַטירליך איהם מעהר געווען צום האַרצען, איידער די געשמאַקפולע רעדנער און פּאָעטען פון אוגוסטוס' צייטען, וואָרים ער האָט ליב געהאַט אַלץ, וואָס איז שאַרף, אָריגינאַל, פּיקאַנט און פּאַראַדאָקסאַל, און קינסטליכקייט און פאַרצווייגטקייט האָבען איהם ניט געשטערט אויב זיי האָבען נור געהאַט אין זיך עטוואָס

רייצענדעס. איהם האָט אין דער ליטעראַטור געצויגען צו אַלץ, וואָס האָט געהאַט, אַזוי צו זאָגען, אַביסעל אַ שאַרפען ריח. ווען ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער מאַן, איז ביי איהם פאַר־בליבען די זעלבע ליבע צו די שרייבער פון דער „זילבערנער" עפּאָ־כע, וואָס ער האָט געהאַט צו זיי קינדווייז. אַ דאַנק דעם האָט ער אָנגעשריבען די אויסגעצייכענטע זאַמלונג פון קריטישע אַרטיקלען אונטער דעם נאָמען "Les Grotesques"; אין דער דאָזיגער זאַמ־לונג האָט ער זיך געפּרופט פאַרטיידיגען דעם גוטען שם פון דער גאַנצער גרופּע קלענערע פּאָעטען, וועמען בואַלאָ האָט אין זיין "L'art poetique" לייכט אָװעקגעמאַכט כדי צו מאַכען מעהר פּלאַץ פאַר די גרויסע שרייבער, וועלכע האָבען אָפּגעהיט די כללים פון אַריסטאָטעל און די געזעצען פון געשמאַק. די אָרימע חברה־לייט זיינען געבליבען ליגען ניט געלייענטע אין די ליטעראַרישע שפּייכלערס, געשטעמפּעלט מיט בואַלאָ'ס אַ פּערז אויפ'ן שטערן. גאָטיעי, אַלס געשוואָרענער שונא פון אַלץ, וואָס איז רעגעלמעסיג און טריוויאַל, האָט זיך יעצט אָנגענומען פאַר זייער צד. זיין ליבע פאַר דער פּלאַסטישער בילדליכער קונסט האָט זיך ניט באַפרידיגט מיט שטודירען די בכבוד'יגע פּאָעטען, וועלכע פלעגען זיצען און שרייבען מיט זייערע שייטעלס אויפ'ן קאָפּ און מיט געשפּיצטע מאַנזשעטען. ער האָט אָבער געהאַט אמת'ע הנאה פון אויפוואַכען יענע פאַרגעסענע, משונה'דיגע פּאָעטען מיט אָריגינעלע צורות און העויות, וועלכע האָבען זיך מעהרסטענס אויסגעצייכענט מיט אַ שלעכטען געשמאַק, אָבער ביי וועמען מען קען פונדעסטוועגען געפינען אַ סך אינטערעסאַנטע אייגענטימליכקייטען, פילע פונקען פון אָריגינאַליטעט, אַ היבשע ביסעל וויציגע און בילדליכע שורות און אַמאָל גאַנצע רייצענדע פּאָעמען פול מיט לעבען, ווי די בעסטע זאַכען פון פראַנסואַ ווילאָן און טעאָפיל דע־וויאָ. הגם זייער מוזע האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט שעהנקייט, דאָך קען מען ווענען איהר זאָגען דאָס, וואָס גאָטיעי האָט איינמאָל געשריבען וועגען אַ צוציהענדער פרוי:

"Elle a dans sa laideur piquante
Un grain de sel de cette mer

D'ou jaillit neie et provocante
L'acre Venus du gouffre amer"*)

און אזא אָרימער דיכטער פון דעם פּופּצעהנטען, זעכצעהנטען, אָדער זיבענצעהנטען יאָהרהונדערט, וועלכער איז געלעגען א שכור'־ער אין רינשטאָק, אָדער האָט זיך דורכגעשלאָגען א וועג דורך דער וועלט מיט זיין שפּיעז, אָדער האָט געענדיגט זיין לעבען אויף דער תליה, האָט מיט זיין משוגע'נעם הומאָר און מיט זיינע פּערזען גע־געבען גאָטיעי גראדע אזא בילד, גראדע אזא כאראקטעריסטישען פּראָפיל, וואָס האָט איהם צוגעצויגען און וואָס ער האָט ליב געהאט צו צייכענען.

ווען דער יונגער טעאָפיל האָט געענדיגט די שולע, האָט מען איהם אויף זיין אייגענעם פארלאנג אָפּגעגעבען אלס א תלמיד צום מאלער ריאו. גאָטיעי אליין האָט גלייך מיט זיינע קרובים איבערגעשאצט זיינע פעהיגקייטען אלס צייכנער און מאלער, וועלכע זיינען אין דער ווירקליכקייט בלויז געווען א ניט גאָר וויכטיגע השלמה צו זיין מאלערישען טאלאנט אלס שרייבער, וואָס האָט צו זיך ביז דאמאָלס קיין גלייכען ניט געהאט. הוגאָ'ס ארויס־טריט אין דער ליטעראטור האָט ענטשיידען זיין קאריערע. ווען הוגאָ האָט געבלאָזען דעם שופר פון „ערנאני", האָט גאָטיעי תיכף זיך אָפּגערופען און ער האָט פארוואָרפען די מאלעריי פאר דער לי־טעראטור. פון זיין לעבען אלס תלמיד ביי א מאלער איז ביי איהם אויף תמיד געבליבען די געוואוינהייט צו באטראכטען אלץ פון מאלערישען שטאנדפּונקט. און זיינע געשפּרעכען, ווי אויך יענע שטעלען פון זיינע שריפטען (ווי די הקדמה צו „מאדעמואזעל דע־מאָפּען"), אין וועלכע ער האָט זיך אויסגעדריקט אזוי פריי, ווי אין זיינע געשפּרעכען, זיינען תמיד געווען שטארק דורכגעמישט

*) „אויף איהר פיקאנטער מיאוס'קייט איז דאָ א קערענדעל זאלץ פון יענעם ים, פון וועלכען וועגוס איז ארויס נאַקעט און האָט גע־וועקט דעם יצר־הרע, ווען זי איז ארויפגעשוואומען פון דעם ביטערען תחום".

מיט דעם באַריהמטען, באַזונדערס לעבעדיגען קינסטלערישען לשון, וועלכער האָט זיך אויסגעאַרבייט אין די ווערקשטאַטען פון די פראַנצויזישע מאַלער.

צווערשט איז ער אַרויסגעטראָטען אַלס לירישער פּאָעט. פינף מאָנאַטען נאָך דער באַריהמטער ערשטער פאָרשטעלונג פון „ערנאַני" און צום שלים־מזל גראַדע אין דעם זעלבען טאָג, ווען עס האָט אויסגעבראָכען די יולי רעוואָלוציע, האָט ער פאַרעפענטליכט זיין ערשטען בוך פּאָעמען. דער שטראָם פון די געשעהענישען האָט די פּאָעמען פאַרשווינקט אַזוי, אַז מען האָט זיי גאָר ניט באַמערקט, אָבער מען וואָלט זיי קוים באַמערקט אפילו אין אַ רוהיגער צייט. אַלס לירישער פּאָעט איז גאַטיעי ניט פּאָפּולער; זיין סטיל איז אַ פעסטער און אָהן פעהלערען, אָבער זיין טעמפּעראַמענט איז ניט קיין לירישער; ער פּאַראינטערעסירט זיך צופיל מיט אויסערליכ־קייטען. איהם פעהלט הארציגקייט. אין זיין יוגענדליכער פּאָעזיע איז ער אַם בעסטען דאָרט, וואו ער דריקט אויס זיין עכט פּאַרצייטיגען, אין עצם רוימישען, היידנישען עפּיקורעאיזם; ווען ער דערצעהלט אונז וועגען די דריי זאַכען, וואָס שאַפען גליק: „זונ־שיין, אַ פרוי, אַ פערד", ווען ער זינגט (ווי אין „די פאַרפּיהרטע") וועגען די פריידען פון לעבען און לויבט פאַרבען, געזאַנג און פּער־זען, אָדער ווען ער באַשרייבט (ווי אין „דער ערשטער שטראַהל פון מאַי") דעם איינפאַכען, זעהר ניט קאָמפּליצירטען, כמעט סענזועלען געפיהל פון גליק, וואָס די נאָהענטקייט צו דער גע־ליבטער רופט אַרויס. מייסטערהאַפט און כאַראַקטעריסטיש פאַר גאַטיעי איז די קליינינקע פּאָעמע "Fatuite" („שטות"), וועמעס לצנות'דיגער נאָמען דערלאָזט ניט, אויף אַן איידעלען אופן, קיין אָנפאַל אויף דעם אינהאַלט. זי דריקט אויס די פרעהליכע העזה'־דיגקייט פון דער קרעפטיגער יוגענד. אָט זיינען די ערשטע צוויי פערזען:

Je sius jeune; la pourpre en mes veines abonde.
Mes cheveux sont de jais et mes regards de feu.

Et, sans gravier ni toux, ma poitine profonde
Aspire a pleins poumons l'air du ciel, l'air de Dieu.

Aux vents caprieux kui souflent de Boheme,
Sans les compter, je jette et mes niuts et mes jours,
Et, parmi les flacono, souvent l'aube au teint Cleme
M'a surpris denouant un masque de vedours.*)

ערשט פיל שפּעטער אין לעבען האָט גאַטיעי זיך אויסגעצייכענט אַלס לירישער דיכטער. "Emaux et Camies", אַ זאַמלונג פון פּאָעמען אין קורצע אכט־זילביגע פערזען, וועלכע דערמאָנען אַמאָל לויט זייער פאָרמע, הגם זעהר שוואַך, אָן געטהע'ס „וועסטאָסטליכער דיוואַן" און אָן היינע'ס „בוך דער לידער", גיבען דעם פאָלשטענדיגסטען אויסדרוק פאַר דעם דיכטער'ס פּערזענליכען סטיל אין דער לירישער פּאָעזיע. די באַהאַנדלונג פון די טעמעס איז אינגאַנצען אין דעם גייסט פון דער פּלאַסטישער קונסט. דער דיכטער האָט געשטרעבט דורך לעבעדיגע און פּאָזיכטיג געמישטע פאַרבען, דורך פאָלקאָמענהייט און פיינקייט פון דער פאָרמע, דורך שטרענגער ריינקייט און דורכאויס אויסגעמאָסטענע האַרמאָניע פון דעם ריטם, קורץ, — דורך אַ מייסטערהאַפטקייט, וועלכע פאַרזעהט קיין זאַך ניט, אפילו די קלענסטע קלייניגקייט, צו שאַפען אין דער פּאָעזיע אַזעלכע מייסטערווערק, ווי די, וואָס קינסטלער פון די אַלטע צייטען האָבען אונז געלאָזען אין אכאַט אָדער אין אָניקס, און אויך ווי די מאַלערייען אין עמאַל אויף אַ גאָלדענעם הינטער־

---

*) איך בין יונג. אין מיינע אָדערען איז אַ שפע פון פורפור־קאָליר. מיינע האָר זיינען פון זשע־קאָליר און מיינע בליקען פון פייער; מיין ברוסט, וועלכע ווייס ניט פון אַ פאַרכאַפּטען אטעם אָדער פון הוסטען, אטעמט מיט דער גאַנצער קראַפט פון די לונגען, ציהענדיג אין זיך די לופט פון הימעל, די לופט פון גאָט.

מיינע טעג און מיינע נעכט וואַרף איך פאַר די קאַפּריזנע ווינטען, וואָס בלאָזען פון בעהמען, ניט צעהלענדיג זיי, און דער אָרימער מאָר־גענשטערען פלעגט מיך טרעפען פאַנאַנדערבינדענדיג אַ סאַמעטענע מאַסקע צווישען פלאַקאָנען (אַזעלכע בלומען).

גרונד, וואָס די איטאַליעניִשע אָדער פראנצויזישע רענעסאנס־עפאָכען האָבען געשאַפען. אין די דאָזיגע פּאָעמען, צו וועלכע מען דאַרף צורעכענען "Musee Secret", א העכסט וואונדערבארע פּאָעמע, וואָס איז, אַלס ניט אַנשטענדיגע, ניט ערלויבט געוואָרען געדרוקט צו ווערען אין דער זאַמלונג (מען קען זי געפינען אין בערזשער'ס בוך „טעאָפיל גאָטיעי"), האָט ער דערגרייכט צו אַזא שעהנקייט פון דער שפּראַך, וועלכע קען מיט רעכט באַטראַכט ווערען אַלס אידעאַלע. נור איינִיגע פון די שפּעטערע פּאָעמען פון לעקאנט דע־ליל קענען זיך פיליכט פארגלייכען מיט זיי אין דער בילדליכקייט פון דער שפּראַך. די פּאָעמע "L'Art", די לעצטע אין דעם בוך, לויט איהר שפּראַך א ווירקליך מאָנומענטאַלע קונסטווערק פון דער ליטעראַטור, גיט זיין בליק אויף דער קונסט אַזוי בולט, ווי געהאַקט אין שטיין. ער האָט אזוי ליב געהאַט די קונסט, וועלכע ער האָט אזוי טיף פארשטאַנען, אַז ער האָט זי געשטעלט העכער פון אַלץ אין דער וועלט, און ער האָט אין איהר געזעהן די איינציגע זאַך, וועלכע וועט איבערלעבען אַלע ענדערונגען פון דער צייט. ער איז זיכער געווען צופיל גענייגט צו שאַצען דעם ווערט פון א קונסטווערק לויט די שווערִיגקייטען, וואָס מען האָט געמוזט באַזיגען ביים שאַפען, אָבער דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס ער האָט געגלויבט, אַז דער קאַמף מיט די שוועריגקייטען גיט צו קראַפט דעם פארענדיגטען ווערק ער זאָל קענען אויסהאַלטען די ווירקונג פון דער צייט. די פּאָעמע ענדיגט זיך אזוי:

Tout pascse. — L'art robuste
Seul a L'etenite.
        Le buste
Survit a la cite.

Et la medaille austere
Que trome un laboureur.
        Cous terre
Revele un empereur.

Les dieux eux-memes meurent
Mais les vers sauverains
Demeurent
Plus forts que les airains.*)

אזוינס קען מען זאגען וועגען אזעלכע פערזען, ווי די, וואס גאטיעי האט געשריבען.

*) אלץ געהט פארביי. בלויז די מעכטיגע קונסט איז אייביג. א סקולפטור לעבט איבער א שטאדט. א הארטע מעדאל, וואס א פעלד אר־בייטער האט געפונען טיף אין דער ערד, האט אויף זיך דאס בילד פון א קייזער. די געטער אפילו שטארבען אויס, אבער פערזען בלייבען און געדויערען לענגער פון קופער.

.28

טעאָפיל גאָטיעי.

ווייל מען האָבען אַ לעבעדיג, קלאָר בילד וועגען דער יונגער ראָמאַנטישער ציגיינער באַנדע, וועלכע האָט זיך געגרופּירט ארום וויקטאָר הוגאָ, אַ בילד, וואָס איז אַ געוואגטע זעלבסט־קאריקאַ־טור, דארף מען נאָר לייענען טעאָפיל גאָטיעי׳ס "Les Jeunes France" („די יונגע פראַנקרייך״). דער שרייבער האָט געמיינט צו שאַפען אַ סאַטירע אויף דעם ראָמאַנטיזם עהנליך צו מאָליער׳ס Les Precieuses Ridicules, וואָס איז אַ סאַטירע אויף דער ליטעראַרישער פאַנטאַסטישקייט פון אַ פריהערדיגער עפּאָכע, אָבער ליידער איז „די יונגע פראַנקרייך״ בלויז אַ שטות פון אַ טאַלאַנט־פולען בחור׳ל, בעת מאָליער׳ס ווערק איז די ארבייט פון אַ דער־וואַקסענעם מענשען און זיין ווערט וועט לאַנג אָנהאַלטען. „די יונגע פראַנקרייך״ איז געשריבען געוואָרען כמעט תיכף נאָכדעם, ווי גאָטיעי איז אויפגענומען געוואָרען אין דעם לאַגער פון די ראָ־מאַנטיקער, און זי גיט אונז, ווי די פּאָעזיע פון פּעטרוס באָרעל און פילאָטעי אָ׳נעדדי, אַ גוטען באַגריף וועגען חבר׳שען לעבען פון דער דאַמאָלסדיגער טאַלאַנטפולער יוגענד. גאָטיעי איז געוועזען דער פּאַסענדסטער צו שרייבען אַזאַ בוך, ווארים ניט נור דאַמאָלס, נור ביז צום סוף פון זיין לעבען איז ער בעצם געבליבען אַן עכטער קינסטלער־ציגיינער; ער איז תמיד געוועזען ניט שוה־בשוה מיט דער געזעלשאַפט בנוגע צו איהרע באַגריפען וועגען לייטישקייט (רעספּעקטאַביליטעט). אין זיינע יונגע יאָהרען, אַלס מאָלער, פּאָעט, זשורנאַליסט און טוריסט, האָט ער געפיהרט אַן עכט ציגיי־נערשען לעבען, און אין זיינע שפּעטערדיגע יאָהרען האָט ער גע־לעבט איינזאַם מיט זיינע שוועסטער און זיינע קינדער ניט דענ־

קענדיק אפילו חתונה צו האָבען. פון זיינע פילע פאַרבינדונגען מיט פרויען איז די לענגסטע געווען מיט ערנעסטא גריזי, די מו־טער פון זיינע טעכטער יודיטה און עסטעלא. ער איז אויך אַ לאַנ־גע צייט געווען ליידענשאַפטליך צוגעבונדען צו איהר שוועסטער קאַרלאָטאַ. פאַר קאַרלאָטאַ האָט ער געשריבען זיינע באַלעטען. הגם זיינע ליבעס פלעגען אָנהאַלטען ניט לאַנג, איז ער אָבער געווען זעהר אַ געטרייער ברודער און פאָטער. ער האָט זיינע טעכטער געגעבען אַ מוסטערהאַפטע ערציהונג. עס איז געווען אַן אויס־געצייכענטער געדאַנק צו לערנען זיי אַזעלכע שפּראַכען, ווי יאַפּאַ־נעזיש און כינעזיש, וואָרים עס זיינען געווען אַזוי ווייניג מענשען, וועלכע האָבען די דאָזיגע שפּראַכען גוט געוואוסט, אַז אַ פרוי האָט דורך דעם געקענט זיין פיין באַזאָרגט צום לעבען. זיין טאָכ־טער יודיטה איז דאָס שפּעטער גוט צונוץ געקומען.

אָבער דער בוך, וועלכע גיט אונז דעם בעסטען און קלאָר־סטען איינדרוק וועגען דעם אינערליכען לעבען פון דעם יונגען גאָטיעי, איז ניט „די יונגע פראַנקרייך", נור „מאַדעמואַזעל דע מאָפּען", דער ראָמאַן, וואָס ער האָט אָנגעשריבען תיכף נאָך יענעם ווערק (1836). אין „מאַדעמאַזעל דע מאַפּען" קאָכט דער שוים פון דעם שאַמפּאַניער־ווין פון זיין יוגענד. דאָס איז דורכאויס אַ היידנישער בוך און ערטערווייז איז ער זעהר ניט־אַנשטענדיג, — אַזוי ניט אַנשטענדיג, ווי אַ דיאַלאָג פון דעם יונגערען קרעביליאָן,— אָבער עס איז אין איהם דאָ קראַפט, און הגם סווינבורן האָט שטאַרק מגזם געווען, ווען ער האָט איהם גערופען „דער גאָלדענער בוך פון שעהנקייט", איז אָבער קיין ספק ניט, אַז גאָטיעי צייגט אין איהם אַרויס אַן אויסערגעוועהנליכע השגה וועגען דאָס שעהנע. דער בוך איז געווען אַן אויסוועג פאַר דער איבערשטראָמענדער לעבענסקראַפט פון דעם יונגען שרייבער.

טעאָפיל גאָטיע איז אין דער יוגענד געווען זעהר צאַרט גע־בויט און אין פיזישע איבונגען האָט ער זיך אויסגעצייכענט בלויז אין שווימען. זיין אידעאַל איז אָבער געווען צו ווערען אַן אַט־לעט; אַטלעטען און באָקסער האָט ער באַוואונדערט מעהר פון

אַלע אַנדערע שטערבליכע אויף דער וועלט. ער האָט עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד זיך געלערענט פעכטען, באָקסען, רודערען און פאָהרען רייטענדיג, ביז זיינע פיזישע כחות האָבען זיך אַזוי אינגאַנצען גע־ענדערט, אַז ער האָט דערלעבט דעם נצחון צו געבען, אין דעם טאָג ווען דער „שאַטאָ רוזש" (Chateau Rouge) האָט זיך געעפענט, אַ 532-פונטיגען קלאַפּ אַ גאַנץ נייעם „טערקישען קאָפּ" (אַ מין מעסטער פון קראַפט, אַ דינאַמאָמעטער). דער קלאַפּ איז געוואָ־רען היסטאָריש. אין אַן אויטאָביאָגראַפישען נאָטיץ זאָגט ער אַליין וועגען דעם מיט אַ ליבעסווירדיגע נאַאיווע גאוה: „מיט דעם דאָזיגען אויפטו מיינעם בין איך שטאָלצער איידער מיט אַלע אַנ־דערע זאַכען אין מיין לעבען". און מען קען גלויבען, אַז ער האָט מיט די ווערטער געמיינט ערנסט, וואָרים בעת ער איז שוין אפילו געווען אַן אַלטער מאַן, ווען זיינע פריינד פלעגען אַלע אין איין קול ארויסטרעטען געגען זיינע פּאַראַדאָקסען, פלעגט ער זיי איינ־שטילען שרייענדיג מיט זיין הייזעריגער שטימע:

„איך בין אַ שטאַרקער מאַן; איך קלאַפּ אַ „טערקישען קאָפּ" מיט דער קראַפט פון 530 פונט און שטעל צוזאַמען מעטאַפאָ־רען, וואָס קלעפּען זיך. דאָס איז דער עיקר".

אין „מאַדעמואַזעל דע מאָפּען" פיהלט מען אין דער זעלבער צייט דעם יונגען דענדי, וועלכער קען געבען אַן אימה'דיגען קלאַפּ מיט זיין פויסט, און דעם פיינעם קינסטלער, וועמעס משלים „קלע־פּען זיך", דאָס הייסט, וועמעס זאַצען בלייבען פאַר די אויגען, ווי בילדער. אָבער נאָך מעהר פיהלען מיר די ריין אַלט־קלאַסישע, פּלאַסטישע נאַטור פון דעם דיכטער, מיט וועלכער ער אונטער־שיידט זיך פון אַלע זיינע צייטגענאָסען אין יענעם באַגאַבטען דור. ער האָט זיך אַליין געמאָלען אין איין שטעל פון דעם בוך, וואו דער העלד באַשרייבט זיין אייגענעם כאַראַקטער:

„איך בין אַ מענש פון האָמער'ס צייטען. די וועלט, אין וועל־כער איך לעב, פּאַסט זיך ניט פאַר מיר און איך פאַרשטעה ניט די געזעלשאַפט אַרום מיר. קריסטוס איז ניט געקומען פאַר מיר. איך בין אַ הייד, (אַ געצענדינער) ווי אַלקיביאַדעס און פידיאַס. איך האָב קיינמאָל ניט געריסען קיין פּאַסיאָנסבלומען אויף דער

גאָלגאָטא (די באַרג, וואו קריסטוס איז געקרייציגט געוואָרען) און דער טיפער שטראָם, וועלכער האָט זיך צוגאָסען פון דעם זייט פון דעם געקרייציגטען און האָט ארומגערינגעלט די גאַנצע וועלט ווי מיט א רויטען גאַרטעל, האָט מיך ניט געבאָדען אין זיינע וועלען. מיין רעבעלירענדער, ווידערשפעננדיגער גוף אנערקענט ניט די אויבערהערשאַפט פון דער נשמה און מיין פלייש וויל זיך ניט לאָזען טויטען. פאַר מיר איז די ערד אזוי שעהן, ווי דער הימעל, און איך דענק, אז די פולשטענדיגע פאָרמע איז די אמת'ע גוטס־קייט. רוחניות איז ניט מיין זאך; א סטאַטוע געפעלט מיר בעסער פון א פאַנטאָם (א רוח), און דער העלער טאָג בעסער פון דעם בין־השמשות. פון דריי זאכען האָב איך הנאה — גאָלד, מירמעל און פורפעלשטיין; גלאַנץ, פעסטקייט און פארב. דאָס זיינען די זאכען, וועגען וועלכע איך חלום, און אלע מיינע לופטשלעסער זיינען פון זיי געבויט... איך זעה פאר זיך קיינמאָל ניט קיין נעבעל אָדער דאַמף, קיין זאך, וואָס איז ניט זיכער און פליסענד. מיין הימעל האָט ניט קיין וואָלקענס, און ווען עס פאַסירט, אז ער האָט יאָ, זיינען זיי פעסט, ווי אויסגעהאַקטע מיט א מייזעל (קריצ־מעסער) פון די שטיקער מירמעלשטיין, וואס זיינען ארונטערגעפאַלען פון יופיטער'ס סטאַטוע... ווארום איך האָב ליב, אז איך זאָל קענען אָנטאַפּען מיט מיין פינגער דאָס, וואָס איך זעה, און צוקומען צו די פיינסטע פאַלדען פון די רונדע קאָנטורען... אזוי איז תמיד געוועזן מיין כאראַקטער. איך קוק אויף די פרויען מיט די אויגען פון א סקולפּטאָר און ניט פון א פאַרליבטען. איך האָב דורך מיין גאַנצען לעבען זיך מעהר געקימערט וועגען דער פאָרמע פון דער פלעשעל, איידער מיט איהר אינהאַלט. איך גלויב, אז ווען איך זאָל אין מיין האַנד האָבען די קעסטעל פון פאַנדאָרא (מיט אוצרות), וואָלט איך זי ניט געעפענט".

טעאָפיל גאָטיעי איז איינער פון די ווייניגע פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער, וועלכע מען קען גאַנץ באַשטימט פאַרגלייכען מיט די דייטשע. זיין דערצעהלונג "Fortunio" מיט איהר פאַרהערלי־כונג פון תענוג און ליידיגגעהעריי איז די פראַנצויזישע געגען־שטיק פון פרידריך שלעגעל'ס „לוצינדע", און ער דערמאָנט אָן די דייטשע ראָמאַנטיקער מיט זיין מבטל מאַכען דעם אייגענטליך פאַ־

עטישען עלעמענט אין דער פּאָעזיע. ער האָט איינמאָל געזאָגט צו טעין, וועלכער האָט געלויבט דע מוסעי אין פאַרגלייך מיט וויקטאָר הוגאָ:

„טעין, איך גלויב באמת, אז איהר זייט פאַרכאַפּט געוואָרען פון דער בורזשואזער חולאת. צו פאַרלאַנגען פון דער פּאָעזיע געפיהלען — דאָס איז ניט דער עיקר, דאָס איז אַ שטות. שטראַהלענדע ווערטער, קלינגענדע, ריטמישע שורות, מוזיק — ד י זאַכען זיינען פּאָעזיע. פּאָעזיע באַווייזט גאַרנישט און דערצעהלט גאַרנישט. נעמט, למשל, דעם אָנפאַנג אין וויקטאָר הוגאָ'ס „ראַטבערט". עס איז צו דעם אויף דער גאַנצער וועלט קיין גלייכען ניטאָ. עס איז דער שפּיץ פון די הימאַלאַיאַ בערג אין דער פּאָעזיע. גאַנץ איטאַליען מיט איהרע מיטעלאַלטערישע הערלדען זיינען דאָ, אבער דאָס איז דאָך ניט מעהר, ווי ווערטער."

גאָטיעי דערמאָנט אונז אָן טיעק מיט זיין ליבע פאַר דער פּאָעזיע אָהן געדאַנקען, פאַר דער פּאָעזיע פון דער ריינער פאָרמע, אָבער צווישען זיי איז דאָ דער שאַרפער אונטערשיד, וואָס בעת טיעק האָט געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען די ווערטער אין טענער און די פּאָעזיע אין בלויזער שטימונג, אין מוזיק, האָט גאָטיעי, ווי אַן עכטער לאַטיינער, געוואָלט צווינגען די ווערטער אַרויסצוגעבען פון זיך פאַרשידענע ליכטשטראַהלען און פאַרבען; ער האָט געוואָלט פון די ווערטער אויסקנעטען מאַלערייען און סקולפּטורען.

דאַגעגען שטימט ער פולשטענדיג איין מיט די דייטשע ראָמאַנטיקער אין זיין שנאה צו דעם אוטיליטאַריזם (די לעהרע, אז די קונסט מוז זיין נוציליך). זיין כלל "L'art pour l'art", די קונסט בלויז פאַר דער קונסט, איז געווען דער פּועל־יוצא פון דער דאָזיגער שנאה. דער דאָזיגער כלל, וועלכען ער האָט צום ערשטען מאָל אזוי גלענצענד פאַרטיידיגט אין דער הקדמה צו „מאַדעמואַזעל דע מאָפּען", איז, ווען מען באַטראַכט איהם פון אַ געוויסען שטאַנדפּונקט, אונבאַדינגט ריכטיג.

דער כלל איז אמת און ניט־באַשטרייטבאַר אין דעם זין, אַז די קונסט איז ניט אונטערוואַרפען אונטער די זעלבע כללים פון אַנשטענדיגקייט, וועלכע הערשען אין דעם לעבען, באַזונדערס אונטער יענע פון זיי, וועלכע הערשען מיט אומרעכט. עס איז, למשל,

גאַנץ אָנשטענדיג, אַז אַ סטאַטוע זאָל שטעהן פּאַר אַן עולם נאַקעט, הגם מיר באַטראַכטען עס אַלס ניט אָנשטענדיג ווען אַ מאַן אָדער אַ פרוי טוען עס — דאָס לעבען און די קונסט האָבען אַ גאַנץ פאַרשידענעם שייכות צו דער מאָראַל. גאָטיעי האָט דארום געשטרעבט צו באַפרייען די קונסט פון דער מאָראַליזירענדער קריטיק. אין זיין יוגענדליך העפטיגער הקדמה צו „מאַדעמואַזעל מאָפּען" פּלאַצט ער אַרויס מיט די דאָזיגע ווערטער גענען די אוטיליטאַריאַנער, גענען די קריטיקער, וועלכע זוכען ניצליכקייט אין דער פּאָעזיע:

„ניין, איהר שוטים, איהר קאַליקע קרעטינס (פּאַרזעהענישען), די קונסט גרייט ניט צו קיין האָבערזופּ, אַ סאָנעט איז ניט קיין קליסטירשפּריצער (אַ קאַנע), אַ דראַמע איז ניט קיין אייזענבאַהן, — לויטער העכסט ניצליכע זאַכען".

און וועגען די קריטיקער, וועלכע האַלטען אייביג אין בייזערען זיך, זאָגט ער:

„אויב זיי טרעפען אויף אַ בילד אָדער אין אַ בוך אַ נאַקעטען אָרט, פאַנגען די דאָזיגע ברואים אָן צו גראָבען זיך אין דעם ווי אַ חזיר אין אַ בלאָטע..."

און מיט אַן אָנצוהערעניש אויף „טאַרטיוף" (Tartuffe) זאָגט ער ווייטער:

„פון מיינטוועגען קען דאָרין, די שעהנע קאַמערמיידעל, אַרומגעהן מיט אַ נאַקעטע האַלז; איך וועל זיכער ניט אַרויסכאַפּען מיין נאָזטיכעל פון קעשענע צו פאַרדעקען איהר ברוסט, וואָס מען טאָר בלומר'שט ניט זעהן. איך קוק אויף איהר ווי איך קוק אויף דער מיידעל'ס פּנים, און אויב זי איז וויים און שעהן געפאָרמירט האָב איך פון דעם הנאה."

און אום צו פאַרטיידיגען זיך גענען די אָפט איבערגע'חזר'טע באַשולדיגונגען פון זיינע קריטיקער גענען איהם, אַז ער איז ניט־מאָראַליש, שרייבט ער:

„צווישען די אַזויגענאַנטע מאָראַלישע זשורנאַליסטען איז העכסט קאָמיש דער, וועלכער איז געבענשט מיט קרובות... אום צו ווערען אַזאַ מין זשורנאַליסט מוז מען זיך באַזאָרגען מיט אַ ביסעל היימישער באַלעבאַטישקייט, ווי צוויי אָדער דריי געזעצליכע ווייבער, עטליכע מוטערס, אַזוי פיל שוועסטער ווי מעגליך און מיט אַ

גאַנצען מחנה טעכטער און קוזינען. ווייטער מוז ער האָבען עפּעס אַ בוך, אַ פּיעסע אָדער אַ ראָמאַן, אַ פּעדער, טינט, פּאַפּיער און אַ דרוקער. דאַן שרייבט ער: עס איז אוממעגליך פאַר אַ מענשען צו נעמען זיין פרוי צו זעהן די דאָזיגע פּיעסע, מען קען דעם דאָזיגען בוך ניט געבען אין האַנט אריין צו אַ פרוי, ווען מען רעספּעקטירט... אייער פרוי וועט מוזען פאַרשעמט פאַרדעקען איהר פּנים מיט איהר פאָכער; אייער שוועסטער, אייער קוזינע, און אַזוי ווייטער. (מען קען אויסרעכענען אַ גאַנצען צעטעל מיט פאַרשידענע טיטלען פון פרויען, זיי מוזען בלויז זיין אייערע קרובות און איהר זאָלט האָבען געוויסע רעכטע איבער זיי)".

הגם גאָטיעי'ס ליטעראַרישע פּראַקטיק איז ניט תמיד אַזאַ, וואָס לאָזט זיך רעכטפערטיגען, דאָך אין דער טעאָריע איז ער גערעכט. די פּאָעזיע האָט איהר אייגענע מאָראַל, די מאָראַל, וואָס קומט פון דער ליבע צו שעהנקייט און צום אמת. ווי ניט קלאָר אָדער ניט-דירעקט די דאָזיגע ליבע זאָל זיך ניט אויסדריקען, איז זי דאָך דער תמצית פון דער פּאָעזיע. די קונסט פון דיכטונג איז אַ מאָראַלישע מאַכט פאַר זיך אַליין, אַקוראַט ווי די וויסענשאַפט איז עס. די פּיזיאָלאָגיע, למשל, באַגרענעצט זיך בשום אופן ניט מיט אַזוינע זאַכען, וועלכע ווערען באַטראַכט אַלס פּאַסענדע טעמעס פאַר אַ שמועס אין אַן אַנשטענדיגער געזעלשאַפט. עס זיינען דאָ אוממאָראַלע דיכטער, ווי עס זיינען דאָ ניט-מאָראַלע דאָקטוירים, אָבער זייער אוממאָראַלישקייט האָט קיין שייכות ניט מיט דעם אמת, צו וועלכען ביידע, די קונסט און די וויסענשאַפט שטרעבען, ניט רעכענענדיג זיך מיט די אָנגענומענע כללים פון מאָראַל.

אַ מאַן מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט פאַר דער פּלאַסטישער און מאַלערישער קונסט, ווי גאָטיעי, וועלכער וואָלט ניט געקענט צופרידענשטעלען די פאָדערונגען פון דער מאָראַל אין דער פּאָעזיע סיידען ער זאָל מקריב זיין זיין טאַלאַנט, איז געווען דער פּאַסענדסטער דעם דאָזיגען אמת צו פאַרווירקליכען. ער האָט געהאַט די באַזונדערע פעהיגקייט איבערצוגעבען דורך ווערטער די איבערלעבונגען פון די חושים. ער איז געווען דער ערשטער צו באַווייזען אין אַ גראַנדיעזען סטיל, אַז די טעאָריע, וואָס לעסינג אַנטוויקעלט אין זיין „לאַאָקאָאָן" איז ניט אינגאַנצען ריכטיג, וואָרום ער

אַליין האָט באַשריבען פילע זאַכען, וואָס לעסינג האָט געדענקט עס איז אוממעגליך צו באַשרייבען. ביי גאָטיעי האָט פאַר קיין זאַך ניט געפעהלט קיין ווערטער, — די שעהנקייט פון א פרוי, דאָס אויסזעהן פון א שטאָט, אפילו דער געשמאַק פון א מאכל, דער קלאַנג פון א שטימע — ער האָט דאָס אַלץ געקענט מאָלען. סען־בעוו האָט אַמאָל געזאָגט:

„זינט מיר האָבען איהם איז דער וואָרט "indicible" (ניט־זאָגבאר) ניט מעהר פראַנצויזיש". ער האָט געהאַט די זעלבע געוועהנליכע ניט־ליבע פון די ראָמאַנטיקער און די קלאסיקער פאַר ניי־געשאַפענע ווערטער, אבער ער האָט באַרייכערט די מאָדערנע פראַנצויזישע שפּראַך מיט א סך ווערטער פון דעם פופצעהנטען און דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט, וועלכע מען האָט אָהן א ריכ־טיגע אורזאַכע אויפגעהערט צו געברויכען, און מיט אָהן א שיעור קלאָרע טעכנישע קונסט אויסדרוקען. ער פלעגט, ווי באַוואוסט, אָפט ליב האָבען לייענען פראַנצויזישע ווערטערביכער. זיין גע־דאַנק האָט זיך זיכער אינגאַנצען אָפּגעגעבען מיט אויסערליכקיי־טען, אבער פאַר אַזא אויסערליכקייט, ווי גאָטיעי'ס, פאָדערט זיך א סך אינערליכע און קינסטלערישע ערנסטקייט. ער האָט זיכער ניט געשטרעבט צו ריהרען פיהלענדע הערצער, אבער אפילו געטהע האָט געהאַט שטימונגען, אין וועלכע ער האָט געשריבען:

„אך, די צערטליכע הערצער!
א „פושער" פאַרמאָגט זי צו ריהרען;
זיי עס מיין איינציגער גליק דיך צו באַריהרען, נאַטור!"

זיין ראָמאַן"Le Capitaine Fracasse" („דער קאַפּיטאַן פראַ־קאַס"), וואָס ער האָט געפּלאַנעוועט אין זיין יוגענד און האָט אָבער אָנגעשריבען ערשט אין זיינע שפּעטערע יאָהרען, גיט די בעסטע פאָרשטעלונג וועגען זיין פּראָזע. די פּערזאָנען אין דעם ראָמאַן זעהט מען, ווי מען זעהט מענשען אין דעםווירקליכען לעבען: זייער אויסזעהן, זייערע קליידער, זייערע באַוועגונגען, אפילו די געביידעס און די לאַנדשאַפטען, וואָס דיענען פאַר זיי אַלס א הינ־טערגרונד.

דאָס בוך פאַנגט זיך אָן מיט א קאַפּיטעל, וואָס הייסט (Le Chateau de la Misere) („דער שלאָס פון דאָס עלענד"), אין

װעלכען עס װערט באַשריבען אַן אָװענט־מאַהלצײַט פון אַ װאַנדערנ־דער טרופּע אַקטיאָרען, װאָס קומט פּאָר בײַ דער שײַן פון צװײ זעהר גרױסע הילצערנע לײַכטער, איבערגעקלעפּט מיט גאָלדפּאַפּיר, װאָס מען ברױכט אױף דער ביהנע, אין אַ צימער פון אַ פּאַרלאָזענעם שלאָס פון אַ יונגען פּאַראָרימטען באַראָן. די געבײַדע איז פון די צײַטען פון לודװיג דעם 13טען. די באַשרײַבונג דערמאָנט אונז דאָס באַריהמטע בילד פון רעמבראַנדט „אסתר׳ס חתונה”, װאָס געפינט זיך אין דרעזדען. מיר זעהען װי דער שימער פון די ליכט גיט די פּנים׳ער צו אַ באַזונדער צורה און װי די שאָטענס קלעטערען אױף די װענט. אין דעם בילד איז ניטאָ קײן אײן װאָרט פּאַר די געפיהלען, אַבער די גאַנצע זאַך איז דורכגענומען מיט אַזאַ פײַנעם מעלאַנכאָלישען געפיהל, אַז מען פאַרשטעהט דאָס, װאָס גאָטיעי האָט געזאָגט צו פעידאָ, װען יענער האָט איהם געטראָפען שרײַ־בענדיג עס:

„דאָס איז אַ ריכטיגע שילדערונג פון דעם צושטאַנד פון מײַן נשמה”.

אַן אַנדער קאַפּיטעל, אונטער דעם נאָמען „אַ שטיק שנײ” (Effet de Neige) באַשרײַבט, װי דער װאָגען מיט די אַקטיאָרען פאָהרט אַפּ בײַנאַכט אין טיעפען שנײ. נאָך אַ װײַלע קוקען זײ זיך אַרום, אַז דער „מאַטאַמאָר” (דער אַקטיאָר, װאָס שפּילט די ראָלע פון אַ סאָלדאַט אַ באַריהמער), װעלכער איז נאָכגעגאַנגען דעם װאָגען צו־פוס, איז פאַרשװאונדען. אומזיסט זוכען זײ איהם, אומזיסט רופען זײ איהם מיט די העכסטע קולות איבער די פעל־דער פון שנײ. קײן ענטפער. אײנער פון זײ טראָגט אַ לאַנטער־נע, װעמעס רױטע ליכט באַװעגט זיך איבער דעם שנײ, און מיר זעהען די לאַנגע משונה׳דיגע שאָטענס, װי זײ שלעפּען זיך נאָך נאָך די מענשען איבער דעם װײַסען שטח. דער שװאַרצער הונט, װאָס באַלאַנגט צו דער טרופּע, געהט נאָך בילענדיג. פּלוצלונג הערען די געשרײַען אױף און מיר פיהלען אַ טױטע שטילקײט װי די, װעלכע קומט פאָר, װען פאַלענדע שנײ דערשטיקט יעדען קלאַנג. אם ענדע זאָגט אײנער פון די אַקטיאָרען, װעלכער האָט די שאַרפסטע ראיה, אַז ער דענקט, ער זעהט אַ משונה׳דיגע פיגור ליגענדיג אונטער אַ בױם מיט אַ מאָדנער, אימה׳דיגער שטומקײט.

דאָס איז ער, דער אומגליקליכער מאַטאַמאָר. ער ליגט מיט דעם רוקען צום בוים און זיינע לאַנגע, אויסגעצויגענע פיס זיינען האַלב באַדעקט מיט דעם שמייסענדען שניי. זיין אומגעהויער גרויסער שווערד, אָהן וועלכען מען פלעגט איהם קיינמאָל ניט זעהן, שטעקט אזוי קאָמיש ארויס פון לעבען זיין ברוסט, אז אונטער אנדערע אומשטענדען, וואלט עס ארויסרופען א געלעכטער. דער אקטיאָר, וואָס טראָגט די לאַמטערנע, האלט דאָס ליכט איבער זיין חבר'ס פנים און ווערט אזוי דערשראַקען, אז די לאַמטערנע פאַלט שיעור ניט ארויס פון זיין האַנד. דער פנים איז בלייך, ווי וואַקס, און די ביינערדיגע פינגער פון דעם טויט האָבען צוזאַמענגעדריקט די נאָזלעכער. דער רוקען פון דעם נאָז איז גלאַנציג ווייס. די הויט ארום די שלייפען פון דעם שטערען איז פארצויגען. אויף די ברעמען און אויף די אויגען־לעדעלאך ליגען שנייעלאך; די ברייט־צו־עפענטע אויגען האָבען א גלעזערנעם, שטאַרען בליק. ביי ביידע עקען פון די געדיכטע, שפּיציגע וואָנצען שיינען קליינע צעפּעלאך אייז, וואָס וועגען די האָר ארונטערצו. דער זיגעל פון אייביגען שווייגען האָט פארשלאָסען די ליפּען, וועלכע האָבען אזוי אָפט פרעהליך געמאַכט אַן עולם מיט זייער לוסטיגער באַריהמעריי, און הינטער דעם בלייכען, אויסגעמאָגערטען פּנים, אויף וועלכען די גע־וואוינהייט צו מאַכען העויות האָט אויסגעגראַבען שניטען, ווּעמעס קאָמישער אויסזעהן איז יעצט אזוי שרעקליך, איז א טויטער קאָפּ.

„אך, — זאָגט איינער פון דער טרופּע, — אונזער ארימער מאַטאַמאָר איז טויט. אויסגעמאַטערט און פארווירט פון דעם שמייסענדען שניי האָט ער געמוזט זוכען אויף א ווייַלע שוץ אונטער דעם בוים און ניט האָבענדיג קיין צוויי אונצען פלייש אויף זיינע ביינער, איז ער באַלד איינגעפראָרען געוואָרען ביז'ן מאַרך. ווען מיר זיינען געווען אין פאַריז, פלעגט ער וואָס א טאָג עסען אלץ וועניגער, כדי ער זאָל ביים שפּילען ארויסרופען מעהר אויפזעהן, און ער האָט זיך אזוי אויסגעמאָגערט, אז ער האָט אויסגעזעהן דינ־נער פון א ווינדהונט. אך, מיין ארימער מאַטאַמאָר! יעצט ביזטו אויסער סכנה פון די שטויסערייען, זידלערייען און די קלעפּ, וואָס דו פלעגסט מוזען אויסשטעהן צוליב דיין ראָלע! יעצט ביזטו אזוי שטייף, ווי דו וואָלסט איינגעשלונגען דעם לאַנגען שווערד".

די פּאַטעטישקייט פון דער ריהרענדער לאַגע ווערט דאָ נימ־דירעקט אַרויסגעבראַכט דורך דער געוויסענהאַפּטסטער פּלאַסטיק אין דער באַהאַנדלונג פון דער טעמע.

עס איז נאַטירליך, אַז אַזאַ גרויסע מאָס פון געפיהל זאָל זיך זעלטען אַרויסצייגען אין אַזאַ קונסט, ווי גאָטיעי׳ס, און אַז מיט דער צייט האָט ער זיך איינגאַנצען אַריינגעלאָזען אין אַזאַ מין מאָלערישען באַשרייבען, וועלכער איז געווען אויף זיין אייגענעם דרך פּאָלקאָמען, אָבער וואָס איז אַלץ מעהר געוואָרען אָהן נשמה. ער האָט געהאַט אַ ליידענשאַפט פאַר נסיעות. ער האָט באַזוכט שפּאַניען אין דעם יאָהר 1848; אַפריקאַ האָט ער באַזוכט, — צוזאַמען מיט דעם הערצאָג ד׳אָמאַל, — אין 1845; איטאַליען אין 1850; קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1852; רוסלאַנד — דער־פאַהרענדיג אַזוי ווייט, ווי ביז נאָווגאָראָד, — אין דעם יאָהר נאָכדעם; און די אַלע זיינע נסיעות האָט ער באַשריבען, מיט דער הילף פון זיין פאַבעלהאַפטען זכרון פאַר דעם אויסערליכען אויסזעהן פון זאַכען, מיט אומפאַרגלייכליכער פּינקטליכקייט, הגם די באַשרייבונגען זיינען אָפט געמאַכט געוואָרען אַ לאַנגע צייט נאָך זיין צוריקקעהרען זיך. דער לעזער ווערט נאָר מיט איין זאַך אַנטוישט; מיט דעם, וואָס אַלץ ווערט אין די פאַרשיידענע לענדער באַשריבען אויסער זיינע איינוואוינער. מען דערצעהלט, אַז ווען מאַ־דאַם דע־זשיראַרדען האָט געלייענט זיין "Tra los montes" האָט זי איהם געפרעגט: — „אָבער, טהעאָ, זיינען דען ניטאַ קיין שפּאַניער אין שפּאַניען?" — די דאַזיגע קריטיק פּאַסט זיך אויף אַלע זיינע רייזע באַשרייבונגען. דער אינערליכער מענש האָט צוביסלאַכווייז אויפגעהערט צו עקזיסטירען פאַר איהם, און אפילו דער אויסערליכער מענש איז ביי איהם אַם ענדע פאַרשוואונדען אין זיינע קליידער. אין גאָטיעי׳ס געשפּרעכען מיט זיין איידעם, בערזשעראַ, באַגעגענען מיר אַזאַ משונה׳דיגען און כאַראַקטעריס־טישען שמועס:

„אַ קעניגליכער טיגער איז שעהנער פון אַ מענשען, אָבער ווען דער מענש שניידט פאַר זיך אויס פון דעם טיגער׳ס פעל אַ רייכען מלבוש, ווערט ער שעהנער פון דעם טיגער און איך הויב איהם אָן צו באַוואונדערען. אויף דעם זעלבען אופן אינטערעסירט

מיך א שטאָדט בלויז צוליב איהרע עפענטליכע געביידעס און איהרע מאָנומענטען. פארוואָס? — דערפאַר, וואָס זיי זיינען דער רעזולטאַט פון דעם געמיינזאַמען גייסט פון דער באַפעלקע־רונג. זאָלען די איינוואוינער זיין אינגאנצען פארדארבענע מענ־שען און די שטאָדט א נעסט פון פארברעכענס, וואָס קימערט עס מיך כל-זמן מען הרג'עט מיך ניט, ווען איך באַטראַכט די בנינים?"

דאָס איז א פארעהרונג פון דער ריינער שעהנקייט און קונסט געטריבען צום העכסטען גראַד. דאָס מענשליכע, דאָס וואָס באַ־וועגט די נשמה, דאָס מאָדערנע, דער לעבען גופא האָבען אמענדע פארלאָרען זייער גאנצען אינטערעס פאר גאָטיעי דעם קינסטלער און דעם ליבהאָבער פון קונסט. אין דער דראמאטישער קונסט איז ער שפּעטער געוואָרען גלייכגילטיג צו אלץ, אויסער דעם סטיל, די קליידונג און די אויסשטאַטונג פון דער ביהנע. ער פלעגט אפּט זאָגען, אז דער דראמאטורג דאַרף קענען אויסדריקען אלץ, וואָס ער וויל, מיט דער הילף פון פיר קוקלעס, ארויסבריינ־גענדיג זיי אין פארשיידענע לאַגעס, ווארים אלץ, וואָס מען ברויכט, איז „צו געבען אן איינדרוק פון דעם לעבען, ניט דעם לעבען אליין". „דער לעבען גופא איז צו מיאוס", פלעגט ער צוגעבען.

אויף אזא אופן האָט ער לסוף נעגעבען, אזוי צו זאָגען, א קריי־טיק פון זיך אליין און האָט געצייגט פאר אלעמען, אויסער פאר זיינע בלינדע באוואונדערער, וואו ליגט דער גרענעץ פון זיין קונסט. ער האָט אויף זיך אליין באוויזען דעם שוואכען זייט פון זיין כלל "L'art pour l'art". ער האָט באוויזען, אז קונסט, וועל־כע דרעהט זיך בלויז ארום איהר אייגענעם אקס, מוז גויטווענדי־גערווייזע ווערען פוסט און אומפּרוכטבאַר. די באגייסטערונג פאר קונסט שאַפט א גאַלאַטעא פון מארמאָר, אָבער דער שטראָם פון די געדאנקען פון דער צייט איז דער נשמת־אלהים, וואָס דער לעבען אטעמט אריין אין דעם שטיין.

דאָך האָט גאָטיעי זעהר א סך גוטעס אויפגעטאָן דורך זיין אומפארגלייכליכער ענערגישער ארבייט צו באַפרייען די קונסט פון פרעמדע פאָדערונגען און צו אנטוויקלען זי אויף זיין אייגענעם אופן לויט זיינע כחות. הגם דאָס איז ניט געווען גענוג פאר דער קונסט, איז עס אָבער געווען גענוג פאר איין מענשען אויפצוטאָן.

מען קאָן אָבער ניט זאָגען, אַז מען האָט גאָטיעי'ס טאַלאַנט אָפּגע־שאַצט לויט זיין ווערט פאַר זיין לעבען. זיין פּובּליקום זיינען געווען די קינסטלערישע קרייזען. בלויז ליטעראַרישע מענשען, — שוין ניט ריידענדיג וועגען דעם לעזענדען עולם בכלל, — האָבּען איהם ניט פאַרשטאַנען. עס איז מיר אַליין אויסגעקומען אָפּט צו הערען פון פראַנצויזישע געלערנטע די נאַרישע מעשה, אַז גאָטיעי האָט צוזאַמענגעשריבּען זיינע ביכער פון ווערטער־ביכער מיט קיין געדאַנק וועגען עפּעס אַנדערש חוץ דעם קלאַנג און די משונה'דיגקייט פון זיינע ווערטער.

ביז צו אַ געוויסען גראַד דערקלערט זיך דער דאָזיגער ניט־פאַרשטעהן מיט דעם, וואָס אין דעם געדאַנק פון אַלגעמיינעם עולם האָט גאָטיעי דער פעליעטאָניסט פאַרנומען דעם אָרט פון גאָטיעי דעם דיכטער. אַזוי פריה, ווי אין דעם יאָהר 1836 איז גאָטיעי, וועלכער האָט פריהער אַרויסגעזאָגט אַזעלכע ביטערע אמת'ען וועגען דער טעגליכער פּרעס, אַליין אַריינגעטראָטען אין דינסט פון דער זעלבער פּרעס אום צו פאַרדינען זיין ברויט און איז גאַנצע 36 יאָהר — ביז זייט טויט — פאַרבּליבּען אַ ציי־טונגס־שרייבער. די לייכטקייט, מיט וועלכער דער שרייבען איז איהם אָנגעקומען, האָט איהם געבראַכט אַ סך נוצען און ער האָט אויפ־געטאָן הערקולעסישע אַרבּייט אַלס קריטיקער פון קונסט און דראַ־מאַ. לויט זיינע אייגענע חשבונות און די אָפּשאַצונג פון בער־זשעראַ, וועלכע מוזען אַגב זיין מגוזמ'דיג, וואָלטען זיינע ווערק, ווען מען זאָל צוזאַמעננעמען אַלע זיינע אַרטיקלען, באַשטאַנען פון דריי הונדערט באַנדען. ניינצעהן יאָהר האָט ער געשריבען פאַר זשיראַרדען'ס ציימונג „לאַ־פּרעס” און נאָכדעם, אין דער צייט פון דער צווייטער אימפּעריע, האָט ער הויפּטזעכליך געשריבּען פאַר דעם "Moniteur officiel". זיין טעאַטער קריטיק, וועלכע ער האָט גע־נומען שרייבען ניט ווילענדיג, האָט אַ ווערט בלויז צוליב איהר שעהנעם סטיל. אַלס קונסט־קריטיקער האָט ער זיך מיט דער צייט אַלץ מעהר אָפּגעגעבען מיט דער באַשרייבונג פון בילדער און אין דעם האָט ער צו זיך קיין גלייכען ניט. איבּערדריסיגקייט מיט זיין אַרבּייט, זיין ניט וועלען צו שאַפען פאַר זיך שונאים, מיטגע־

פיהל מיט אָנפאַנגער און מיט קינסטלער אָהן טאַלאַנט, גוטמוטיג־קייט און גלייכגילטיגקייט — די אַלע זאַכען צוזאַמען האָבען גע־מאַכט ער זאָל וואָס ווייטער ווערען מעהר איינגעזועהענער. לסוף האָט ער אַלץ און אַלעמען געליובט מיט דער זעלבער רוהיגער קאַלטבלוטיגקייט און מיט דעם זעלבען פארבענרייכען סטיל. דער אַלגעמיינער עולם האָט געוואוסט וועגען איהם נאָר אַלס קענער און באשרייבער פון קונסט און אַלס פעליעטאָניסט.

אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די שרייבער פון פּאָעזיע און פּראָזע. דער אויס־געצייכענטער פּראָזאאיקער פּאָל דע סעין־וויקטאָר; לעקאָנט דע ליל, דער געפיהלענלאָזסטער פון אַלע נייערע דיכטער; באָדלעיר, דער „סאַטאַנישער" לירִיקער, און די גאַנצע גרופּע יונגע פּאָעטען, וועל־כע האָבען אין דער צייט פון דער צווייטער אימפּעריע זיך פאראיי־ניגט אונטער דעם נאָמען „די פּאַרנאַסער" (“Les Parnassiens”), האָבען אַלע דירעקט געשטאַמט פון טעאָפיל גאַטיעי. סעין־וויק־טאָר האָט גע'ירשנ'ט זיין חוש פאַר דער פאָרמע און פאַר פאַרבען, זיין ליבע צו דער פּלאַסטישער קונסט; לעקאָנט דע ליל האָט גע'ירשנ'ט זיין טיפען פארשטעהן פון פרעמדע קולטורען און זיין אָריענטאַלישע רוהיגקייט; באָדלעיר — זיין פאַרליבע צו ניט נאָרמאַלע געפיהלען און ליידענשאַפטען און די פּאַרנאַסער לירִיקער — זיין מייסטערהאַפטע באַהאַנדלונג פון די פערזען.

אָבער הגם גאַטיעי'ס איינפלוס איז וויַט אריבער דער עפּאָכע פון 1830 און האָט אָנגעהאַלטען שפּעטער פון זיין אייגענעם לע־בען, איז ער דאָך איינער פון די, וועמעס נעמען זיינען ענג פאַר־בונדען מיט דער פריהסטער קאַמפּאַניע פון די ראָמאַנטיקער. עס איז מערקווירדיג און ריהרענד, אַז דער לעצטער, ניט געענדיגטער אַרטיקעל, וואָס גאַטיעי האָט געשריבען, איז געווען אַ באַשרייבונג פון דעם עולם אין טעאַטער אין דער נאַכט פון דער ערשטער פאָר־שטעלונג פון וויקטאָר הוגאָ'ס „ערנאַני".

29.

סעינט־בעוו.

גאטיעי׳ס ליטעראטור־קריטישע שריפטען, טראָץ דעם, וואָס זיי זיינען דער גאָר גרעסטער טייל פון אלע זיינע שאפונגען, זיינען שוין כמעט פארגעסען; ער לעבט נאָך אלס ראָמאנען־שרייבער און דיכטער. אָבער איינער, וועמעס נאָמען מען פלעגט אָפט ביי זייער לעבען דערמאָנען צוזאמען מיט גאטיעי׳ס, האָט געהאַט א גאנץ אנדער מזל; יענעמ׳ס רוהם האָט צו פארדאנקען זיין פעהיגקייט אלס קריטיקער. סעינט־בעוו האָט זיך דערשלאָגען צו אזא הויכער מדרגה אלס קריטיקער, אז מען האָט קוים באמערקט זיינע גרעסערע פּאָעטישע און היסטאָרישע ווערק. אלס פּאָעט האָט ער ארויסגעצייגט א פיינעם און אָריגינעלען טאלאנט, אָבער אלס קריטיקער איז ער געוועז עפּאָכעמאכענד, איינער פון די, וועלכע שאפען א נייע שיטה, א נייע צווייג אין דער קונסט. אין א געוויסען זין קען מען זאָגען, אז ער איז אויף זיין אייגענעם געביט געוועזן א גרעסערער מחדש איידער די אנדערע שרייבער פון יענער עפּאָכע אין זייערע. מאָדערנע לירישע פּאָעזיע האָט שוין עקזיס־טירט נאָך פאר וויקטאָר הוגא, אָבער קיין מאָדערנע קריטיק אין דעם שטרענגען זין פון דעם וואָרט איז פאר סעינט־בעוו ניט געוועזן. יעדענפאלס האָט ער פאר דער קריטיק געשאפען אזא פּאָלשטענדיג אנדער צורה, ווי באלזאק האָט עס געטאָן פאר דעם ראָמאן. דורך די לעצטע יאָהרען פון זיין אינהאלטרייכען לעבען איז זיין אויטאָריטעט געוועזן אומבאשטריטען אנערקענט. דאָך איז פאר דעם ליטעראריש־געבילדעטען עולם אויסער פראנקרייך זיין גאנצע באדייטונג ניט קלאָר געוואָרען ביז ערשט צעהן יאָהר נאָך זיין טויט. אן אויסגעצייכענטער אויסלענדישער קענער פון

דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, דער דייטשער היסטאָריקער קאַרל העללעבראַנד, האָט דערקלערט, אַז סעינט־בעוו איז געווען דער גרעסטער גאון פון זיין צייט. הגם דאָס קאָן זיין אַ גוזמא, קאָן מען אָבער אַנדערש ניט זאָגען אַז דאָס איז אַן אַבסורד, סיידען ווען מען זאָל אָננעמען, אַז די קריטיק פאַר זיך איז אַ נידעריגערער אַרט קונסט, איידער די דראַמע אָדער די לירישע פּאָעזיע. דאָס איז אָבער יעצט זיכער אַ פאַרעלטערטע השגה. פאַר דעם שרייבער איז יענער אַרט קונסט דער העכסטער, און וועלכען זיין נשמה קאָן זיך אַמבעסטען אַרויסצייגען. אויב עס זיינען אפילו דאָ גראַדען, גרעסערע און קלענערע, צווישען די גייסטער, איז דאָך אַ גרויסער ספק אויב עס זיינען דאָ גראַדען צווישען די קונסטען, און נאָך מעהר איז עס אַ ספק ווען אַ קונסט אָדער אַן אַרט קונסט זיינען אַזוי איבערגעבויט געוואָרען פון אַ שאַפענדען גייסט, אַז זיי זיינען געוואָרען זיינע אייגענע, כמעט פערזענליכע אָרגאַנען. אַזוי פיעל איז זיכער, אַז וואָס אַמבאַלאַנגט פאַרשטאַנד, (ניט נאָר אין אור־טיילס־קראַפט און קריטישער שאַרפקייט) פאַרנעמט סעינט־בעוו דעם העכסטען אָרט צווישען דעם דור פון 1830.

די אייגענטימליכקייט פון זיין מח איז באַשטאַנען אין זיין פעהיגקייט משיג צו זיין און צו דערקלערען אַן אויסערגעוועהנליכע צאָהל אַנדערע מחות. ווען איך קען איהם טראָץ דעם ניט שטעלען איבער אַלע אַנדערע גרויסע גייסטער פון דער ראָמאַנטישער גרופּע, איז עס דערפאַר, וואָס זיין פעהיגקייט איז געווען באַגרענעצט. צווישען די גייסטער, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען, זיינען ניט געווען אַזעלכע פּרוכטבאַרע, ניט ראַפינירטע זשעניען, ווי באַלזאַק, און אַזעלכע גרויסע, זאָנדערבאַרע זשעניען, ווי בעיל. און ווי וויים זיין בליק איז ניט געווען, האָט איהם דאָך געפעהלט דער איבערבליק איבער דאָס גאַנצע. זעלטען ווען היסטאָריקער און דענקער זיינען געווען אַזוי ניט־סיסטעמאַטיש, ווי ער. דער דאָזיגער חסרון האָט געהאַט זיין גוטע זייט. זיין פרייהייט פון יעדער נטיה צו סיס־טעמאַטיזירען האָט איהם ביז צום סוף געהאַלטען פריש, זי האָט גע־מאַכט מעגליך פאַר איהם, אַזוי צו זאָגען, כסדר צו שיילען פון זיך זיין פעל, אַזוי, אַז דער מאַן, וועלכער האָט אין דעם יאָהר 1827

ארויסגערופען צו זיך געטהע'ס אויפמערקזאמקייט מיט זיינע ערשטע ארטיקלען אין דער „גלאָב", איז אין דעם יאָהר 1869 ניט נאָר געווען אין פולער איינפארשטענדניס מיט דער גרופע יונגע געלערנטע און קינסטלער, וועלכע האָבען דאמאָלס געשאַפען כבוד פאר פראנקרייך אין אייראָפא, נאָר ער איז אין א געוויסען זין געווען זייער פיהרער. ביז דעם לעצטען יאָהר פון זיין לעבען איז ער פון די בעסטע מענשען באטראכט געוואָרען אלס א נאָ־טירליכער גענעראל, אונטער וועמען די „יונגע גארדיע" האָט שטארק געוואָלט זיך אויסצייכענען. אָבער זיין ניט האָבען קיין סיסטעם, זיין אומפעהיגקייט משיג צו זיין זאכען אלס גאנצע, האָט איהם ניט נאָר געשטערט צו שאפען איין גרויסען הויפטווערק, מיט וועל־כען זיין נאָמען זאָל זיין פארבונדען, נאָר אפילו צו דערגרייכען דעם גרויסען ברייטען סטיל בכלל. זיין אויג איז געמאכט געוואָרען צו זעהן איינצעלהייטען; כאראקטעריסטישע, וויכטיגע איינצעל־הייטען, אָבער ניט דאָס גאנצע. ער האָט די דאָזיגע איינצעלהיי־טען געזעהן אין שטענדיגער באוועגונג, אין דער באוועגונג, וועלכע האַלט זיך כסדר אין ענדערען, וועלכע איז דאָס לעבען, און נאָכמאַ־כענדיג די אלע באוועגונגען אין זיין מח און מיט זיין פעדער האָט ער זיינע בילדער געמאכט אזוי ריכטיג עהנליך צום לעבען, ווי מען האָט עס ביז איהם קיינמאָל ניט געזעהן. ער האָט אָבער ניט נענוג באהערשט זיינע איינצעלהייטען. ער האָט ניט פארמאָגט דעם כח נאָכצוזעהן די טיפע סיבות פון דעם, וואָס איז אויבענאויף, און פון יענע סיבות קומען צו דער ערשטער, צו דער סיבת־הסיבות.

אלס קריטיקער האָט ער נאָר געקענט באשרייבען דעם איינ־צעלנעם אינדיווידואום און אפילו וועגען איהם פלעגט ער אויך נאָר זעלטען געבען אן אלזייטיגע השגה. (טאַליעראַן, פרודאָן); ער פלעגט איהם ארויסשטעלען אמאָל פון דעם און אמאָל פון יענעם זייט, אמאָל אין דעם און אמאָל אין אן אנדער צייט־אַל־טער, אין דער אדער אן אנדער שיכות צו דער געזעלשאפט. אפילו אין זיינע קורצע ארטיקלען ציינט ער ארויס וועניג פעהיגקייט צו קאָנצענטרירען זיינע געדאנקען. זיינע בעסטע איינפעלע, זיינע טיפסטע געדאנקען האָט ער פארשטעקט אין די וועניגער

וויכטיגע שטעלען פון די ארטיקלען און אין די אַנמערקונגען. ער האָט זיין ברויט צוברעקעלט. זיין גאלד האָט ער באהאלטען, ווי די פויערען פלעגען עס טאָן, אין טונקעלע ווינקלאך, אין לעכער, אין דעם באָדען און אין די ווענט, טיף אין קעסטלאך און אין די זאָקען. ער האָט פון איהם קיין פיגורען ניט געקענט מאָלען.

זיין פרייהייט פון א סיסטעם האָט פארהיט זיינע שריפטען פון א קינסטליכער סימעטריע (אויסגעמאָסטענקייט). דאָס איז זעהר א גרויסע מעלה. ער האָט קיינמאָל ניט מקריב געווען צו־ליב דער אינערליכער גלייכגעוויכט פון זיין ווערק אפילו מיט איין זילבע פון דעם, וואָס ער האָט געדענקט, אז ער דארף זאָגען. נאָך וויייניגער וואלט ער עס געטאָן, כדי צו מאכען זיין באשרייבונג אדער זיין סטיל מעהר בולט און קלאָר. ער האָט גאר ניט געהאט נעגען מאכען זאכען קאָמפליצירט, פארפלאָנטערט און ניט פאר־ענדיגט. אבער דאס, וואס איהם האָט געפעהלט דער פילאזאפי־שער גייסט, וועלכער איז געניינט צו אלגעמיינע אויספיהרונגען און צו משיג זיין גאנצע זאכען אלס גאנצע, האָט געווירקט, אז מען זאל פון זיינע שריפטען קיינמאָל ניט באקומען קיין שטארקען, איינהייטליכען איינדרוק. דאס וויכטיגע און דאס וויניגער וויכ־טיגע שטעהען ביי איהם אָפט אויף דער זעלבער מדרגה. אלס קינסטלער דערמאָנט ער אונז אָן יענע יאפאַנעזער מאלער, וועמעס גרויסער ווערט אלס קינסטלער האָט אין איירופא אנגעפאנ־גען אנערקענט צו ווערען ארום דעם יאהר 1880. איינע פון די אורזאכען, פארוואס מיר האָבען הנאה פון די בילדער פון יענע מאלער, איז דאָס, וואָס אין זיי איז ניטאָ קיין סימן פון אקאדע־מישער סימעטריע. זיי שטעלען אונז קיינמאָל איינגאנצען ניט צופרידען דערפאר, וואס זיי האָבען ניט קיין פערספעקטיווע, אבער לעבעדיגע זאכען שטעלען זיי פאר אונז פאָר, ווי זיי וואָלטען גע־לעבט.

שארל אָגוסטין דע סעינט־בעוו איז געבאָרען געוואָרען דעם 23טען דעצעמבער, 1804, אין בולאָן־סור־מער. זיין פאטער, א טיכטיגער, געבילדעטער רעגירונגס־באאמטער, איז אלט געווארען צוויי און פופציג יאהר, איידער ער האָט ביי זיך באשלאסען חתונה צו האָבען. זיין מוטער איז צו דער חתונה אלט געווען

כמעט פערציג יאהר. מאַסיע סעינט־בעוו איז געשטאָרבען ווענינ־גער פון א יאהר נאָך זיין הייראט, צוויי חדשים איידער עס איז געבאָרען געוואָרען זיין זוהן, וועלכער האָט גע׳ירש׳נט פון זיין פאָ־טער, ווענען ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן, זיין קריטישען כח. דער אלטער סעינט־בעוו פלעגט זיך שטארק אינטערעסירען מיט דער ליטעראטור און באזונדערס מיט פאעזיע. די ראַנדען פון די ביכער, וואס זיינען פון איהם געבליבען, זיינען פול מיט באמער־קונגען און הגהות, וועלכע דערמאָנען אויף א מערקווירדיגען אופן דעם ארט שרייבען פון זיין זוהן*).

מאדאם סעינט־בעוו, וועמעס מוטער איז געווען אן ענגלענדערין, האָט איהר זוהן פריה אנגעפאנגען צו לערנען די ענגלישע שפראך און פון איהר איז איהם זיכער געקומען זיין ליעבע פאר דער ענג־לישער לירישער פאָעזיע (אן אויסערגעוועהנליכע זאך אין יענע צייטען אין פראנקרייך), פאר באועלז, קראַבבע, קאופער און בא־זונדערס פאר וואָרדסוואָירטה און די אנדערע פאָעטען פון דער „אָזערא־שולע" (Lake School), וועמען ער האָט אזוי אָפט איבער־זעצט און ציטירט. אין זיין טעמפעראמענט איז געווען א געוויסע מעלאַנכאָלישקייט און סימנים פון צופריהיגע אַלטקייט. דאָס איז מן הסתם געקומען טיילוויז פון דעם עלטער פון זיינע עלטע־רען און טיילוויז דורך דער געדריקטער שטימונג פון זיין מוטער, איידער ער איז געבאָרען געוואָרען, צוליב איהר מאַנ׳ס קראַנקהייט און טויט.

סעינט־בעוו איז אלס קינד געווען שרעקענדיג און מעלאַנכאָ־ליש. ווען ער איז אַלט געווען צוועלף יאָהר האָט זיך אין איהם אונטער דער ווירקונג פון דער מוטער ענטוויקעלט א כמעט סכנה׳־דיגע קינדערשע פרומקייט. ער פלעגט מיט אויסערגעוועהנליכער היציגקייט דאַווענען אַלס משורר ביי די תפלות אין קלויסטער. די דאָזיגע קאטוילישע קדחת האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען, אָבער זי האָט געלאָזען סימנים, וועלכע מען האָט שפּעטער אין לעבען גע־קענט ביי איהם קלאָר באמערקען. זיין אכטונג פאר דעם קרים־

*) אַ טייל פון דעם אַלטען סעינט־בעוו׳ס אפאָריזמען זיינען געדרוקט אַלס אַ ביילאגע צו מאָראַנ׳ס אויסגאבע פון סעינט־בעוו׳ס בריף צו דעם אַבבע (גלה) באַרבֶּ.

טענטום איז ביי איהם געבליבען דורך אלע זיינע יונגערע יאָרען, און ער פלעגט זיך אפילו א סך גריבלען אין רעליגיעזע ספקות און טעאָלאָגישע פראַגען. דאס האָט געדויערט ביז ער איז, אלס סטודענט, באקאנט געווארען מיט די פילאָזאָפען פון דעם אכצעהנטען יאהרהונדערט און מיט די לעבעדיגע פארשטעהער פון דער סענזואַליסטישער פילאזאפיע (וועלכע האָט געלערענט, אז די וועלט קען מען פארשטעהן נאָר מיט דער הילף פון די חושים) — טראַסי, דאָני און לאַמאַרק, מיט וועמעס הילף ער האָט זיך שנעל באפרייט פון דער טעאָלאָגיע. ווען ער איז אריין אין לעבען, אלס דערוואקסענער מענש, איז ער געווען א ריינער עמפּיריקער (וועלכער גלויבט, אז נאָר דורך ערפאהרונג קען מען שטודירען די וועלט). שפּעטער זיינען צו איהם צוריקגעקומען די רעליגיעזע שטימונגען און טענדענצען, אבער די עמפּירישע פילאזאפיע האָט ווידעראמאָל פארנומען זייער פּלאַץ און ביי דער פילאזאפיע איז ער געבליבען ביז צו דער ענדע פון זיין לעבען. אין שול האָט ער זיך אויסגעצייכענט אין געשיכטע און אין שפּראַכען, אבער טראָץ זיינע שטארקע נייגונגען צו דער ליטעראַטור, האָט ער באשלאָסען, טיילווייז צוליב זיין צוקונפט און טיילווייז כדי אויסצואַרבייטען אין זיך א גענגענגעוויכט געגען זיין ריין ליטעראַרישער בילדונג, צו שטודירען מעדיצין. פון דעם יאָהר 1823 ביז דעם יאָהר 1827 האָט ער זיך אפּגעגעבען מיט גרויס חשק מיט די געוועהנליכע שטודיומס אין פיזיאָלאָגיע און אַנאַטאָמיע; ער האָט אָבער אין דער זעלבער צייט ניט פארנאכלעסיגט די ליטעראַטור. ער איז געוועזן ארים, אבער ער האָט קיינמאָל ניט געליטען קיין נויט, ווארום ער איז געווען שפּאַרזאַם און זעהר פּלייסיג.

דער יונגער מעדיצינער איז געווען גאַנץ ווייט פון צו זיין א שעהנער. זיין גרויסער קיילעכדיגער קאָפּ, באדעקט מיט פיינע, אבער רויהע רויטליכע האָר, איז געווען כמעט צו גרויס פאר זיין קערפּער. זיין פיגור איז געווען מיאוס. אבער אין זיינע ליכטיגע, בלויע אויגען, וועלכע האָבען אויסגעוויזען אמאָל גרויס און אמאָל קליין און פלעגען זיך אָן אנדער מאָל אזוי משונה׳דיג פאנאנדערעפענען, האָבען געגלאַנצט טויזענדע פראַגען, האָט געשמייכעלט א באטראכטער, אבער שארפער שכל און געטרוימט א האלב פּאָעטי־

שער, האלב תאוה'דיגער שטרעבען, וועלכער האט אויף א מערק־ווירדיגען אופן צוגעצויגען צו איהם. זייענדיג אן ארימער, ניט־שעהנער סטודענט, איז זיין באקאנטשאפט מיט דעם שעהנעם גע־שלעכט כמעט ניט געגאנגען ווייטער פון די שוואכע זינדערינס, די גריזעטקעס, פון דעם לאטיינישען קווארטאל (דער קווארטאל, וואו די סטודענטען און די יונגע קינסטלער וואוינען אין פאריז). ער האט געהאט א שטארק תאוה'דיגען, ניט־איינגעהאלטענעם טעמפעראמענט, וועלכער האט געפאדערט תיכפ'דיגע באפרידיגונג, אבער נאך דער באפרידיגונג פלעגט תמיד קומען די חרטה און א שטארקער געפיהל פון געפאלענקייט. צוזאמען מיט דער תאוה'־דיגקייט איז אין איהם געווען אנטוויקעלט א טרוימערישע, פאע־טישע איינבילדונגסקראפט, וועלכע איז, צוליב דער צארטער מע־לאנכאליע, מיט וועלכער זי איז געווען באפארבט, נאטירליך גע־ווען גענייגט צום ראמאנטיזם און דעם מיסטיציזם. ער האט פי־לייכט געהאט א ביסעל פון דער ניט־ווילענדיגער קנאה, וואס א מיאוס'ער מאן פיהלט געוועהנליך צו די מענער, וועלכע פאנגען די ווייבערשע הערצער בלויז דורך זייער שעהנעם אויסזעהן; אבער ער אליין האט אויך געהאט אביסעל פון דער געפעהרליכער צוציהענ־דיגקייט אין זיך.

אין אנפאנג פון דעם יאהר 1827 האט סעינט־בעוו אנגעשרי־בען פאר דער „גלאב" צוויי ארטיקלען וועגען וויקטאר הוגא'ס „אדען און באלאדען", וועלכע האבען איהם געגעבען אן אריינ־טרעט אין דעם לאגער פון די ראמאנטיקער. הוגא איז געקומען צו באדאנקען איהם, אבער ער האט איהם ניט געטראפען אין דער היים. עטליכע טעג שפעטער האט סעינט־בעוו אומגעקערט דעם וויזיט. ער האט געטראפען הוגא און זיין פרוי ביים פריהשטיק און האט זיך אזוי באקאנט אין דער זעלבער צייט מיט די צוויי מענשען, וועלכע האבען שפעטער געהאט דעם גרעסטען איינפלוס אויף זיין לעבען פאר א סך יאהרען. ער איז אין גיכען געווארען דער אנערקענטער קריטיקער פון דער ראמאנטישער שולע. זיין ערשטע וויכטיגע אויפגאבע איז געווען צו צייגען די פארבינדונג פון דער נייער שולע מיט דער עלטערער פראנצויזישער ליטערא־טור; צו באזארגען זי, אזוי צו זאגען, מיט „גאלישען" יחוס (די

פארצייטיגע פראנצויזען האבען זיך גערופען די „גאללער"). ער האט די דאזיגע אויפגאבע דורכגעפיהרט אין זיין אויסגעצייכענטען קריטישען יוגענדווערק "Tableau de la poesie Francaise au XVI siecle" („די פראנצויזישע פאעזיע פון דעם זעכצעהנטען יאהר־הונדערט", 1828־1827). דער צוועק פון דעם בוך איז קלאר צו באווייזען, אז דער דור פון 1830 איז ווי מיט א פאדים, וועל־כער ציהט זיך דורך דער קלאסישער עפאכע, פארבונדען מיט ראנ־סאר, דו בעלעי, פיליפ דע פארט און די אנדערע דיכטער פון דער רענעסאנס צייט, וועלכע מען האט אזוי לאנג מיט אונרעכט פאר־אכטעט. דער דאזיגער בוך פארנעמט דעם זעלבען פלאץ צווישען די ווערק פון סעינט־בעוו, ווי „די גראטעסקען" ("Les Grotesques") צווישען די ווערק פון טעאפיל גאטיע. ער איז אנגעשריבען גע־ווארען פריהער פון די „גראטעסקען". ער איז אזוי גרינדליך און פיין אין זיין קריטישען אנאליז, ווי גאטיע'ס ווערק איז פלאסטיש און אריגינאל.

אין 1829 זיינען ארוים סעינט־בעוו'ס ערשטע לירישע שאפונ־גען, „די פאעזיען פון זשאזעף דעלארם", א זאמלונג פון משונה'דיגע איבערשפיצטע פאעמען, וועלכע האבען ארויסגערופען ניט קיין קליי־נעם טומעל. זיי זיינען כלומרשט געשריבען געווארען פון א יונגען סטודענט פון מעדיצין, וועלכער איז געשטארבען פון שווינדזוכט, אבער אין דער הקדמה באשרייבט סעינט־בעוו אונטער דעם דא־זיגען דורכזיכטיגען פסעוודאנים זיך אליין און זיין אייגענעם לע־בען. זשאזעף דעלארם שטאמט פון די „אבערמאנס"; ער איז ארים, מיט גרויסע פעהיגקייטען, פול מיט רחמנות צו די ליידען פון דער מענשהייט, א געניאלער, גלאנצלאזער גייסט, ווי דער גרינדער פון דער ראסע אליין, אבער זיין אינערליכער לעבען איז נאך רייכער פון יענעמס, ווארים זשאזעף איז א פילאזאף, וועלכער איז אומ־גליקליך צוליב זיינע ספקות; אן אידעאליסט, וועלכער איז דאך איבערגעגעבען צו נידעריגער צולאזענקייט.*) דער העלד איז דער

*) וועגען סעינאנקור'ס „אבערמאן" וועט דער לעזער געפינען איינצעלהייטען אין דעם באנד 1 „די פראנצויזישע אימיגראנטען־ליטערא־טור", אידישע אויסגאבע, פארלאג מ. מייזעל, ניו יארק.

געוועהנליך פאַרצווייפעלטער יונגערמאַן פון דער עפּאָכע פון 1830, ער איז אבער מעהר בורזשואזיש איידער די העלדען פון די אנדערע דיכטער פון יענער צייט; זיין פאַרצווייפלונג איז ווייניגער גרויס־אַרטיג און נעהענטער צו דער ווירקליכקייט. לויט זייער פאָרמע זיינען די פּאָעמען מערקווירדיג מיט דעם, וואס די פערזען זיינען געשריבען אין דעם באַצויבערענדען אַלטען פראַנצויזישען מעטר פון ראָנסאר און שארל ד׳אָרלעאַן און אויך מיט דעם, וואס צווישען זיי זיינען דאָ אזוי פיל סאָנאַטען (וועלכע סעינט־בעוו האָט אזוי שטאַרק ליב געהאַט, ווי ווילהעלם שלעגעל). אבער הויפּטזעכליך זיינען די פּאָעמען אינטערעסאַנט מיט דעם, וואס אין זיי צייגט זיך שוין אַרויס סעינט־בעוו׳ס נייגונג צום רעאַליזם. אין אייניגע ערטער מערקט זיך, אז דער דאָזיגער רעאַליזם קומט דורך דעם איינפלוס פון די ענגלישע דיכטער פון דער „ים־שולע“, דאָך אַלס אַ כּלל און אין דעם געוואַנטען אויסוואַהל פון די טעמעס (ווי, למשל, אין דער פּאָעמע ”Rose“) איז ער אָריגינאַל און בעצם פראַנצויזיש. דער אידעאַלער עלעמענט איז אין זיי פאַרטראַטען דורך דעם שרייבער׳ס באַגייסטערטע האַרצאויסגיסונגען וועגען דעם ”Cenacle“, דעם קליינעם חבר׳שען קרייז פון דיכטער און מאַלער, אין וועלכען מען האָט איהם שפּעטער אריינגענומען און צו וועמען ער זינגט שבחים אַמאָל אַלס אַ כּלל און אַמאָל צו אייניצעלנע. זיין באַוואונדערונג פאַר זיינע פריינד האָט גאַר קיין מאָס ניט. פון אייניגע פון זיינע פּאָעמען האָט מען, ווען זיי זיינען אַרויס, גע־מאַכט שפּאַס צוליב זייער התפּעלות (די פּאָעמע Les rayons jaunes איז זיכער כמעט לעכערליך). אנדערע האָט מען באַטראַכט אַלס וואולגאַר. גיזאָ האָט זיך אויסגעדריקט וועגען זשאָזעף דעלאָרם, אַז ער איז „אַ יאַקאָבינער און אַ מעדיצינער ווערטהער“ [געטהע׳ס], (un Werther jacobin et carabin). בכלל אָבער קען מען זאָ־גען אַז דער בוך האָט געהאַט דעם ערפאָלג, וואָס ער האָט פאַרדינט.

סעינט־בעוו׳ס 2טע פאַרזאַמלונג פּאָעמען Les Consolations (אַרויס אין מערץ, 1830), זיין ראָמאַן Volupte (געדרוקט אין 1834) און די ערשטע צוויי באַנדען פון Port-Royal באַצייכענען צוזאַמען די סענטימענטאַלע און עטוואָס פרומע פּעריאָדע אין דעם לעבען פון זייער מחבר. Les Consolations איז געווידמעט

צו וויקטאָר הוגאָ מיט ווערטער פון היסטערישער באוואונדערונג צוזאַמען מיט אויסדרוקען פון קריסטליכער שפלות און הוגאָ׳ס נאָמען קומט אין דעם בוך פאר זעהר אָפט, אבער אין דער ווירקליכקייט איז די זאמלונג אין דער זעלבער מאָס געווען געווידמעט צו מאַדאַם הוגאָ, וועלכע איז געווען סעינט־בעוו׳ס יוגענדליבע און צו וועמען עס זיינען אדרעסירט די ערשטע און אייניגע אנדערע פּאָעמען. וועגען זיינע פארהעלטניסע מיט איהר האָט ער גאָר צו אָפענהערציג געשריבען אין “Le Livre d’Amour”, א זאמלונג פּאָעמען, וועלכע, ווי מען קען זעהן, באהאנדעלט די ווירקליכקייט, ווי זי איז. די דאָזיגע זאמלונג האָט ער אפּגעדרוקט, אבער ער האָט ניט געלאָזען זי צו פארעפענטליכען. איהר וויכטיגסטע פּאָעמען זיינען שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרען אין פּאָנס׳ ניט־ווירדיגען בוך “Sainte-Beuve et ses inconnues”. אויסערדעם איז ניט שווער צו דערקענען די פארהעלטניסע פון סעינט־בעוו צו וויקטאָר הוגאָ און צו זיין הויז־געזינד פון דעם, ווי ער באַשרייבט אין דעם ראמאַן Volupte די פארהעלטנישע צווישען אמאָרי און דעם אנגעזעהענעם פּאָליטישען פיהרער מאַריעי דע קוען און זיין פרוי.

סעינט־בעוו אליין און פילע פון די, וועלכע האָבען באַשריבען זיין לעבען, האָבען געגעבען אנצוהערעניש, אז די ווערק, וואס ער האָט געשאַפען דורך דער צייט פון זיין באגייסטערונג פאר מאַדאַם הוגא און זיינען אלע, הגם שוואך, באַפּאַרבט מיט דעם קאַטוליזם, זיינען געשריבען געוואָרען אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פון יענער פרוי, וועלכע איז אין איהר יוגענד געווען א הייסע קאַטוליקין, הגם אין שפּעטערע יאָהרען, ווען זי האָט געשריבען איהר מאַנ׳ס לעבענס־געשיכטע אונטער זיין דיקטירונג, איז זי שוין געווען א שטאַרקע פריידענקערין. מען האָט דערצעהלט אלס א זיכערע זאַך, אז סעינט־בעוו איז אין זיין ליבע געגאַנגען אזוי ווייט, אז ער פלעגט זיך געוועהנען צו ריידען ווי מאַדאַם הוגא און פלעגט אפילו אננעמען איהר בליק אויף זאַכען. איך אנטזאָג זיך אבער אנצונעמען די דאָזיגע דערקלערונג, ווארום איך פיהל איבערצייגט, אז סעינט־בעוו האָט אויף דער עלטער גענאַרט זיך אליין און גענאַרט אנדערע, ריידענדיג אזוי וועגען די ווערק פון זיין יוגענד. אין א

בריף געדאַטירט אין יולי 1863 שרייבט ער צו אָרטענס אַלאַר דע מעריטען, די שרייבערין (מאַדאַם סאַמאַן):

„איך האָב זיך אין מיין יוגענד אַביסעל אָפּגעגעבען מיט דער קריסטליכער מיטהאָלאָגיע, אָבער עס האָט זיך אויסגעוועפּט. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ מיטעל, ווי פאַר יופּיטער'ן דער געשטאַלט פון אַ שוואַן, צו דערנעהענטערען צו זיך דעם שעהנעם געשלעכט און אַרויסרופען אין זיי צערטליכקייט. די יוגענד האָט צייט און זי ברויכט אַלע מיטלען."

מיר געפעלט זעהר וועניג די דאָזיגע — ווייך גערעדט — פריוואָלע לייכטע דערקלערונג פון אַן ערשיינונג, וואָס קומט גאַנץ פּשוט פון דעם, וואָס דער קאַטוילִיזם ציהט נאַטירליך צו יוגענדליכע, בויגזאַמע און ניט זעלבסטשטענדיגע כאַראַקטערען. דאָס צוציהען איז אין דעם פאַל נאָך שטאַרקער געווען צוליב דער אַלגעמיינער טענדענץ פון דער צייט, וועלכע איז געוואָרען — ווי עס קומט געוועהנליך פאָר — אַ מאָדע איידער זי איז אינגאַנצען פאַרשוואונד'ען. עס איז געווען אַ צייט ווען דער פילאָזאָפישער ספּיריטואַליזם האָט ווידער אויפגעלעבט. אין דעם יאהר 1828 פלעגט סעינט בעוו באַזוכען די פאַרלעזונגען, וואָס זשופראַי האָט געגעבען ביי זיך אין דער היים נאָכדעם, ווי מען האָט איהם אָראָפּגעזעצט פון זיין שטעלע. ער איז אויך שטאַרק געווען אונטער דעם איינפלוס פון קוזען, ווי כמעט יעדער אַנדער יונגערמאַן פון יענער צייט. די פילאָזאָפען, וועלכע זיינען דאַמאָלס געווען אין דער מאָדע, האָבען איהם פאַר אַ צייט אָפּגעצווינגען פון דעם סענזואַליזם. דער ראָמאַנטיזם איז נאָך פאַר פילע פון די יונגע מענשען געווען דאָס, פאַר וואָס הוגאָ האָט איהם לכתחילה אָנגענומען — אַ רעאַקציע געגען דער היידנישער קונסט און געגען דער ליטעראַטור פון די קלאַסיקער. אויסערדעם איז איין פליגעל פון דער ראָמאַנטישער שולע געווען, דורך דעם הייסען פאַרלאַנג פּאָעטיש ווידער אויפצולעבען דעם מיטעלאַלטער, אַזוי ענג פאַרקניפּט מיט דער יונגער קאַטוילישער פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך צוזאַמענגענומען אַרום לאַמענעי און דעם גלח לאַקאָרדעיר און האָט געגרינדעט די צייטונג "L'Avenir" (אין וועלכער סעינט-בעוו אַליין האָט אויך געדרוקט אַרטיקלען), אַז עס איז גאָר קיין חידוש ניט אויב עטליכע טראָפּען פון דער

נייקאַטוילישער הייליגער שפּריצוואַסער זיינען אַרונטערגעפאַלען אויף די ראָמאַנטישע שרייבער און זיינען אַריינגערונען אין זייערע ווערק. יענער טייל אין דער ענדע פון דעם ראָמאַן Volupté, וואָס באַשרייבט דעם לעבען אין די מאָנאַסטירען, איז באמת געשריבען געוואָרען פון לאַקאָרדעיר. די פרומקייט, מיט וועלכער די Les Consolations זיינען דורכגעדרונגען, וואָס האָט צווישען אַנדערע פאַרשאַפט פאַרדרוס אויך בעיל'ן, וועלכער איז געווען אַן אויפריכטיגער באַוואונדערער פון סעינט־בעוו, און דער ווייראַך־דאַמף, מיט וועלכען דער צווייטער טייל פון Volupté איז איבערפילט, דערמאָנען שטאַרק אָן די זעלביגע ערשיינונגען אין דעם דייטשען ראָמאַנטיזם.

דער ראָמאַן Volupté איז טראָץ זיין צושפּרייטקייט און שווערקייט אַ פיינער און טיפער פּסיכאָלאָגישער שטודיום. ער באַשטעהט פון וידוי'ס פון דעם זעלבען מין, ווי רוסאָ'ס, אָבער געשריבען אין אַ סטיל, וועלכער איז רייכער מיט בילדער, מעהר דורכגענומען מיט פאַרבען און איז פיינער באַאַרבייט. זיין סענטימענטאַל לירישער טאָן איז גאַנץ עהנליך צו דעם טאָן, וואָס לאַמאַרטין האָט שפּעטער געברויכט אין זיין "Jocelyn", אַ ווערק, וואָס באַהאַנדעלט די זעלבע טעמע נאָר מיט מעהר צניעות. סעינט־בעוו'ס בוך גיט אונז די לעבענס־געשיכטע פון אַ תענוגים־זוכענדען, צולאָזענעם יונגען מענשען און איז דורכגעפלאָכטען מיט אַ סך טיפע און שאַרפע באַטראַכטונגען. ער שטעלט פאָר די נייגונגען פון דער נשמה סיי צו תאוה און סיי צו צערטליכקייט אַלס אַלץ־איינס פאַרניכטענד פאַר דער פרישקייט און די כחות פון דער יוגענד. ער באַהאַנדעלט הויפּטזעכליך יענע אָפּשוואַכענדע פריינדשאַפטען מיט יונגע פרויען, באַזונדערס מיט יונגע פאַרהייראַטע פרויען, אויף וועלכע באַגאַבטע יונגע מענשען פאַרשווענדען אָפט אַזוי פיל צייט און ענערגיע. דער וואָרט „פאַרשווענדען", גלויב איך, דריקט בעסער אויס סעינט־בעוו'ס מיינונג איידער דער וואָרט „פאַרברייננגען", וואָרום ער אַליין האָט איינמאָל געהאַט טענות צו אַ געניאַלען שרייבער, וועמעס קרעפטיגען סטיל האָבען געפעהלט שאַטירונגען, דערפאַר, וואָס יענער אַרבייט צו שווער און לעבט אַ צו איינזאַמען לעבען, דערפאַר, וואָס ער ברייננגט זיך אַליין שאָדען

מיט דעם, וואָס ער זוכט צו זעלטען „די געזעלשאַפט, וועלכע איז די בעסטע אין דער וועלט און גיט א געלעגענהייט צו פאַרברייינגען די צייט אויף דעם אנגענעמסטען אופן — די געזעלשאַפט פון פרויען.״

אַמאָרי, דער העלד פון דעם ראָמאַן, איז אין אינטימע פאַר־העלטניסע מיט דריי פרויען. איינע, די פרוי פון זיין לעהרער און מייסטער, האָט ער ליב מעהר, ווי ער וואַגט איהר עס ארויסצוזאָ־גען; די צווייטע, פאר וועלכער ער איז פאַר׳קנס׳ט, ווארפט ער אוועק צוליב דער ערשטער און אין דער זעלבער צייט ערלויבט ער זיך אריינצולאָזען אין אן אינטימער פריינדשאַפט מיט דער דריי־טער, צו וועמען ער גיט זיך צייטענווייז איבער מיט א הייסער ליי־דענשאַפט און צייטענווייז פיינינגט ער איהר דורך גראָבער גלייכגיל־טיגקייט; די דאָזיגע ליבע שטעלט איהם ניט צופרידען און פאַר־היט איהם אויך ניט פון דער נידעריגסטער צולאָזענקייט. אינטעלי־גענט, אמביציעז און פאַר׳עקשנ׳ט פלייסיג ווי אמאָרי איז, ווערען אָבער זיינע גייסטיגע כחות צובילעכווייז פּאַראַליזירט דורך די אַלע פלאָנטערס און ער דערפיהלט אמענדע, אז פאר איהם איז קיין אנדער רעטונג ניטאָ אויסער די שטרענגסטע דיסציפּלין פון דער רוימישער קאטוילישער קירכע. די געשיכטע פון זיין לעבען אין דער יוגענד ווערט געגעבען אין דער פאָרמע פון א וידוי פון א גייסטליכען און דערפאר איז זי ערטערווייז אזוי באזאלבט, אז עס איז ניט צו דערהאַלטען. די אויסברוכען פון חרטה, די מאָראַלע און רעליגיעזע מוסר־זאָגערייען, די תפלות און די דרשות, וועלכע אי־בעררייסען דעם גאַנג פון דער דערצעהלונג, מאַטערען אויס, אָבער דערפאר באקומט דער לעזער זיין שכר אין דעם תמצית פון דעם ראָמאַן.

צוויי זאכען מאַכען דעם ראָמאַן פאר א מערקווירדיגען בוך. ערשטענס, דער טיפער פארשטעהן, וואָס דער שרייבער צייגט ארויס, פון די אנטוויקלונגס פּראָצעסען פון די קראנקהייטען פון דער מענשליכער נשמה. מען זעהט פון דעם, אז ער האָט תמיד נענוי זיך צוגעקוקט צו זיין אייגענעם אינערליכען לעבען און שוין דאָ מערקט זיך דער קומענדער קריטיקער. צווייטענס, דער וויסען פון דעם ווייבערשען כאראקטער, וואָס אנטפּלעקט פאר אונז דעם

פרויען׳שען עלעמענט אין סעינט־בעוו׳ס אייגענער נאַטור און דער־צעהלט אונז דעם סוד פון דעם אויסערגעוועהנליכען ערפאָלג, וואָס ער האָט געהאַט אַלס קריטיקער דערקלערענדיג די נשמות פון באַ־ריהמטע פרויען. איך גיב דאָ עטליכע ביישפיעלען פון זיינע שאַר־פע באָאָבאַכטונגען און טיפע גערדאַנקען:

„ווי ניט־דאַנקבאַר בטבע די יוגענד איז! זי פאַרוואַרפט מיט אַ תנועה פון פאַראַכטונג אַלץ, וואָס ניט זי אַליין גיט זיך. זי פיהלט זיך געבונדען נאָר דאַמאָלס, ווען זי פאַרבינדט זיך אַליין; זי וויל האָבען נאָר יענע פריינד, וועלכע זי קלייבט אַליין אויס פאַר זיך און בלויז פאַר זיך. זי איז זיכער, אז אין איהר נשמה זיינען דאָ גענוג אוצרות, מיט וועלכע מען קען הערצער קויפען, און גענוג לעבען זיי צו באַפרוכטפערען. דערפאַר זעהען מיר ווי זי פאַר־בינדט זיך אויף דעם גאַנצען לעבען מיט פריינד, וועמען זי האָט ערשט נעכטען גאָר ניט געקענט, און שווערט אייביגע ליבע צו פרויען, וועמען זי האָט כמעט נאָר־וואָס באַגעגענט".

„ווי מיאוס זיינען די מענשליכע פריינדשאַפטס־פאַרבינדונ־גען! ווי זיי שליסען עס אוים איינע די אַנדערע! ווי שנעל זיי קומען איינע נאָך דער אַנדערער און טרייבען איינע די צווייטע, ווי די כוואַליעס פון ים! אַך, צרות! די הויז, וואוהין דו קומסט יעדען פריהמאָרגען און יעדען אָוונט, וועלכע דו מיינסט איז בע־סער פון דיין אייגען היים און צוליב וועלכער דו לאָזט איבער אַלץ, וואָס איז ביז יעצט געווען טייער פאַר דיר, די דאָזיגע הויז, קענסטו גאַנץ זיכער זיין, וועט נאָך אַמאָל פאַרלירען איהר חן אין דיינע אויגען. דו וועסט זי אויסמיידען ווי מען מיידט אויס אַ סכנה׳דיגען פּלאַץ און אויב דו וועסט צוליב עפּעס דאַרפען קומען אין דעם געגענד, וואו זי איז, וועסטו אָנלייגען אַ היבש ביסעל וועג, כדי דיינע אויגען זאָלען זי ניט אָנקוקען. וואָס קלוגער דו ביזט, אַלץ שטאַרקער וועהסטו עס דערפיהלען."

יעדער איינער אדער איינע, וועלכע האָבען ליב דעם אמת און האָבען מיט אַ וועהטאָג געמוזט באַהאַלטען זיינע אָדער איהרע גע־פיהלען, וועלען פאַרשטעהן דעם פאָלגענדען זאַץ און באַוואונדערען זיין בקיצור׳קייט:

„איך האָב זיך נעפרופט אויסצודריקען דאָס, וואָס איך האָב

ווירקליך געפֿיהלט, אזוי, אז עס זאָל אויסזעהן גראַדע ניט ווי דאָס, וואָס איך האָב געפֿיהלט, כדי צו זיין עהרליך מיט זיך אליין און זי אָפּצונאַרען".

אָט איז אַ קורצער, טרויעריגער בילד פֿון לעבען:

„אַ בריגאַדע סאָלדאַטען מאַרשירט פּאַמעלאַך איבער'ן וועג. דעם שונא'ס ארמיי ליגט באַהאַלטען אויףביידע זייטען און מאַכט אַן אימה'דיגע בלוטבאָד מיט די ביקסען און צום סוף קומט אַן אָפּענע שלאַכט. דער בריגאַדע געלינגט דעם שונא צו פאַרטרייבען און ווען דער גענעראַל קומט אין אָוועגט אָן צו דער נאָהענטסטער שטעדטעל מיט די גליקליכע מענשען זיינע, וועלכע זיינען געבליבען לעבען, און מיט די שטיקלאַך, וואָס זיינען געבליבען פֿון זיין צוריסענע פֿאָהן, הייסט עס אַ נצחון. ווען וועלכער עס איז טייל פֿון אונזערע פּלענער, פֿון אונזערע אַמביציעס אָדער פֿון אונזער ליבע האָט געליטען וויניגער פֿון די איבעריגע, באַטראַכטען מיר עס אַלס אַן עהרע אָדער אַ גליק".

און אָט איז זעהר אַ געלונגענער פאַרגלייך. סעינט־בעוו שרייבט וועגען דער אייפֿערזיכטיגער ליבע פֿון אַ שווינדזיכטיגען:

„אין דעם מאָמענט, ווען זי שטרעבט צו מאַכען עראָבערונגען און ווערט דערביטערט פֿון דעם קלענסטען ווידערשטאַנד, אפילו פֿון יעדען וואַרעמען געפֿיהל פֿון דער געליבטער צו אַנדערע, קען איך זי נאָר פאַרגלייכען צו יענע אַזיאַטישע דעספּאָטישע הערשער, וועלכע טויטען אַלע זייערע קרובים, אפילו זייערע אייגענע ברידער, כדי צו מאַכען פֿאַר זיך ריין דעם וועג צום טראָן".

מיט Les Pensées d'Aout האָט סעינט־בעוו געשלאָסען זיין קאַריערע אַלס פּאָעט. דאָס איז די איינציגע פֿון זיינע דיכטערישע שאַפֿונגען, וועלכע האָט גאָר ניט געהאַט קיין ערפֿאָלג. די פּאָעמען אין דער דאָזיגער זאַמלונג זיינען זיכער די קאַלטסטע, וואָס ער האָט געשריבען. דאָך דוכט זיך מיר, הגם קיין אַנדער קריטיקער שטיצט ניט מיין מיינונג, אז גראַדע אין דעם דאָזיגען ווערק זיינעם ציינט ער צום ערשטען מאָל ארוים אַ קלאָרע אָריגינאַליטעט. אין איהם איז דאָ אַ רעאַליזם, וואָס מען געפֿינט ניט אין דער לירישער פּאָעזיע פֿון דער ראָמאַנטישער שולע. קיין פּאָעט האָט נאָך ניט געוואַגט אזוי פֿריי צו באַנוצען זיך מיט דער שפּראַך און מיט

די אומשטענדען פון דעם אלטעגליכען לעבען ארום איהם. אין די צפון־לענדער, וואו א דיכטער וואָלט אפילו יעצט קוים די העזה געהאט אָפּצוגעבען פלאץ אין א לירישער פּאָעמע פאר אן אָמניבוס אָדער פאר א באהנהויף, וואָלט א ווערק, ווי Les Pensées d'Aout, באטראכט געוואָרען אלס א מין צוקונפטס פּאָעזיע.

מיר געפינען דאָ, ווי אין „די פּאָעזיען פון זשאָזעף דעלאָרם", עטוואס פון דעם סטיל און פון די כאראקטעריסטישע שטריכען פון דער ענגלישער „ים־שולע" איבערגעפלאנצט אויף דעם פראנצויזישען באָדען. סעינט־בעוו, ווי די ענגלענדער, גיט אונז איינפאכע, ניכטערע בילדער פון דעם ווירקליכען לעבען, און זיין סטיל, ווי זייערער, איז באזירט אויף דער איבערצייגונג, אז עס דארף בעיקר ניט זיין קיין אונטערשיד צווישען דער שפּראך פון דער פּראָזע און פון מעטרישע (געמאָסטענע) דיכטונגען. אָבער אָנשטאָט דעם, וואָס עס פעהלט אין די ענגלישע פּאָעמען שארפקייט און לעבעדיגקייט, — האָבען מיר ביי סעינט־בעוו אן עכט פראנצויזישע דראמאטישע געשפּאנטקייט. דאָ אנטוויקעלט זיך, אזוי צו זאָגען, א קליינע דראמע אין די גרענעצען פון א קורצער לירישער דערצעהלונג.

נעמט, אלס א גוטען ביישפּיל, די פּאָעמע "A Madame la Comtesse de T." די גרעפין, צו וועמען זי איז געווידמעט, דערצעהלט די געשיכטע: זי פאָהרט אויף א דאמפשיף אויף דעם רהיין פון קעלן קיין מאינץ. אום בעסער צו געניסען פון די לאנדשאפטען, זעצט זי זיך אוועק אין איהר קארעטע, וואָס שטעהט אין דעם פאָדערשטען טייל פון דער שיף, אזוי, אז זי געפינט זיך אין שכנות מיט די צווישענדעק פאסאזשירען — מיט דינסטען, ארבייטער און זייערע פרויען און אלערליי מינים קבצנים. איינער פון איהרע קינדער שרייט אויס: „מוטער, אָט איז גראף פאָל!" זי קוקט זיך ארום און צווישען די דאָזיגע פאסאזשירען דערזעהט זי דעם באקאנטען איהרען, וועמען דאָס קינד האָט געמיינט, א פוילישער פּאָליטישער אנטלאָפענער (עס איז געוועזן אין דעם יאָהר 1831). זיין פּנים איז איידעל און זיינע הענט זיינען ווייס, אָבער ער איז אָנגעטאָן אין די אלטע, אָפּגעקראָכענע בגדים פון אן ארבייטער. ער פארברענגט צוזאמען מיט אן אָרימער לאָנדאָנער

אַרבייטער פאַמיליע. דער מאַן זעהט אויס ווי אַ פאַרגרעבטער מענש, וועלכער האַלט אין איין עסען און אין רויכערען; זיין פרוי איז אויף דעם ערשטען בליק זעהר אַ פשוט'ע. זיי האָבען מיט זיך אַ טאָכטער, אַ שעהנינקע מיידעל פון אַ יאָהר פערצעהן. די ערשטע זאַך, וואָס עס קומט דער גרעפין אויף דעם געדאַנק, איז אַז דעם יונגען פוילענדער ציהט צו דאָס מיידעל, אָבער תיכף באַמערקט זי, אַז עס איז גאָר די מוטער, וועלכע לאָזט איהם ניט אָפּ פון איהרע אויגען. זי איז שוין ניט יונג, הגם זי האָט ערשט מיט ניט קיין לאַנגע צייט צוריק געמוזט זיין זעהר אַ שעהנע. איהר פיגור, טראָץ איהרע אָפּגעטראָגענע קליידער, איז עלעגאַנט און איהרע האָר זיינען פראַכטפול. מיט אַ זאָרגפעליגקייט, וואָס קומט ניט פון ליבע, נור פון צערטליכקייט צו אַ מענשען, פון וועמען מען איז געליבט, טוט דער יונגערמאַן איהר בעסער אָן אויף די אַקסלען דעם מאַנטעל איהרען און האַלט איבער איהר דעם רעגענשירם, ווען עס רעגענט. ער קויפט טייערע וויינטרויבען פאַר איהרע קליינע אינגלאַך. די גרעפין איז זיך משער, אַז דאַרטען אין דער ווייטער שטעדטעל, וואו ער האָט זיך אויסגעבאַהאַלטען, איז ער געוואָרען אַ גוטער פריינד מיט דער דאָזיגער אָרימער פאַמיליע, אָבער ער וועט אַרונטערשטייגען אין מאַינץ, וואוהין זי פאָהרט אויך, און זיינע פריינד וועלען פאָהרען ווייטער מיט דער שיף.

„ער שטייגט אַרונטער און איך זעה די צרה: ער קושט די קליינע אינגלאַך, נעמט זיך אַרום מיט דעם מאַן, גיט דער טאָכטער די האַנד (זי שמייכעלט דערביי ווי אַ קליינע חוה) און דריקט דער פרוי ביידע הענט; איהרע אויגען ווערען אַזוי אומעטיג. דער לעצטער גלאָק קלינגט שוין. ער איילט זיך איבער דעם בריקעל און בלייבט שטעהן ביים ברעג. אַלע גריסען און ווינקען צו איהם. די קינדערלאַך, פאַר וועמען אַלץ איז נאָך אַ שפּילכעל, שרייען מיט אַ שמחה: „זיי געזונד!"

אָבער די פרוי, אַך, די פרוי! זי שטעהט אונבאַוועגליך מיט אַן אויפגעהויבענער האַנד, אין וועלכער זי האָט געהאַלטען אַ רויטבלויע טוך. זי ווינקט ניט מיט איהר, זי שטעהט ווי ניט קיין לע־

בעדיגע און זי האָט וואויל פּאַרדינט, אַז דער הימעל זאָל אויף איהר רחמנות האָבען און פאַרשטייענערען זי...

„איך טראַכט ביי זיך: דו אָרימע פרוי, אַלמנה פון אַ משוגע־נער ליבע, ווי וועט זיין דיין הייַנטיגער אווענט, דיין מאָרגען, דיין שפּעטער? אָט־דער פּשוט'ער, גראָבער מאַן, די דאָזיגע גוואַלדיגע אָרימקייט, די טאָכטער, וועלכע וויים אַלץ און האָט אויפ'ן וועג קיין זאַך ניט פאַרזעהן! וואָס פאַר אַ מזל!"

„אויף דעם צווייטען טאָג, — ענדיגט די גרעפין צו דער־צעהלען, — ווען איך בין מיט דעם יונגענמאַן ווייטער געפאָהרען, האָב איך ביי איהם געפרעגט: „זייט איהר גאָר איינער אַליין?" — „יאָ", — ענטפערט ער קאַלט, — איך בין זעקס וואָכען גע־פאָהרען אהערצו פון לאָנדאָן מיט דער דאָזיגער בראַווער פאַמי־ליע. די אריסטאָקראַטישע באַטראַכטקייט פון זיין טאָן האָט גע־שיינט סותר צו זיין זיינע פריינדליכע ווערטער. „וועט איהר זיך אין גיכען ווידער זעהן מיט זיי?" — „ניין" — ענטפערט ער מיט אַ מאָדנעם שמייכעל, — „איך וועל זיך מיט זיי שוין קיינ־מאָל מעהר ניט זעהן, ווארום איך פאָהר יעצט אין דער שווייץ און פון דאָרטען ווייטער — —".

איך וויל אייך אנווייזען אויף אַ קליינער פּאָעמע, וועלכע איז אַן אמת'ע געניאַלע אַרבייט: „מאָסיעי זשאַן, דער שולמייסטער" (Monsieur Jean, Maitre d'école). עס איז אַ געשיכטע ווי אַן אָרימער דאָרפישער שול־לעהרער, וועלכער איז אויפגעהאָדעוועט גע־וואָרען אין אַנשטאַלט פאַר אונטערגעוואָרפענע קינדער און האָט קיינמאָל גאָר ניט געוואוסט וועגען זיינע עלטערען, געפינט פּלוצ־לונג אויס, אַז זיין פאָטער איז ניט קיין קלענערער מענש, ווי דער באַריהמטער זשאַן זשאַק רוסאָ, וועלכער האָט, ווי באַוואוסט, אַליין דערצעהלט, אַז ער האָט אריינגעגעבען די קינדער פון זיין פרוי טערעזאַ (ניט זייענדיג גאָר זיכער, אַז ער איז זייער פאָטער) אין דעם שפּיטאָל פאַר אונטערגעוואָרפענע קינדער אין פּאַריז. דער שול־לעהרער האָט ביז אַהער קיינמאָל ניט געלייענט רוסאָ'ס שריפ־טען אָבער יעצט טוט ער עס און ער נעמט זיך זעהר פלייסיג שטודי־רען „לאַ נואוועל העלואַז", „עמיל" און די איבעריגע ווערק פון רוסאָ. ער פיהלט טיפער פון אנדערע לעזער די געניאַלע גרויסקייט און

אויך דעם מאנגעל אין געוויסענהאפטקייט פון דעם שרייבער. אמ־ענדע קען ער ניט ביישטעהן זיין פארלאנג צו באקענען זיך מיט זיינע עלטערען.

ער פאהרט קיין פאריז, געפינט אויס דאס הויז, וואו רוסא וואוינט, און שטייגט ארויף אויף די טרעפ. פון אויבען הערט ער א פרויענשטימע זאגען: דא איז עס! ער קומט אריין טראכטענ־דיג וועגען די פאסענדע ווערטער, מיט וועלכע ער זאל באגעגענען זיין פאטער. דער אלטער מאן זיצט ארום א מיט רויטען געוואנד באדעקטען טיש צו איהם מיט דעם רוקען, און קעהרט זיך אפילו ניט אום איהם אויסצוהערען. דער זוהן שטאמעלט אין ריידען, ביז אט באגעגענט ער זיך מיט אזא שטעכענדיגען, מיסטרויאישען בליק, אז ער ענדיגט ניט און אנטלויפט ווי אן אונטערגעשאסענער האז. ער פיהלט זיך, ווי ער וואלט א צווייטען מאל פארשטויסען געווא־רען פון זיין פאטער, פון דעם פאטער, וועמען ער האט פון גאט אויף די קניע אויסגעבעטען און מיט וועמען ער האט מיט שטאלץ געוואלט פריהער פון אלץ זיך באקאנען; נאך אמאל פארשטויסען פון זיין מוטער, פון יענער פרוי מיט דעם רויהען אויסזעהן און מיט דעם הארטען בליק. און ער איילט זיך צוריק אין דארף אריין צו פראקטיצירען אין לעבען אלס אן ארימער לעהרער איינינע פון די גרויסע פרינציפען, וואס זיין פאטער פרעדיגט אין זיינע בי־כער און מאכט זיי אבער צו גארנישט אין דער פראקטיק. דאס גוטע, וואס רוסא האט פארזעעט אין זיין Emile, האט געבראכט גוטע פרוכט אין דער ערציהונג פון די קינדער, איבער וועלכע דער שולמייסטער האט די השגחה.

די זאמלונג "Les Pensées d'Aout" איז געדרוקט געווארען אין דעם יאהר 1837. פון דאמאלס האט זיך סעינט־בעוו אפגעגע־בען אויסשליסליך מיט דער קריטיק.

.30

סעינט־בעוו.

סעינט־בעוו האָט פארלאָזען די פּאָעטישע קונסט כדי אָפּצו־געבען זיך מיט דעם בארוף, וואָס איז געווען אָהן ספק אייגענטליך זיינער, — מיט דער קריטיק, — אָבער ער האָט בלויז פארלאָזען די פּאָעטישע קונסט, ניט די פּאָעזיע גופא; זי איז געבליבען פאר איהם דער אונטערערדישער קוואַל, וועלכער האָט צוגעגעבען לע־בען און פרישקייט אפילו צו די טרוקענסטע און ערנסטסטע פון זיינע קריטישע אָפּהאנדלונגען.

עס איז אינטערעסאנט צו באטראכטען אַלע מדרגות פון דעם עטוואָס פארפלאָנטערטען פּראָצעס, דורך וועלכען דער ערשטער גרעסטער מאָדערנער קריטיקער איז געקומען צו זיין בארוף. ווען דער ראָמאַנטישער קרייז האָט זיך בעת דער יולי רעוואָלוציע אויפ־געלייזט, איז סעינט־בעוו געווען אין אזוינע גוטע פארהעלטנישע מיט די פיהרער פון די לעגיטימיסטען (וועלכע האָבען דורכגע־פיהרט די רעסטאַווראציע פון דער אַלטער דינאַסטיע), אַז פּאָלינאַק האָט איהם געוואָלט פּארשלאָגען דעם אמט פון סעקרעטאר צו לאַמארטין, וועלכער האָט דאמאָלס געהאַלטען ביים אָפּפאָהרען אלס געזאַנדטער קיין גריכענלאַנד. די שטעלע איז געווען אזא, וואָס א יונגער דיכטער וואָלט גאָר ניט געקענט האָבען געגען אָנ־נעמען זי פון די מאכטהאָבער, דאָך האָט ער ניט־ווילענדיג גע־פיהלט א געוויסע פארביטערטקייט געגען דער נייער רעגירונג, וועלכע האָט כמעט אַלע זיינע ליטעראַרישע פריינד באַזאָרגט מיט שטעלעס. די דעמאָקראַטישע נייגונגען, וואָס האָבען זיך געמערקט אין זיין כאראקטער (ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם פּריצ׳ישען „דע״, וועלכען ער האָט געהאַט א רעכט צו ברויכען פאר זיין נאָמען),

זיינען יעצט געוואָרען מעהר בולט. ער איז געוואָרען אַ מין חסיד פון דעם נאַאיווען באַגייסטערטען סאָציאַליסטישען פילאָזאָף פּיער לערו און האָט ווייטער געשריבען אין דער „גלאָב“ אַפילו נאָכדעם, ווי די צייטונג איז אַריבער פון די הענט פון די ראָמאַנטיקער צו די סען־סימאָניסטען און פלעגט ערשיינען אַלס זייער אָרגאַן מיט דעם לאָזונג: “A chacun selon sa vocation, a chaque vocation selon ses aeuvres” ער איז, ווי היינע, געוועזן אַ באַגייסטערטער באַוואונדערער פון פּער ענפאַנטען און אין אַן אַרטיקעל געשריבען אין דעם יאָהר 1831 שטעלט ער די רעליגיעזע שריפטען פון סען־סימאָן פיל העכער פון לעסינג׳ס „ערציהונג דעם מענשענגעשלעכטס“.

תיכף ווי ער האָט זיך געשיידט מיט די סען־סימאָניסטען, ווען זייער „פאַמיליע“ האָט זיך אין דעם יאָהר 1832 אויפגעלייזט, האָט ער זיך פאַרבונדען מיט אַרמאַן קאַרעל, דעם ליטעראַרישען פיהרער פון דער רעפּובליקאַנישער פראַנקרייך. סעינט־בעוו דערמאָנט גאָר ניט וועגען זיינע נאָהענטע באַציהונגען מיט קאַרעל אין אַן אַרטיקעל, וואָס ער האָט וועגען איהם געשריבען אין 1852, דאָך איז זיכער, אַז ער האָט גאַנצע דריי יאָהר צייט געשריבען אין קאַרעל׳ס צייטונג „National“, וועגען פּאָליטישע און אויך וועגען ליטעראַרישע פראַגען. ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן די רעפּובליקאַנער און געמאַכט צווישען זיי באַקאַנטשאַפט ווי ער האָט פריהער געטאָן מיט די סען־סימאָניסטען, די ראָמאַנטיקער און די לעגיטימיסטען. אַרום יענער צייט האָט עס זיין פריינד אַמפּער געגעבען איהם אַ צוטריט צום קרייז פון אַבע דע בוא, וואו די אַלטע מאַדאַם רעקאַמיע האָט געקעניגט און שאַטאָבריאַן פלעגט פאַרגעטערט ווערען. נאָך אַ סכסוך מיט קאַרעל איבער אַן אַרטיקעל וועגען באַלאַנש, וועלכען קאַרעל האָט אויסגעטייטשט אַלס צו סימפּאַטיש צו די לעגיטימיסטען, האָט סעינט־בעוו זיך פאַרבונדען מיט לאַמענעי, וועלכער האָט געזוכט אַ התקרבות מיט איהם. אין גיכען איז ער געוואָרען לאַמענעי׳ס פאַרטרויטער בעל־עצה. דער גרויסער גייסטליכער האָט איהם צוגעצויגען צו זיך טיילווייז דורך זיין ערנסטער און הייסער איבערגעבענהייט צום פאָלק און טיילווייז דורך דעם, וואָס ער האָט סימפּאַטיזירט מיט זיין טעאָריע,

אז כדי איינצוהאַלטען דעם שטענדיג וואַקסענדען שטרוים פון דעמאָקראַטיע אין זיינע ברעגען מוז מען אַנטקעגען־איבער זיין מעכטיגען און אין אַ געוויסען זין אמת'ען פּרינציפּ אַוועקשטעלען נאָך אַ שטאַרקערען פּרינציפּ, דעם רעליגיעזען, וועלכער קען ריידען צום פאָלק און צום קעניג מיט גלייכער אויטאָריטעט. לאַמענעי'ס שטעלונג האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקען איינפלוס אויף סעינט־בעוו, אַז ווען יענער האָט זיך אינגאַנצען אָפּגעריסען פון דער קאַטוילי־שער קירכע האָט ער אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען, מיט וועלכע ער האָט זיך געווענדעט צום פּובליקום, געמאַכט געוויסע פאָר־וואורפען זיין פריינד, טענה'נדיג, אַז אַ מענש, וועלכער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געשטרעבט אונטערצואוואַרפען די געדאַנקען פון אַנדערע מענשען צו דער אויטאָריטעט פון דער קירכע, האָט קיין רעכט ניט ארויסצוטרעטען אַלס דעמאַגאָגישער געגנער פון דעם פּאַפּסט.

די יאָהרען פון 1834 ביז 1837 זיינען געווען די שמערצ־ליכסטע אין דעם לעבען פון סעין־בעוו. זיינע פאַרהעלטנישע מיט מאַדאַם הוגאָ זיינען אין דעם יאָהר 1837 פּלוצלונג אָפּגעבראָכען געוואָרען און צוליב דעם האָט ער אינגאַנצען איבערגעריסען זיינע פאַרבינדונגען מיט דעם קרייז פון די ראָמאַנטיקער און זיינע רע־ליגיעזע טענדענצען זיינען מיט דעם פאַרשוואונדען. ער איז אוועק קיין לאָזאַן, וואו ער האָט אין 1838־1837 אָנגעפאַנגען האַל־טען די פאָרלעזונגען, וועלכע זיינען געוואָרען דער באַזיס פון זיין גרויסען ווערק „פּאָרט־ראָיאַל". ער האָט זיי געפּלאַנעוועט און טיילווייז אָנגעשריבען נאָך פריהער. דאָס, וואָס ער האָט זיינע פאָרלעזונגען געהאַלטען פאַר אַ פּראָטעסטאַנטישען, אָבער דאָך גלויביגען, עולם, האָט ביז אַ געוויסען גראַד באַשטימט זייער טאָן. אויסערדעם איז סעינט־בעוו אין לאָזאַן געוואָרען נאָהענט באַפריינ־דעט מיט דעם באַריהמטען רעפאָרמירטען גייסטליכען פון דער שווייץ, ווינע, איינער פון די וועניגע מענשען, וועמען ער האָט זיין גאַנצען לעבען ניט אויפגעהערט צו עהרען. איהם האָבען אין דער זעלבער מאָס אינטערעסירט ווינע'ס כאַראַקטער און זיינע פעהיג־קייטען. דער גייסטליכער איז געווען שטרענג און ערנסט פרום און אויך אַן אויסערגעוועהנליך שאַרפער און פיינער קריטיקער פון

דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. זיין התנצלות פאַר דעם קריס־טענטום און זיין פאַרשטעלען איהם אלס אן אמונה, אין וועלכער דער עיקר איז די „רוחניות", האָט געמאַכט אן איינדרוק אויף סעינט־בעוו, וועלכער איז בטבע געווען געניינט צו טעאָלאָגישע פראגען. ווען וויגע האָט באמערקט, אז זיין פריינד הערט איהם אוים מיט אזא כונה, האָט ער געדענקט, אז ער האָט איהם געמאכט פאַר א מאמין. אָבער סעינט־בעוו איז אוועק פון לאָזאן א ניט־גלויביגער. נאָך א נסיעה איבער איטאַליען האָט ער זיך אומגע־קעהרט קיין פאַריז און האָט זיך דאָרט ווידער אָפּגעגעבען מיט זיין טעטיגקייט אלס קריטיקער. זיין ארבייט איז יעצט געווען בעסער ווי ווען עס איז פריהער, מיט דעם אונטערשייד, וואָס אַנשטאָט די פריהערדיגע פּאָלעמיק האָט ער זיך יעצט אָפּגעגעבען מיט דערקלע־רען די שרייבער, וואָס ער האָט באהאנדעלט, און מיט באלעהרענדע ארטיקלען וועגען דער ליטעראטור.

ער איז געוואָרען דער העכסט אנערקענטער קריטיקער פון דעם "Revue des deux Mondes", אן איינפלוסרייכער מענש אין דער הויכער געזעלשאַפט און אן אָנגענומענער גאסט אין די אריסטאָ־קראטישע סאַלאָנען. מען האָט זיך צו איהם פארהאַלטען ווי צו אן אונאָפּהענגיגען, אָבער פיינעם און בכבוד'יגען שרייבער. אין דער פּאָליטיק האָט ער באַלאנגט צום רעכטען פליגעל פון דעם צענטער. א דאַמע, מיט וועלכער ער איז געווען זעהר נאָהענט באַ־פריינדעט, האָט געזיכערט זיין שטעלונג אין דער בעסערער געזעל־שאפט. דאָס איז געווען מאַדאם ד'ארבואוועל, די שרייבערין פון עטליכע אנגענעמע אָבער מעלאנכאָלישע דערצעהלונגען; זי איז גע־ווען אן אלמנה פון א גענעראל און א פּלימעניצע פון גראף מאָלע, דעם הויפּט־מיניסטער. ווינטער־צייט פלעגט סעינט־בעוו פאַר־ברענגען זיינע פרייע שטונדען ביי איהר אין הויז אָדער ביי איהרע פריינד און זומער־צייט פלעגט ער קומען צו־גאַסט צו איהרע קרובים אין דאָרף. ער איז געוואָרען א פריינד און א ליטעראַרישער בעל־יועץ פון גראף מאָלע און ער האָט זיך אָנגענומען פאַר דעם צד פון דעם דאָזיגען געבילדעטען פּריץ און אָנהענגער פון דער קלאַסישער שולע געגען זיינע אייגענע אַמאָליגע חברים, די ראָמאַנטיקער, ווען

יענע האָבען ארויסגעצייגט, אַז זיי פעהלט געשמאַק און טאַקט.*) אין דעם יאָהר 1844 איז ער מיט דער הילף פון די מאָנאַרכיסטען און די קלאַסיקער אויפגענומען געוואָרען אין דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע אָהן דעם אומ'כבוד פון אַ פריהערדיגען דורכפאַל, ווי עס פּאַסירט געוועהנליך מיט אַנדערע. מאַדאַם זשיראַרדען, זיין פעהיגע געגנערין, האָט איהם אין פאַרבינדונג מיט דער דאָזיגער פּאַסירונג ביטער אַטאַקירט. (Lettres parisiennes, 14, 170). דער קבלת־פּנים פון דעם אַמאָליגען ראָמאַנטיקער אין דער אַקאַדעמיע איז געוועזן באַזונדער פּיקאַנט מיט דעם, וואָס וויקטאָר הוגאָ, וועלכער איז דריי מאָל דורכגעפאַלען איידער מען האָט איהם אריינגענומען, האָט דערביי געהאַלטען די באַגריסונגס־רעדע.

סעינט־בעוו האָט זיך אָבער געפיהלט אַזוי ווייניג געבונדען דורך זיין נייער געזעלשאַפטליכער סביבה, ווי דורך זיין פריהערדיגער. די רעוואָלוציע פון 1848 האָט די דאָזיגע געזעלשאַפט צעוואָרפען און ווען די זיגרייכע רעפובליקאַנער האָבען איהם מיאוס באַליידיגט דורך אַ שמוציגע קלאַגע, האָט ער זיך דערפיהלט מעהר איינזאַם, ווי ווען עס איז פריהער**). ער איז צום צווייטען מאָל אַוועק פון פראַנקרייך, האָט זיך באַזעצט אין ליעזש (בעלגיען), וואו ער האָט געהאַלטען די פאָרטראַגען, פון וועלכע ער האָט אויסגעאַרבייט זיין בוך „שאַטאָבריאַן און זיין ליטעראַרישער גרופּע" (Chateaubriand et son Groupe litteraire.). דער אינהאַלט און דער טאָן פון די פאָרלעזונגען איז געוועזן זעהר באַליידיגענד פאַר דער מאָנאַרכיסטישער און קאַטוילישער פאַרטיי און דאָס האָט געמוזט זיין ווי אַ דאָרן אין זייערע אויגען. מען זעהט פון די פאָרלעזונגען, אַז סעינט־בעוו איז געוועזן זעהר ביטער אנטוישט.

מאַדאַם ד'ארבואוועל איז געשטאָרבען אין דעם יאָהר 1830

*) זעהט סעינ־בעוו'ס ארטיקעל וועגען דעם אויפנעם פון אלפרעד דע וויני אין דער אַקאַדעמיע און אויך אַ בריף, וואָס ער האָט אַליין געשריבען צו מאַדאַם הוגאָ וועגען דער זעלבער פּאַסירונג.

**) מען האָט איהם באַשולדיגט, אַז ער האָט באַקומען שוחד פון דעם געהיימען פאָנד פון דער רעגירונג פון לואי פיליפּ. עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעצייגט, אַז דער יסוד פון דער קלאַגע איז געווען, וואָס ער האָט באַקומען הונדערט פראַנק פאַר פאַרריכטען דעם אויווען אין דער מאַזארין ביבליאָטעק, פון וועלכער ער איז געווען ביבליאָטעקאַר.

און מיט איהר טויט זיינען אָפּגעריסען געוואָרען אַלע זיינע פּער־זענליכע פאַרבינדונגען מיט די אַלטע פּאַרטייען. די דעמאָקראַ־טישע און סאָציאַליסטישע נטיות, וואָס האָבען איהם צוגעצויגען צו אַרמאַן קאַרעל און די סעין־סימאָניסטען, האָבען איהם יעצט דערנעהנטערט צו דער צווייטער אימפּעריע. סעינט־בעוו, ווי די אַלע איבעריגע מענשען פון דעם דור פון 1830, מיט דעם איינ־ציגען אויסנאַם פון דעם דורך אַ קורצע צייט באַריהמטען, עהרלי־כען, אָבער אונבאַדייטענדען פּאָעט אגוסט באַרביעי, איז אויך ביז אַ געוויסער מאָס געווען באַאיינפלוסט פון דעם אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם פאַר נאַפּאָלעאָן. ער האָט באַטראַכט דאָס קייזערטום אַלס אַן אימפּעריאַליזם, וואָס איז געשאַפען געוואָרען פון פאָלק און איז געגען דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, און אין זיין באַריהמטען אַרטיקעל „לע רעגרעט״ (חרטות), פאַר וועלכען מען האָט איהם שטאַרק אַטאַקירט, טרעט ער אַרויס ניט נאָר מיט אַ דערקלערונג פון טרייהייט צו נאַפּאָלעאָן דעם דריטען, נאָר ער מאַכט אויך שפּאַס פון די אָרלעאַניסטען און די לעגיטימיסטען. ער איז געוואָרען אַ שטענדיגער מיטאַרבייטער אין דער "Le Constitutionnel", נאָכ־דעם האָט ער אַ צייט געשריבען פאַר דעם "Moniteur officiel". שפּעטער האָט ער זיך ווידער פאַרבונדען "Le Constitutionnel".

אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער געשריבען פאַר דער צייטונג פון דער אָפּאָזיציע "Le Temps". עס שיינט, אַז ער איז געווען באמת אויפריכטיג און ער פלעגט בייטען זיינע פּאָ־ליטישע איבערצייגונגען ניט צוליב פּערזענליכע נוצען. דעם מאָל, ווי אימער, האָט ער זיך פּשוט ניט ווילענדיג געלאָזט באַאיינפלוסען און דער פּועל יוצא איז געווען, אַז צוליב דעם האָט ער שפּעטער נעקענט טיפער פאַרשטעהן זאַכען און שאַרפער קריטיקירען. מיט דעם קייזער פּערזענליך פלעגט ער זעהר זעלטען קומען אין באַריה־רונג. פּאָליטיש איז ער געשטאַנען מיט דער „לינקער״ פּאַרטיי פון דער אימפּעריע. די פּרינצעסין מאַטילד און דער פּרינץ נאַפּאָ־לעאָן האָבען איהם באַהאַנדעלט ווי אַן אָנגעזעהענעם פריינד. ער האָט זיך מיט דער פריינדשאַפט פון דער פּרינצעסין באַנוצט אויף דעם שענסטען אופן, דורכפיהרענדיג זייערע גרויסע פּלענער פון אמת'ער צדקה־בסתר (פאַרבאָרגענע וואוילטעטיגקייט).

נאר אין דער דאזיגער לעצטער צייט פון זיין לעבען איז סעינט־בעוו’ן געלונגען זיין טאלאנט פול צו אנטוויקלען. דער טאלאנט פון א דיכטער, וועלכער איז ניט געניינט צו קריטיק, ווערט געוועהנליך אויף דער עלטער אפגעשוואכט, אבער א קריטיקער ווערט בכלל בעסער מיט יאהרען. סעינט־בעוו האט זיך פון יאהר צו יאהר, ביז צום סוף פון זיין לעבען, מעהר אנטוויקעלט. זיין ליבע צום ריינעם אמת, וועלכע איז לכתחילה געווען אזא נאטירליכער שטריך אין זיין כאראקטער ווי זיין ארבייטסזאמקייט, אבער וועלכע ער פלעגט איינהאלטען צוליב פארשיידענע טעמים, האט זיך יעצט אנגעפאנגען ארויסצוצייגען מעהר אפען און בולט און זיין פעהיגקייט צו ארבייטען איז געבליבען אזוי גרויס ווי אין זיין יוגענד. סעינט־בעוו האט אנגעשריבען כמעט פופציג בענדער און אין זיי איז ניטא קיין איין נאכלעסיגע שורה און זעהר זעלטען באגעגענט מען ביי איהם אומפינקטליכקייטען. אבער נאר אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען איז ער געווען מוטיג גענוג גאנץ פריי אויסצודריקען זיינע ווירקליכע איבערצייגונגען וועגען רעליגיעזע און פילאזאפישע פראגען. אלץ, וואס ער האט געשטיקט אין זיך זינט ער האט אין זיין יוגענד געשטודירט די פילאזאפען פון דעם אכצעהנטען יאהרהונדערט, האט ער יעצט פריי געמאכט. צוליב דעם, וואס ער האט ניט גענוג פארשטאנען באלזאק’ן, וועלכער איז געווען פיל רויהער פון איהם, און בעיל’ן, וועלכער איז געווען מעהר אריגינעל פון איהם, דארפען מיר ניט פארגעסען זיין פעסטקייט און זיין מוט, מיט וועלכע ער איז יעצט ארויסגעטראטען אלס דער פארטיידיגער פון דעם וואקסענדען דור פון די פראנצויזישע שרייבער, אפילו פון אזעלכע שרייבער ווי פלאבער און די ברידער גאנקור, וועמען ער האט ניט אינגאנצען פארשטאנען. מיר דארפען אויך ניט פארגעסען, אז ער האט זיך אפגעזאגט פון שרייבען אן ארטיקעל וועגען נאפאלעאן’ס “Vie de César” („דער לעבען פון צעזאר”) און אז אין סענאט האט ער זיך אויסגעצייכענט אלס דער איינציגער אבער פעסטער געגנער פון דעם קלעריקאליזם.

אין מערץ 1867 פארטיידיגט ער רענאן און זיין בוך “Vie de Jésus” („דער לעבען פון יעזוס”). אין יוני פון דעם זעלבען יאהר, ווען מען האט פארגעשלאגען, אויף א סמך פון א קלאגע פון די

יחסנים פון דער שטערטעלע סעין־ענטיען, אז מען זאָל אויסשליסען פון די עפענטליכע פאָלקס־ביבליאָטעקען אַלע ביכער, וועלכע גע־פעלען ניט די גלחים, צווישען זיי די ווערק פון וואָלטעיר, ראַבעלעי א. א. וו., איז ער געווען דער איינציגער מיטגליד אין דעם מה־יפית־דיגען, פון די גלחים באהערשטען סענאַט, וועלכער איז מוטיג ארויס־געטראָטען פאר דער פרייהייט פון געוויסען און פון פאָרשונג און האָט ווארים פארטיידיגט דעם כבוד פון דער פראנצויזישער ליטע־ראַטור. די סטודענטען, וועלכע האָבען איהם אויסגעפייפט אין דעם יאָהר 1855 פאר זיין אָנשליסען זיך אָן דער אימפעריע, האָ־בען יעצט איהם באעהרט מיט א דעפוטאַציע און מיט א ברכה פאר זיין געזונד. די ליגנערישע מעשות, וואָס די קלעריקאַלע פרעסע האָט וועגען איהם פארשפרייט, ווען ער האָט דעם הייליגען פרייטאָג (א מין קריסטליכער תענית) אין דעם יאָהר 1868 צופעליגערווייזע געהאַט א שטיקעל סעודה מיט זיינע פריינד ביי זיך אין דער היים, האָבען איהם פאָרגעשטעלט אַלס אַן אמת'ען אנטיכריסט (א לעגענ־דאַרער געגנער פון קריסטענטום), אַלס א ניי־געבאָרענעם וואָלטעיר, און ווען ער איז אין מאַי פון דעם יאָהר 1869 מיט זיינע לעצטע כחות, מיט א שוואַכער שטימע, אָבער מיט גרויס מוט ארויסגע־טראָטען אין סענאַט צו פאַרטיידיגען די פרייהייט פון דער פרעסע און געגען דעם פאָרגעשלאָגענעם געזעץ וועגען די קאַטוילישע אוני־ווערסיטעטען, איז זיין נאָמען געוואָרען דער באַנער, דער סימבאָל, ארום וועלכען עס האָבען געקעמפט די פריינד פון פרייען געדאַנק. אין יאַנואַר 1869 האָט סעינט־בעוו איינגאַנצען אָפּגעבראָכען מיט דעם קייזערטום. נאָך א פיר־יאָהריגער קראַנקהייט, פון וועלכער ער האָט שרעקליך, אָבער מיט אויסערגעוועהנליכער סבלנות, גע־ליטען, איז ער אין אָקטאָבער פון דעם זעלבען יאָהר געשטאָרבען.

סעינט־בעוו האָט צוליב זיין אויסערגעוועהנליך פיהלענדען כאַראַקטער דורכגעמאַכט א גאַנצע רייהע רעליגיעזע, ליטעראַרישע און פּאָליטישע וואַנדלונגען. זיי זיינען געווען די שול, וואָס ער האָט געמוזט דורכגעהן אום צו ווערען דער גרינדער פון דער מאָדער־נער קריטיק. טראָץ דעם, וואָס ער האָט אַזוי פיל מאָל געענדערט זיינע איבערצייגונגען, קענען מיר זיכער זאָגען, אז ער איז געווען עהרליך. פערזענליכע אינטערעסען האָבען אין וויכטיגע אנגעלע־

גענהייטען געקענט האָבען אַ גאַנץ קליינע ווירקונג אויף אַ מענשען מיט אַזאַ אמת'דיגע נאַטור, ווי די, וועלכע צייגט זיך ארויס אין זיינע שריפטען. דער אמת און די עהרליכקייט זיינען, ווי פראַנקלין זאָגט, ווי פייער און פלאַם, וועלכע האָבען אַ געוויסען נאַטירליכען גלאַנץ, וואָס מען קען מיט פאַרבען ניט איבערגעבען.

.31

סעינט-בעוו און די מאָדערנע קריטיק.

סעינט־בעוו'ס גרעסטע איינהייטליכע שריפט, „פּאָרט ראָיאַל" (1840־1859), איז זעהר אַן אריגינעלע ארבייט. שוין אין די ערשטע יאהרען פון זיין קאריערע האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט דעם, וואס ער האָט ניט ליב געהאַט צו געהן אין די אויסגעטראָטענע ליטעראַרישע דרכים און מיט דעם ווארימען געפיהל פון די ראָמאַנטיקער פאַר רעליגיעזע התלהבות. דאס האָט באַאיינפלוסט סעינט־בעוו'ן ער זאָל מאַכען די געשיכטע פון דעם יאַנסעניזם אין פראַנקרייך אַלס די הויפּט־טעמע פון זיין בוך. דער יאַנסעניזם איז געווען אַ באַגייסטערטע, רוחניות'דיגע און טיפע פאָרמע פון פרומקייט, וועלכע — הגם זי האָט זיך אָנגעפאַנגען און האָט זיך ענטוויקעלט אויף דעם באָדען פון דעם קאַטוליזם—האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ פּערזענליכע, ד. ה. אפּיקורסישע, ליבע צום אמת, וועלכע ווירקט אויף אונזער געדאַנק מיט איהר ערנסטקייט און אויף אונזערע געפיהלען מיט דער העלדישקייט, מיט וועלכער זי האָט באַגעגענט פאַרפאָלגונגען און אונטערדריקונג. דער יאַנסעניזם, ווי זיין געשיכטע „פּאָרט ראָיאַל", דערגרייכט זיין העכסטע שטופּע אין דער פּערזאָן פון פּאַסקאַל, וועמעס שוואַכע אויסגעדאַרטע פיגור, אַלס זיין פאַרקערפּערונג, איז אַ מערקווירדיגער קאָנטראַסט צום פולבלוטיגען, געזונטערען און מעהר מיושב'דיגען דייטש, וועלכער האָט אין אַ שכנה'שער לאַנד מיט הונדערט יאהר פריהער אָנגעפיהרט זעהר אַן עהנליכען, אבער מעהר ערפאָלגרייכען קאַמף געגען דער אונטערדריקונג פון די קאַטוילישע גייסטליכע.

סעינט־בעוו האָט געהאַט אַלע אייגענשאַפטען, וועלכע זיינען נויטיג פאַר אַ היסטאָריקער פון דעם יאַנסעניזם. ווען ער האָט גע־

שריבען „פּאָרט־ראָיאַל" איז ער ניט געוועזען קיין גלויביגער, אָבער פריהער איז ער עס יא געווען, אדער ער האָט געדענקט, אז ער איז עס געווען. זעלטען ווען א מענש קען זיך פארהאלטען קריטיש צו זיינע אייגענע אנשויאונגען און ניט ווייניגער זעלטען איז עס מעג־ליך פאר אונז צו פארשטעהן דאס, אין וואס מיר האָבען קיינמאָל ניט געגלויבט. אמבעסטען פארשטעהען מיר אונזערע אַלטע אַנ־שויאונגען, פון וועלכע מיר האלטען ניט מעהר. ווען איינער איז אין ספק אויב סעינט־בעוו האָט פארשטאנען דעם אמת'ן גייסט פון די מיטעלאלטערליכע געפיהלען, די שטרעבונג צו פארלאזען די וועלט, דעם קאמף פון דער צובראכענער נשמה מיט דער נאטור און איהר ווענדען זיך, פול מיט דעם געפיהל פון תשובה, צום חסד אין הימעל; אויב איינער איז אין ספק, אויב ער האָט געהאַט א השגה וועגען דעםווירקליכען גייסט, מיט וועלכען עס זיינען דורכ־געדרונגען די דרשות און די טעאָלאָגישע מאמרים; וועגען די הערצער, וואָס קלאַפּען אונטער די קליידער פון די מאָנאַשקעס; וועגען דעם טיפען גלויבען און יראת־שמים, וועגען די האָפנונגען און די שטרעבונגען, דער מיסטעריעזער באגייסטערונג און דער הייליגער התלהבות, וואָס האָט באהערשט יענעם הייליגען שטיקעל ערד, זאָל דער בעל־ספק דורכלייענען בלויז די ערשטע צוויי טיילען פון סעינט־בעוו'ס ווערק, ביז דעם קאַפּיטעל וועגען פּאַסקאַל, ווען עס איז לייכטער צו פארשטעהן דערפאַר, וואָס זיין פערזענליכ־קייט איז זעהר גרויס און ער איז שוין געווען גוט באקאנט. זאָל ער זיך באקאנען מיט די צוויי מייסטערהאפטע פארטרעטען פון די הייליגע פראנסוא־דע־סאַל און סען־סיראַן און באטראכטען ווי מיט דער הילף פון בריף, פון איבערגעגעבענע געשפרעכען, און עטליכע מאמרים און דרשות איז סעינט־בעוו'ן געלונגען צו שאפען צוויי גע־שטאַלטען, וועלכע זיינען אזוי נאטירליך און אזוי מענשליך, אז זיי שטעלען אונז זיך פאר, ווי מיר וואלטען מיט זיי צוזאמען גע־לעבט. אָפּט דערמאָנט עס אונז, אז סעינט־בעוו האָט אנגעפאנגען זיין ליטעראַרישע קאַריערע אלס דערצעהלער. די סצענעס צווישען די אומשולדיגע איינוואוינערינען פון דער דאזיגער טויבען־שטיי־נעל, — דעם פרויען־מאָנאַסטיר, — האָבען אין זיך די לעבעדיג־קייט פון א גוט־געשריבענעם ראָמאַן, און סעינט־בעוו באַנוצט זיך־

מיט זיין איינבילדונגס־קראַפט בלויז צו באַשרייבען זאַכען; ער טראַכט קיינמאָל ניט אויס און ער פעלשט ניט.

דער חסרון פון דעם בוך באַשטעהט אין דעם, וואָס אין זיינע ערשטע טיילען, הגם די אינטערעסאַנטסטע צום לייענען, פעהלט אינגאַנצען דער היסטאָרישער סטיל. זיי דערמאָנען אונז צו אָפט, אַז דער שרייבער איז אַ געוועזענער פעליעטאָניסט. אין די ער־שטע טיילען באַנוצט זיך סעינט־בעוו מיט פּאָרט־ראָיאַל פּשוט אַלס אויסגאַנגס־פּונקט. דער אַלטער מאָנאַסטיר איז פאַר איהם ווי אַ פעסטונג, פון וועלכער ער מאַכט אַלע מאָל אַלץ נייע איבערפאַלען; ער געפינט אויס פּאַראַלעלען און אַנטדעקט אַנאַלאָגיען אַמאָל אין דער ליטעראַטור און אַמאָל אין ווירקליכען לעבען. זיי זיינען אינטערעסאַנט, אָבער אָפט זעהר אָנגעצויגען. זיי פיהרען איהם צו אונטערזוכונגען ניט בלויז אין די ווערק פון אַזעלכע שרייבער ווי קאָרנעל, ראַסין, מאָליער, וואָלטעיר און וואַווענאַרג, נאָר אויך פון די מאָדערנע שרייבער, ווי לאַמאַרטין און זשאָרזש זאַנד. אין די שפּעטערע טיילען, וואו דער סטיל איז אַ רוהיגערער און איז מעהר היסטאָריש, באַמערקט זיך, פאַרקעהרט, אַז עס פעהלען די אינטערעסאַנטע הספּות; די טעמע איז צופיל אַ ספּעציעלע אום זי זאָל קענען לאַנג אינטערעסירען דעם לעזער, הגם זי איז באַאַרבייט מיט זעהר פיל ליבע.

הגם „פּאָרט ראָיאַל" ווערט באַטראַכט אַלס זיין הויפּט ווערק, שטעהט אָבער סעינט־בעוו פיל העכער אין דער לאַנגער רייהע ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען אונטער די נעמען Nouveaux Lundis און Causeries du Lundi וועלכע ענטהאַלטען די קורצערע אַר־טיקלען, וואָס ער האָט געשריבען אין די בעסטע יאָהרען פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע. די דאָזיגע אַרטיקלען וועלען נאָך לאַנג ניט ווערען פאַרגעסען. באַלד נאָך סעינט־בעוו'ס טויט האָט אָול־באַך וועגען זיי געשריבען:

„איך ווייס ניט, וויפיל פון די ליטעראַרישע אַרבייטען, מיט וועלכע מיר שטאָלצירען יעצט אַזוי, וועלען ניט פאַרלירען זייער ווערט מיט דער צייט; וועלען עס זיין איינציגע געדיכטע פון לאַ־מאַרטין און וויקטאָר הוגאָ? איינציגע ראָמאַנען פון באַלזאַק? איין זאַך איז אָבער זיכער: מען וועט ניט קענען שרייבען געשיכטע

ניט אָנקומענדיג צו סעינט־בעוו און ניט דורכלייענענדיג איהם פון אָנהויב ביז'ן סוף״.

סעינט־בעוו האָט צוויי סטילען אין שרייבען, א יוגענדליכען און מעהר מיושב'דיגען. אין זיינע יונגע יאָהרען, ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבען מיט שטודירען די ליטעראטור פון דעם 16טען יאָהר־הונדערט, פון וועלכער ער האָט, ווי די אַנדערע יונגע ראָמאַנטיקער, איבערגענומען פאַרשיידענע אויסדרוקען, האָט ער זיך אַזוי צוגע־וואוינט צו קלייבען פאָרזיכטיג זיינע ווערטער, צו פּוצען און באַ־ארבייטען זיינע זאַצען, אַז דאָס האָט געגען איהם ארויסגערופען א באַרעכטיגטע שטרענגע קריטיק, כאָטש ניט אַזאַ שאַרפע און סאַר־קאַסטישע, ניט פאַרדינטע, קריטיק, מיט וועלכער עס האָט זיך אויף איהם ארויפגעוואָרפען באַלזאַק, ווענען ער האָט צורייצט מיט זיינע איראָנישע ארטיקלען. ווען סעינט־בעוו האָט זיך גענומען צום זשורנאַליזם איז אָבער דער דאָזיגער צופיל געפּוצטער סטיל זיינער פאַרשוואונדען. ווי עס האָט באמערקט ליטרע: „נאָך דעם, ווי ער האָט זיך מתחיב געווען צוצושטעלען אַלע וואָך א פעליעטאָן, האָט ער מעהר קיין צייט ניט געהאַט צו צע'הרג'ענען זיינע אר־טיקלען״.

עס איז ניט לייכט צו כאַראַקטעריזירען אַזאַ סטיל, ווי סעינט־בעוו'ס אין זיין צווייטער פעריאָדע, וועלכער איז אַזוי בויגזאַם און שאַרף, ווי דער שטאָל פון אַ שווערד. ערשטענס איז ער אַזאַ, וואָס וואַרפט זיך ניט אין די אויגען. א לעזער, וועלכער איז ניט קיין מומחה אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, וועט קיינמאָל ניט באַ־מערקען ביי איהם דאָס, וואָס מען קען אָנרופען סטיל. די זאַצען קומען איינע נאָך די אַנדערע אַזוי ניט ריטמיש, אַזוי ניט געגרו־פּירט, אַזוי נאַכלעסיג, ווי עס מאַרשירען די זוואַווען*). מיר שטויסען זיך קיינמאָל ניט אָן אויף א מליצה'דיגען און זעלטען אויף א באַגייסטערטען אויסדרוק. זעהר זעלטען טרעפען מיר אָן אויסגעשריי ווי, למשל: „אָה, דיכטער!״ אָדער דאָס גלייכען. די שפּראַך פליסט ביי איהם ווי א רוהיג לויפענדער וואַסער. אָבער דער, וואָס לייענט איהם אויפמערקזאַם, ווערט אַנטציקט פון זיין

*) ווילדע סאָלדאַטען אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. — איבערז.

נאָבעלען אַטיציזם. דער טאָן איז ניט קיין שאַרפער, נאָר אַ גאַנץ רוהיגער און אַ ביסעל אַ סקעפּטישער. איך וועל ברענגען עטליכע ביישפּילען גענומען פון פאַרשיידענע ווערק זיינע:

„וואָס זשע איז דער יסוד פון זיין כאַראַקטער: פעסטקייט אָדער אומזיכערקייט? איהר דענקט אומזיכערקייט. איז אָבער אונטער דער דאָזיגער אומזיכערקייט ניטאָ קיין שטאַרקערער יסוד? איהר גלויבט אַז יאָ. איז אָבער ווידער אונטער דעם ניטאָ עטוואָס נאָך מעהר אומזיכערעס?"

ווי אָפט מוזען פּסיכאָלאָגען שטודירענדיג אַ מענשען'ס כאַראַקטער שטעלען די דאָזיגע פראַגען, אָבער וויפיל זיינען דאָ פּסיכאָלאָגען, וועלכע וואָלטען געקאָנט שטעלען די פראַגען מיט אַזאַ פיינער שאַרפקייט? דאָס, וואָס מען רופט משונה'דיגקייט אין סעינט-בעוו'ס סטיל איז אָפט בלויז אַן איבעררעאַשענדע בילדליכקייט; דאָך זיינען זיינע מעטאַפאָרען אימער אויסערגעוועהנליך פּאַסיג. אין איין שטעל, וואו ער באַשרייבט אַ באַריהמטען, אָבער שטרענגען און בייזען פּרעדיגער פון תשובה פון דעם 16טען יאָהרהונדערט, דערצעהלט ער אַז די צייטמענשען פון דעם דאָזיגען גייסטליכען האָבען איהם, צוליב זיין טרוקענער שטרענגקייט, פאַרגליכען צו אַ קוסט פון דערנער. שפּעטער, באַשרייבענדיג אַ מעכטיגען נאָבעלען אויפריהר פון צאָרן פון דעם זעלבען מאַן, באַמערקט ער דערביי:

„מען האָט איהם גערופען דער „דאָרנדיגער בוימעל" און „בוימעל אָהן בלומען". מען קען צוגעבען אַז צייטענווייז איז ער געווען ווי דער סנה, וועלכער ברענט און ווערט ניט פאַרברענט."

ווילט איהר הערען ווי דער הויכער סטיל דריקט אויס סאַטירע און שפּאָט? — ער כאַראַקטעריזירט די שפּראַך פון ניזאַר, וועלכער איז אַ געוויסע צייט געווען זיין ליטעראַרישער געגנער, און צווישען די זיס-זויערע שבחים שיסט ער איהם אריין אַזאַ באַמערקונג:

„איין געלעהרטער האָט ביי איהם געפונען קרעפטיגקייט און פילע געלעהרטע דענקען, אַז ער איז זעהר גראַציעז".

וועגען קוזען שרייבט ער:

„ער איז אַ האָז מיט אַן אָדלערישען קוק".

אַלס אַ ביישפּיל ווי זיין סטיל האָט זעהר גוט געקענט אויס-

גענוצט ווערען פאַר כאַראַקטעריזירען, נעמט די פאָלגענדע שטעלע
וועגען מוסעי:

„ער ווירקט אויף אונז ניט דורך אָנלעגען פאַרבען איינע אויף
די אַנדערע, נאָר דורך דער ווירקליכקייט, וועלכע ער שטעלט פאַר
אונז אָפט פאָר ווי דאָס שטויבעלע, וואָס איז אָט באַגאָלדט מיט די
שטראַהלען פון דער פריהמאָרגענדיגער זון און אָט פאַרשווינדט
עם פּלוצלונג פון אונזערע בליקען דורכגעלויכטען אויף אַ געטליכען
אופן".

און ווייל מען האָבען אַ ביישפּיל ווי מען קען מיט דעם דאָזיגען
מיושב'דיגען סטיל אויסדריקען כעס, זאָל מען דורכלייענען דעם
פאָלגענדען אויסצוג, וועלכער וואַרפט אויך אַ ליכט אויף דעם כאַ־
ראַקטער פון דעם שרייבער אליין. ער רעדט וועגען אַ בוך, פאַר
וועלכען די פולע פאַרזאַמלונג פון דער אַקאַדעמיע האָט אַנטזאָגט
צו געבען דעם פּרייז, וואָס די קאָמיסיע פון ספּעציאַליסטען האָט
פאַר איהם באַשטימט, דערפאַר וואָס די „אַטעאיסטישע" פּרינ־
ציפּען, אויף וועלכע דאָס ווערק איז געווען באַגרינדעט, האָבען ניט
געשטימט מיט דער דאַמאָלסדיגער אָפיציעל אָנערקענטער עקלעק־
טישער פילאָזאָפיע. סענט־בעוו זאָגט וועגען דעם:

„יאָ, עס עקזיסטירט ווירקליך אַ קליינער קלאַס רוהיגע, ניכ־
טערע פילאָזאָפען, וועלכע לעבען אויף זעהר ווייניג, אינטריגירען
ניט און זיינען אינגאַנצען פאַרנומען עהרליך פאָרשענדיג דעם אמת
און אַנטוויקלענדיג זייערע גייסטיגע כחות. זיי האַלטען זיך צוריק
פון וועלכער עס איז אַנדער ליידענשאַפט און זייער גאַנצער גע־
דאַנק איז פאַרנומען מיט די געזעצען, וועלכע הערשען אין דער
נאַטור; זיי הערען זיך צו און אונטערזוכען אַלע ערשיינונגען אין
דער נאַטור, אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך פאַר זיי די וועלט־
נשמה און די וועלט־אידעע. עס זיינען דאָ מענשען, וועלכע זיינען
אין הארצען סטאָאיקער, וועלכע שטרעבען זיך אָן צו טאָן גוטעס און
צו דענקען אַזוי ריכטיג און גוט ווי עס איז נאָר מעגליך פאַר זיי,
אפילו אָהן וועלכער עס איז האָפנונג אויף שכר פאַר זיך אין דער
צוקונפט, צופרידען מיט דעם, וואָס זיי שטימען מיט זיך אליין
און פיהלען זיך הארמאָניש מיט דער אַלוועלטליכער האַרמאָניע. —
איז עס אַנשטענדיג, — פרעג איך, — צו שטעמפּלען צוליב דעם

די דאָזיגע מענשען מיט א פּארהאַסטען נאָמען, צו פּארשטויסען זיי אויף דעם סמך פון דעם נאָמען, אָדער, אמבעסטען, צו דולדען זיי, ווי מען דולדעט געבאַפּטע זינדיגע און פּארברעכער? האָבען זיי דען נאָך אַלץ ניט פּארדינט צווישען אונז אַן אָרט, וואָס ווערט באַלויכטען פון דער זון? האָבען זיי דען ניט, אָה, איהר נאָבעלע עקלעקטיקער, מיט וועמען איך האָב דעם פּארגעניגען צו פּארגלייכען זיי, איהר, וועמען גאָט און לייט ווייסען אַלס מענשען מיט הויכע נשמות, וועלכע זיינען שטענדיג אינגאַנצען פריי פון פּערזענליכען אינטערעס, — האָבען זיי דען ניט דאָס רעכט לכל הפּחות צו פּארנעמען א גלייכען פּלאַץ מיט אייך אפילו בלויז צוליב דער ריינקייט פון זייערע לעהרען, דער עהרליכקייט פון זייערע פּניות און דער אונשולדיגקייט פון זייערע לעבענס? אַט דער לעצטער גרויסער פּראָגרעסיווער שריט, וועלכער פּאַסט זיך פּאַר דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט, וועט נאָך ווערען דערגרייכט, האָף איך, איידער איך וועל שטאַרבען”.

סענט־בעוו האָט אין דער קריטיק געמאַכט פּארשיידענע רעפּאָרמען.

ערשטענס האָט ער אונטער איהרע פיס געשאַפען א נייעם זיכערען באָדען, דעם באָדען פון געשיכטע און נאַטור־וויסענשאַפט. די אַלטע, זאָגענאַנטע פילאָזאָפישע קריטיק האָט באהאנדעלט יעדע ליטעראַרישע ארבייט ווי א זאַך, וואָס איז ארונטערגעפאַלען פון דעם הימעל, האָט זי באהאנדעלט אינגאַנצען ניט נעהמענדיג אין אנבאַטראַכט דעם מחבר אין האָט זי אריינגעשטעלט אין דעם אָדער יענעם צעטעל, היסטאָרישען אָדער עסטעטישען. סעינט־בעוו, שטודירענדיג א געוויסען ווערק, פלעגט, פּארקעהרט, אונטערזוכען זיין מקור; ער האָט פּארשטאַנען, אז הינטער דעם פּאַפּיר באַהאַלט זיך א מענש און ער האָט איהם געזוכט צו אנטדעקען. ער האָט געצייגט זיין אייגענעם דור און אויך די קומענדע דורות, אז קיין בוך, קיין היסטאָרישען דאָקומענט איז ניט מעגליך צו פּארשטעהן כּל־זמן מען האָט פריהער ניט דורכגעשטודירט דעם גייסטיגען צוּשטאַנד, וועלכער האָט זיי געשאַפען, כּל זמן מען האָט ניט אויסגעאַרבייט א פּאָרשטעלונג וועגען דער פּערזענליכקייט פון דעם מענשען, וועלכער האָט זיי געשריבען. נאָר דאַמאָלס ווערען די שריפ־

טען פאר אונז לעבעדיג, נאר דאמאלס באקומט די געשיכטע א לע־בעדיגען גייסט, נאר דאמאלס ווערט פאר אונז א קונסטווערק דורכ־זיכטיג פארשטענדליך.

אמשטארקסטען האט זיך סעינט־בעוו אויסגעצייכענט מיט זיין דורשט נאך וויסען, וועלכער האט קיינמאל ניט געקענט גענוג איינ־געשטילט ווערען. די אייגענשאפט זיינע האט זיך אויסגעדריקט אין א פארמע, וואס מען קען אנרופען וויסענשאפטליכע נייגעריג־קייט. זי האט באשטימט די ריכטונג פון זיין לעבען אפילו נאך איידער זי האט זיך אויסגעדריקט אין זיין קריטיק. לכתחילה איז זי געווען קוים צו באמערקען דערפאר, וואס שרייבענדיג וועגען זיינע צייטמענשען, ווי שאטאבריאן, לאמארטין, הוגא, אלפרעד דע־וויני און אנדערע, האט ער אנגעפאנגען מיט גרויסע שבחים, וועלכע ער איז שפעטער געווען געצוואונגען שטארק שוואכער צו מאכען און האט אויף אזא אופן דורכגעמאכט א פארקעהרטע באוועגונג פון טעאפיל גאטיעי, וועלכער האט אנגעפאנגען מיט שטרענגקייט און איז נאכדעם צובישלאכווייז אריבער צו שוואכע ווייכקייט. אבער עס איז מעגליך, אז אפילו זיינע ניט־קריטישע שבחים שטא־מען אויך פון קריטישע נייגונגען. זיינע גוזמא'דיגע שבחים זיינען געקומען פון דעם, וואס ער איז אלס יונגער מענש געשטאנען צו נאהענט צו די פערזאנען, וועמעס ווערק ער האט קריטיקירט, אבער דער דאזיגער פאקט אליין האט געשטאמט פון זיין נייגעריגקייט. נאך איידער ער האט עס באשטימט געוואוסט האט ער ניט־קלאר געפיהלט דעם גרויסען אונטערשייד צווישען ביכער און דאס לע־בען, און ווייניגער פון וועמען עס איז אנדערש איז ער געווען גע־נייגט צו גלויבען בלויז אויף זיין ווארט דאס, וואס א שרייבער דערצעהלט וועגען זיך, אדער אין דער ריכטיגקייט פון זיין געשטאלט, ווי ער מאלט איהם פאר די לעזער אין זיינע ווערק; ער האט גע־האט אן אומבאוואוסטען, נאטירליכען אינסטינקט פאר פארשונגס־ארבייט און א שארפען, טיפען אינטערעס פאר די איבערלעבונגען פון דער מענשליער נשמה; ער האט געשטרעבט אלץ אליין פאר זיך נאהענט צו באטראכטען, איז געווען גענייגט ניט אפצושטעלען זיך אויף קיין זאך, וואס איז אפיציעל אדער קאנווענציאנעל; ער האט אימער דירעקט געזוכט דעם באהאלטענעם אמת; די קליינע,

די אויבען־אויף ניט וויכטיגע פאַקטען, וועלכע ערקלעהרען אָפט זאַכען אמבעסטען. דאָס אַלעס האָט איהם געטריבען צו מאַכען פערזענליכע באַקאַנטשאַפטען, הגם ער אַליין האָט געגלויבט, אַז זיין הייסע ליבע צו אידעען האָט עס איהם אַזוי שטאַרק צוגעצויגען צו זייערע שעפער.

אָבער דאָ שטויסט זיך דער קריטיקער אָן אויף איינע פון זיינע גרעסטע שוועריגקייטען. ער ווייס דעם אמת בלויז וועגען די לע־בעדיגע, אָבער רעדען אָפען קען ער בלויז וועגען די טויטע. עס מאַכט, אָהן ספק, זעהר ניט קיין אַנגענעהמען איינדרוק ווען דער טויט פון אַ שרייבער ענדערט אינגאַנצען דעם טאָן פון זיין קריטיק וועגען איהם, ווי, למשל, סעינט־בעוו'ם קריטיק וועגען שאַטאָבריאַן האָט זיך געענדערט נאָך יענעמס טויט. זיין ערשטער אַרטיקעל וועגען שאַטאָבריאַן איז געוועזן לויטער בשמים. מען פיהלט, אַז ער איז געשריבען געוואָרען אונטער דעם דרוק פון דער געזעלשאַפט, צו וועלכער ביידע שרייבער האָבען באַלאַנגט. די געפיהלען פון כבוד און אַכטונג צו שאַטאָבריאַן, סענט־בעוו'ם סימפּאַטיע צו איהם און זייערע פּערזענליכע פאַרהעלטניסע צווישען זיך, די מורא פאַר אַנגע'ברוגז'דיגע שעהנע אויגען, די אונמעגליכקייט צו באַליידיגען אַזאַ ליבליכע דאַמע, ווי מאַדאַם רעקאַמיע, דורך אַ ניט־גינסטיגע קריטיק פון איהר היימישען אָפּגאָט — דאָס אַלץ האָט געווירקט, אַז זיין ערשטער קורצער אַרטיקעל וועגען שאַטאָבריאַן זאָל פאַר־וואַנדעלט ווערען אין אַ מגילה פול מיט באַגייסטערטע שבחים. זיין גרויסער בוך און שפּעטערדיגע אַרטיקלען וועגען איהם זיינען, פאַרקעהרט, דורכגענומען מיט אַן אמת'ער ליידענשאַפט צו מאַכען אַלץ צו נישט, אַרונטערצורייסען די מאַסקען.

אין זיין בעסטער פּעריאָדע האָט סעינט־בעוו דאָך געפונען דעם גאָלדענעם מיטעל־וועג. ער פאַלט ניט אַריין אין קיין התלהבות, נאָר ער דערקלעהרט. ער ווערט ניט באַגייסטערט פון יעדער זאַך און הערט אויף אַלץ צו דערקלערען דורך הויכע מאָטיוועז; ער זוכט אָבער אויך ניט קיין נידעריגע פּניות. ניט ער זינגט איהר קיין שבחים און ניט ער פאַרשוואַרצט די מענשליכע נאַטור. ער פאַר־שטעהט זי, און זיין שטענדינער צוזאַמענקומען זיך מיט אַלערליי

מענשען, זיינע אומאויפהערליכע קריטישע פאָרשונגען, זיין פיינער פראַנצויזישער חוש און זיין פאַריזער ערציהונג האָבען אויסער־געוועהנליך פאַרשאַרפט זיינע פסיכאָלאָגישע פעהיגקייטען. אין זיינע בעסטע ווערק דערמאָנט אונז די פילזייטיגקייט פון זיין געדאַנק אָן געטהע. מען פיהלט זיך אַמאָל גענייגט צו רופען איהם „חכם", און עס זיינען דאָ זעהר ווייניג קריטיקער וועמען מען קען אַזוי אָנרופען. ער ערלויבט זיך זעהר זעלטען צו ווערען פאַרבלענ־דעט אָדער אפילו באאיינפלוסט פון דעם, ווי דער עולם פאַרהאַלט זיך צום נאָמען פון געוויסע שרייבער, אָהן אונטערשייד צו דאָס איז אַן אויסדרוק פון כבוד, באַגייסטערונג אָדער פאַראַכטונג. ער שטודירט דעם שרייבער'ס יחוס, זיין געזונדס־צושטאַנד, זיין מאַ־טעריעלע לאַגע, די סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען אין זיינע יונגע יאָהרען, די געשיכטע פון זיין אַנטוויקלונג; ער כאַפּט אויף זיינע ניט־ווילענדיגע אויסדרוקען וועגען זיך אַליין, צייגט ווי זיי ווערען געשטיצט דורך זיינע אַנדערע אַנשויאונגען; דאָס אַלעס העלפט איהם צו ערקלעהרען זיין גאַנצע טעטיגקייט. ער באַשרייבט איהם אין זיינע דערהויבענע און ליכטיגע מאָמענטען און אויך זיין געוועהנליכען אינטימען לעבען. מיט זיין וואונדערבאַרער פעהיג־קייט צו „געפינען אַ נאָדעל אין אַ קופּע היי" אַנטדעקט ער דאָס, וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט באהאַלטען טיף אין זיין האַרצען. ער באַטראַכט מיט דער מיושב'דיגקייט פון אַ נאַטור־פאָרשער זיינע גוטע און שלעכטע נייגונגען צו זעהן וועלכע זיינען שטאַרקער. אויף אַזאַ אופן שאַפט ער אַן אמת'ען געשטאַלט, אָדער, ריכטיגער, אַ רייהע געשטאַלטען, וואָס יעדער איינער פון זיי איז אמת פאַר זיך, הגם זיי זיינען אין ווידערשפּרוך צווישען זיך. וואָרים גרויס ווי סעינט־בעוו איז אַלס קריטיקער מיידט ער דאָך אימער אויס איינע פון די גרעסטע שוועריגקייטען, געגען וועלכע די קריטיקער קומט אימער אויס צו קעמפען. די שוועריגקייט באַשטעהט אין דאָס פאָלגענדע: אַ געוויסענהאַפטער קריטיקער מוז, אַלס אַ כלל, דורכלייענען פיל מאָל, אין די פאַרשיידענע פעריאָדען פון זיין אַנט־וויקלונג, דאָס ווערק, וואָס ער דענקט צו דערקלעהרען און אָפּצר־שאַצען. ביי יעדען מאָל לייענען ווערט ער איבערראַשט פון עט־וואָס נייעס אין דאָס ווערק, און אַמענדע שטעלט עס זיך איהם

פאַר פון אזוי פיל פאַרשיידענע שטאַנדפונקטען, אז עס איז פאַר איהם אוממעגליך, אָהן א געוויסער אָנשטרענגונג, צו האַלטען זיך ביי איין שטימונג אָדער איין באַשטימטען שטאַנדפונקט. ווען ער האָט צו טאָן ניט מיט איין ווערק, נאָר מיט א הויך פּראָדוקטיווען שרייבער, וועלכער איז דורכגעגאַנגען פילע אַנטוויקלונגס־פעריאָדען, אָדער מיט א גאַנצער ליטעראַרישער שול, ווערט די שוועריגקייט צו שאַפען איין גאַנצעס בילד פון די פילע פאַרשיידענע איינדרוקען, וואָס ער האָט באַקומען אונטער גאַנץ פאַרשיידענע פסיכאָלאָגישע באַדינגונגען, פּראָפּאָרציאָנעל פיל גרעסער. א געביידע, וואָס מיר האָבען געזעהן בלויז איינמאָל, האַלב באַלויכטען פון דער זון און האַלב אין דעם שאָטען פון א שווערען וואָלקען, בלייבט אין אונזער זכרון קלאָר אין א געוויסער ליכט אונטער א געוויסען הימעל; אָבער א געביידע, וואָס מיר האָבען געזעהן אין אַלע שטונדען פון'ם טאָג און אין דער טונקעלער ליכט פון דער לבנה; האָבען זי באַטראַכט פון אַלע זייטען, פון פאַרשיידענע הויך־פּונקטען; און אזוי אָפט פון אינווענינג ווי פון דרויסען; אין וועלכער מיר האָבען געוואוינט און וואָס האָט זיך, מיט אונזער אייגענעם וואַקסען, אונז פאָרגעשטעלט אַלץ קלענער און קלענער — וועגען אזא געביידע איז שווער צו געבען איין גאַנצע, ריכטיגע פאָרשטעלונג. אָט די שוועריגקייט מיידט סעינט־בעוו אויס און גיט אונז אַלץ נייע באַשרייבונגען און באַטראַכטונגען וועגען די זעלבע פּערזאָנען און זייערע ווערק לאָזענ־דיג צום לעזער צו מאַכען זיינע אייגענע אויספיהרונגען. ער האָט געהאַט א גוטע אורזאַכע אויסצוקלייבען אַלס מאָטאָ פאַר א סעריע פון זיינע ווערק די ווערטער פון סענאַק דע־מעלאַן: “Nous sommes mobils et nous jugeons des êtres mobils.” („מיר ענדערען זיך אַליין און מיר טראַכטען וועגען זאַכען, וואָס ענדערען זיך”).

דעם לעצטען טייל פון דעם אויסדרוק, נעמליך, דעם געדאַנק, אז יעדער מענש, וועמען מיר באַהאַנדלען, האָט זיך געענדערט, האָט זיך כסדר אַנטוויקעלט, האָט סענט־בעוו בעסער פאַרשטאַנען איידער ווער עס איז פריהער פאַר איהם. ער ענדערט זיין טאָן ניט נאָר דאַן, ווען ער ענ־דערט זיין טעמע, נור אויך ביי יעדער ענדערונג אין דעם כאַראַקטער פון די פּערזאָנען, וועגען וועלכע ער רעדט. דאָס געהט ביי איהם אזוי וויט, אַז זיין בויגזאַמער טאַ־

לאנט פאנגט אן נאכצומאכען אלע נשמה באוועגונגען, וואס זיי־נען פארגעקומען אין איין און דער זעלבער פערזענליכקייט דורך דער צייט פון איהר אנטוויקלונג*). דערפאר ענדערט זיך זיין סגנון, ווי נאר עס ענדערט זיך דער כאראקטער וואס ער באהאנדעלט. דא איז ער א ביאגראף און אט איז ער א קריטיקער; אויף וויפיל דאס איז נור מעגליך, שטאפט ער אן זיינע זאצען מיט אויסגע־רינגעלטע דערקלעהרונגען און באגרינדונגען; ער ברויכט צוזאמען א מאסע פראזען, וואס שוואכען אפ איינע די אנדערע, טעכנישע ווערטער, וואס זיינען פארבונדען מיט א גאנצע רייהע געדאנקען און זכרונות און אונבאשטימטע אויסדרוקען, וואס קענען מיינען מעהר וויפיל ער דענקט צו זאגען; ווארום הגם סעינט־בעוו באַ־וועגט זיך אין דעם תהום פון א מענשען'ס לעבענסגעשיכטע מיט דער זיכערקייט כין א וואסער־קריכער, וועלכער זעהט דורך דאס וואסער די געוויקסען אויף דעם באדען פון דעם ים, האט ער דאך ליב צו שרייבען, צוליב פילע אורזאכען, מיט א געוויסער מאס אונבאשטימטקייט וועגען דעם, וואס ער זעהט. ווען ער שרייבט וועגען פערזאנען, וואס לעבען נאך, פועל'ט ער ביי זיך בלויז דורך א וואונק צו באריהרען זייער פריוואטען לעבען, און די טויטע האבען געוועהנליך יורשים און קרובים, וועלכע גיבען אכטונג מען זאל ניט אנריהרען דעם גוטען נאמען פון די פארשטארבענע.

---

*) די צוויי פאלגענדע שטעלען פון „פארט־ראיאל" אילוסטרירען קלאר וואס איך מיין. אין דעם ערשטען זאגט ער זיך גאנץ באוואוסט־זיניג און רוהיג אפ פון שאפען איין גאנצען כאראקטער פון די אנגע־ווארפענע בילדער פון דער זעלבער פערזאן. אין דעם צווייטען פרובירט ער זיך אין איין אויסדרוק כאראקטעריזירען אלע זייטען פון דער פערזענליכקייט: „יעצט געה איך איבער צו סען־סיראן, ווי ער איז געוועזן שוין א באשטימטער, א פאלשטענדיג ענטוויקעלטער כאראקטער; אלץ, וואס איך וועל ווייטער זאגען וועגען איהם איז ריכטיג. אויב עפעס פון דעם, וואס איז שוין געזאגט געווארען וועגען איהם פאסט איהם מעהר ניט, דארף מען עס פשוט אפווארפען אן א זייט, ווי ער פלעגט עס אליין אפווארפען ווען ער האט זיך אנטוויקעלט". — „מען קען פון דעם הער סען־סיראן, פארשטעהט זיך, אויסמאכען א קאלוויניסט, אבער בלויז מיט דעם תנאי ווען מען מאכט פון איהם א סך לעבעדיגע טיילען".

סעינט־בעוו שטעלט זיך דעריבער בכלל צופרידען מיט דעם, וואָס ער גיט בלויז צו פארשטעהן, אז ער ווייס א סך זאכען, וועגען וועלכע ער וויל ניט ריידען.

ווען סעינט־בעוו איז געוואָרען עלטער איז ער געוואָרען מעהר דרייסט און מעהר וויסענשאפטליך אין זיינע פּסיכאָלאָגישע פאָר־שונגען. אין דעם פאלגענדען אויסצוג פון א בריף, וואס ער האָט געשריבען אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען (דעם 9טען מאי, 1863) צו א קריטיקער, וועלכער האָט צו איהם געהאט טענות פאר געוויסע דערנידעריגענדע באמערקונגען אין איינעם פון זיינע ארטיקלען, פארטיידיגט ער זיין רעכט אזוי צו האנדלען:

„קונסט, — און ספּעציעל אזא ריין אינטעלעקטועלע קונסט ווי קריטיק, — איז א געציינג, וואָס איז זעהר שווער צו געברויכען, און איהר ווערט איז אינגאנצען אפּהענגיג פון דעם ווערט פון דעם קינסטלער אליין. אויב מיר זיינען מסכים צו דעם געדאנק, איז עס ניט אבסאָלוט נויטיג פּטור צו ווערען פון דעם נאַרישען, היפּאָקריטישען מנהג צו אורטיילען א שרייבער ניט בלויז לויט זיינע ווירקליכע שטרעבונגען נאָר אויך לויט דעם אָנשטעל, וואס ער האָט געמאכט? בין איך, למשל, מחויב צו באטראכטען פאָנ־טעינ'ען בלויז אלס דעם גרויסען, גלענצענדען, נאָבעלען, עלעגאנטען און גאָטספארכטיגען מייסטער־קינסטלער און ניט אלס דעם היצי־גען, קליינליכען און סענזועלען מענשען, ווי ער איז ווירקליך גע־ווען? ... אדער לאָמיר ריידען וועגען אונזער יעצטיגען דור... אָט האָב איך, למשל, אפּגעוואוינט 35 יאָהר אין נאָהנעטער שכנות מיט ווילמ'ען, — מיט אזא גרויסען טאלאַנט, מיט אזא הויכען אינטעלעקט, וועלכער איז פשוט איבערפילט מיט גרויסמוטיגע, טאָלעראנטע, הומאַניטארע, קריסטליכע און ציוויליזירענדע גע־פיהלען, און איך זאָל ניט טאָרען באשרייבען די שמוציגסטע נשמה, די בייזסטע, רשעות'דיגסטע מאלפּע, וואס עקזיסטירט נאָר אויף דער וועלט? מוזען מיר ווירקליך האלטען אין איין אייביגען לויבען זיינע גרויסמוטיגע, הויכע געפיהלען, ווי עס טוען די מענשען, וואס דרעהען זיך ארום איהם? מוזען מיר דען באמת פיהרען פאר'ן נאָז זיך אליין און אויך אנדערע? זיינען דען שרייבער, היסטאָריקער און מאָראל־פּרעדיגער פשוט אקטיארען, וועמען מען

קען נים שטודירען אויסער ווען זיי שפּילען די ראָלען, וואָס זיי האָבען זיך גענומען? איז עס אונז ערלויבט צו קוקען אויף זיי בלויז דאַן, ווען זיי זיינען אויף דער ביהנע? אדער עס איז ער־לויבט, אויב מיר האָבען גענוג וויסען דערפאַר, דרייסט, אבער אויך פאָרזיכטיג אריינצושטעכען דעם אפּעראַציאָנס־מעסער אין די שפּאַלטען פון דעם פּאַנצער און אנצייגען אויף דעם, ווי שלעכט עס קומען זיך צוזאַמען דער טאַלאַנט מיט דער נשמה? מעג מען לויבען דעם טאַלאַנט און אין דערזעלבער צייט אנצייגען אויף די חסרונות פון דער נשמה, וואָס האָבען א ווירקונג אויף דעם טאַ־לאַנט גופא און אויף זיין שאַפענדער ארבייט? וועט די ליטעראַ־טור פארלירען דורך דעם א טייל פון איהר גלאַנץ? — גאַנץ מעג־ליך, אבער דערפאַר וועלען אונזערע ידיעות וועגען דעם מענשלי־כען גייסט פון דעם פיל געווינען".

דאָס איז, הייסט עס, דער ערשטער שריט פאָראויס — א פעסטען באָדען אונטער אונזערע פיס; ארונטער מיט דער פאָר־פיהרענדער אידעאַליזירונג! דער וויטערער שריט באַשטעהט אין דעם, אז די קריטיק, וואָס האָט זיך פריהער אפּגעגעבען מיט פאַ־נאַנדערגלידערען און פאַנאַנדערנעמען, ווערט ביי סעינט־בעוו'ן, אויף וויפיל זיין כאַראַקטער האָט אין דעם ניט געשטערט, אַן אַר־בייט פון ארגאַניזירען און פון בויען. זיין קריטיק שאַפט אַן אַר־גאַניזם, א לעבען, ווי די פּאָעזיע גופא טוט עס. זי צוברעקעלט ניט דעם מאַטעריאַל, איבער וועלכען זי ארבייט, אויף שטיינדלאַך אדער שפּענדלאַך, נאָר זי שטרעבט אויפצושטעלען פון איהם א געביידע. זי נעמט ניט פאַנאַנדער די מענשליכע נשמה איבערים־וויז אזוי, אז זי זאָל זיך אונז פאָרשטעלען בלויז ווי א שטיק טויטער מעכאַניזם, בלייבענדיג אָהן א השגה וועגען דעם, ווי זי זעהט אוים, ווען זי איז אין פולער באַוועגונג. ניין, ער צייגט אונז די מאַשין, ווען זי ארבייט; מיר זעהען דעם פייער, וואָס טרייבט זי, מיר הערען דעם טומעל, וואָס זי מאַכט, לערנענדיג דערביי דעם סוד פון איהר צוזאַמענשטעלונג.

א דאַנק אַט די רעפאָרמען, וואָס סעינט־בעוו האָט איינגע־פיהרט, איז די געשיכטע פון דער ליטעראַטור, וואָס איז פריהער געווען בלויז א תפל צו דער אַלגעמיינער היסטאָרישער וויסענ־

שאפט, פארוואנדעלט געוואָרען אין א וועגווייזער אין דער גע־שיכטע, ווארום אין די נאציאָנאלע ליטעראטורען געפינען זיך די אינטערעסאנטסטע און באלעהרזאמסטע מאטעריאלען, מיט וועל־כע די געשיכטליכע וויסענשאפט באנוצט זיך.

מיר האָבען שוין פריער געזאגט, אז סעינט־בעוו׳ס ארבייט אלס קריטיקער האָט איהם ניט אינגאנצען אפגעצויגען פון פּאָעטי־שער שאפונג. יעצט האָבען מיר א געלעגענהייט צו דערוויזען, אז זיין קונסט אלס קריטיקער, ווי ער האָט זי פּראקטיצירט אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען, אין דער פעריאָדע פון זיין העכסטער ענטוויקלונג, איז אריין אין דער ענגסטער פארבינדונג מיט דער מאָדערנער פּאָעזיע; ווארים אין דערזעלבער צייט, ווען די קריטיק איז געוואָרען אלאומפאסענד און סינטעטיש, איז די זעלבע אויסברייטונג פארגעקומען אין דער פּאָעזיע. די אורזאכע פון דער באוועגונג איז געווען די זעלבע אין ביידע פאלען; דאָס איז די פארשפּרייטונג פון דעם איינפלוס פון דער נאטורוויסענשאפט אויף דעם גאנצען מאָדערנעם אינטעלעקטועלען לעבען. אין אנ־פאנג פון דעם יאָהרהונדערט איז די פאנטאזיע באטראכט געוואָרען אלס דער עיקר אין פּאָעזיע. די פעהיגקייט פון דעם דיכטער אויסצוטראכטען זאכען האָט איהם געמאכט פאר א פּאָעט. ער איז ניט געווען געבונדען דורך דער נאטור און דער ווירקליכקייט און אין דער איבערנאטירליכער וועלט האָט ער זיך געפיהלט אזוי היימיש, ווי מיר פיהלען זיך אין דער רעאלער, ממשות׳דיגער וועלט. אין דעם דור פון 1830 ווערט דער דאָזיגער שטאנדפונקט אויסגעדריקט פון אזוינע דיכטער ווי נאָדיע און אלעקסאנדער דומא, ביי יעדען אויף זיין אייגענעם דרך. אָבער נאָכדעם, ווי דער ראָמאנטיזם האָט זיך צוביסלאכווייז אנטוויקעלט און איז געוואָרען רעאליסטיש, האָט די דיכטונג וואָס ווייטער אלץ מעהר אויפגע־הערט צו מאכען איהרע פאנטאסטישע נסיעות אין ליידיגען רוים אריין. זי האָט זיך מעהר אָנגעשטרענגט צו פארשטעהן זאכען איידער אויסצוטראכטען און דאָס האָט געשאפען אן ענגערע פאר־בינדונג צווישען דער פּאָעזיע און דער קריטיק. דער ראָמאן איז געוואָרען א באשרייבונג פון דעם לעבען פון דער מענשליכער נשמה, ער איז געוואָרען פסיכאָלאָגיש. די אויסגאנגס פונקטען

און די באשרייבונגען פון דעם דערצעהלער און דעם קריטיקער זיינען געוואָרען די זעלבע, נעמליך, די גייסטיגע אטמאָספערע פון א געוויסער פעריאָדע. די אויסגעטראַכטע אָדער די ווירקליכע כאַראַקטערען ערשיינען פאר אונז אין דער דאָזיגער אטמאָספערע. ד'ער דערצעהלער מאָלט און דערקלעהרט די מענשליכע האנדלונגען, דער קריטיקער באַשרייבט און דערקלעהרט די מענשליכע שאפונגען אוןביידע טוען עס אזוי, דאָס דער לעזער זאָל זעהן, אז די טאַטען און די שאפונגען זיינען א רעזולטאט פון ווירקליכער אָדער שיינבארער אונפארמיידליכקייט, — ווען געוויסע אינערליכע טענדענצען און נייגונגען ווערען געשטויסען און באאיינפלוסט פון אויסערליכע אומשטענדען. דער איינציגער פונדאמענטאלער אונטערשייד צווישען זיי באשטעהט אין דעם, וואס דער דיכטער צווינגט זיינע כאראקטערען, וועלכע זיינען אויסגעטראכטע, הגם זיי זיינען געשאפען געווארען פון לעבעדיגע מוסטערען, צו ריידען און צו האנדלען לויט ווי עס פאָדערען די געוויסע אָנגעגעבענע אומשטענדען, אָבער דער קריטיקער איז אינגאנצען געבונדען פון פאקטען און זיין פארשטעלונגסקראפט מוז זיך באגרענעצען מיט איבערגעבען די פסיכאָלאָגישע באדינגונגען, וואס האָבען ארויסגערופען און באאיינפלוסט די ווערטער און די האנדלונגען, וואָס ער באשרייבט. ביי דעם דערצעהלער זיינען די האנדלונגען א פועל־יוצא פון דעם כאראקטער, וואס ער האָט באמערקט אין לעבען. דער קריטיקער זוכט פעסטצושטעלען א מענשענס כאראקטער אויף דעם סמך פון זיינע ווערק.

די קריטיק, אין דעם זין פון דער פעהיגקייט פון א מענשען צו באפרייען זיך פון זיין אייגענער נאטירליכער באגרענעצטקייט מיט דער הילף פון א ברייטען און אַלזייטיגען שטודיום, וואס רופט אין אונז ארויס ברייטערע און אַלזייטיגערע סימפאטיען, איז די אייגענשאפט, מיט וועלכער עס האָבען זיך אויסגעצייכענט אלע גרויסע שרייבער פון דעם נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט. פון דעם שטאנדפונקט האָט עס עמיל דע־מאָנטעגיו זי באטראַכט, ווען ער האָט זי אָנגערופען דער יונגסטער זשעניע, די סינדערעללא צווישען די גייסטיגע כחות.

„די קריטיק, — שרייבט ער, — איז די צעהנטע מוזע. זי

איז עס געווען געטהע׳ס געהיימע כלה; זי האָט עס פון איהם גע־מאכט צוואַנציג דיכטער. וואס, אויב ניט די קריטיק, איז דער יסוד פון דער דייטשער ליטעראַטור? וואָס זיינען די ענגלישע דיכ־טער פון אונזער אייגענער צייט? — באַגייסטערטע קריטיקער. וואָס איז געווען דער נאָבעלער לעאָנאַרדי פון איטאַליען? — א פייער־דיגער קריטיקער. צווישען אַלע מאָדערנע פּאָעטען זיינען נאָר צוויי, בייראָן און לאַמאַרטין, ניט געווען קיין קריטיקער, און דער־פֿאַר האָט זיי ביידען געפעהלט אַלזייטיגקייט און פאַרשיידענאַר־טינקייט און זיי זיינען געוואָרען אזוי מאָנאָטאָן.״

ווען מיר באַטראַכטען די קריטיק אין א ברייטערען זין, אין דער פּולער מיינונג פון דעם וואָרט, פאַלט אַרונטער אויך די לעצטע באַגרענצונג. וואָרים אין דעם זין פון א פעהיגקייט צו באַ־טראַכטען די עקזיסטירענדע ווירקליכקייט איז זי געווען א באַגייס־טערענדע מאכט פאַר אַלע גרויסע ראָמאַנטישע לירישע שרייבער פון דער עפּאָכע, פאַר בייראָן, ווי פאַר הוגאָ, פאַר לאַמאַרטין, ווי פאַר זשאָרזש זאַנד. פון דעם מאָמענט אָן ווען די פּאָעזיע הערט אויף אויסצושליסען אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט דעם לעבען און די אידעען פון דער צייט, פון דעם מאָמענט אָן ווען די לירישע דיכ־טער־ראָמאַנטיקער פאַרוואַנדלען זיך אין אָרגאַנען פון גרויסע אי־דעען, ווערט די קריטיק א באַגייסטערענדער פּרינציפּ אויך אין זייערע ווערק. זי האָט באַגייסטערט הוגאָ׳ס ״Les Chatiments״; זי האָט באַגייסטערט בייראָנ׳ס „דאָן זשואַן״. זי צייגט דעם וועג פאַר דעם מענשליכען געדאַנק. זי פלאַנצט בוימלאַך און צינדט אָן פאַקעלען אויף אָט־דעם וועג. זי שניידט דורך און ארבייט אויס נייע שטעגען. וואָרום נאָר די קריטיק רייסט אוים די בערג, — די בערג פון גלויבען אין אויטאָריטעטען, פון פאָראורטיילען, פון אידעענלאָזער מאכט און פון טויטע טראַדיציעס.

.32

די דראַמע: וויטע, דומאַ, דע־וויני, הוגאָ.

דער טריאומף פון דער ראָמאַנטישער שול אין דער לירישער דיכטונג, אין דעם ראמאַן און אין דער קריטיק איז שנעל געווארען פון אלעמען אנערקענט, אבער עס איז געווען איין צווייג אין דער ליטעראטור, אין וועלכער זי האָט ניט געקענט פארווירקליכען די דרייסטע דערווארטונגען, מיט וועלכע זי האָט אנגעפאנגען איהר קאריערע; דאס איז געווען דער צווייג, וואָס פלעגט, לויט די אלטע פרינציפען פון עסטעטיק (און וואס ווערט נאך, מערקוויר־דיג, בכלל, יעצט אויך) באטראכט ווערען אלס דער העכסטער; נעמליך, די דראמע. דערפאר, וואס די דראמאטישע קונסט איז געשעצט געווארען אזוי הויך, האָבען די ראמאנטיקער שטארק גע־פיהלט זייער פארהעלטניסמעסיג קליינעם ערפאלג אין איהר. די דראמען פון דער ראָמאַנטישער שול האָבען קיינמאָל ווירקליך ניט אויסגענומען ביים עולם, זיינען קיינמאָל ניט אריין אלס א טייל פון דעם באשטענדיגען רעפערטואר פון קיין טעאטער. וויקטאר הוגא'ס דראמען זיינען געווען פאָפולער בלויז אלס ליברעטען פאר איטאליענישע אָפעראס, מערימעי'ס דראמען זיינען קיינמאָל גאר ניט אויפגעפיהרט געווארען; די דראמען פון זשאָרזש זאנד און באלזאק האָבען בכלל געהאט בלויז דאס, וואס מען רופט א “Succès d’estime” און עס האָט געדויערט א לאנגע צייט, איי־דער צוויי־דריי קורצע דראמאטישע זאכען פון אלפרעד דע־מוסעי זיינען געשטעלט געווארען אויף דער ביהנע; אין דער זעלבער צייט האָבען די שטיק פון סקריב און זיינע מיטארבייטער געצויגען א גרויסען עולם אין די פראנצויזישע און אויסלענדישע טעאטערען.

דאך האָט די ראָמאנטישע שול געשאפען אין דער דראמא־טישער קונסט א סך וואונדערבארע זאכען.

דער ערשטער פארזוך צווישען די ראָמאַנטיקער צו שאַפען עטוואָס אויף דעם דראמאטישען געביט, איז געמאַכט געוואָרען פון וויטע, וועלכער האָט דורך די יאהרען 1826-1829 אנגעשריבען אַ רייהע „דראמאטישע סצענען", וואָס זיינען שפּעטער געדרוקט געוואָרען אין איין זאַמלונג אונטער דעם נאָמען „די ליגע". איהם איז ארויף אויף דעם געדאנק די אריגינעלע אידעע צו דראַמאטיזירען עפּיזאָדען פון דער פראנצויזישער געשיכטע, ניט צו־געבענדיג צו זיי קיינע אויסגעטראכטע סצענען. ער האָט זיין פאנטאזיע ערלויבט בלויז צו באַלעבען ווירקליכע היסטאָרישע פּאַ־סירונגען און ער האָט אין דעם געהאַט אַ מערקווירדיגען ערפאָלג. די אטמאָספערע פון וויטע'ס שאַפונגען איז געווען אין דעם לעבען פון דער לאַנגער פארגאַנגענהייט, וואָס ער מאָלט, און די געשפּרע־כען פון זיינע כאַראַקטערען, וואָס ער האָט גענומען פון דער גע־שיכטע פון דעם זעכצעהנטען יאהרהונדערט, מאַכען אַזאַ שטאַר־קען איינדרוק פון עכטקייט, אַז ווען מיר לייענען זיינע דראַמען, דוכט זיך אונז, אַז מיר לעבען דורך געשיכטע שטונדע נאָך שטונדע.

לודאָוויק וויטע (Vitet) איז געבאָרען אין פּאַריז אין דעם יאהר 1802, האָט דאָרט געענדיגט אַ נאָרמאַל שולע, האָט זיך באַ־טייליגט אַלס ליבעראַל אין די פּאָליטישע באַוועגונגען פון זיין צייט, איז געווען אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט “Aide toi—le ciel t'aidera” („העלף זיך אליין, וועט דער אויבערשטער דיר אויך העלפען"), און האָט, ווי מיר האָבען עס שוין דערמאָנט, געשריבען אין דער „גלאָב" אַלס אַ הייסער פּאַרטיידיגער פון דעם ראָמאַנ־טיזם. אַלע זיינע היסטאָריש־פּאָעטישע ווערק זיינען געשאַפען גע־וואָרען ווען ער איז געווען נאָך גאָר יונג, מיט דעם אויסנאַם פון אַ סעריע דראמאטישע סצענען, פיעל שוואַכער פון די אנדערע, וואָס ער האָט ארויסגעגעבען אין דעם יאהר 1849 אונטער דעם נאָמען „די אָרלעאַנישע מלוכה".

אין זיין לעבען זיינען ניטאַ קיינע אויסערגעוועהנליכע פּאַסי־רונגען. אין זיינע יונגע יאהרען איז ער געווען זעהר אַ נאָהענטער פריינד פון גראַף דושאַטעל. ווען די יולי רעוואָלוציע האָט איבער־געגעבען די מאַכט אין די הענט פון זיינע פריינד און דושאַטעל איז געוואָרען אַ מיטגליד פון גיזאָ'ס מיניסטעריום, איז וויטע באַשטימט

געוואָרען אַלס אינספּעקטאָר פון די היסטאָרישע מאָנומענטען אין פראַנקרייך, אַן אַמט, וואָס גיזאָ האָט ספּעציעל פאַר איהם געשאַ־פען. פון דאַמאַלס אָן האָט ער זיך אינגאַנצען אָפּגעגעבען מיט פּאָליטיק, איז אין דעם יאָהר 1834 געוואָרען אַ מיטגליד פון דעם דעפּוטאַטען־קאַמער, אין דעם יאָהר 1836 איז ער געוואָרען אַ מיט־גליד פון דעם שטאַאַט־ראַט און אין דעם יאָהר 1846 איז ער גע־וואָרען אַ מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע.

אַלס פּאָליטיקער איז ער געווען געטריי דער מאָנאַרכיע און האָט פאַרטיידיגט די עקזיסטירענדע מלוכה־אָרדנונג. פון דעם יאָהר 1851 ביז 1871 האָט ער זיך אינגאַנצען געהאַלטען פון דער ווייטענס פון די אָפיציעלע קרייזען און בלויז נאָך דער מלחמה האָט ער ווידעראַמאָל פאַרנומען אַן אָנגעזעהענע שטעלע אונטער טיער'ן. ער איז געשטאָרבען אין דעם יאָהר 1873.

וויטע איז אַן אויסגעצייכענטער ביישפּיל פון דער מאַכט פון דעם ערשטען שטוים פון אַ שטאַרקער קינסטלערישער באַוועגונג צו באַגייסטערען אַפילו אַזעלכע מחות, וואָס זיינען פון דער נאַטור ניט געניינט צו דער שאַפענדער קונסט. נאָך דעם יאָהר 1830 האָט ער אין דער ליטעראַטור פאַרנומען אַ וויכטיגען פּלאַץ בלויז אַלס געלעהרטער היסטאָריקער פון קונסט. ער האָט, אַגב, אָנגע־שריבען אַ ביאָגראַפיע פון דושאַטעל. זיינע ליטעראַרישע און היסטאָרישע אַרטיקלען זיינען אַזוי טרוקען און אַזוי לייענגווייליג, ווי מערימעי'ס.

דערפאַר גיט אונז אימער פאַרגעניגען נאָכאַמאָל אָבצושטעלען זיך אויף זיינע יוגענדליכע ווערק: Les Barricades, Les Etats de Blois און La Mort de Henri III. די הויפּט כאַראַקטערען טערען אין זיי, הענרי דער צווייטער, הענרי דער דריטער און עטליכע דורות פון די הערצאָגען גיז, זיינען געמאָלען מיט אַזאַ מייסטער־האַפטען סטיל, אַז מען קען זיי פאַרגלייכען מיט די העלדען פון שעק־ספּיער'ס גרויסע היסטאָרישע דראַמען (מיט'ן אויסנאַם, פאַרשטעהט זיך, פון די דראַמען „הענרי דער פערטער" און „ריטשאַרד דער דריטער"). די מאַניערען און די אידעען פון דער עפּאָכע ווערען פאַר אונז אַזוי קלאָר געמאָלען, דאַס מען פיהלט, אַז די מענשען פון יע־נער צייט גופא האָבען זיי ניט געקענט בעסער וויסען אָדער פאַר־

שטעהן. Les Etats de Blois איז אהן ספק דאס בעסטע צווישען יענע ווערק. אויב מען וויל זיך באקענען מיט דעם בעסטע, וואס וויטע האט געשאפען, דאט איך צו לייענען די סצענען, וואס באַ־שרייבען דעם מארד פון דעם הערצאג פון גיז. זעלטען האט א שרייבער געהאט א העזה אפצואווארפען אן א זייט אלע אנגענו־מענע כללים פון דיכטונג אין א היסטארישער דראמע אין אזא מאס. די פאסירונג ווערט פאר אונז פארגעשטעלט פיל מעהר לע־בעדיג און רעאליסטיש, איידער אפילו אין דעם אויסגעצייכענטען בילד פון דעלאראש, וואס ציינט אונז ווי העגרי דער צווייטער עפענט פארזיכטיג די טיהר און קוקט אריין אויף דעם קערפער פון זיין גרויסען שונא, וואס ליגט אויפ'ן דיל. וויטע צייגט אונז, ערש־טענס, דעם קעניג אין זיין צימער פיער אזייגער אין דער פריה טונקענדיג שפאנישע שפיזען אין הייליגער וואסער און ציטערנדיג דערלאנגענדיג זיי צו זיינע ליבלינגען, ניט האבענדיג דערביי אפילו דעם מוט אנצורופען זיין שונא'ס נאמען. נאכדעם קומט די סצע־נע אין דעם הערצאג'ס צימער, וואו זיין מוטער און זיין געליבטע בעטען זיך ביי איהם אומזיסט ער זאל ניט שטעלען זיין לעבען אין סכנה און זאל ניט געהן צו דער פארזאמלונג פון דעם ראט, וואס דארף פארקומען מארגען אין דער פריה. ווייטער זעהען מיר איהם אין דעם קאמער פון דעם ראט. עס פאלט אויף איהם אן עפעס א בייזער געפיהל; עס פאנגט אן געהן בלוט פון זיין נאז; ער האט פארגעסען זיין נאזטיכעל און ער שיקט א משרת עס ברענגען. די שאטלאנדישע וואך פארשטעלט דעם משרת נאריש דעם וועג, אבער זיי באגרייפען תיכף דעם טעות זייערען און דער הערצאג באקומט זיין נאזטיכעל. אבער ער איז אומרוהיג, — ער, דער גרויסער סאלדאט, וועלכער האט אזוי אפט זיך געשטעלט פנים אל פנים מיט געבלויזטע שווערדען, ניט יורענדיג בלייך דערביי. עס פאנגט איהם אן דרעהען אין קאפ, און ער פיהלט, ווי אין חלשות. דאס איז דערפאר, וואס ער האט נאך גאר ניט געגעסען; עס וועט איבערגעהן, אויב ער וועט עפעס עסען. ער עפענט אויף די שפייז־טאש (באנבאנער), וואס הענגט ביי זיין גארטעל, אבער זי איז ליי־דיג. ער שיקט עמיצען מען זאל איהם ברענגען אביסעל קאנפעק־טען און פרוכטען. אין דעם מאמענט קומט רעוואל ארויס פון דעם

קעניג׳ס צימערען און זאגט: „דער קעניג וויל ריידען מיט אייך, מיין הער!” די איבעריגע לאָרדען פון דעם ראט הערען אויף זייערע שמועסען צווישען זיך און ווארפען זיך איבער מיט זייערע בליקען. דער הערצאָג הייבט זיך אויף פון זיין אָרט; עס נעמט ביי איהם אביסעל צייט גוט אנצוטאָן זיין מאנטעל, וואס גליטשט זיך ביי איהם ארונטער פריהער פון איין אקסעל, נאָכדעם פון דעם צווייטען. אונבאוואוסטזיניג פּרובירט ער אפּהאלטען זיין ארויסגעהן, — ער איז צו שטאָלץ ביי זיך ניט צו זיין גרייט צו געהן, אפילו ווען דאס מיינט געהן צום טויט, און דאך מענשליך געננג אפּצוהאלטען זיך א ווײַלע אויף דעם שוועל פון טויט. ער מוז האָבען אַן אַנדער נאָזטיכעל, דאָס ערשטע איז פארפלעקט מיט בלוט; איינער פון די פארשווערער געהט ווידער ארויס און די איבעריגע בלייבען שטעהן, ווי אויף קויהלען. וויטע מאָלט די סצענע אויסערגעוועהנליך מייסטערהאפט. די אונרוהיגע שטימונג, דעם אומגעדולד, דעם אומבאוואוסטזיניגען געפיהל פון שאַנדע, וואָס באפאלט אונז פלוצלונג, ווען מיר ווארפען זיך מיט פארמאכטע אויגען אויף געפעהרליכסטע זאכען, כדי נאָר צו באפרייען זיך פון א וועהטאָגדיגער לעכערליכער לאַגע. דער שליח, וואס איז אוועק נאָך דעם נאָזטיכעל, זאמט זיך, און דער שטאָלצער גיז פארלירט זיין געדולד. מיט די ווערטער: „איך קען דעם קעניג לענגער ווארטען ניט לאזען”, געהט ער ארויס דורך דער טיר; ווען זי פארמאכט זיך הינטער איהם, שטעכען א טוצען אפיצירען אריין זייערע שפּיזען אין זיין קערפּער.

מען קען דאָ באמערקען, אז וויטע לאָזט זיך אריין אין איינצעלהייטען, וואָס מען קען ניט איבערגעבען אויף דער ביהנע. זייגע „דראמאטישע סצענען” זיינען געשריבען געוואָרען בלויז צום לייענען. צוליב דעם זיינען זיי אפילו ניט קיין עכטע דראמען. די דערקלעהרונג דערפון איז, אז וויטע׳ן מיט זיין גאנצען טיפען פארשטעהן פון דער געשיכטע האָבען געפעהלט די דיכטערישע לײדענשאפט און די קינסטלערישע פעהיגקייט צו שאפען. דערפאַר וואָס ער איז קיינמאָל ניט פעהיג צו אנטוויקלען פּאַטאָס, צו דערהייבען זיך צו א קלימאקס פון וואַנען מען זעהט אלע סיטואציעס אלס חכנות פאַר די ווייטערדיגע האנדלונגען און אין דער זעלבער צייט

אלס רעזולטאטען פון די פריהערדיגע, — האָט ער קיינמאָל ניט געקענט ווירקליך קינסטלעריש באארבייטען זיינע דראמען. עס שיינט, אז ער האָט געפיהלט א געוויסע קינסטלערישע אומרוהיג־קייט, א מורא צו מאכען די לייכטסטע ענדערונגען אין די היסטאָ־רישע פאקטען, א מורא ארויסצושטעלען צופיל זיין אייגענע פער־זענליכקייט. זיין אינדיווידואליטעט איז געווען ניט שטארק גענוג צו האָבען די העזה אויסצוגיסען קינסטלערישע מטבעות געשטעמ־פעלט מיט זיין אייגענער צורה. זיין ליטערארישע פּראָדוקטיווי־טעט האָט זיך אזוי פריה אָפּגעשטעלט דערפאר, וואָס די פאָרשטע־לונגס־קראפט, וואָס האָט געשאפען זיינע ווערק, איז געווען, הגם שטארק, ניט פריי גענוג, ניט גענוג אונאָפּהענגיג ניט ביים באַ־אָבאכטען און ניט ביים באארבייטען. זי איז אָפּגעהאלטען און געשטערט געוואָרען פון זיין געלערענטקייט, פון דעם שטויב פון די ארכיוועז. זיין שעהנער און היציגער פעיאזום איז געשטאנען, ווי אין א שטאל, צוגעבונדען אין א ביבליאָטעק.

עס וואָלט געווען א שאנדע צו ברויכען דעם זעלבען פארגלייך וועגען דעם ראָמאנטישען דיכטער, וועלכער האָט, נאָכפאָלגענדיג באלד נאָך וויטע, געמאכט א פארזוך צו דראמאטיזירען היסטאָרישע עפּיזאָדען און וועלכער איז אין פעברואר 1829, א יאָהר פאר וויק־טאָר הוגא, געוואָרען פּאָפּולאר דורך א היסטאָרישע דראמע, „הענרי דער דריטער און זיין הויף". דער דיכטער איז אלעקסאנדער דומא (געבאָרען אין 1803), א מאַן מיט א גלענצענדען, רייכען טאלאנט און טיטאנישע ענערגיע, וועלכער האָט ארויסגעצייגט די זעלבע פעהיגקייט פאר הערקולעסישע אויפגאבען אין דער ליטעראטור, ווי זיין פאָטער האָט עס ארויסגעצייגט אין מלחמה. פערציג יאָהר כסדר האָט ער ניט אויפגעהערט צו שאפען טראגעדיען, קאָמעדיען, ראָמאנען, קורצע דערצעהלונגען, רייזע באשרייבונגען און מעמואַ־רען. עס וואָלט געווען נאַריש צו שרייבען מיט א פאראכטענדען טאָן וועגען אזא גראנדיעזע שאפונגסקראפט, וועגען אזא אונגלויב־ליכע פּראָדוקטיוויטעט. אין זיינע ווערק קען מען באמערקען סימנים פון פראנצויזיש־אַפריקאנישען בלוט, די זאָרגלאָזע נאטור פון דעם קרעאָל און די היציגע תאוה'דיגקייט פון דער נעגערשער ראסע. מיט דער הילף פון פילע מיטארבייטער, אלע פיל ווענינער פעהיג פון

איהם, האָט דומאַ אָנגעפילט די ביהנען אין די טעאַטערע, האָט אָנ־געפּאַקט די פּאַליצעס פון די ביכער־הענדלער און האָט אויסגעפילט די אָפּטיילונגען פאַר פעליעטאָנען אין צייטונגען מיט די שאַפונגען פון זיין געדאַנק; די פּרעסען אין די דרוקערייען האָבען אָפּט גע־קרעכצט און געסקריפּעט אום ניט אָפּצושטעהן פון איהם אין זיינע אונאויפהערליכע שאַפונגען. עס פאַרדריסט נאָר איין זאַך, וואָס זיין איבער־פלעכליכער, „וועלטליכער" גייסט האָט איהם געשטערט ווירקליך צו אַנטוויקלען זיך. דומאַ איז געווען אַ קינסטלער בלויז אין דער ערשטער פעריאָדע פון זיין לעבען. אין דער ראָמאַנטישער עפּאָכע האָט ער געשריבען אין דעם ראָמאַנטישען גייסט; אין דער עפּאָכע פון אינדוסטריאַליזם איז ער אָנגעגאַנגען מיט זיין טעטיג־קייט אַלס מאַשין פון אַ פאַבריק.

אין זיין שטיק „הענרי דער דריטער און זיין הויף" איז איהם געלונגען דאָס, וואָס וויטע'ן איז ניט געלונגען צו שאַפען פון דעם זעלבען היסטאָרישען מאַטעריאַל, נעמליך, צו שאַפען אַ לעבעדיגע דראַמע, וואָס מען קען שפּילען אויף דער ביהנע; ער איז אָבער אין זיין דראַמע זעהר שוואַך אַרויסגעטראָטען געגען די קלאַסישע טראַ־דיציעס פון דעם טעאַטער. ער האָט גע'פועל'ט ביי זיך פאַרצושטע־לען אויף דער סצענע די אויסערליכע הויף־מנהגים פון דער עפּאָכע. אויף דער זעלבער ביהנע, וואו אין דעם משך פון צוויי יאָהרהונדער־טען פלעגט דער העלד און זיין פאַרטרויטע פּערזאָן פיהרען אַ גע־שפּרעך אָדער מיט הענט הענגענדיג ביי די זייטען אָדער מיט זייע־רע לינקע הענט אָנגעשפּאַרט אויף די הענטלאַך פון זייערע שווער־דען, איז אַרויסגעטראָטען אַ גאַנצע מחנה פון דעם קעניג הענרי'ס הויפמענשען מיט קוגעל־בעכער (די שפּיל „קוגעל־און־בעכער" איז געווען אַן ערפינדונג פון יענער צייט) און דורך דער צייט פון די פּויזען האָט דער זעלבער עולם פאַרבראַכט אַרויסבלאָזענדיג קליינינקע פיילען פון לאַנגע בלאָז־רעהרען. דאָך האָבען זיי אין אַלע אַנדערע זאַכען געפיהלט און גערעדט ווי די יונגע לייט פון דעם יאָהר 1828.

די פּסיכאָלאָגיע פון דומאַ'ס אַנדערע היסטאָרישע דראַמען ("Napoléon Bonaparte," Charles VII. chez ses grands vassaux א. אַז. וו.) איז ניט וועניגער אויבערפלעכליך. ערשט

שפּעטער, ווען ער איז געקומען צו אַן עפּאָכע, ווענעם גייסט ער האָט פאַרשטאַנען און וואָס ער האָט געקענט ליטעראַריש באַהער־שען, איז איהם געלונגען צו געבען אַזעלכע גלענצענדע בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי די, וואָס מיר געפינען אין די אינטערע־סאַנטע און העכסט דראַמאַטישע קאָמעדיעס „א חתונה ביי לואי דעם פערצעהנטען" און „גאַבריעלע פון דעם שעהנעם אינזעל", וואָס האָבען ביידע (ספּעציעל די לעצטע, מיט איהרע לייכט אי־דעאַליזירטע בילדער פון די מאַניערען און מנהגים אין דער צייט פון דעם רעגענט) אַן אמת'ן ליטעראַרישען ווערט. אָבער נאָך פריהער, אין דעם יאָהר 1831, איז עס אויסגעפאַלען אויף דומא ער זאָל פאָרשטעלען פאַר דעם יונגען דור ראָמאַנטיקער איינעם פון די כאַראַקטעריסטישע טיפּען אין וועמען זיי האָבען זיך אַליין דערקענט און וועמעס נאָמען זיי האָבען אָנגענומען פאַר זיך. ער האָט אָנגעשריבען „אַנטאָני" ("Antony").

מיט אַלע איהרע חסרונות איז אין דער שטיק דאָ אַזוינס, וואָס מאַכט זי בעסער איידער אפילו די בעסטע אַנדערע ווערק פון דומא. אין איהר איז דאָ מעהר וואַרימקייט, מעהר מענשליכער געפיהל איידער אין די אַנדערע. און די אורזאַכע פאַרוואָס, ניט אַכטענדיג אויף איהר גאַנצער נאַאיוויטעט, זי מאַכט אויף אונז אַ ווירקליך מעכטיגען איינדרוק, איז דאָס, וואָס דומא שטעלט אין איהר אויף דער ביהנע זיין אייגענעם „איך", זיך אַליין מיט זיין ווילדער ליידענשאַפט, מיט זיין יוגענדליכער התלהבות און מיט זיי־נע ריטערישע אינסטינקטען. אַנטאָני איז אַ העלד פון דעם יאָהר 1830 פון דעם זעלבען טיפּ, ווי אַלע העלדען פון הוגאָ — ער איז ברייט־פּלייציג; מיט האָר ווי די גריווע פון אַ לייב; ער איז באַ־גייסטערט און פאַרצווייפעלט אין דער זעלבער צייט; ער קען לעבען אָהן עסען און אָהן שלאָפען און איז יעדע רגע גרייט אריינצושיסען אַ קויל אין שאַרבען זיך אַליין אָדער עמעצען אַנדערש. אָבער די סענסאַציע, וואָס די שטיק האָט ארויסגערופען, איז געקומען פון דעם, וואָס דומא האָט געטאָן אַזוינס, וואָס הוגאָ וואָלט קיינמאָל ניט געטאָן; ער האָט, נעמליך, אָנגעגעבען אַלס די צייט פון די אַקטען דעם יאָהר 1830 און האָט זיין העלד אויף דער ביהנע אָנגעטאָן אין די זעלבע מלבושים, וואָס מען האָט אין

יענער צייט געטראָגען, אין דעם זעלבען שווארצען פראק, וואָס מען האָט געזעהען אויף די מענער צווישען עולם אין טעאטער. ביז דאמאָלס האָט דער ראָמאַנטיזם זיך פרייוויליג באַגרענעצט אויף דער ביהנע מיט דעם לעבען פון דעם מיטעלאַלטער. יעצט אָבער אין דער העלד ארויסגעטראָטען אָפען אלס מאָדערנער מענש.

אין דעם שפיל גופא איז דאָ א פארטיידיגונג פון דעם ראָמאַנ־טיזם. אין דעם פערטען אקט קומט פאָר א געשפרעך וועגען דעם ליטעראַרישען קאמף פון יענער צייט, אין וועלכען איינער פון די העלדען, א פאָעט, פארטיידיגט די ראָמאַנטיקער פאר נעמען זייערע טעמעס פון דעם לעבען פון דעם מיטעלאַלטער. ער זאָגט:

„די דראמע פון ליידענשאפט מוז אונבאדינגט זיין א היסטאָ־ריש שפיל. די געשיכטע גיט אונז איבער ליידענשאפטליכע האנדלונגען, וואס האָבען ווירקליך פאסירט. אויב מיר זאָלען אין אונזער יעצטיגער געזעלשאפט פרובירען אויפדעקען די הערצער, וואס קלאפען אונטער אונזערע מיאוס'ע קורצע, שווארצע פראקען, וואָלט די עהנליכקייט צווישען דעם העלד און דעם פובליקום גע־ווען צו גרויס. דער צושויער, וואס פאָלגט נאָך די אנטוויקלונג פון דער ליידענשאפט, וואלט וועלען זי אפשטעלען גראדע דארטען, וואו זי וואָלט זיך אָפגעשטעלט ביי איהם אליין. ער וואָלט א גע־שריי טאָן: „הערט אויף! דאס איז ניט אמת, איך וואלט אזוי ניט געהאנדעלט! ווען מיין געליבטע איז מיר ניט טריי טוט מיר, זיכער, וועה, אָבער מיר קומט קיינמאָל ניט אין קאָפ איך זאָל זי טויטען אָדער איך זאָל מאכען אן ענדע צו מיין אייגענעם לעבען.״ און דער אויסגעשריי געגען דער איבערטרייבונג און געגען דער מעלאדראמאטישער האנדלונג וואָלט פארטויבט די אפלאָדיסמענ־טען פון די געצעהלטע מענשען, וואָס פיהלען, אז די ליידענשאפטען פון דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט זיינען די זעלבע, ווי פון דעם זעכצעהנטען, און אז דאָס בלוט לויפט אזוי היים אונטער א קור־טוק, ווי אונטער א שטאָהלענעם פאנצער.״

מען קען זיך פאָרשטעלען וואָס פאר א דונערנדע אפלאָדיס־מענטען די קורצע רעדע האָט ארויסגערופען. אלע האָבען געוואלט צייגען, אז זיי באלאנגען צו די „געצייילטע מענשען״. ליידענשאפט איז דאָן געווען אין דער מאָדע און דער עולם האָט דורך היציגע

אפּלאָדיסמענטען באַוויזען, אַז ער איז ליידענשאַפטליך. אַנטאָני שטעלט מיט זיך ווירקליך פאַר אַ קאָנצערט פון צעווילדעוועטע ליידענשאַפטען, צו וועלכע עס איז שווער צו געפינען אַ גלייכען. נאָך עטליכע יאהר אַרומרייזען קעהרט זיך דער העלד אום צוריק קיין פּאַריז און געפינט זיין געליבטע פאַרהייראַט. ער ראַטעוועט איהר לעבען שטעלענדיג זיך אַליין אין סכנה — אָפּהאַלטענדיג איהרע צו־לאַזענע פערד. דער דייקסעל פון דער קאַרעטע צוקלאַפּט איהם זיין ברוסט און אַ פאַרוואונדעטען ברענגט מען איהם צו איהר אין הויז אריין. אַנטאָני איז אַן אונגעזעצליכעס, אונטערגעוואָרפענעס קינד — דערפאַר איז ער אַ געבאָרענער קעמפער און בונטאָוושטשיק געגען די געזעצען פון דער געזעלשאַפט:

„אַנדערע מענשען, — זאָגט ער צו זיין געליבטע, — האָבען אַ פאָטער, אַ מוטער, אַ ברודער; אַנדערע געפינען אָרעמס, וואָס עפענען זיך פאַר זיי מיט ליבע ווען זיי זיינען אין אַ צרה; איך האָב אפילו ניט קיין מצבה, אויף וועלכער מען זאָל קאָנען איבער־לייענען מיין נאָמען און זיך צואוויינען. אַנדערע מענשען האָבען אַ פאָטערלאַנד, אָבער איך האָב עס ניט, ווארים איך האָב ניט קיין אָפּשטאַמונג. אַלץ אויף דער וועלט איז פאַר מיר באַשטאַנען אין איין נאָמען, — אין דיינעם, — אָבער דעם נאָמען איז מיר פאַר־באָטען צו דערמאָנען.“

די געליבטע זיינע דערמאָנט איהם, אַז עס זיינען דאָ געזעל־שאַפטליכע פליכטען:

„רופט עס געזעצען אָדער רופט עס פאָראורטיילען, אָבער זיי זיינען דאָ און לויט זיי פיהרט זיך די וועלט.“

— „פאַרוואָס, — ענטפערט ער, — מוז איך זיך מיט זיי רעכענען? האָט מיך עמיצער ווען פאַרהיט פון אַן אומגליק? ווער פון די, וואָס האָבען די געזעצען געשאַפען, קען זיך באַריהמען, אַז ער האָט מיר ווען עס איז געטאָן אַ טובה? — דורך מיין גאַנצען לעבען האָב איך געליטען בלויז אומגערעכטיגקייטען און בלויז פאַר דעם האָס אין מיין האַרצען האָב איך צו דאַנקען דער געזעלשאַפט. די שאַנדע פון מיין אָרימער מוטער האָט מען אָפּגעשטעמפּעלט אויף מיין שטערן“.

אַדעל האָט אַנטאָני'ן ליב, אָבער זי וויל איהם אויסמיידען.

זי בלייבט נעכטיגען אין אַן איינפאָהר אויף אַ רייזע, וואָס זי האָט געמאַכט. אַנטאָני פאַרכאַפּט זי דאָרט אומגעריכטערהייט און נעמט זי מיט געוואַלד. אָבער אפילו נאָך דעם נידעריגען אַקט זיינעם הערט זי איהם ניט אויף צו ליבען. מיר טרעפען די פּאָרעל אין פּאַריז. די פּאַסירונג צווישען זיי ווערט באַקאַנט. מיר הערען ווי צבוע'קי־שע דאַמען, וועלכע האָבען זייערע געהיימע, פאַרבאָטענע ליבעס אין דער צייט, וואָס פאַר דער וועלט האַלטען זיי זיך אַזוי, אַז מען זאָל זיי אין גאָר ניט קענען חושד זיין, מאַכען אַ תל פון אַדעל'ס גוטען נאָמען. זייערע אָנפאַלען אויף איהר רופען אַרויס ביי ווירקליך עהרליכע מענשען אַטאַקעס פון פאַראַכטונג געגען דער געזעלשאַפט מיט איהר צבוע'צסטווע. אָבער די דראַמע קומט צום שלום. דער העלדינ'ס מאַן, דער אָבערשט ד'ערוועי, קומט אַהיים פון אַ רייזע; אומזיסט רעדט אַנטאָני איין אַדעל'ען זי זאָל מיט איהם אַנטלוי־פען; אין פּאָרצימער הערען זיך שוין די טריט פון דעם אָנקומענ־דען מאַן ווען דער געליבטער נעמט אַרויס זיין ראָמאַנטישען שפּיז און שטעכט איהם אַריין אַדעל'ען גלייך אין האַרצען, זאָגענדיג דער־ביי, אום צו ראַטעווען איהר עהרע, צום אַריינקומענדען מאַן: „זי האָט מיך צוריקגעשטויסען, האָב איך זי געטויטעט.“

ווען מיר לייענען דאָס שפּיל יעצט מאַכט עס אויף אונז דעם איינדרוק פון אַן אומעגליכען אונזין. עס דוכט זיך אונז, אַז מיר וואָלטען ניט געקענט קוקען אויף איהר אויף דער ביהנע אָהן אַ שמייכעל גראַדע ביי יענע שטעלען, וואָס דאַרפען אונז אַמשטאַרקסטען ריהרען. מיר קענען יעצט קוים פאַרשטעהן ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז דער געקליבענער עולם, וואָס האָט בייגעוואוינט די ערש־טע פאָרשטעלונג אין דעם יאָהר 1831, איז פון איהר געוואָרען ווילד באַגייסטערט, האָט משוגע אַפּלאָדירט, האָט געוויינט, געבליפּעט און ניט אויפגעהערט שרייען: „בראַוואָ!“ דאָס אויסגעצייכענ־טעם שפּילען פון באָקאַזש און נאָרי דאָרוואַל האָט פיל געהאָלפען דעם איינדרוק פון דער דראַמע. דומאַ דערצעהלט, אַז די ענטו־זיאַסטישע יונגעלייט, וועלכע האָבען צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסען טייל פון דעם פּובליקום, האָבען בוכשטעבליך אַרונטערגעריסען פון זיינע פּלייצעס דעם שעהנעם גרינעם סורטוק, וואָס ער האָט דאַן גע־טראָגען, און האָבען איהם צוריסען אויף שטיקלאַך צו באַהאַלטען

זיי אַלס אַנדענקונג. ווען מען זאָל אפילו די מעשה ניט אָננעמען אַלס בוכשטעבליך אמת, קען מען אָבער ניט צווייפלען, אַז צום התלהבות פון דעם עולם איז ניט געווען קיין גרענעץ. דאָס ער־קלעהרט זיך מיט דעם, וואָס מיר לאָכען קיינמאָל ניט פון אַ ווערק, אין וועלכען עס ווערען אויסגעדריקט אונזערע אייגענע שטימונגען און געפיהלען. אַנטאָני איז ניט געווען בלויז אַ פאַרקערפּערונג פון אומגעצאַמטער ליידענשאַפט און פון אַזאַ צערטליכקייט, וואָס מאַכט אַ מענשען נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון אַ מאָרד איידער צו דערלאָזען, אַז זיין געליבטע זאָל ווערען באַליידיגט און פאַראַכטעט; ער איז אויך געווען אַ מיסטעריעזער בייראָנ׳ישער יונגער העלד, וועלכער איז אויסדערוועהלט געוואָרען צו קעמפען אַנטקעגען די אומגערעכטיגקייטען פון דעם מזל און וועלכער איז גרעסער פון זיין אייגענעם שכל. אָבער שוין אפילו אין יענע צייטען האָבען ניט געפעהלט קיין קריטיקער, וואָס האָבען געזעהן די שוואַכקייטען פון דער דראַמע. באָקאַזש, וועלכער האָט געשפּילט אין דער ראָלע פון אַנטאָני, האָט די לעצטע ווערטער אין דער שפּיל באַטראַכט פאַר אַזוי נאַריש, אַז ער וואָלט זיי גערן גע־וועזן דורכלאָזען, אויב דאָס וואָלט מעגליך געווען. איין אָווענט האָט ער זיי ווירקליך דורכגעלאָזען און דער פאָרהאַנג האָט זיך אַרונ־טערגעלאָזען אָהן זיי, אָבער דער עולם האָט תיכף אָנגעפאַנגען שרייען און טומלען ווי משוגעים. זיי האָבען געפאָדערט ניט אַנ־דערש צו הערען די שלום־ווערטער. באָקאַזש איז שוין געווען אַרונטער פון דער ביהנע; מאַדאַם דאָרוואַל, וועלכע איז נאָך גע־לעגען אויף דער ביהנע אַ געטויטעטע, האָט גאַנץ רוהיג געהייסען אויפציהען צוריק דעם פאָרהאַנג, האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבען און האָט מיט אַ שמייכעל געזאָגט, ענדערנדיג די פּאָר ווערטער:

— „איך האָב איהם צוריקגעשטויסען און ער האָט מיך גע־טויטעט!“*)

בלויז איין שאַרפע סאַטירישע שטימע האָט זיך געלאָזט הערען אין דעם לאַגער פון די ראָמאַנטיקער. ווען מען לייענט אין דער

---

*) פילאַרעט שאַסעל, וועלכער האָט די סצענע בייגעוואוינט, האָט מיר דערצעהלט וועגען דער פּאַסירונג.

„געשיכטע פון דער דראמאטישער ליטעראטור" זשול זשאנען'ס אויסגעצייכענטע גרויסע קריטיק איבער „אנטאני", וואס איז אהן ספק דער בעסטער קריטישער ארטיקעל, וואס זשאנען האט אנגעשריבען, באמערקען מיר מיט פארגעניגען, ווי די משוגעת'ען פון דעם ראמאנטיזם ווערען צוקלאפט דורך שפאט.

אויב „אנטאני" קאן באצייכענט ווערען אלס דער היסטעריקע־אנפאל פון דעם ראמאנטיזם, דארף „טשאטערטאן", דאס איינציגע שפיל פון אלפרעד דע־וויני, וואס האט געהאט א היבשען ערפאלג אויף דער ביהנע, באצייכענט ווערען אלס די ראמאנטישע עלעגיע. די צוויי באליעבטע דראמען פון דעם דור פון 1830 דערגאנצען איינע די אנדערע, איינע דריקט אויס דאס, וואס עס פעלט אין דער צווייטער; איינע דריקט אויס פארגעטערונג פון זשעניע, די צווייטע — דאס פארגעטערונג פון ליידענשאפט; איינע דריקט אויס מיטגעפיהל צו די ליידענדע, די צווייטע — באוואונדערונג פון ענערגישע האנדלונגען; אדער, באטראכטענדיג עס טיפער, איינע שטעלט מיט זיך פאר דעם גערמאנישען זייט פון דעם ראמאנטיזם, די צווייטע — דעם לאטייניששען.

אלפרעד דע וויני (Alfred de Vigny געבארען אין דעם יאהר 1799) האט ניט געהאט קיין ערפאלג מיט זיין אויסגעצייכענט אנגעשריבענער דראמע Le Maréchale d'Ancre, וואס איז אויפגעפירט געווארען אין דעם יאהר 1834. די סיבה דערפון איז מעגליך דאס, וואס ער האט אין איהר זיך אפגעגעבען הויפטזעכליך מיט אזוינע כאראקטערען, מיט וועלכע דער עולם איז שוין געווען באקאנט דורך אנדערע היסטארישע ראמאנטישע טראגעדיען. באררזשיא, למשל, דער פארליבטער אין וויני'ס דראמע, איז פונקט פון דעם זעלבען כאראקטער, ווי הוגא'ס פארליבטע; עס צייכענט זיך אויך וועניג אויס פון די פארליבטע אין דומא'ס דראמען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די טעמפעראמענטען פון דיביידע שרייבער זיינען גאנץ פארשיידען. דאס צייגט, אז די מאכט פון דער שול איז געווען שטארק גענוג ארויפצולייגען איהר שטעמפעל אפילו אויף צוויי גאנץ פארשיידענע פערזענליכקייטען.

„טשאטערטאן" איז, פארקעהרט, אן ארבייט, וואס איז זעהר

באַראַקטעריסטיש פאַר דע-ווינִי. די דראַמע איז אויפגעפיהרט געװאָרען אויף דער ביהנע אין 1835. זי איז באַגרינדעט אויף אַן אידעע, וואָס דער שרייבער האָט שוין פריהער מיט צוויי יאָהר באַארבייט אין דריי פאַרשיידענע פאָרמען אין אַ רייהע דערצעהלונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען אונטער דעם נאָמען "Stello", — די אידעע וועגען דער אומגליקליכער און איינזאַמער לאַגע פון דעם אמת'ען דיכטער אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט. דע ווינִי באַטראַכט דעם דיכטער, פון דעם שטאַנדפּונקט פון די ראָמאַנטיקער, אַלס אַ העכערע באַשעפעניש, אָדער אַלס אפילו די העכסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט. דאָס איז דער שטאַנדפּונקט, מיט וועלכען עס זיינען געוועזען דורכגעדרונגען אויך די דייטשע ראָמאַנטיקער. ער האָט געפיהלט אַ טיפען רחמנות צו דעם פּאָעט, באַזונדערס צום יונגען דיכטער, וועלכער נויטיגט זיך אַמשטאַרקסטען אין הילף און אַנערקענונג און באַגעגענט אָבער זעלטען הערצער, וואָס זאָלען איהם פאַרשטעהן און באַשיצען און וועלכע זאָלען איהם באַזאָרגען ער זאָל ניט דאַרפען האָבען אַזאַ שווערען קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ. דע ווינִי'ס אָפטער אַרויסטריט מיט דער פאָדערונג צו באַזאָרגען די דיכטער מיט די נויטיגע מיטלען צום לעבען מאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק דערפאַר, וואָס פאַר זיך אַליין האָט ער בעטען ניט באַדאַרפט. ער האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער אַריסטאָקראַטישער משפּחה און זיינע מאַטעריעלע אומשטענדען זיינען אין אַלע צייטען געוועזען גוט. לויט זיין מיינונג איז אַ דיכטער אַן אָרימער שלימזל'ניק, וועלכער געפינט זיך אינגאַנצען אין דער מאַכט פון זיין פאַנטאַזיע. ער איז „ניט פעהיג צו גאָר ניט, וואָס האָט ניט קיין שייכות צו זיין געטליכער שליחות", און באַזונדערס איז ער ניט פעהיג צו פאַרדינען געלד; ער קען, פאַרשטעהט זיך, פאַרדינען זיינע לעבענסמיטלען אַלס דיכטער דורך זיין שרייבען, אָבער ווען ער טוט עס דער'הרג'עט ער דורך דעם זיין טאַלאַנט, ער אַנטוויקעלט זיינע קריטישע פעהיגקייטען אויף דעם חשבון פון זיין פאַנטאַזיע און דער געטליכער פונק זיינער ווערט אין איהם שנעל פאַרלאָשען. דערפאַר טאָר מען ניט דערלויבען, אַז דער געטליכער שליח זאָל זיך דערנידעריגען דורך פשוט'ער אַרבייט; זיין סאָפ איז ענהליך צו אַ וואולקאַן, פון וואַנען די „האַרמאָנישע

לאַווע" "(laves harmonieuses) קען ארויסקומען נאָר דאַן, ווען ער געפינט זיך אין אזא לאַגע, אז ער קען ארומגעהן ליידיג, ווען ער וויל עס נאָר.*)

אין דעם געדאנק איז דאָ, ווי דער מאָדערנער לעזער קען עס זעהן, א היבש ביסעל אמת, אבער נאָך מעהר גוזמא. די דראַמע, וואס איז אויף איהם באגרינדעט און וואס האָט פאראורזאכט גאנצע טייכען טרערען, רופט ארויס אזוי פיל רחמנות, אז זי מאכט אייגענטליך ניט קיין שום טראגישען איינדרוק; איהר טאָן איז אויך צו פיל ליריש צו גונסטען פון דעם העלד און דער־פאר האָט זי ניט דעם אינערליכען גלייכגעוויכט, אָהן וועלכען א דראמא האָט ניט קיין אויסגעהאלטענקייט. טשאטערטאָן און די יונגע קווייקערין, אין וועמען ער איז פארליבט, האָבען פארנומען פאר זיך אלע איידעלסטע אייגענשאפטען פון דעם געדאנק און פון דער נשמה. ארום זי הערשט בלויז גראָבקייט, קאלט־האר־ציגקייט, פראָזאאישקייט, בייזקייט און נארישקייט. די סצענע ציייגט אונז, ווי גראָב און הארצלאָז די ארומיגע וועלט באהאנ־דעלט דעם אינטעלעקטועלען זשעניע. דער בליק אויף דעם לעבען, וואס איז אויסגעדריקט אין דער דראמע, איז נאָהענט צו דעם, וואס מיר געפינען אין דייטשלאנד ביי נאָוואליס און אין דענמארק ביי אנדערסען און ביי איינגעמאן. פאר אזעלכע דיכטער האָט געטהע אומזיסט אָנגעשריבען זיין „טאָרקוואטאָ טאססאָ". אונזער דור האָבען דערעסען די דראמען מיט די קינסטלער אַלס העלדען, צו וועלכע עלענשלעגער האָט געמאכט אַן אָנפאנג מיט זיין "Correggio" און וואס ווערען אין דייטשלאנד רעפרע־זענטירט דורך גאלטעי'ס „לאָרבעערבאום אונד בעטטעלשטאב" און אנדערע דראמען פון דעם זעלבען מין. אונז ריהרט מעהר ניט טשאטטערטאָן, ווען ער, דער, וואס איז באשאפען געווארען „צו לייענען פון די שטערען דעם וועג, וואס גאָט'ס פינגער האָבען אנגעצייגט", קלייבט בעסער אוים דעם טויט דורך טרינקען א גלאָז אָפּיום, איידער אננעמען א ניט־פּאָעטישע שטעלע, וואס

*) זעה די כאַראַקטעריסטישע הקדמה צו טשאטערטאָן: „די לעצ־טע נעכט פון ארבייט, פון 29טען ביז 30טען יוני, 1884".

וואָלט געצאָלט הונדערט פונט שטערלינג א יאָהר. אויך אין דעם פּרט רופט אין אונזער צייט בלויז אַרוים א שמייכעל און א קנייטש מיט די אַקסלען דאס, וואָס האָט אין דעם יאָהר 1835 פון דער סצענע געריהרט אַלעמענס הערצער.

דער ראמאנטיזם איז צופיל בעצם געווען לירישׂ, אום צו קענען שאַפען דורערהאַפטע דראַמאַטישע ווערק.

מיר וועלען עס קלאָר איינזעהען, ווען מיר וועלען באַטראַכ־טען די דראַמען פון דעם גרעסטען לירישען דיכטער פון דער ראמאַנטישער עפּאָכע. וויקטאָר הוגאָ׳ס דראַמען קען מען אין פיעלע הינזיכטען פאַרגלייכען מיט די טראַגעדיען פון עלענשלע־גער. ביי ביידען באַמערקט מען אָפט דעם איינפלוס, וואָס אויף זיי האָבען געהאַט די ווערק פון אַנדערע שרייבער. אין וויקטאָר הוגאָ׳ס „מאַריע טודאָר" זעהען מיר סימנים פון דעם איינפלוס פון דומאַ׳ס „כריסטיניע אין פאָנטענעבלאָ" און די לעצטע סצענע פון „לוקרעציע באָרדזשיא" איז עטוואָס שולדיג צו וועבסטער׳ס „די הערצאָגין פון מאַלפי". די כאַראַקטערען אין ביידע דראַמען זיינען בלויז לייכטע צייכנונגען, זיי זיינען דאָרט ניט קיין ווירק־ליכע, גאַנצע מענשליכע ברואים, אָבער ביידע באַצויבערען אונז מיט זייער מעכטיגער ליריק און זייער באַגייסטערטען פּאַטאָס. הוגאָ׳ס כאַראַקטערען זיינען, אמת, מעהר עהנליך צו מענשען אין ווירקליכען לעבען, איידער די כאַראַקטערען פון עלענשלעגער׳ס דראַמען; אויף אַזוי פיעל, אויף ווי פיעל די געשעהענישען, וואָס ווערען אין די דראַמען פאַרגעשטעלט, האָבען פּאַסירט אין פראַנק־רייך שפּעטער איידער אין דענמאַרק. ערנאַני דערמאָהנט אונז אָן די פירער פון די רעבעלען, וואָס האָבען אין דער וואַנדעע געקעמפט געגען דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג אין פראַנקרייך; זשילבער, וועלכער געהט מיט זיין אייגענעם ווילען אויף דער תּליה, אום צו נעמען נקמה פאַר זיין געליבטע, טוט ניט מעהר ווי דאס, וואָס ביז איהם האָבען געטאָן פילע נאָבעלע קרבנות פון דער גיליאָטינע, און ווען רואי בלאַז ווערט דערהייבען פון א משרת צום שטאַנד פון א שטאַטס־מיניסטער, איז דער שפּרונג ניט קיין גרע־סערער פון דעם, וואָס זשאַן זשאַק רוסאָ האָט געמאַכט, ווען ער האָט זיך פון דעם נידעריגסטען שטאַנד דערהייבען צו ווערען איי־

נער פון די באַריהמטסטע שרייבער אויף דער וועלט. אבער דאס אַלעס מאַכט פּראַקטיש אַ קליינעם אונטערשייד. הוגאָ'ס ליבע פאַר אַלץ, וואס איז אויסערגעוועהנליך און שרעקליך, ווירקט, אַז ער זאָל זיך ווייניג קימערען וועגען דער ווירקליכקייט, מיט וועל־כער מיר זיינען באַקאַנט, און זאָל אַרויסשטעלען אַלס דאַס וויכ־טיגסטע אוננאַטירליכע מעשים, וואס מוזען פאַר דעם קומענדען דור אויסקומען נאַריש און אוממעגליך, הגם ער אַליין האָט זיי באַטראַכט אַלס ערהאַבען. ער איז געוועזען אַזוי שטאַרק גענייגט צו לירישע איבערטרייבונגען, אַז אַלץ, וואס איהם האָט געשיינט צו זיין גרויס, קומט אונז אָפּט פאָר אַלס אוננאַטירליך.

דער באַגריף וועגען דער מענשליכער נאַטור, וואס ציינט זיך אַרויס אין הוגאָ'ס דראַמען, איז אַ ריין לירישער. אין זיינע הויפּט שטריכען דערמאָנט ער אונז אָן די פּסיכאָלאָגישע טעאָריען פון זיין ליטעראַרישען געגנער, לאַמאַרטין, וועלכער איז געוועזען דער היפוך פון איהם אין אַנדערע הינזיכטען. דער איינציגער אונ־טערשייד צווישען זיי אין דעם פּרט איז דאָס, וואָס לאַמאַרטין, מיט זיין האַרמאָנישער נאַטור, האָט ליב פאָרצושטעלען אַ ריינעם און שעהנעם כאַראַקטער, וואס קען ניט ביישטעהן אַ פּלוצלונגען נסיון און קומט נאָכדעם אָפּ פאַר דעם איינציגען שוואַכען מאָ־מענט דורך יאהרען פון שטראָף און חרטה (זשאָסלען, סעראַר אין (La Chute d'un Ange), און הוגאָ, אין זיינע דראַמען, האָט ליב צו מאָלען אַ מענשליכע נשמה, וואָס איז פאַרדאָרבען דורך מיאוס'ע ליידענשאַפטען, דורך אַלערליי צרות און דערנידערונגען, דורך פאַרברעכען, שקלאַפעריי און זנות, אבער וואס איז אַזוי באַ־שאַפען, אַז אונטער געוויסע אומשטענדען ווירקען אויף איהר גוטסקייט און שעהנקייט אַזוי שטאַרק, אַז זי באַקעמפט מיט זייער הילף די שרעקליכע פאַרגאַנגענהייט, געגען וועלכער זי האָט גע־נומען אַ נדר. די נשמה פאַנגט אָן צו שטרעבען נאָך גוטסקייט און שעהנקייט, זי פאַרשטעהט אפילו זייערע איידעלסטע אויס־דרוקען, אבער זי פיהלט זיך ניט ווירדיג פאַר די דערהייבענע געפיהלען, וואס דערוועקען זיך אין איהר. זי קען זיך ניט דער־קלעטערען צו די אומבאַקאַנטע עולמות, און זי פאַלט צוריק, אויס־געמאַטערט און באַזיגט, צו איהר פריהערדיגען נידעריגען מצב.

אזעלכע פארהעלטניסע זיינען שטענדיג די טעמען אין הוגאָ'ס דראמען. איך וועל עס מאכען קלאָר דורך עטליכע ביישפילען.

טריבולע (אין “Le Roi s’amuse”) איז געווארען פארדארבען דורך זיין לאגע אלס א מענש, וועלכער מוז אויסדריקען יענעמ'ס ווילען, ניט רעכענענדיג זיך מיט זיין אייגענעם געוויסען, און איבער וועמען מען מאכט לצנות, אבער ער האָט ליב זיין טאָכטער מיט דער ריינסטער צערטליכקייט. מען נעמט זי ביי איהם צו און ער גיט זיך אינגאנצען איבער דעם געפיהל פון האַס און זוכט צו נעמען נקמה. — מאריאָן (אין “Marion Delorme”) איז א יונגע פרוי, וואס האָט זיך הונדערטע מאָל פארקויפט, אבער זי פארליבט זיך אין א יונגען בראַווען מאַן און זי ווערט אינגאנצען געלייטערט דורך דעם געפיהל איהרען. דידיע ווערט אין דער עפּאָכע פון דעם טעראָר פאר'משפט צום טויט און אין יענעם שרעקליכען מאָמענט ווערט זי ווידער די פריהערדיגע מאריאָן. זי גיט זיך איבער צום ריכטער, כדי צו ראטעווען דעם לעבען פון דעם מאַן, וואס זי האָט ליב, ניט פארשטעהענדיג, אז דידיע וואלט ליבערשט נעגאנגען צום טויט, איידער צו ווערען געראטעוועט דורך אזא מיטעל. — לוקרעציע באָרדזשיא (“Lucrèce Borgia”) איז געבארען פון פארברעכען און אין פארברעכען האָט זי פארבראכט איהר גאנצען לעבען, אבער אָט־די זונה און גיפט־מישערין האָט א זוהן, וועמען זי ליבט, און צוליב איהם, פאר איין בליק זיינעם, איז זי גרייט אפּצוזאגען זיך פון איהר גאנצען פריהערדיגען לעבען. אבער מען באליידיגט זי טויטליך און אין איהר כעס כאפּט זי זיך ווידער פאר איהר אלטען וואפען: זי לאדעט איין איהרע שונאים צו זיך, ניט זיי גיפט און געגען איהר אייגענעם ווילען טויטעט זי צוזאמען מיט זיי אויך איהר זוהן. — רואי בלאז (Ruy Blas), ווערט דורך ארימקייט געצוואונגען אנצונעמען א שטעלע פון א משרת פאר א נאָבעלמאַן. די ליבע פון דער קעניגין פארוואנדעלט דעם לאקעי אין א מיניסטער. ער איז ווערט דעם פּלאַץ, וואס ער פארנעמט, ער פיהרט דורך גרויסע און הויכע פּלענער, עס האלט דערביי, ער זאל ווערען דער דערלייזער פון זיין פאטערלאנד, אבער זיין פארגאנגענהייט שטעלט זיך געגען איהם און

ווען אַלע זיינע האָפנונגען ווערען צובראָכען, נעמט ער נקמה אַזוי, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ לאַקיי. ער אַנטזאָגט זיך צו געהן אויף אַ דועל מיט זיין געוועזענעם באַלעבאָס, אָבער ער כאַפּט ביי איהם ארויס זיין שווערד און טויטעט אַ שוצלאָזען מענשען*).

דאָס אַלץ איז, ווי איהר זעהט, באַגרינדעט אויף איין און דעמזעלבען באַגריף וועגען דאָס טראַגישעם, אָבער די הויפּט באַדייטונג פון די אַלע ; ראָמען פאַר הוגאָ באַשטעהט אין דעם שטאַרקען קוואַל פון לירישען פּאַטאָס, וואָס שטראָמט פון דער נידריגסטער מענשליכער נשמה, ווען זי ווערט דערהייבען פון דעם שמוץ דורך אַן איידעלער ליידענשאַפט. דער עכטער עיקר אין דער דראַמע איז דאַריבער אַלעמאָל אַ לויב־געזאַנג צום שטאַרקען געפיהל, וואָס רייניגט, בשעת דאָס זינגען, די נשמה, וועלכע טראָגט אויף זיך אַ משא פון זינד.

אין איינעם פון זיינע באַריהמטסטע ווערק ("Les Chants du Crépuscule," XXXII.) ברענגט הוגאָ אַ משל, וואָס קומט שטענדיג אויף דעם געדאַנק, ווען מיר באַטראַכטען זיינע דראַמען. הויך אין אַ קלויסטער־טורעם, — שרייבט ער, — הייעגט אַן אַלטער גלאָק. מיט יאָהרען צוריק איז זיין מעטאַל געוועזען ריין און האָט געגלאַנצט ; צוערשט איז אויף דעם גלאָק געוועזען אויסגעקריצט בלויז דער איין וואָרט — „גאָט" און אונטער דעם וואָרט איז געוועזען אַ קרוין. אָבער דעם טורעם האָבען באַזוכט אַ סך מענשען און יעדער באַזוכער האָט אויף דעם בראָנז פון דעם גלאָק עפּעס אויסגעקריצט, ווער מיט אַ טעמפּען מעסער און ווער מיט אַ פאַרזשאַווערטען נאָגעל. איינער האָט אויסגעקריצט זיין אייגענעם מיאוס'ען נאָמען, אַנאַנדערער אַ מיאוס ווערטעל, אַ נאַרישען וויץ אָדער אַ פּוסטען מאמר. יעצט איז דער גלאָק באַדעקט מיט שטויב און שפּינוועבס, דער ראָסט איז אריין אין די איינקריצונגען, האָט איהם פאַרשמוצינגט און פרעסט איהם. אָבער וואָס קימערט עס דעם גלאָק ! אפילו ווען אַלץ שלאָפט, אפילו אין דער שטילקייט פון דער נאַכט זיפצט דער קלויסטער־גלאָק, ווי אַ וואולקאַן רויכערט אימער ; — אַ טרויעריגע תפילה הערט זיך פון דעם מעטאַל.

*) זעה : Madame Girardin: Lettres Parisiennes, II. 31.

„אויך אין מיין נשמה, — ענדיגט דער דיכטער, — וואָס האָט לכתחילה געהאַט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון איהר הויכען יחוס, האָבען פאַרבייגעהענדע וואַנדערער — ליידענשאַפטען — אויסגע־קריצט זייערע מיאוס'ע נעמען און האָבען כמעט אָפּגעריבען די געט־ליכע חתימה. אָבער דאָס שאַדט אַזוי וועניג מיין נשמה, ווי דעם גלאָק; ווען זי פאַנגט זיך אָן צו באַוועגען, ווען אַ האַנט, וואָס מען קען ניט זעהן, ריהרט זי אָן און רופט: „זינג"! — דאַן גיסען זיך פּלוצלונג פאַנאַנדער פון אינוועניג פון דעם ציטערענדען מעטאַל, דורך זיין אויבערשטען שמוץ, די מעכטיגע, האַרץ־פאַרכאַפּענדע קלאַנגען פון דער תפילה און דער שטויב, דער ראָסט און די שפּאַל־טען — נעמען אַלע צוזאַמען אַן אַנטייל אין דער שאַפונג פון דעם גרויסען נגון".

הוגאָ האָט בלויז געוואָלט מיט דעם באַשרייבען דעם צושטאַנד פון זיין אייגענער נשמה אין דעם מאָמענט פון איהר דיכטערישער שאַפונג, ער האָט אָבער געטאָן מעהר; ווארום דער משל באַ־שרייבט זעהר גוט די אויסברוכען פון לירישען פּאַטהאָס, וואָס קו־מען פון די אומגליקליכע און זינדיגע כאַראַקטערען, וואָס מאַכען זיינע דראַמען אינטערעסאַנט.

אָבער קלינגענדיגער פּאַטהאָס און אומגעצאַמטע ליריק, ווי שטאַרק זיי זאָלען ניט זיין, זיינען ניט די מאַטעריאַלען, וואָס זאָ־לען זיין אַליין גענוג צו שאַפען פון זיי אַ דראַמאַטישע געביידע. מען מוז צו דעם האָבען אַ שטאַרקען יסוד פון ריכטיגען דענקען, און ווען דאָס איז ניטאָ, מוז מען לכל הפחות האָבען אַ פונדאַמענט פון גלייכען שכל און ריכטיגען געשמאַק.

אַזאַ פונדאַמענט האָט הוגאָ ניט געהאַט און וואָס מעהר יאָה־רען עס זיינען אַוועק, אַלץ גרעסער זיינען געוואָרען זיינע חסרונות אַלס דראַמאַטורג. עס האָט פּאַסירט מיט איהם דאָס, וואָס פּאַסירט מיט אַ סך אַנדערע קינסטלער. דאָס, וואָס עס איז צוערשט געווען זיין סטיל איז לסוף געוואָרען ביי איהם ניט מעהר ווי אַ מאַניער. ער איז געוואָרען, מען קען זאָגען, זיין אייגענער בעסטער תלמיד און האָט געענדיגט מיט דעם, וואָס אַלס שרייבער פאַר דעם טע־אַטער האָט ער אָנגעפאַנגען צו שרייבען פּאַראָדיען אויף זיך אַליין,

— די ווירקזאַמסטע און געפעהרליכסטע פּאַראָדיען, וואָס ווערען געשאַפען.

איהם האָט אימער געפעהלט אַ חוש פאַר דאָס קאָמישע און ער איז שטענדיג געווען געגייגט אָנצונעמען דאָס, וואָס איז קאָלאָסאַל, פאַר עטוואָס דערהויבענעס. פון אָט־דער נייגונג זיינער האָט ער זיך געלאָזט פיהרען מעהר ווי ווען עס איז פריהער שריי־בענדיג זיין "Les Burgraves" בלויז דער צעטעל פון די כאַראַק־טערערען רופט שוין אַרויס אַ שמייכעל. זשאָב (איוב) דער בורג־ראַוו (שטאָדט־פּריץ) פון העפּפּענהאָף, הונדערט יאָהר אַלט; מאַג־נוס, זשאָב'ס זוהן, אַכציג יאָהר אַלט; האַטטאָ, מאַגנוס'עס זוהן, זעכציג יאָהר אַלט; גאָרלואַ, האַטטאָ'ס זוהן, דרייסיג יאָהר אַלט. אַ פּאַריזער קאַריקאַטור פון יענער צייט שטעלט פאָר די פאַמי־ליע בורגראַוו אין איין שורה כסדר פון דעם עלטער־זיידען ביז דעם אור־אייניקעל. די יונגערע אין יאָהרען זיינען געמאָלען אַלץ קלע־נער אין געוויקס און מיט קלענערע בערד, לויט זייער עלטער.

דער הונדערט־יאָהריגער בורגראַוו איז דער ענערגישסטער פון זיי אַלעמען. ער שטעלט מיט זיך פאָר די גוטע אַלטע צייטען. זיין אַכציג־יאָהריגען זוהן רופט ער: „יונגערמאַן!" און הונגאַ שמייכעלט אַפילו דערביי ניט. אָט־די אַלע אַלטע פּריצים ווילען איינעם דעם אַנדערען איבערטרעפען פאַרמעסטענדיג זיך אין דעק־לאַמירען מיט אַ צוויי־און־ניינציג־יאָהריגען בעטלער, וועלכער ציינט זיך אַרויס אַלס ניט קיין אַנדערער ווי פרידריך באַרבאַראָסאַ, וועל־כער האָט (אַן־ערך ווי אַלאַף טרוגוואַזאַן אין עלענשלעגער'ס „וועלף") צוואַנציג יאָהר אָפּגעלעבט דערוויטערט, באַהאַלטענדיג זיך פון דער וועלט און האָט אָבער געמוזט קומען צוריק אום צו נעמען נקמה פון דעם אַלטען בורגראַוו, וועלכער האָט איהם אין זייערע יונגע יאָהרען געוואָלט טויטען. די דראַמע שוויבעלט מיט אומ־מעגליכקייטען און ראָמאַנטישע שטות'ען. כדי דורכצופיהרען, למשל, אַ סצענע, ווי איינער דערקאָנט אַ צווייטען אומגעריכטער־הייט, מאַכט הונגאַ, אַז אַ סאָלדאַט זאָל זיך שלאָגען מיט אַ צוגליה־טען אייזען, מיט וועלכען ער מאַכט אַ שטעמפּעל אויף זיין געגנער, ווען ער האָט אין דער פינסטערניש ניט דערקענט און אויף ווע־

מען ער האט דוקא געוואָלט האבען א סימן ער זאָל איהם דערקע־נען ביי אנאנדער באגעגעניש.

ווען די דאָזיגע גראנדיעזע שאפונג פון א צופיל אָנגעשטרענגטער פאַרשטעלונגס־קראפט איז אין 1843 געשטעלט געוואָרען אויף דער ביהנע, האט זי זיך ארויסגעצייגט א פאַלשטענדיגער דורכפאַל. דעם ערשטען אָוועגט האט אין מיטען פון דעם שפיל דער עולם אָנגע־פאנגען פייפען. איינער פון הוגאָ'ס געטרייע אָנהענגער איז גע־לאָפען איהם דערצעהלען וועגען דעם. צוגעוואוינט, ווי נאפּאָלע־אָן, שטענדיג צו פארלאָזען זיך אויף זיין גוואַרדיע, האט הוגאָ גע־ענטפערט, ווי געוועהנליך: „קריגט מיר נור עטליכע יונגעלייט!" מען דערצעהלט, אז דער שליח האט מיט ארונטערגעלאָזענע אוי־גען טרויעריג געענטפערט: „עס זיינען מעהר ניטאָ קיין יונגע־לייט". דער דור, אויף וועלכען דער ראָמאַנטיזם האט געווירקט דרייצעהן יאָהר צוריק, איז שוין ניט מעהר געוועזען יונג און, וואָס איז נאָך ערגער, איז געוועזען אויסגעמאטערט; מיט זיינע כחות האבען זיך צופיל אויסגענוצט מעהר פון איין ראָמאַנטישען דיכטער.

א רעאקציע איז געווען אומפארמיידליך, און יענעם יאָהר האט זי זיך אָנגעפאנגען. זי האט געפונען איהר אייגענעם דיכטער און איהר אייגענעם דראמאטישען טאלאנט.

א יונגער מענש, דאמאָלס נאָך אונבאוואוסט, האט פאר־לאָזען זיין היימישע פראָווינציעלע שטעדטעל און איז געקומען קיין פאריז מיט א מאַנוסקריפּט אין קעשענע. ער איז געווען א מענש מיט הויכע, עהרליכע פּרינציפּען; ניט געבענשט מיט קיין רייכער פאַנטאזיע, אָבער מיט זעהר א פיינעם געשמאק; ערנסט און אי־דעאַליסטיש. זיין נאָמען איז געווען פראַנסוא פּאָנסאר און דער נאָמען פון זיין כתב־יד איז געווען „לוקרעציא". עס איז געווען א טראגעדיע אויף א טעמע פון די אור־אַלטע צייטען, באַ־גרינדעט אויף דער לעגענדע וועגען דער פארגוואלטיגונג פון דער אומשולדיגער לוקרעציא און איהר טויט. דער סטיל איז געווען אן איינפאכער, א שטרענגער, וואס האט דערמאָנט דעם סטיל פון ראסין. דער עולם איז שוין געווען צום חלש'ען מיעד פון דעם סטיל פון די ראָמאַנטיקער. ווען הוגאָ האט געשריבען: „די קלאַנ־גען האבען זיך געגאָסען פון דעם אָרגעל, ווי וואסער פון א שוואָם",

אָדער: „דער טישטוך איז געווען ווייס, ווי די תכריכים פון דעם בלייכען טרויער", אָדער: „די זקנה איז געגאַנגען מיט אַן איינ־געבויגענעם, פאַמעלאַכדיגען רוקען", — האָבען די פשוט'ע בירגער שוין לאַנג געשאָקעלט מיט די קעפּ וועגען דעם. אָבער ביז דאַמאָלס איז ניט געווען קיינער, וועלכער זאָל זיך קענען פאַרמעסטען מיט הוגאָ אין טאַלאַנט. יעצט אָבער האָט זיך, ווי עס שיינט, אַזאַ שרייבער געפונען. אויף דעם ערשטען בליק האָט פּאָנסאַר'ס שטיק געשיינט צו זיין ווי אַ פאַרטזעצונג פון דער אַלטער קלאַסישער טראַגעדיע. אין דיזער התפעלות פון דעם ערשטען מאָמענט האָט מען ניט באַמערקט אויף וויפיל די אַלטע טעמע איז באַאַרבייט גע־וואָרען אין אַ מאָדערנעם דרך, וויפיל פּאָנסאַר האָט געלערענט פון די ראָמאַנטיקער, ווי גרויס איז געווען די ווירקונג פון וויקטאָר הוגאָ אויף דער וואַרימקייט פון די פאַרבען אין דער נייער דראַמע און ווי ווייניג אָריגינאַליטעט דער אורח האָט ווירקליך געהאַט.

מען האָט בלויז געזעהן איין זאַך, אַז די דראַמע איז געזונט און פשוט. זיי האָבען געזעהן, אַז די העלדין איז געווען לוקרע־ציא — ניט הוגאָ'ס שרעקליכע לוקרעציא, דער שד פון בלוט־דורשטיגקייט און זנות, נור די לוקרעציא פון רוים, דער סימבאָל פון אונשולד, אַנאַנדער נאָמען פאַר פרויענשע ריינקייט. זי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די פּאָעזיע פון דער הייראַט, פון דער פאַמי־ליע און פון דער היים אַזוי ווי אַנטאָני האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די מאָראַל פון אַן אונטערגעוואָרפענעם קינד און אומגעזעצליכקייט. די גאַנצע קאַטוילישע און קלאַסישע פראַנקרייך, די גאַנצע פּראָ־טעסטאַנטיש־פרומע שווייצאַריע האָבען געזונגען שבחים צום נייעם דראַמאַטורג און זיין שפּיל. אַמענדע האָט הוגאָ געפונען אַ גרע־סערען דיכטער פון זיך אַליין, ראַסין האָט געפונען זיין גלייכען. אפילו וויטע, וועלכער האָט זיך צו אַלץ פאַרהאַלטען קריטיש, האָט אָנגעפאַנגען אויפ'ן קול זינגען „הללויה". ער איז אריינגעפאַלען אין אַ התפעלות צוליב פּאָנסאַר'ס סטיל: „דער דיכטער שפּינט גאָלד, ווי זיין לוקרעציא שפּינט וואָהל", א. א. וו.

הוגאָ'ס "Les Burgraves". איז דורכגעפאַלען דעם זיבעטען מערץ, 1843; דעם 22טען אַפּריל דעם זעלבען יאָהר איז „לוק־

רעציא" אויפגעפיהרט געוואָרען דעם ערשטען מאָל און איז אויפ־ גענומען געוואָרען מיט דונערדיגע אַפּלאָדיסמענטען. אזוי ענג האָט די געשיכטע פאַרבונדען דעם קורץ־יאָהרענדיגען טריאומף פון דאָס, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבען „די שול פון געזונטען שכל", (L'ecole du bon sens) און די מפּלה פון דער ראָמאַנטישער דראַמע. אויב דער עהרליכער פּאָנסאַר האָט זיך פאַרלאָזען אויף דעם פּסק פון זיינע קריטיקער, זשאַנען און אַנדערע (בלויז טעאָפיל גאָטיעי און טעאָפיל דאַנדי האָבען פּראָטעסטירט), — האָט ער געמוזט גלויבען, אַז ער האָט זיך שוין געמאַכט אַן אייביגען נאָמען.

די רעאַקציע צום קלאַסיציזם האָט ניט נור געפונען איהר דיכ־ טער, נור אויך איהר אַקטריסע. אין דעם יאָהר 1838 איז אַ יונגע אידישע מיידעל צום ערשטען מאָל ארויסגעטראָטען אין דעם „פראַנ־ צויזישען טעאַטער" (Theatre Francais) זי איז געווען אינ־ גאַנצען אכצעהן יאָהר אַלט, אונוויסענד און האָט ביז דאַמאָלס גע־ שפּילט אויף אַ האַרפּע און געזונגען אין קאַפּע־הייזער און אין די גאַסען.

ווען ראַשעל איז אויפגעטראָטען אויף דער ביהנע האָט מען אין איהר באַלד אנטדעקט אַ געניאַלען טאַלאַנט און זי איז אין גיכען אנערקענט געוואָרען אַלס די גרעסטע שוישפּילערין, וואָס פראַנק־ רייך האָט ווען עס איז געהאַט. עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אַז די יונגע געניאַלע שפּילערין האָט זיך פאַרהאַלטען מיט אַ טיפען עקעל צו די ראָלען, מיט וועלכע די ראָמאַנטישע דראַמען האָבען זי באַזאָרגט, אָבער די ראָלען פון דעם אַלטען קלאַסישען רעפּערטואַר האָט זי אַזוי ערנסט געשטודירט און האָט זיי געשפּילט מיט אַזאַ באַגייסטערונג, אַז זי האָט צוריק אויפגעלעבט דעם שטאַרקען רייץ פון די אַלטע טראַגעדיען; אַ זאַך, וואָס קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז עס איז מעגליך; זי האָט צוריק אויפגעלעבט די זעלבע קלאַ־ סישע דראַמען, וואָס די ראָמאַנטישע שול האָט מיט שפּאָט און גע־ לעכטער ארונטערגעיאָגט פון דער ביהנע. וואָס איז די פּעולה, וואָס גאָטיעי האָט זיך געבראַכען די הענט! איפיגעניא, מעראָפּאַ, עמי־ ליא, שימענא און פעדראַ זיינען ווידער ארויף אויף דער ביהנע און זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ אײדעלקייט און אַזאַ

נאַטירליכקייט, אַז דער לייכט־געריהרטער עולם האָט צייטענווייז ווירקליך געפיהלט ווי צו זיין שטאַרק אין כעס אויף די שרייבער און קריטיקער, וועלכע האָבען געהאַט די חוצפה צו מאַכען ליצנות פון די אַלטע נאַציאָנאַלע הייליגע אוצרות. אַ פאָלק דערפרעהט זיך נאַטירליך ווען ער געפינט אויס, אַז ער האָט דורך אַ משך פון צוויי הונדערט יאָהר ניט אומזיסט געשטאָלצירט מיט זיינע באַריהמטע מענער און זייערע ווערק.

ראשעל האָט זיך צוערשט אָפגעזאָגט פון שפּילען אין „לוק־רעציא”, הגם די הויפּט ראָלע איז פאַר איהר געשריבען געוואָ־רען; אָבער נאָכדעם, ווי די דראַמע האָט געהאַט אַן ערפאָלג אין דעם אָדעאָן טעאַטער, האָט זי צוגעשטימט צו נעמען אַן אנטייל אין דער שפּיל. איינער, וואָס האָט עס בייגעוואוינט, האָט פאַר מיר באַשריבען די שטימונג, וואָס האָט געהערשט ווען ראשעל איז צום ערשטען מאָל ארויסגעטראָטען אין דער ראָלע פון לוקרעציאַ:

„מיר זיינען אַלע געזעסען און מיט איינגעצויגענע אָטעמס געוואַרט אויף דאָס אויפהויבען פון דעם פאָרהאַנג. ער האָט זיך אויפגעהויבען און מיר האָבען דערזעהן ראשעל, אַלס לוקרעציאַ, זיצענדיג ביים שפּינראַד צווישען איהרע דינסט־מיידלאַך. עס איז פריהער אויך געווען שטיל גענוג אין טעאַטער, אָבער ווען זי האָט אונטערגעהויבען איהר קאָפּ און געעפענט דעם מויל צו זאָגען די ערשטע ווערטער (צו איינע פון די שקלאַפינען): “Lève-toi, Laodice!” האָט דעם טעאַטער ארומגעכאַפּט אַזאַ שטילקייט, אַז מען האָט געהערט ווי די פרוכט־הענדלער אויפ'ן מאַרק־פּלאַץ האָ־בען אויסגערופען זייערע פּאָמעראַנצען”.

אין זיין באַגייסטערונג פאַר ראשעל'ס שפּילען האָט דער עולם ניט באַגריפען, אַז דער קלאַסישער סטיל אין קונסט האָט שוין אָפּגעלעבט זיין צייט און האָט ניט געקענט ווידער אויפלעבען בלויז דורך דעם, וואָס איין איינציגער זשעניע האָט פאַר אַ ווײַלע אריינגעבלאָזען אַ נייע נשמה אין די גרויסע ווערק פון אַ פאַר־גאַנגענעם דור. „די שול פון געזונטען שכל”, — ווי דער נאָמען גופא צייגט עס, — האָט קיינמאָל ניט אנטוויקעלט קיין לעבעדיגע, שטאַרקע דיכטערישע ריכטונג. פּאָנסאַר אַליין איז געווען אַ צוויי־

טע־קלאַסיגער טאַלאַנט. זיין טאַלאַנטפולער נאָכפאָלגער, עמיל אָזשיע, וועלכער האָט איהם געווידמעט זיינע דיכטונגען, האָט אין די יונגע יאָהרען געשריבען זיינע דראַמען אין פּאָנסאַר'ס „געזונטען" סטיל, אָבער מיט דער צייט האָט ער זיך פון איהם אָפּגעזאָגט*). הגם די שול — ווי עהרליך זי איז ניט געווען אין איהרע שטרעבונגען — האָט בשום אופן ניט פאַרדינט די שאַרפע אַטאַקעס, וואָס זיינען אויף איהר געמאַכט געוואָרען פון איינינע פאַר'עקשנ'טע יונגע ראָמאַנטיקער, ווי וואַקערי און טעאָדאָר דע־באַנוויל, דאָך באַשטעהט איהר היסטאָרישער ווערט ניט מעהר ווי אין דעם, וואָס זי באַצייכענט דעם מאָמענט, דעם משך, ווען די ראָמאַנטישע דראַמע האָט איבערגעלעבט איהר צייט.

---

*) אָזשיע'ס "Gabrielle" איז די שעהנסטע דראַמע, וואָס איז געשאַפען געוואָרען פון דער „שול פון געזונטען שכל". זיינע דראַמען "La Jeunesse" און "La Pierre de Touche" צייגען קלאָר, אַז זיי זיינען געשריבען געוואָרען אונטער דעם איינפלוס פון פּאָנסאַר'ס „געלט און כבוד".

.33

די סאָציאַל־פּאָליטישע באַוועגונגען פון דער עפּאָכע און די ליטעראַטור.

דורך דעם משך צייט האָט דער איינפלוס פון דעם סען־סי־מאָניזם שטאַרק דורכגעדרונגען אויך די ליטעראַטור.

לאַמאַרטין, דער פעהיגסטער צווישען די דיכטער, וועלכע האָבען נאָך דער רעסטאַווראַציע פון דער „געזעצליכער" מאָנארכיע געשטיצט די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי, האָט שוין אין אָנפאַנג פון די דרייסיגער יאָהרען אַרויסגעצייגט סימנים פון ספקות אין זיין פּאָליטישען און רעליגיעזען גלויבען. אין זיין געגראַמטען ראָמאַן "Jocelyn" (1836), הגם געשריבען אין זעהר אַ מילדען און פרומען טאָן, פיהלען מיר זיינע נייע נטיות און אַ נייע אַנטוויקלונג אין זיינע איבערצייגונגען. אין דער פאָררעדע צום ראָמאַן מיידט ער אויס די פראַגע וועגען זיין רעליגיעזען גלויבען און באַמערקט בלויז, אַז ער האָט ניט פאַרגעסען ווי הייליג די קירכע איז ביי איהם געווען אין זיין יוגענד; אָבער אפילו דער אויבערפלעכליכסטער לעזער מוז באַמערקען, אַז די דערצעהלונג גופא איז אַ פּראָטעסט געגען איינעם פון די עיקרים פון דער קאַטוילישער קירכע, לויט וועלכען די גייסטליכע מוזען בלייבען אונפאַרהייראַט זייער גאַנצער לעבען; און אין זשאָסלינ'ס טאָגבוך פאַר דעם 21טען סעפּטעמבער, 1800, געפינען מיר שוין גאַנץ שאַרפע ווערטער בנוגע צו דער קירכע.

אָבער דאָס איז געווען בלויז אַן אָנפאַנג. "La Chute d'un ange," האָט, ניט קוקענדיג אויף אַלע זיינע פעהלערען, געצייגט, אַז לאַמאַרטין האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פריהערדיגען „סעראַפּיסטישען", סטיל; און זיינע ערשטע פּאַרלאַמענטאַרישע רעדעס האָבען באַוויזען, אַז די אידעען פון דעם סען־סימאָניזם

האָבען צוביסלאַכווייז פאַרנומען דעם פּלאַץ פון זיין אָרטאָדאָקסי־שען גלויבען. דער געבאָרענער אַריסטאָקראַט האָט זיך דערקלערט אַלס „דעמאָקראַטישער קאָנסערוואַטאָר״ פאַרלאַנגענדיג, אַז אונטער דער קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע זאָלען פאַרווירקליכט ווערען אַלע מאָדערנע ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע אידעען. ער האָט זיך אָבער אַפילו מיט דעם אויך ניט באַגרענעצט. זיין „געשיכטע פון די זשיראָנדיסטען״, וואָס איז אַרויס אין 1846, — אַ ווערק, וואָס האָט ניט קיין היסטאָרישען ווערט, וואָס איז אָבער געשריבען אין אַ זעהר פּאָעטישען, שעהנעם און איבערצייגענדען סטיל, — האָט מעהר פון וועלכען עס איז אַנדער בוך פאַרשטאַרקט די רעוואָלו־ציאָנערע שטימונגען פון יענער עפּאָכע און געהאָלפען צוגרייטען די קומענדע איבערקעהרעניש. אין דעם יאָהר 1848 זעהען מיר שוין דעם געוועזענעם הויף־דיכטער פון דער עפּאָכע פון דער רעסטאַווראַציע אין דער ראָלע פון דעם ווירקליכען פיהרער פון דער רעפּובליק שטעהענדיג אויף דעם באַלקאָן פון דאָס ראַטהויז מיט דער גלייכגילטיגקייט פון דעם אַריסטאָקראַט צו די ביקסען, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעלט געגען זיין ברוסט, אַדרעסירענדיג דעם המון מיט דער שעהנער, זיכערער שפּראַך פון אַ פאָלקס־טריבון. דאָס איז געווען אַ גרויסער, אונשטערבליכער מאָמענט אין זיין לעבען, ווען ער האָט געראַטעוועט די לעבענס פון זיינע קאָלעגען און האָט מיט עטליכע מוטיגע, פּאָעטישע, מיט אַ זיכערען טאָן אַרויסגערעדטע ווערטער ניט דערלאָזען צו אַ בירגער־קריג.

פּיער לערו איז געווען דער מאַן, וועלכער האָט אַריינגעפיהרט זשאָרזש זאַנד אין דעם קרייז פון די נייע סאָציאַלע אידעען, וואָס האָבען דאַמאָלס געברויזט אין דער געזעלשאַפט, און זי האָט מיט פרויענשע היציגקייט און אומבאַטראַכטקייט זיי אָנגענומען און זיך איינגאַנצען איבערגעגעבען די נייע אידעאַלען. אַלס סאָציאַלער רע־פאָרמער האָט פּיער לערו — אַ מעטאַפיזיקער מיט אַן אידעאַלען הארץ און אַ צומישטען קאָפּ, וועלכער האָט אויף שעללינג׳ס שטיינער געדריינקט אין טריאַדען — געפּרעדיגט די אידעען פון גלייכהייט און פּראָגרעס, ווארום פון זיין שטאַנדפּונקט האָט פּראָגרעס געמיינט דאָס זעלבע, ווי אַ דערנעהענטערונג צו סאָציאַלער גלייכהייט. צו זיין

רעפאָרמערישער טעטיגקייט האָט איהם געטריבען זיין כעס אויף די עקזיסטירענדע געזעלשאַפטליכע באַדינגונגען, ביי וועלכע די גלייכהייט פאַר דעם געזעץ האָט ניט געשטערט די רייכע צו באַ־פרייען זיך פון דינסט אין דעם מיליטער און פון שטראָף פאַר זייערע פאַרברעכענס און די פרייהייט האָט געמיינט פרייע קאָנקו־רענץ, דאָס הייסט, דאָס געזעצליכע רעכט פון די רייכע צו אונ־טערדריקען די אָרימע. לערו האָט אויף דעם אָרט פון דער עקזיס־טירענדער געזעלשאַפט געוואָלט אָרגאַניזירען א נייע, וועלכע זאָל זיין באַגרינדעט אויף דער דרייפאַכער נאַטור פון דעם מענשען; דער מענש באַשטעהט פון תפיסה, (ד. ה. באַנעמונג מיט די פינף חושים), השגה (ד. ה. דער אינערליכער פאַרשטאַנד און באַוואוסט־זיין) און ידיעה (די קענטניש, דאָס וויסען). אין הסכם מיט דעם זיינען דאָ אין זיין געזעלשאַפט דריי קלאַסען: די ארבייטער, אָדער דער אינדוסטריעלער קלאַס, די קינסטלער און די געלעהרטע. אָבער די דאָזיגע דריי קלאַסען האָבען ניט געזאָלט זיין, ווי אין סען־סימאָנ'ס אידעאַלער געזעלשאַפט, צוטיילט אין באַזונדערע דריי שטאַנדען, נור זאָלען מוזען ארבייטען צוזאַמען. דריי יחידים, צו איין מענש פון יעדען פון די דריי קלאַסען, שטעלען צוזאַמען איין גרופע, וואָס ווערט באַטראַכט אַלס סאָציאַלער יחיד. ד. ה. אַלס איין קערפער אין געזעלשאַפטליכען זינען; דער דאָזיגער געזעל־שאַפטליכער יחיד, וואָס באַשטעהט פון דריי מענשען ארבייטענ־דיג צוזאַמען, בילדעט א ווערקשטאַט, אַן ארטעל ("Atelier"). די ארטעלען ווערען אויך צוטיילט אויף דריי קלאַסען, לויט דעם עיקר פון זייער טעטיגקייט, א. א. וו.

ווען מיר באַטראַכטען די אַלע אוטאָפּיען, מוזען מיר באַוואונ־דערען די ניכטערקייט און דעם קלאָהרען געזונטען פאַרשטאַנד, מיט וועלכען עס האָבען זיך פאַרהאַלטען צו די פאַרשיידענע סיסטע־מען די שרייבער, וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרען פון מאַנכע אי־דעען, אויף וועלכע זיי זיינען געוועזען באַגרינדעט. זיי האָבען פאַר־וואָרפען אַליץ, וואָס איז געוועזען קינסטליך, פאַנטאַסטיש און נאָכ־קרימעניש. זיי האָבען זיך צופרידענגעשטעלט מיט אָנצינדען זייערע דיכטערישע פאַקעלען ביי דעם פייער פון דעם מזבח, וואָס איז

אויפגעהאַלטען געוואָרען פון די ריינע הערצער פון די טרוימער; די דיכטער זיינען געוואָרען באַגייסטערט פון זייער מענשענליבע, פון זייער היציגער פאַרטיידיגונג פון די אָרימע און אונטערדריקטע, פון זייער הייסען גלויבען אין פאָלק און אין פּראָגרעס.

עס איז קלאָר, וואָס מען זאָל וועגען דעם ניט זאָגען, אז דער סען־סימאָניזם האָט געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף דעם לעבען פון זשאָרזש זאַנד. ער האָט אין איהר געשאַפען אַ רוהיגקייט נאָך דעם אָנפאַל פון יאוש, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איהר "Lelia"; ער האָט איהר געגעבען אַ גלויבען, וואָס איז שפּעטער קיינמאָל ניט געשטערט געוואָרען, און אַ זאַך פאַר וואָס צו אַרבייטען און צו קעמפען. זי האָט געקוקט מיט אָפענע אויגען אויף דעם, וואָס איז אַרום איהר פאָרגעקומען אין פראַנקרייך, און צו ענדע פון די דרייסיגער יאָהרען האָבען די אַרבייטער קלאַסען זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון שטאַרקער, פאַרצווייפעלטער אומרוהיגקייט. אין יענער עפּאָכע האָט שוין דער לאַנגזאַמער פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען פראַנקרייך פון אַן אויסשליסליך אַגריקולטורעלער לאַנד אין איינער פון די גרעסטע אינדוסטריעלע לענדער זיך פאַרענדיגט, און צו דער שטענדיגער אָרימקייט פון דער פויערשער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געפאָדערט הילף, איז יעצט אין די גרויסע שטעדט, אַלס רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון די גרויסע אינדוסטריען, נאָך אין אַ גרעסערער מאָס צוגעקומען די אָרימקייט און די אונרוהיגקייט פון דעם אַלץ וואַקסענדען פּראָלעטאַריאַט. זשאָרזש זאַנד, ווי כמעט אַלע אַנדערע דעמאָקראַטישע שרייבער אין פראַנקרייך, האָט שטאַרק באַטראַכט דעם לעבען פון דער שטאָדטישער אַרבייטער באַפעלקערונג, איהר קאַמף פאַר עקזיסטענץ, איהר מערקווירדיגע אינטעליגענץ, די סאָציאַלע און פּאָליטישע אידעען פון די אַרבייטער. דער סען־סימאָניזם האָט זי לכתחילה צוגעצויגען און אַרויסגערופען איהר באַגייסטערונג מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרדאַמט די פאַרהעלטנישע צווישען מאַן און פרוי אין דער עקזיסטירענדער געזעלשאַפט. זי האָט אין דער סען־סימאָניסטישער לעהרע געפונען די אידעען, וואָס זיינען איהר געווען טייערער פון אַלץ: אַז אין דער הייראַט איז ניטאָ קיין שעהנקייט און זי האָט

קיין ווערט ניט סיידען זי איז א פרייער פארבאנד; אז די בור־גערמייסטערס, די עדות און די גייסטליכע קענען דער הייראט ניט צוגעבען קיין גרעסערע הייליגקייט, איידער די ליבע און דאס געוויסען. די דאזיגע אידעען זיינען פון דעם סען־סימאניזם דערקלעהרט געווארען אלס ווארהייטען, וואס מען דארף פרעדיגען און פארטיידיגען. ער האט אויך צוגעגעבען איהר ליבע צום פאלק א מעהר ערנסטען און באשטימטען כאראקטער. צווישען די ארבייטער קלאסען האט זי געפונען מעהר זעלבסטלאזיגקייט און מוטיגקייט איידער צווישען די בורזשואזע קלאסען. זי האט אנגעפאנגען צו באמערקען, אז די שלעבטע מדות פון די מענער, וואס זי האט אזוי שטרענג און ביטער פארדאמט אין איהרע ערשטע ראמאנען, זיינען אין דער ווירקליכקייט מעהר די זינד פון איין קלאס איידער פון דעם גאנצען מענערשען געשלעכט. איהר ליבע צום ארבייטער קלאס צוזאמען מיט איהר אינערליכען אידעאליזם האבען געפיהרט דערצו, אז זי זאל באטראכטען דעם ארבייטער און מאלען איהם פון אן אידעאליזירטען שטאנדפונקט. זי האט געשאפען א רייהע ראמאנען, אין וועלכע אנשטאט דעם אלטען קאנטראסט צווישען צוויי מענער פון דעם זעלבען קלאס, איינער א גוטהערציגער און דער צווייטער א גראבער עגאאיסט, האט זי געמאלען דעם אונטערשייד צווישען דעם אידעאליזירטען פארשטעהער פון די ארבייטער קלאסען און דעם מעהר אדער ווייניגער עגאאיסטישען פארשטעהער פון די העכערע אדער מיטעלע קלאסען, וועלכער איז ווי א שקלאף געבונדען צו דער געזעלשאפטליכער מיינונג.

די אינטערעסאנטסטע ביכער פון דער סעריע זיינען די צוויי, וואס זי האט אנגעשריבען ארום דעם יאהר 1840. "Horace", צוליב וועלכען זי איז זיך פאר א צייט פאנאנדערגעגאנגען מיט דעם "Revue des deux Mondes" דערפאר, וואס ער האט זיך אנטזאגט דעם ראמאן צו דרוקען און "Le Compagnon du Tour de France", אן עכטער ארבייטער־פראבלעם ראמאן, וועלכער איז לויט זיין תמימות און זיין יום־טוב'דיגער ציכטיגקייט א מערקווירדיגער היפוך צו די סאציאליסטיש־דעמאקראטישע טענדענציעזע ראמאנען פון יוזשין סיו, וואס זיינען ארויס עטליכע יאהר שפעטער.

מיין מיינונג איז, אַז "Horace" איז דער בעסטער בוך, וואָס זשאָרזש זאַנד האָט אָנגעשריבען. אין דעם העלד פון דעם ראָמאַן שטעלט זי פאָר מיט מעהר פעהיגקייט און טיפקייט ווי ווער עס איז פאַר איהר אָדער נאָך איהר אַ יונגען בורזשואַ פון דער עפּאָכע פון דער יולי מאָנאַרכיע. זי צייגט אין איהם אַרויס אַ שאַרפען בליק און טיפע השגה, וואָס קענען זיך פאַרגלייכען מיט באַלזאַק'ס. זי איז דורכגענומען מיט אַ טיפע אַנטיפּאַטיע, וואָס שטערט איהר, פונדעסטוועגען, ניט צו באַהאַנדלען איהר העלד גוטמוטיג און טאָלעראַנט. אַלס דעם היפּוך פון האָראַס'ן שטעלט זי פאָר דעם איידעלען פּראָלעטאַריער אַרסען. ער איז געוועזן אַ מאָלער, אָבער צוליב זיין אָרימקייט איז ער געצוואונגען צו ווערען אַ משרת אין אַ קאָפע-הויז, דאָך דערנידעריגט איהם ניט זיין אָפּהענגיגע לאַגע. זיין פשוט'ע גוטסקייט און די שעהנקייט פון זיין אָהן-תביעות'דיגער נשמה מאַכען איהם פאַר איינעם פון די צוציהענדסטע כאַראַקטערען, וואָס די דיכטערין האָט געמאָלען. אין איהם גלויבט מען ניט-ווילענדיג.

אַרסען האָט גוטע פריינד צווישען די "Bousingots",— אַ קרייז יונגע סטודענטען, וועלכע האָבען אין די דרייסיגער יאָהרען איינגעפיהרט דעם כטיל און דעם שטייגער פון דער ראָמאַנטישער שול אין דעם פּאָליטישען לעבען. זייערע צורות קען מען אָפט זעהן אויף די ליטאָגראַפיען פון יענער צייט, אין ראָבעספּיער-וועסטען, מיט גרויסע שטעקענס אין די הענט, מיט גלאַנציגע שטריימלען אָדער רויטע סאַמעטענע היטעלאך. לויט זייער אויסערען אויסזעהן דערמאָנען זיי אביסעל די דייטשע בורשען-סטודענטען; און זיי האָבען גענומען אַן אַנטייל אין אַלע אומרוהען און דעמאָנסטראַציעס געגען דער "Juste—milieu" רעגירונג. זשאָרזש זאַנד פאַרטיידיגט זיי אין וואַרימע ווערטער:

„קיינער פון די מענשען, — זאָגט זי, — וועלכע האָבען אין יענער צייט געשטערט די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג דאַרפען זיך יעצט ניט שעמען מיט זייער עטוואָס שטורעמדיגער יוגענד. אויב די יוגענד קען אַנדערש ניט אויסדריקען איהר שטאָלץ און איהר אידעאַליזם סיידען דורך אָנפאַלען אויף דער עקזיסטירענדער גע-

זעלשאַפטליכער אָרדנונג, מוז די דאָזיגע אָרדנונג זיין זעהר אַ שלעכטע".

ארסען קעמפט ווי אַ העלד און ווערט שווער פארוואונדעט אין דעם ארבייטער אויפשטאַנד פון דעם פינפטען יוני, 1832, וואָס ווערט באשריבען מיט סימפּאַטיע צו די רעוואָלוציאָנערען. דורך אַ משך פון עטליכע יאָהר פּראָגרעסירט ער זעהר פיל און ווערט אַ פעהיגער און ערפאהרענער פּאָליטישער טוער. די געשיכטע פון זיין פּאָליטישער אנטוויקלונג איז פאר אונז ספּעציעל אינטערע־סאַנט דערפאר, וואָס זי גיט דער שרייבערין אַ געלעגענהייט אָפען אויסצודריקען איהרע אייגענע געפיהלען. ארסענ'ס העלד, פון וועמען ער איז שטארק באגייסטערט, איז גאָדפרוא קאַוועניאַק. זשאָרזש זאנד באשרייבט איהם און זיינע פריינד, — די געזעל־שאַפט „די פריינד פון פאָלק" ("Les amis du peuple"):

„זייערע אידעען, — שרייבט זי, — האָבען אָלענפאַלס גע־מיינט אַ גרויסען שריט פאָראויס אין פארגלייך מיט דעם ליבע־ראַליזם פון דער עפּאָכע פון דער רעסטאַווראַציע. די אַנדערע רע־פּובליקאַנער האָבען זיך צופיל אָפּגעגעבען מיט דעם געדאַנק וועגען אומוואַרפען די מאַכט פון דעם קעניג און צו וועניג וועגען די יסודות פון דער רעפּובליק. גאָדפרוא קאַוועניאַק האָט מעהר גע־טראַכט וועגען באפרייען דאָס פאָלק, וועגען שולען אויף דעם חשבון פון דער מלוכה, וועגען אַלגעמיינעם וואהלרעכט, וועגען פּראָגרע־סיווע ענדערונגען אין די פּריווילעגיען פון פּריוואַטען אייגענטום, א. א. וו."

האָראַס צייגט ארויס זיין קאַלט־האַרציגקייט און שמאָל־קעפּיגקייט דורך זיין אָפּלאַכען און זיין פאראַכטליכער פאַרדאַמונג פון דעם סען־סימאָניזם, וועלכער איז פאר איהם פּשוט'ע שאַר־לאַטאַנעריי. ער איז ניט פעהיג צו באַנעמען דעם סען־סימאָניס־טישען באגריף וועגען די פארהעלטניסע צווישען די געשלעכטען און ער איז געצוואונגען מיט הכנעה אויסצוהערען די פאָרוואור־פען, וואָס אַ יונגע נייטערין, — וועלכע לעבט מיט איהר פריינד, אַ געשיקטער יונגער דאָקטאָר, און באַטראַכט דעם לעבען זייערען אַלס „אַן אמת'ע רעליגיעזע הייראַט", — מאַכט געגען איהם מיט דעם

רוהיגען טאָן פון באַוואוסטזיניגער העכערקייט*). די שרייבערין ריהרט אין דעם ראָמאַן אָהן ספק אָן מעהר פראַגען איידער זי איז פעהיג צו פאַרענטפערען, אָבער דאָס אַליין, וואָס זי באַשעפטיגט זיך מיט די פּראָבלעמען און די אידעען פון יענער צייט באַפאַרבט דעם ראָמאַן מיט אַ העלען און אינטערעסאַנטען היסטאָרישען קאָליר. אויסער דעם, איז זי ניט מחויב אַלס דערצעהלערין צו לעזען געזעלשאַפטליכע פּראָבלעמען, נור צו צייגען ווי אַזוי זיי האָבען באַוועגען די מענשליכע הערצער און מוחות צו טעטיגקייט; אפילו די הערצער און די מוחות פון פאַרליבטע יונגע פרויען, און זעלבסטצופרידענע אָבער אמת־זוכענדע יונגע מענער.

וואָס איך באַוואונדער אין "Le Compagnon du Tour de France", אַ בוך וואָס איז אַלס ראָמאַן פיל נידריגער פון „האָראַס", איז די שטאַרקע פרישקייט פון די געפיהלען, וואָס האָבען באַגייסטערט זיין שאַפען. צו פיהלען ווי דאָס הארץ ווערט איבערגעפילט און ברענט מיט רחמנות צו די אומגליקליכע פון דער געזעלשאַפט, צו פיהלען די משא פון פּריווילעגיעס, וואָס דער מזל האָט בלויז אונז, און ניט אַלעמען גלייך, איינגעטיילט, זיינען שטימונגען, מיט וועלכע פילע צוואַנציג־יאָהריגע יונגעלייט זיינען באַקאַנט. עס איז אָבער אַ ווירקליך זעלטענע זאַך, אַז אַ מאַן אָדער אַ פרוי אין דעם עלטער פון פערציג יאָהר זאָלען נאָך אַלץ דורשטען נאָך גערעכטיגקייט פאַר אַנדערע, זאָלען ניט קענען זיצען רוהיג און צוקוקען ווי דער יאָך דריקט אומשולדיגע אַקסלען, אָדער זאָלען זיך אָפּגעבען מיט שטענדיג טראַכטען, פּלאַנעווען און שטרעבען צו אַנאַנדער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, אַנאַנדער מאָראַל פון דער, מיט וועלכער די אָרומיגע געזעלשאַפט שטעלט זיך צופרידען; נאָך מעהר — זיי זאָלען זיך ווירקליך שעמען צו שלאָפען, צו שאַפען זיך פאַרגעניגען אָדער צו זיין גליקלאַך אפילו אויף אַ רגע כל זמן דער סדר־העולם בלייבט אַזאַ, ווי ער איז. און דאָס זיינען די געפיהלען, וואָס האָבען געטריבען זשאָרזש זאַנד אָנצושרייבען דעם בוך. וואָס פאַר אַ ליבע צום פאָלק עס דריקט זיך אין איהם אויס!

*) זעה קאַפּיטלען 6, 10, 14, 20.

צום פאָלק ווי ער איז, צום פאָלק, וואָס שכור'ט און באַגעהט גוואַלד־טאַטען און צום פאָלק, וואָס אַרבייט און שטרעבט צו וויסען; אַ ליבע, וואָס איז אזוי גרויס, אַז די שרייבערין קען זיך ניט אָפּשטעלען צו באַשרייבען די זינד, וועגען וועלכע זי איז באַוואוסט און וואָס זי רופט אָן מיט זייערע נעמען! (זעה די געשפּרעכען אין קאַפּיטעל 25). דעם בעסטען אויסדרוק פון דער אידעע, וואָס באַהערשט דעם גאַנצען בוך, געפינט מען אין דעם ראָמאַן גופא. איינער פון די אריסטאָקראַטען, וועלכער סימפּאַטיזירט מיט דעם אַלטען לאָזונג, אַז אַלץ דאַרף מען טאָן פאַר דעם פאָלק, אָבער מען דאַרף ביי איהם וועגען דעם ניט אָנפרעגען זיך, וואָרים דאָס וואָלט איהם געמאַכט פאַר דעם דין (דאַיען) און דעם בעל־דין אין דער זעלבער צייט, באַקומט פון זיין יונגער טאָכטער דעם ענטפער: „זיינען דען מיר אַליין אויך ניט אין דער זעלבער לאַגע?"

אין גיכען נאָך דעם, ווי זי האָט אַרויסגעגעבען דעם ראָמאַן איהרען, פאַנגט זשאָרזש זאַנד אָן צו נעמען אַ טיכטיגען אַנטייל אין דעם פּאָליטישען לעבען פון יענער צייט. זינט זי האָט זיך צוקריגט מיט דעם "Revue des deux Mondes" האָט זי צוזאַמען מיט פּיער לערו, וויאַרדאָ, לאַמענעי און דעם פּוילישען דיכטער מיטצקעוויטש אַרויסגעגעבען דעם "Revue Independante"; יעצט, אין 1843, האָט זי צוזאַמען מיט עטליכע פריינד געגרינדעט אין איהר היימישען געגענד אַ פּראָווינציעלע רעפּובליקאַנישע צייטונג אונטער דעם נאָמען "L'eclaireur de l'Indre", אין וועלכער לאַמאַרטין האָט אויך מיטגעאַרבייט. אין דער צייטונג האָט זי פאַרטיידיגט די אינטערעסען אַמאָל פון די שטאָדטישע אַרבייטער און אַמאָל פון די לאַנד־אַרבייטער (אַן אַרטיקעל וועגען די פּאַריזער אַרבייטער אין די בעקערייען, בריף פון אַ שוואַרצוואַלדער פּויער). אין דעם יאָהר 1844, אין אַ גרויסען אַרטיקעל וועגען „פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגען", דערקלעהרט זי זיך אַלס סאָציאַליסטין. ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען אין דעם יאָהר 1848, איז זשאָרזש זאַנד געוועזען גוט צוגעגרייט צו נעמען אין איהר אַן אַנטייל. אין דעם משך פון אַ קורצער צייט האָט זי אַרויסגעגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג "La Cause du Peuple",

(„די זאך פון דעם פאָלק״); זי האָט אָנגעשריבען „אַ וואָרט צו די מיטעלקלאַסען״ און די באַריהמטע „בריף צום פאָלק״; זי האָט אויך געשריבען די בולעטינען פון דער צייטווייליגער רעגירונג. צום ענדע יאָהר, אונטער דעם איינדרוק פון די פאָרשטעהענדע געפאַהרען, האָט איהר רעפּובליקאַנישער סאָציאַליזם אָנגענומען כמעט אַ פאַנאַטישע פאָרמע. דעם אַרטיקעל „די מעהרהייט און איינשטימיגקייט״ (“La Majorité et l’Unanimité”) געשריבען תיכף פאַר די וואַהלען צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, אין וועלכען זי פאָדערט, אַז די וועהלער זאָלען אַרויסצייגען זייער ליבעראַלען גייסט ביים שטימען, ענדיגט זי מיט אַ גענוג קלאָהרען סטראַשונאָק, — הגם אַ סך מיידט זי אויס און דערזאָגט ניט, אַז אויב די פאַרזאַמלונג, וואָס דאַרף אין גיכען דערוועהלט ווערען דורך אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג, וועט ניט זיין אַזאַ, ווי עס פאָדערען די אינטערעסען פון פאָלק, בלייבט נאָך איבער די עצה פון רופען דאָס פאָלק צו די וואַפען*). עס איז מערקווירדיג צו זעהן ווי די פאַרטיידיגערין פון דער סואַווערעניטעט פון דעם פאָלק קומט צום געדאַנק וועגען סטראַשען צו ווענדען זיך צו דעספּאָטישע גוואַלדמיטלען; עס צייגט וויפיל געזונטע, ברענענדע, מוטיגע ענערגיע עס איז געווען באַהאַלטען אין דער דאָזיגער געניאַלער פרוי. די זעלבע אונגעצוימטע ענערגיע, וואָס האָט געשאַפען הונדערטע ראָמאַנען, האָט זיך אַרויסגעצייגט אין איהר טעטיגקייט

---

*) די רייַן פרויענשע, נאַאיווע צוויי־פּנים׳דיגקייט, וואָס צייגט זיך אַרויס אין דעם פאָלגענדען אויסצוג, איז אינטערעסאַנט: „דער איינשטימיגער קול פון פאָלק ווייס יעצט און באַגרייפט זיין מאַכט. ער וועט אויך צווינגען צו שווייגען; ער וועט זיך דורכטראָגען איבער אייערע קעפּ, ווי דער געטליכער אָטעם. ער וועט אַרומרינגלען אייער נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג און וועט אייך זאָגען: ביז יעצט ביזטו ניט געווען אומבאַריהרבאַר, אָבער יעצט שטעהען מיר מיט געוועהר אין די הענט, אויסגעפּוצט אין בלומען און מיר דערקלעהרען דיך אַלס אומבאַריהרבאַר. אַרבייט, טו! מיר רינגלען דיך אַרום מיט פיער הונדערט טויזענד באַיאָנעטען, מיט אַ מיליאָן ווילענס; קיין פּאַרטייַ, קיינע אינטריגען וועלען דיך ניט אָנריהרען. נעם צוזאַמען דיינע כחות און אַרבייט!״

צוזאַמען מיט לעדרו־ראָלען און לואי בלאַן, מענער, וועלכע האָבען זיך צופרידענגעשטעלט מיט דענקען, אָבער זי האָט איהרע איי־גענע און אויך זייערע גדאַנקען אָפען אויסגעדריקט אין ווערטער.

דער שטראָם פון דעמאָקראַטישע אידעען האָט דערגרייכט וויקטאָר הוגאָ הויפּטזעכליך דורך לאַמענעי. אין לאַמענעי'ס הויפּט ווערק, "Essai sur l'Indifférence", האָבען זיך שוין גע־צייגט סימנים פון דער מעגליכקייט, אז ער זאָל צוריקווייזען דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, וואָס ער האָט אַזוי היים פאַרטיידיגט אין זיין יוגענד. אין אויגוסט, 1832, זיינען זיינע טעאָריען, ווי מיר האָבען שוין דערצעהלט, פאַרדאַמט געוואָרען פון דעם פּאַפּסט. נאָך אין זיינע יונגע יאָהרען איז הוגאָ געוואָרען אַ נאָהענטער פריינד פון לאַמענעי, וועלכער האָט איהם באַגריסט צו זיין חתונה און צו וועמען ער האָט געווידמעט זיינע ערשטע אָדען (געדיכטע). אין 1822 האָט הוגאָ, לויט דער עצה פון דעם פּאַטער (גייסט־ליכען) דע ראָהאַן, באַשלאָסען צו באַפרייען זיך פון זיינע שווערע געדאַנקען דורך וידוי פאַר אַ גייסטליכען. דער ערשטער, צו וועמען ער האָט זיך געווענדעט, איז געווען פּרייסינוס, אַמאָל אַן אונ־ערשראָקענער, זעלבסט־אָפּערענדער גלח, און יעצט אַן אַריסטאָ־קראַטישער גייסטליכער, אַ בישאָף און דער הויפּט פון אַן אוני־ווערסיטעט. הוגאָ'ן האָבען אָפּגעשטויסען פּרייסינוס'עס וועלט־ליכע רמזים און עצות, און דער „פּאַטער" האָט איהם געשיקט צום קליינעם, שוואַכען, מאָגערען מאַן מיט דעם געלען פּנים, פאַרשפּיצ־טען נאָז און מיט די שעהנע, אומרוהיגע אויגען, וועלכער פלעגט אַרומגעהן איבער די גאַסען פון פּאַריז אין אַן אָפּגעטראָגענער ראַסע, און בלויע וואָלענע זאָקען און אין שיך מיט גראָבע נעגעל — צום באַריהמטען לאַמענעי, וועמען ער האָט שוין אַזוי גוט געקענט.

אין דעם משך פון די יאָהרען ביז דער יולי־רעוואָלוציע האָ־בען ביידע, דער גלח און דער בעל־תשובה, וועלכער האָט זיך פאַר איהם מתודה געווען, געענדערט זייערע אידעען און איינער איז ניט פיל שפּעטער פון דעם צווייטען אַריבער צו דער ליבעראַלער אַנטי־קלעריקאַלער פּאַרטיי. איינמאָל אין אווענט אין סעפּטעמבער,

1830, איז לאַמענעי אריין צו הוגאָ אין צימער און געטראָפען איהם שרייבענדיג.

— שטער איך אייך אפשר? — האָט לאַמענעי געפרעגט.

— ניין, — האָט הוגאָ געענטפערט, — אָבער איך דענק, אז דאָס, וואָס איך שרייב, וועט אייך ניט געפעלען זיין.

— קיין אונטערשייד, לאָמיר עס הערען.

און הוגאָ האָט איבערגעלייענט די פאָלגענדע שורות פון זיין "Journal d'un Revolutionnaire de 1830" (דער טאג־בוך פון א רעוואָלוציאָנער פון דעם יאָהר 1830):

„די רעפובליק, וועלכע איז נאָך ניט רייף, אָבער וואָס וועט אין הונדערט יאָהר ארום ארומכאַפּען גאַנץ אייראָפּא, צייגט, אז די געזעלשאַפט איז איהר אייגענער הערשער. זי באשיצט זיך מיט דער הילף פון א בירגערליכער מיליץ, משפט זיך אליין דורך איינגעשוואָרענע ריכטער; פּאַרוואַלטעט איהרע אינטערעסען דורך לאָקאַלע זעלבסטפּאַרוואַלטונג און א פאָלקס־פּאַרשטעהערשאַפט. די פיער זיילען פון דער מאָנארכיע, די שטענדיגע ארמיי, די געריכטען, די ביוראָקראַטיע און די פון דעם קעניג באשטימטע הערשענדע אריסטאָקראַטיע זיינען פאר דער רעפובליק בלויז פיער שעדליכע געוויקסען, וואָס ווערען שנעל צופוילט און פאַרשוואונדען פון דער וועלט".

— איין זאַץ איז ביי אייך אַן איבעריגער, — האָט לאַמענעי געזאָגט, — דער, וואָס זאָגט, אז די רעפובליק איז נאָך ניט רייף. איהר רעדט וועגען איהר בלשון עתיד, אלס א זאך פאר דער צוקונפט, און איך רעד וועגען איהר בלשון הוה, אלס א זאך פאר דער יעצטיגער צייט.

עטליכע יאָהר שפּעטער האָט זיך לאַמענעי אינגאַנצען אָפּגעריסען פון דער קאַטוילישער קירכע. כדי צו צייגען, אז דאָס איז געווען א רעזולטאַט ניט פון פשוט'ן ניט־גלויבען, נאָר פון נייע איבערצייגונגען, האָט לאַמענעי א נאָמען געגעבען זיין באריהמטען מאַניפעסט „די ווערטער פון א גלויביגען" (1833).

מען האָט געזאָגט, אז זינט דער ערפינדונג פון דרוקעריי האָט קיין בוך ניט געמאכט אזא טומעלדיגען איינדרוק, ווי דער. אין

אַ משך פון עטליכע יאָהר איז ער איבערגעדרוקט געוואָרען אין הונדערט אויסגאַבען, מען האָט איהם נאָכדעם געדרוקט אין אַנ־דערע לענדער און איבערזעצט אין אַ סך שפּראַכען. עס איז אַ נאָכמאַכונג פון דעם ווערק, וואָס איז ערשינען אַ קורצע צייט פריהער, פון מיטצקעוויטש: „דער בוך פון אַ פּוילישען פּילגרים" (עולה־רגל, וואנדערער איבער די הייליגע פּלעצער). האַלב אין דעם סטיל פון דעם תנ"ך, האַלב אין דעם סטיל פון דעם עוואַנ־געליום, פאַרדאַמט ער דעם מאָנאַרכיזם אין אייראָפּאַ, דעם פּאַפּסט און די גייסטליכע, די אַלע יעניגע, וועלכע זיינען שולדיג אין דעם פאַלען פון פּוילען און אין דער שקלאַפעריי פון איטאַליען, און די הערשאַפט פון דער עגאָאיסטישער בורזשואַזיע אין פראַנקרייך. די מליצה זיינע מאַכט נאָך זעהר גוט דעם לשון פון רעליגיעזע ספרים. דער בוך איז שטאַרק אין פּאַטהאָס, אָבער שוואַך פּסיכאָלאָגיש. ער פאַרדאַמט בלויז און לויבט, און באַשרייבט זאַכען בלויז אין צוויי פאַרבען, שוואַרץ און ווייס, שוואַרץ ווי דער גיהנום און ווייס ווי דער הימעל. דאָך — דעם שרייבער'ס וואַרים־האַרציגקייט, די ריינקייט פון זיינע מאָטיוועז און די שעהנקייט פון זיין נשמה גיבען דעם בוך צו אַ זעלטענעם צויבער.

אין דעם יאָהר 1837 איז ערשינען זיין "Livre du Peuple" (דער פאָלקס־בוך), וואָס איז געשריבען געוואָרען אין דעם זעלבען גייסט. דער העזה'דיגער גלח איז פאַרשפּאַרט געוואָרען אין געפענגניש, נור אויך פון דאָרטען האָט ער געשיקט דער וועלט איין בוך נאָך דעם צווייטען. „אַ שטימע פון געפענגניש", „וועגען דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט פון פאָלק", „וועגען דער מאָדערנער שקלאַפעריי". די אַלע ווערק זיינען געשריבען געוואָ־רען אין סענט־פּעלאַזשיע.

לאַמענעי איז געשטאָרבען דריי יאָהר פאַר דער פעברואַר רעוואָלוציע, אין אַ צייט ווען עס איז פאָרגעקומען זעהר אַ שטאַרקע פּאָליטישע און סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע.

אַלס ביישפּילען פון זיין סטיל וועל איך ברענגען עטליכע שטעלען פון זיין „ווערטער פון אַ גלויבינגען":

„לאָזט ניט, אַז מען זאָל אייך אָפּנאַרען מיט פּוסטע ווערטער. פילע וועלען פּרובירען אייך איינצורעדען, אַז איהר זייט ווערמ־

ליך פריי, דערפאר וואָס זיי האָבען אָנגעשריבען דעם וואָרט „פריי־הייט" אויף פּאַפּיר און האָבען דעם פּאַפּיר פאַנאַנדערגעקלעפּט אויף די גאַסען־ווינקלען. אָבער פרייהייט באַשטעהט ניט אין פּלאַ־קאַטען, וואָס מען לייענט אויף די גאַסען־ווינקלען. דאָס איז אַ לעבעדיגע קראַפט, וואָס מען פיהלט אין און אַרום זיך. דער אונ־טערדריקער, וואָס באַדעקט זיך מיט איהר נאָמען, איז דער ערג־סטער פון אַלע אונטערדריקער. ער פאַראייניגט פאַלשקייט מיט טיראַניי און די פאַרשוועכונג פון היילינקייטען מיט אומגערעכ־טיגקייט, ווארים דער נאָמען פון פרייהייט איז הייליג. היט זיך פון די יעניגע, וואָס שרייען שטענדיג: „פרייהייט, פרייהייט!" און מיט זייערע האַנדלונגען צושטערען זיי זי.

דער פויער אַרבייט שווער אַ גאַנצען טאָג, ליידט פון רעגען, פון דער ברענענדער זון, פון דעם שטורם, האָפענדיג מיט זיין אַרבייט צוצוגרייטען דעם שניט, וואָס וועט אין הערבסט אָנפילען זיינע שייערען.

גערעכטיגקייט איז דער שניט פון פאָלק.

דער בעל־מלאכה שטעהט אויף פאַרטאָג, צינדט אָן זיין קליי־נעם לעמפּעל און אַרבייט אָהן אַן אויפהער צו פאַרדינען אַ ביסעל ברויט פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער.

גערעכטיגקייט איז דעם פאָלק'ס ברויט.

דער הענדלער קאַרגט ניט קיינע אָנשטרענגונגען, קלאָגט זיך ניט אויף זיין שווערע אַרבייט, ער מאַטערט אויס זיין קערפּער און פאַרגעסט זיך וועגען זיין שלאָף כדי אָנצוקלייבען פאַר זיך רייכ־טום.

פרייהייט איז דעם פאָלק'ס רייכטום.

דער מאַטראָס פאָהרט איבער דעם ים, ליידט פון שטורעם־ווינ־טען, וואַרפט זיך אונטער די געפאַהרען פון שטיינער און פעלזען אונטער'ן וואַסער, פון קעלט און היץ, אום צו פאַרזאָרגען זיך רוה אויף דער עלטער.

פרייהייט איז דעם פאָלק'ס רוה.

דער סאָלדאַט וואַרפט זיך אונטער די שווערסטע ליידען, האַלט זיך מוטיג און קעמפּט און גיט זיין בלוט פאַר דאָס, וואָס ער רופט רוהם.

פרייהייט איז דעם פאָלק'ס רוהם.

אויב עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ פאָלק, ביי וועמען גערעכטיגקייט און פרייהייט זיינען וועניגער טייער איידער דער שניט פאר דעם פויער, ברויט — פאר דעם בעל־מלאכה, רייכטום — פאר דעם סוחר און רוהם פאר דעם סאָלדאט, — דאן שטעלט אויף אַ הויכע וואנט ארום דעם דאָזיגען פאָלק, אַז זייער מיאוס'ער אָטעם זאָל ניט פארפעסטען די לופט פון אייראָפּא.

יונגער סאָלדאט, וואוהין געהסטו?

איך געה קעמפען פאר גערעכטיגקייט, די הייליגע זאך פון פאָלק, פאר די אייביגע רעכטען פון דער מענשהייט, געגען די טיראנען און פאר פרייהייט.

געבענשט זאָל זיין דיין וואפען, יונגער סאָלדאט!

יונגער סאָלדאט, וואוהין געהסטו?

איך געה צושטערען די צוימען, וואָס טיילען פאנאנדער די פעלקער צווישען זיך און וואָס לאָזען זיי ניט ווארפען זיך איינעם דעם אנדערען אין די אָרעמס, ווי ברידער, וועלכע דארפען לעבען אין שלום און ליבע.

געבענשט זאָל זיין דיין וואפען, יונגער סאָלדאט!

יונגער סאָלדאט, וואוהין געהסטו?

איך געה באַפרייען דעם געדאנק, די אָרדנונג און דעם געוויסען פון דער מענשליכער אונטערדריקונג.

געבענשט זאָל זיין, זיבען מאָל געבענשט זאָל זיין, דיין וואפען, יונגער סאָלדאט".

ווי אבסטראקט און מאָנאָטאָן די פראזען און די איבער־חזר'נישען זאלען ניט זיין, באזיצען זיי אָבער די שעהנקייט, וואָס מאכט א מעכטיגען איינדרוק אויף דעם המון. עס פעהלט זעהר וועניג אַז לאמענע'ס אויסברוכען פון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען זאלען ווערען ריינסטע דיכטונג. ביי וויקטאָר הוגאָ זיינען זיי עס געווארען.

ווען מען לייענט זיינע דיכטונגען פון די פערציגער יאָהרען פיהלט מען, אז מיט זיין דיכטערישען אויער הערט ער דעם פאר־שטיקטען אונטערערדישען קול פון דער אָנקומענדער רעוואָלוציע; ער האָט פאראויסגעזעהן, אז איהר קראטער וועט זיך עפענען אין

פאַריז. שוין אין דער פאַררעדע צו זיינע „הערבסט בלומען" (“Les fleurs d’automne”) באַקלאָגט ער זיך אויף ענגלאַנד, אַז זי האָט פאַרוואַנדעלט אירלאַנד אין אַ בית־הקברות, און אויף די הערשער פון אייראָפּאַ, אַז זיי האָבען פון איטאַליען געמאַכט אַ נעפּענגעניש פאַר שקלאַפען, און אויף דעם צאַר פון רוסלאַנד, אַז ער האָט אָנגעפילט סיביר מיט פּאָליאַקען. אין דערזעלבער הקדמה רעדט ער שוין וועגען די אַלטע אמונות, וואָס בייטען זייער פעל, — מיינענדיג דעם סען־סימאָניזם, — און די נייע, וואָס רעדען מיט אַ האַלבען לשון וועגען טיילווייז געזונטע און טיילווייז פאַלשע פּרינציפּען. פון יענער צייט אָן טרעט ער ארויס אין אַלע זיינע ווערק אַלס דער פאַרטיידיגער פון דעם פאָלק׳ס פרייהייט, פון זיינע רעכטע צו רעגירען זיך זעלבסט און פאַר דער רעליגיע פון הומאַניטעט. אַלס דראַמאַטיקער טרעט ער לכתחילה ארויס בלויז נעגען די אָנגענומענע פאָרמען פון קונסט, אָבער גאָר אין גיכען האָט ער, ווי וואָלטעיר אַ יאָהרהונדערט פריהער, געמאַכט די דראַמע פאַר דעם אָרגאַן אויסצודריקען זיינע אידעען. איינע פון זיינע דראַמען, “Le Roi s’amuse”, איז אַן אַטאַקע אויף דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין פראַנציס דעם ערשטען, דעם ברוטאַלסטען צווישען די געקרוינטע פראַנצויזישע נואָפים. אַ צווייטע דראַמע („אַנזשעלאָ") זיינע ציינט דעם היפוך צווישען דער פרוי פון דער העכערער געזעלשאַפט און איהר שוועסטער אויסער דער געזעלשאַפט, באַטיילט די מאָדערנע אַקטריסע מיט די גוטע מידות, וואָס פעהלען דער גרויסער דאַמע און אידעאַליזירט זיי ביידען. די הקדמה צו דער דראַמע איז געשריבען אין דעם גייסט פון דעם ריינעם סען־סימאָניזם. אַ דריטע דראַמע (“Ruy Blas”) צייגט אויף אַ סימבאָלישען שטייגער ווי די נידעריגע קלאַסען ווערען דערהייבען צו דער העכסטער מאַכט. אין מאָליער׳ס “Les Précieuses ridicules” ווערט דער משרת באַהאַנדעלט ווי אַ חיה. ווי פלינק ער זאָל ניט זיין כאַפּט ער אַלץ שמיץ, אפילו דאַן, ווען ער טוט בלויז וואָס זיין באַלעבאָס הייסט איהם. קירצליך פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע ווערט סקאַפּען פאַרוואַנדעלט אין פיגאַראָ, וועלכער, — הגם ער טראָגט נאָך זיינע לאַקייאישע מלבושים, — שאַפט זיך אָפען מיט זיינע

האַרען; אין „רואי בלאס" וואַרפט דער לאַקעי, ד. ה. דער געבאָרע־נער פּלעבעער, אַרונטער זיין ליווריע, נעמט איבער די מאַכט און פאַנגט אָן צו באַלעבאַטעווען. אַנערקענענדיג די אומעגליכקייטען און די גרויסע שוואַכקייטען פון די דראַמען פיהלען מיר אָבער אין דערזעלבער צייט די אַטמאָספערע פון די נייע אידעען, מיט וועל־כע זיי זיינען דורכגעדרונגען.

הוגא'ס געדאַנק איז בטבע געווען אַזוי דאָגמאַטיש, אַז יעדע נייע אידעען־וועלט, אין וועלכער ער איז דורך דעם משך פון זיין לעבען אַריינגעטראָטען, האָט זיך ביי איהם ניט־ווילענדיג קריס־טאַליזירט אין אַ סיסטעמע פון דאָקטרינען. פון דער רגע אָן, וואָס ער איז געוואָרען אַ דעמאָקראַט, איז ער געוואָרען אַ הייסער געג־נער פון טויט־שטראָף. דיכטעריש האָט ער געגען דעם אויסגע־דריקט זיין פּראָטעסט אין זיין ווערק „דער לעצטער טאָג פון'ם פאַר־אורטיילטען צום טויט" ("Le dernier Jour d'un Condamné"), און אין זיין ("Claude Gueux"), וואו ניט קיין אַנגענעהמער ווירק־ליכער צופאַל ווערט פון אַלע שטאַנדפּונקטען משונה'דיג פאַר־דרעהט און אַ נידערטרעכטיגסטער מערדער ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ העלד און אַ קרבן. ער האָט אויך פּראַקטיש געקעמפט געג־גען טויט־שטראָף; ער האָט זיך פּערזענליך געווענדעט מיט בקשות צו די פראַנצויזישע קעניגען, און צו אויסלענדישע געשוואָ־רענע ריכטער וועגען באַגנאַדיגען פאַר'משפט'ע צום טויט. הגם עס זיינען נאָך יעצט אויך, צוליב גוטע אורזאַכען, דאָ מיינונגס־פאַרשידענהייטען וועגען דער ראַטזאַמקייט פון אָפּשאַפען טויט־שטראָף פאַר מערדער, דאָך פאַרדינען הוגא'ס אָנשטרענגונגען צו ראַטעווען די לעבענס פון פּאָליטישע פאַרברעכער אונזער שטאַרקע סימפּאַטיע. אין דעם יאָהר 1839 האָט ער זיך געווענדעט צום קעניג מיט אַ בקשה צו ראַטעווען פון דער תליה דעם נאָבעלען רעוואָלוציאָנער אַרמאַן באַרבעס; לואי פיליפּ האָט, אגב, אין דעם פאַל באַגנאַדיגט דעם פאַראורטיילען צום טויט נאָך איידער הוגא'ס פערזען זיינען צו איהם אָנגעקומען.

אָבער דעם שעהנסטען און דעם איינציג ריכטיגען אויסדרוק פון די אידעען פון פראַנקרייך'ס גרעסטען דיכטער דאַרף מען, נאַטירליך, זוכען אין זיין ליריק. די דראַמען, וואָס ער האָט גע־

שאַפען אין דער ערשטער עפּאָכע פון זיין לעבען, און די ראָמאַנען, וואס ער האָט געשאַפען אין דער צווייטער עפּאָכע (וועלכע זיינען אויסער די גרענעצען פון אונזער איצטיגער ארבייט), האָבען אַ קליינעם ווערט אין פארגלייך מיט זיינע פּאָעטישע ווערק פון די דרייסיגער און פערציגער יאָהרען, וואס זיינען געזאַמעלט געוואָרען אין צוויי באַנדען אונטער דעם נאָמען "Les Contemplations". דאָ זיינען זיין גלויבען אין פּראָגרעס, זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, זיינע סאָציאַלע האָפנונגען און זיינע רעליגיעזע געפיהלען אויסגעדריקט אין דער איינציגער פּאַסענדער קינסטלערישער פאָרמע. די קינסטלערישע פארמע קען מען ניט פאָנאַנדערגלידערען און ניט איבערגעבען מיט אַנדערע ווערטער. מען קען פיהלען דעם טעם איהרען בלויז אין אָריגינאַל.

הוגא האָט פּאָלקאָם רעכט געהאַט אויסצושרייען אין אַ געדיכט פון דער זאַמלונג:

„איך האָב אין מיינע ביכער, דראַמען, פּראָזע און פערזען זיך אָנגענומען פאר די נידעריגע און אָרימע; איך האָב געבעטען רחמנות פאר די פאראורטיילטע פון דער מענשהייט, פאר די לאַקייען און פאר די גאַסענפרויען; איך האָב געפאָדערט רעכטען פאר פרויען און קינדער און איך האָב געשריען: גיט זיי דאָס וואָרט, דאָס שריפט און דעם וויסען! איך האָב געוואָלט, אַז די שול זאָל אין זיך איינזויגען דעם געפענגניש".

ער קלאָגט זיך אָבער:

„איך האָב שטענדיג באַגעגענט דעם שרעקליכען נעכטען, וואס האָט געוואָלט איינשלינגען דעם מאָרגען. ווי נאָר עס געלינגט אונז בייצוקומען די שרעקליכסטע שוידערליכקייטען, ווי נאָר עס געלינגט אונז צו מאַכען אַ שריט און דערווייטערען זיך פון שלעכטעס, נאָר פון דאָס ערגסטע בלויז, קומט די אַלטע צייט ווידער צוריק, בייסט אונז די פיס און שרייט אונז: „שטעהט!"

אָבער מען קען ניט אָפּשטעלען די באַוועגונג פאראויס פון דער יאָהר 1848 האָט זיך ווי אַ לאַנגער, פּאַרטויבענדער דונער, וואס מאַכט ריין די לופט, דורכגעטראָגען איבער אייראָפּאַ. ער איז אָנגעקומען, דער יאָהר 1848, דער יאָהר פון ערדציטערניש, דער יאָהר פון פּאָלק'ס באַפרייאונג, פון העלדישען קאַמף, און, —

אַך, — פון ראָמאַנטישער קינדעריי. ביים רעגירונגס־רודער פון פראַנקרייך זיינען געשטאַנען ניט קיין שטאַטסלייטע, גאָר דיכטער און טרוימער. אין דעם מלוכה־ראַט האָבען אַנשטאַט פּראַקטישער פּאָליטיק געהערשט די אידעען פון סען־סימאָניזם, ניי־קריסטענטום און פּאָעזיע. איין קליינער שטריך דערצעהלט אויף דעם שעהנסטען אופן דעם כאראַקטער פון דער צייטווייליגער רעגירונג: איינער פון איהרע ערשטע אַקטען איז געווען אָפּצושאַפען (לאַמאַרטין האָט עס פאָרגעשלאָגען) דעם מסחר מיט שווארצע שקלאַפען. דער שטראָם פון די אידעען פון דער ראָמאַנטישער פראַנקרייך פאלט אריין אין דער רעוואָלוציע פון דעם יאָהר 1848.

.34

די פארזעהענע און פארגעסענע.

ווען מען מאכט אן איבערבליק איבער א ליטעראטור צעהן אדער צוועלף יאהר נאכדעם, ווי עס האט זיך אין איהר אנגע־פאנגען א גרויסע נייע באוועגונג, אין דעם מאמענט ווען די אר־מיי פון דער נייער עפאכע איז ארויסגעקומען די זיגערין אין דעם קאמף, דוכט זיך, אז מען האט פאר זיך א שלאכטפעלד. די נצחון־געשרייען פון די זיגער ווערען צוזאמענגעמישט מיט פארשטיקטע יאמער־קולות. איך מיין ניט די וועה־געשרייען פון צושלאגענע ארמייען, וואס אנטלויפען פון שלאכטפעלד. זיי האבען פארדינט זייער מפלה און זייערע ליידען רופען אין מיר ניט ארויס קיינע רחמנות געפיהלען. איך האב אין זינען די פארוואונדעטע און פארגעסענע אין דער זיגרייכער ארמיי גופא, ווארים אויך אין א ליטערארישען קאמף זיינען דא צעטלאך פון „געטויטעטע און פאר־לארענע". עס איז אינטערעסאנט דורכצוגעהן דורך דעם שלאכט־פעלד און באטראכטען יענע שרייבער פון דעם דור פון 1830, וועל־כע זיינען פארלארען געווארען ווען זייערע יוגענדליכע כחות האַ־בען נאך געבליהט, אדער וועלכע זיינען אזוי ערנסט פארוואונ־דעט געווארען, אז זיי האבען געמוזט פון דאמאלס אן אנהאלטען אן עקזיסטענץ פון ארימע אומגליקליכע קאליקעס.

די באדינגונגען, אונטער וועלכע עס ווערען געשאפען ליטע־ראַרישע קאריערען, זיינען אזעלכע, אז בלויז צוויי אדער דריי פון די הונדערטע, וואס באטרעטען די ארענע, דערגרייכען דעם ענד־ציל. די איבעריגע בלייבען ליגען אויסגעמאטערטע אויף דעם וועג. די ערשטע, וואס פאלען, זיינען די אומגליקליכע, וועמעס כחות זיינען לכתחילה באגרענעצט, מענשען מיט בלויז ברעקלאך פון טאלאנט, וואס קומען אויף דער ארענא, האפענדיג צו גע־

פינען דארט דעם כבוד און גליק און ווערען געטריבען פון גלענצענדע אילוזיען ביז זיי פאלען פון די פיס פאר'חלש'טע און כאפען זיך אויף אין האספיטאל; נאך זיי פאלען יענע, וועלכע האבען ווירקליך גרויסען טאלאנט, אבער זיי פעהלען די באזונדערע פע־היגקייטען, וואס זיינען נויטיג אום צו זיין ערפאלגרייך אין דער געזעלשאפט, אין וועלכער זיי לעבען; יענע, וועלכע קענען זיך ניט צופאסען צו די אומשטענדען און באזיצען ניט די נאך גרעסערע כחות, וואס זיינען נויטיג אום צו צופאסען די ארומיגע געזעל־שאפטליכע אומשטענדען צו זיך, און ווערען דעריבער באזיגט פון די מעהר אדער וועניגער פלינקע מיטעלמעסיגקייטען, ווען דער גרויסער עולם אנערקענט אלס זיין אייגען פלייש און בלוט.

דער כאראקטער פון דער ארבייט גופא הרג'עט פילע אוועק. עס איז אן ארבייט, ביי וועלכער מען וויים בעצם ניט פון רוה־טעג, וואס עסט אויף די נערוועז־סיסטעם און וואס מען קען ניט טאן רוהיג, ווארים בלויז דאס, וואס דער שרייבער שאפט אין א צושטאנד פון העכסטער אויפרעגונג, האט די מאכט ארויסצורופען ביי די לעזער די געפיהלען, וואס ער האט אליין דורכגעלעבט. עס איז אן ארבייט, וואס ווערט געוועהנליך זעהר שלעכט באצאהלט. צוליב איהר ריין גייסטיגען כאראקטער פארשארפט זי און פאר־פיינערט די השגות און געפיהלען פון דעם ארבייטער אין פאר־גלייך מיט די השגות און געפיהלען פון דער סביבה, אין וועלכער ער לעבט, אבער אין דער זעלבער צייט פארבינדט זי איהם מיט דער דאזיגער סביבה און מאכט איהם א טייל פון איהר; ער מוז לעבען לויט די אנגענומענע מנהגים און געוואוינהייטען פון זיין קרייז מענשען. דאס רופט ביי פילע ארוים א דורשט צום לע־בען, צו פארשיידענארטיגקייט, צו שעהנקייט און צו שטארקע איר־בערלעבונגען; א דורשט, וואס ווערט קיינמאל ניט איינגעשטילט און פרעסט אויף דאס הארץ און דעם מארך, וואס די וועלט רופט פארוועלקונג, סוכאטע אדער משוגעת.

אנדערע ווערען פארלארען דורך די שוועריגקייטען, וואס זיי־נען פארבונדען מיט דער לאגע פון א שרייבער, אלס שרייבער. דאס גלייכגעוויכט פון דער געזעלשאפט ווערט אלע מאל אויפ־געהאלטען דורך דעם שטילען אפמאך, אז מען זאל דעם גאנצען

אמת ניט ארויסזאָגען אָפען. דאָך זיינען אין יעדער געזעלשאפט דאָ איינצעלנע מענשען, וועמעס איינציגע אויפגאבע, זייער מיסיע אין לעבען איז ארויסצוזאָגען דעם גאנצען אמת. דאָס זיינען די דיכטער, די שרייבער. אויב זיי דריקען ניט אוים דעם אמת ווערען זיי פארוואנדעלט אין נוצלאָזע פארמאַליסטען, וועלכע זוכען אלעמען צופרידענצושטעלען. דערפאר געפינט זיך דער שרייבער שטענדיג אין א שלעכטער לאגע. ער מוז זיך באשליסען אדער צו פארשווייגען דאָס, וואָס ער דאַרף ארויסזאָגען, מיט דעם פועל־יוצא, אז זיינע גייסטיגע קרעפטען זאלען ווערען פארטעמפט און נוצלאָז, אָדער אָפען אַרויסצוזאָגען זיינע געדאַנקען, וואָס קען ווערען פאר איהם גאנץ געפעהרליך, שאַפענדיג פאר איהם אַזעלכע שרעקליכע שונאים, וועלכע זיינען מעגליך בלויז אין דער ליטעראטור. דאָס זיינען שונאים, וועלכע האָבען טויזענט צינגער ווען זיי ווילען ריידען און טויזענט שטאָפענס פאר זייערע מיילער ווען זיי ווילען פארשווייגען א שרייבער און זיינע ווערק. פאר א מענשען, וועמעס עקזיסטענץ גופא ווענדעט זיך אָן דעם אויף וויפיל ער איז באוואוסט אין דער וועלט, איז ניטאָ קיין גרעסערע געפאהר, ווי צו ווערען שטיל פארניכטעט פון די פארדעטערישע פיילען פון פארשווייגעניש.

די אנשטרענגונגען, געפאהרען און שוועריגקייטען פון דעם לעבען פון א שרייבער, האָבען געמוזט זיין צווייפאך גרוים אין אזא עפּאָכע, ווי אין דעם יאָהר 1830, ווען, ווי דורך א קלאַפּ פון א כשוף־שטעקעלע, האָט א גאנצע גרופּע טאַלאנטפולע שרייבער זיך באַוויזען אויף דער סצענע אין דער זעלבער צייט; ווען יעדער יונגערמאַן מיט וויפיל עס איז טאַלאנט, אינטעלעקטועלע קראפט אדער פאנטאַזיע האָט געפיהלט א נייגונג צו ווערען א שרייבער אָדער א קינסטלער; ווען די באריהמטקייט, וואס די ליטעראטור און די קונסט האָבען געבראכט, האָט געשיינט צו זיין אזוי צובערענד, ווי דער מיליטערישער רוהם אין די צייטען פון נאַפּאָלעאָן; ווען עס איז געוועזן שווערער איידער אין וועלכער עס איז אנדער צייט צו דערשלאָגען זיך צום גרויסען ערפאָלג, און ווען, אויסער דעם, א געגנערשאַפט צו אלץ, וואָס איז קאָנווענציאָנעל, און א שנאה צום רוהיגען, רעגולירטען לעבען פון דער בורזשואזיע

איז באטראכט געוואָרען אָלס א וויכטיגע באדינגונג פאר ערפאָלג, אין דער קונסט און דער אידעאל פון דעם יונגען ליטעראט איז געווען צו ליבען און ווערען געליבט מיט א פארברענענדער, ליידענשאפט; צו שאפען א מייסטערווערק; צו פאראכטען אָדער צו ראטעווען די מענשהייט און שטאַרבען.

ווען מיר באטראכטען דעם שלאכטפעלד, וואו די אומבאַוואוסטע זיינען געפאלען, זעהען מיר זיי ליגענדיג אין געדיכטע רייהען. צווישען זיי זיינען דאָ רייכע, שטאַרק אנטוויקעלטע טאַלאנטען, ווי יוזעב דע־סאל (געבאָרען אין 1801 אין מארסעל), א גראף, א דאָקטאָר, א רייזענדער אין די מזרח־לענדער, א פראָפעסאָר פון דער אראבישער שפּראַך, וועמעס ראמאן "Sakontala a Paris" (1833) איז איינע פון די טאלאנטפולסטע און אָריגינעלסטע פסיכאָלאָגישע נאָוועלען פון יענער צייט, אבער וועמעס ביכער האָבען קיינמאָל ניט דערלעבט קיין צווייטע אויסגאבע — אפילו ניט איינער פון זיי — שוין ניט ריידענדיג וועגען שאפען פאר איהם א נאָמען, הגם צווישען די זכרונות פון זיין יוגענד איז ביי איהם פארבליבען אין געדאנק א זונטאָג אָווענט ביי נאָדיע אין הויז ווען ער און הוגאָ זיינען אין א גלייכער מאָס געווען די העלדען פון טאָג. אָט איז רעניע דעסטורבע, וועמעס ראמאן „לואיזע", וואָס איז געווידמעט צו זשאָנען און איז פיליכט געשריבען געווארען אונטער זיין איינפלוס באהאנדעלט אן אנגעוועהטאָגטע פראגע זעהר טיף און מיט א פיינעם געשמאק. — אָט איז שארל דאָוואל, וועלכער איז געטויטעט געווארען אין א דועל ווען ער איז אלט געווען בלויז צוואַנציג יאָהר, וועמעס זאמלונג פון פאָעמען "Le Sulphe" האָט ארויסגעצייגט א שטאַרקען טאַלאנט, וועגען וועלכען הוגאָ האָט ווארים געשריבען נאָך דעם שרייבער'ס טויט. — דאָ איז דער מעלאנכאָלישער יוזשען הוגא, וויקטאָר'ס עלטערער ברודער און געטרייער חבר און פריינד, וועלכער האָט, באוואפענט מיט אן עהנליכען, הגם שוואכערען, לירישען טאלאנט, ווי זיין ברודער'ס, צוזאמען מיט איהם דורכגעקעמפט די ערשטע שלאכט פון דעם ראָמאנטיזם און איז אבער שוין אין 1837 געשטאָרבען א משוגענער.

דאָרט איז דאָ אזא מערקווירדיגער און נאָבעלער טאלאנט, ווי

פאַנטאַני, אנאנדער געטרייער אָנהענגער פון הוגאָ. פאַנטאַני איז א צייט געווען דער סעקרעטאר פון דער פראַנצויזישער געזאַנד־שאַפט אין מאדריד. ער האָט געהאט א שטאַלצען, צוריקגעהאַל־טענעם און פיינעם כאַראַקטער. אין זיין ערצעהלונג "Adieu" ("Revue des Deux Mondes," 1832) האָט ער באשריבען איינע פון די ראָמאַנטישע, טרויעריגע פּאַסירונגען פון זיין לעבען. אין דער לעבענס־באשרייבונג פון זשאָרזש זאַנד איז דאָ א רמז וועגען דער אומגליקליכער ליבע, וואס האָט פאַראורזאַכט זיין טויט אין 1837. — דאָרט זיינען דאָ מענשען מיט אזא פיינעם, איידעלען לירישען טאַלאַנט, ווי פעליקס אַרווער, וועמעס נאָמען עס דערמאָנט אונז יעצט בלויז איין איינציגען פּרעכטיגען סאָנעט, אָדער לובענסקי, וועמען מען געדענקט צוליב בלויז איין איינציגע אָדע, אָדער ערנסט פאָנעט, וועלכער האָט אָנגעשריבען דעם סאָנעט „צוויי גליקליכע" אויף די ראַנדען פון דער אויסגאַבע פון „ראָנסאַר", וואס אַלע דיכטער פון דער שולע, אויף דעם פאָרשלאַג פון סעינט־בעוו, האָבען געגעבען אַלס מתנה צו הוגאָ. צו דער שאַפונג פון דעם סאָנעט גופא האָט אויך יעדער דיכטער פון דער גרופּע עטוואָס בייגעשטייערט. הגם פאָנעט איז יעצט שוין אינגאַנצען פארגעסען, דאַרף מען אָבער ראַטעווען פון פארגעסענהייט די פאָלגענדע שורה זיינע:

"Pour que l'encens parfume, il faut que l'encens brule."

(„אום די בשמים זאָלען ארויסגעבען זייער גוטען ריח, מוז מען זיי אנצינדען".)

דער איינציגער משל, די איינציגע פראזע, גיט איבער די גאַנצע טעאָריע פון די ראָמאַנטיקער וועגען פּאָעזיע. — דאָרט זיינען דאָ אַזוינע גליקלאָזע סען־סימאָניסטישע דיכטער, ווי פּאַיאָ; סאַטיריקער, ווי טעאָפיל פעריער, וועלכער האָט אויסגעלאַכט די איבערטרייבונגען פון די ראָמאַנטיקער; זיינע ווערק זיינען געשריבען אין דעם סטיל פון גאָטיע'ס „די יונגע פראַנקרייך" און ער האָט אין זיין "Lord Chatterton" געשאַפען א פּאַראָדישע פאָרטזעצונג צו דע־וויני'ס דראַמע. אמענדע באַגעגענען מיר דאָרטען אַזעלכע מענשען, ווי אולריק גוטינגער, וועגען וועמען מען דערמאָנט זיך בלויז

צוליב א יוגענדליך־באַגייסטערטער דיכטונג, וואָס דע־מיוסע האָט איהם געווידמעט.

אָבער אום צו געבען אַ מעהר לעבעדיג בילד פון די דאָזיגע שטיפקינדער פון דעם מזל, וועל איך זיך אָפּשטעלען עטוואס לענ־גער אויף דער פּערזענליכקייט און דעם לעבען פון איינעם אָדער צוויי פון זיי, באַלייכטענדיג דורך דעם אויך מעהר דעם כאַראקטער פון דער עפּאָכע, ווארים דער כאַראקטער פון אַן עפּאָכע ציינט זיך זעהר קלאָר ארוים גראָד אין יענע פּערזענליכקייטען, וועלכע האָ־בען צוליב זייער אריגינאַליטעט אָדער צו גרויסער האסטיגקייט ניט געקענט ערוועךבען פאר זיך א נאָמען.

צוערשט וועל איך נעמען אימבער גאַלוא, ניט דערפאר, וואָס ער איז גרעסער פון די איבעריגע, נאָר דערפאר וואס ער איז זעהר כאַראקטעריסטיש. ער איז געווען אַן ארימער יונגערמאַן פון גענף, א זוהן פון א לעהרער אין א פאָלקס־שול, מיט אויסערגעוועהנליכע פעהינקייטען, וועלכער האָט באקומען זעהר א גוטע בילדונג. ער האָט פארלאָזען זיין היימישע שטעטעל און איז געקומען קיין פאריז ניט האָבענדיג גענוג געלט מיט זיך אפילו אויף איין מאָנאט צו לעבען. אין דער הויפּט־שטאָדט האָבען איהם געצויגען די באַריכ־טען וועגען די זיגען פון די ראָמאַנטיקער. ער איז געווען אנט־שלאָסען צו זעהן די מענשען, וועמען ער האָט אזוי ענטוזיאסטיש באוואונדערט, און, אויב מעגליך, צו ווערען איינער פון זיי.

ווען ער איז געקומען קיין פאריז האָט ער באַלד באזוכט שאַרל נאָדיע, דעם פאַטריאַרך פון דער נייער שול, הוגא, איהר הויפּט־פיהרער, און סעינט־בעוו, איהר באַנערטרעגער. הוגאָ האָט דעם באזוך באשריבען. איך גיב דאָ איבער זיין באשרייבונג בקיצור:

„אין א קאַלטען פריהמאָרגען אין אָקטאָבער 1827 איז צו מיר אריינגעקומען א הויכער יונגערמאַן. ער האָט געטראָגען א ווייי־סען, גאַנץ נייעם מאַנטעל און אין האַנט האָט ער געהאַלטען אַן אַלטען הוט. ער האָט זיך מיט מיר פאַנאַנדערגערעדט וועגען פּאָ־עזיע. אונטער'ן ארעם האָט ער געהאַט א גאַנצען פּעקעל פּאַפּי־רען. איך האָב באַמערקט, אז ער האָט געהאַלטען זיינע פיס אונטער דעם שטול, מען זאָל זיי ניט זעהן. ער האָט אביסעל גע־הוסט. אויף מאָרגען האָט געגאָסען א שלאַקס רעגען, אבער דער

יונגערמאַן איז צו מיר ווידער געקומען. ער איז ביי מיר אפּגע־זעסען דריי שטונדען און גערעדט זעהר אינטערעסאַנט וועגען די ענגלישע דיכטער, מיט וועמען ער איז געווען באַקאַנט בעסער פון מיר. איהם האָבען, עס שיינט, שטאַרק באַגייסטערט די דיכטער פון דער „אָזערא שול" ("Lake School"). ער האָט זעהר פיל גע־הוסט. די פיס זיינע האָט ער ווידער די גאַנצע צייט באַהאַלטען אונטער דעם שטול. אַמענדע האָב איך דערזעהן, אַז זיינע שטי־וועל זיינען שטאַרק צוריסען און זיינע פיס זיינען דורכגעווייקט מיט וואַסער. איך האָב ביי זיך ניט געקאָנט פועל'ן צו זאָגען עפּעס וועגען דעם. ער איז אוועק ניט האָבענדיג גערעדט וועגען קיין זאַך, אויסער די ענגלישע דיכטער".

מיר זעהען, אַז ער האָט באַזוכט די באַריהמטסטע שריי־בער פון יענער צייט. זיין ריידען און זיינע געדיכטע האָבען גע־צייגט, אַז ער האָט טאַלאַנט; מען האָט איהם אומעטום גוט אויפ־גענומען, מען האָט איהם אפילו מיט עפּעס געהאָלפען און זיינע בריף קיין געניף צייגען אַרויס אַ נאַאיווע צופרידענהייט מיט דעם כבוד, וואָס ער באַקומט. ער דערצעהלט אין זיי וואָס פאַר אַ באַריהמ־טע מענשען נעמען איהם אויף אַלס זייער גלייכען און וואָסערע גרויסע מענער זיינען געוואָרען זיינע פריינד. אָבער אין דער זעל־בער צייט פאַלט אויף איהם אָן אַ מעלאַנכאָליע. זיין אומגליק־ליכער מזל איז געווען, וואָס ער איז געבאָרען אין אַ סביבה, וואָס פּאַסט ניט פאַר איהם. זיין טרויער איז געווען אַ משונה'דיגער, אָבער אַ ווירקליכער. זיין געדאַנק איז שטענדיג געווען פאַרנו־מען מיט דער טענה פאַרוואָס ער איז ניט געבאָרען אין ענגלענדער. דאָס איז ביי איהם געוואָרען אַ מין מאַניע, אַ משוגעת. ער האָט געפיהלט, אַז זיין נאַטירליכער עלעמענט איז די ענגלישע ליטע־ראַטור, ניט די פראַנצויזישע. ער פלעגט פון אין דער פריה ביז נאַכט לייענען ענגליש און האָט בלויז גע'חלומ'ט וועגען אָנקליי־בען געגוג געלד צו פאָהרען קיין לאָנדאָן און ווערען דאָרט אַן ענג־לישער דיכטער. ווען מען האָט איהם אַ יאָהר שפּעטער געפונען אַ טויטען אין זיין בעט אין אַן אָרימען צימער אין פּאַריז, אַן אויסגעגאַנגענעם פון פאַרצווייפלונג און נויט, האָט ער אין האַנט געהאַלטען אַן ענגלישע גראַמאַטיק.

אָבער הערט זיך צו צום טאָן פון זיינע בריף:

„אַך, מיין איינציגער פריינד, ווי אומגליקליך זיינען די יעניגע, וועלכע זיינען געבאָרען אומגליקליך! נעכטען אָוונט האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ פיבער... זינט איך בין געקומען אַהערצו האָט מיין אומגליק זיך אויסגעדריקט אין פינף אָדער זעקס פאַרשיידענע פאָרמען, אָבער דער עיקר פון מיין שלימ'מזל באַשטעהט אין דעם, וואָס איך בין ניט געבאָרען געוואָרען אין ענגלאַנד. איך בעט דיך, לאַך ניט פון מיר, איך בין אַזוי אומגליקליך. אמת, איך האָב זיך יעצט באַפריינדעט מיט די באַריהמטסטע שרייבער, און עס איז אויך אמת, אַז אין זייער געזעלשאַפט פיהל איך צייטענווייז אַן אויבערפלעכליכע פרייד ווען מיינע גערדיכטע געפעלען זיי; איך קען אפילו ווערען ווי פאַר'שיכור'ט פון די קליינינקע טריאומפען, וואָס האַלטען אָן איין אָוונט, אָבער טיף אין מיין נשמה איז ניט בלויז אומגליקליכקייט, נאָר איך ווער אויך אויפגעפרעסען פון אַ ראַק. צושמאָלצענער בליי פליסט אין מיינע אָדערען. ווען מען זאָל קענען אַריינקוקען אין מיין נשמה, וואָלט מען דאָרט דערזעהן דעם רחמנות אויף מיר. ענגלאַנד האָט אַלץ — זי האָט פופציג דיכטער, אַמוועניגסטענס, וואָס האָבען זעהר אַ סך דורכגעלעבט און וועמעס ביכער זיינען פול מיט פאַנטאַזיע; אין פראַנקרייך זיינען ניטאָ אפילו דריי אַזעלכע דיכטער. דאָרט וואָלט איך געהאַט אַ פאָטערלאַנד וועמעס פאָראורטיילען אפילו וואָלטען מיר ליב געווען. וויפיל פאָעזיע איז דאָ אין די אַלטע ענגלישע מנהגים! אַן ענגלישע דאַמע, וועלכע לערענט מיך די שפּראַך, זאָגט, אַז אין אַ משך פון צוויי יאָהר וועל איך קענען גלענצענד שרייבען ענגליש."

דאָס איז געווען אַ ריהרענדע אילוזיע. דער אָרימער יונגער מענש, וועלכער האָט נאָך ניט פאָלקאָם באַזיצט זיין אייגענע שפּראַך, וועמעס אָדען זיינען אָפט געווען געבראָכען און וועמעס קינסטלעריש באַארבייטע פערזען האָט געפעהלט לעבען און גלאַנץ, האָט געטרוימט אין צוויי יאָהר אַרום צו קענען שרייבען „גלענצענד" אין אַ פרעמדער שפּראַך. ער האָט אָבער אין גיכען פאַרלאָרען זיין צוטרוי צו זיינע אייגענע פעהיגקייטען און האָט אָנגעפאַנגען קריטיקירען זיין אייגענע פאָעזיע פיל שטרענגער פון אַנדערע און מעהר

ווי זי האט עם פאָרדינט. ער האט זיך איינגעשלאָסען אין זיך אליין, האט קיינעם ניט געוואָלט זעהן און מיט קיינעם פון די ארומיגע ניט געוואָלט ריידען. ער איז געקומען פון גענף פאראינטערעסירט אין אלעמען און אין אלץ און מיט א באגייסטערטען גלויבען אין זיינע אייגענע כחות. אין פאריז האט ער פארשווענדט זיין טאַלאנט אויף געשפּרעכען און ליטעראַרישע סכסוכים (דאס איז אַי־מער א געפעהרליכע ארבייט), ביז עס איז ביי איהם אין קאָפּ ניט געבליבען קיין איינציגע פרישע אידעע. ער האט דאמאלס אנגעפאנגען ארבייטען פאר די בוכהענדלער, האט געשריבען רעצענזיען און ביאגראפיען ביז דאס האט איהם צום חלש'ען דערעסען. ווען ער איז אין דעם עלטער פון צוויי און צוואנציג יאהר געשטאָרבען, איז ער שוין לאנג געווען פאלשטענדיג גלייכגילטיג צו אלץ ארום איהם און האט אינגאנצען פארלאָרען זיין גלויבען אין זיין אייגענעם טאלאנט. ער האט זיך אפּגעלאָזען ביז זיין נשמה איז איהם פּשוט אויסגעגאנגען.*)

איך געה יעצט אריבער צו גרעסערע און שטארקערע טאלאנטען. פון די קליינ איך אויס דריי: לואי בערטראן, פעטרוס באָרעל און טעאָפיל דאנדעי. דאס זיינען דיכטער, וועלכע זיינען געווען כמעט אומבאוואוסט ווען זיי האבען געלעבט, אבער וועלכע זיינען יעצט באקאנט צו פילע ליבהאבער פון ליטעראטור אין און אויסער פראנקרייך. די אָרימע יונגע שרייבער האבען פאר זייער לעבען אין דעם משך פון קורצע עטליכע יאהר ניט געקענט געפינען קיין ארויסגעבער, וועלכער זאָל וועלען איבערדרוקען זייערע ווערק. אבער יעצט, בפרט זינט שארל אסעלינאָ האט ארויסגערופען צו זיי א פרישען אינטערעס, ווערען זיי געדרוקט אין לוקסוס אויסגאבען אויף האָלענדישע פאפיר, וואס שטייגען אלץ אין פרייז. מען מאכט נאָך אפילו די באפוצונגען און די שער־בלעטלאך פון זייערע ערשטע אויסגאבען און די ביכער ווערען אין די קאטאלאָגען פון די בוכהאנדלונגען באצייכענט אלס „זעלטענע און טייערע".

*) אימבע גאַלוא'ס "Poésies Posthumes" (Ymbert Galloix) איז אַרויס אין גענף אין 1834. על פי טעות איז אין דער זאַמלונג אריין סענט־בעוו'ס געדיכט.

לואי בערטראַן (Louis Bertrand) איז געבאָרען אין 1807 אין דער שטעדטעל דיזשאָן, וואס ער האָט אזוי שעהן באַזונגען. ער איז מעהר באַוואוסט אונטער'ן פסעוודאָנים "Gaspard de la Nuit". צווישען די ראָמאַנטיקער רעפּרעזענטירט ער בעסער און שאַרפער פון וועמען עס איז די גרופּע, וואָס האָט הויפּטזעכליך געשטרעבט צו דער באַנייאונג פון דעם פראַנצויזישען סטיל. אין דער צייט ווען אנדערע אין זיין דור האָבען געוואָלט איינגעמען די וועלט דורך שטורעם און ליידענשאַפטליכע האַסטיגקייט, האָט ער אין זיין היימיש שטעדטעל אנטוויקעלט די פעהיגקייט צו באַהאַנדלען די שפּראַך מיט דער קונסט פון א סקולפּטאָר און א גאָלד־שמידט. קיינער האָט ניט געהאַט אזא שנאה, ווי זיינע, צו געוועהנליכע פראַזען און אויסגעדראָשענע מליצות. איידער ער האָט געשריבען האָט ער ווי דורך א זיפּ דורכגעקליבען אלע ווערטער, האָט דורכגערייניגט אלע אויסדרוקען פון אלץ, וואָס איז בלייך און צופיל אויסגענוצט, און האָט געברויכט בלויז אזעלכע, וואָס האָבען א קינסטלערישען ווערט און זיינען מוזיקאַליש. אין א געדיכט מוזען אימער זיין ווערטער, וואָס מען ברויכט בלויז צוליב דעם ריטם אָדער גראַם. וואס ווייניגער אזעלכע ווערטער איז בכלל, פאַרשטעהט זיך, בעסער. אָבער דער עיקר פון בערטראַנ'ס קונסט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אלע אזעלכע פּאַראַזיטישע, אריינגעפיהרטע ווערטער שטרענג אויסגעשלאָסען פון זיין סטיל. זיין ארבייט באַלאַנגט צום ליטעראַרישען זשאַנר, וואָס ער האָט אליין אויסגעאַרבייט און אנדערע האָבען עס איבערגענומען (ווי, למשל, באָדלער. אין פּראָזע האָט ער געשריבען קורצע, זעלטען ווען מעהר פון צוויי זייטען, באַשרייבונגען. אמאָל אין דעם סטיל פון רעמבראַנדט, אמאָל פון קאַלאָ, אמאָל פון וועלוועט־ברויגעל, אמאָל פון זשעראַר דאָו און אמאָל אין דעם סטיל פון סאַלוואַטאָר ראָזא. די בעסערע פון זיי זיינען אזוי פּאַלקאָם, ווי די בילדער פון די דאָזיגע מאָלער.

אין דעם יאָהר 1828, אין דער ערשטער, ניט־פּאָליטישער עפּאָכע פון דער ראָמאַנטישער באַוועגונג, האָט בערטראַן געהאָלפען גרינדען אַן אָרגאַן פאַר די אידעען פון דעם ראָמאַנטיזם אין זיין היימישער שטאָדט. זיינע ארטיקלען אין "Le Provincial"

זיינען באמערקט געוואָרען פון די באַריהמטע פאַריזער שרייבער שאַטאָבריאַן, נאָדיע און וויקטאָר הוגאָ. אין גיכען האָט דעם יונגען שרייבער אָנגעפאַנגען אזוי שטאַרק ציהען צו דער הויפּטשטאָדט, אַז ער האָט געמאַכט שטענדיגע נסיעות צווישען דיזשאָן און פאַריז. ווען ער איז אַלט געווען איין און צוואַנציג יאָהר איז ער שוין אַריין אין דעם קרייז פון די פאַריזער שרייבער און אַ געוויסען זונטאָג האָט מען איהם ביי שאַרל נאָדיע אין הויז ערלויבט פאָרצולעזען פאַר אַלעמען אַ באַלאַדע. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט דעם גאַנצען קרייז, אָבער באַזונדערס באַפריינדעט איז ער געוואָרען מיט סעינט־בעוו'ן, וועלכער איז געוואָרען זיין ליטעראַרישער בעל־עצה. ער פלעגט ביי איהם איינשטעהן ווען ער פלעגט קומען אויף זיינע קורצע באַזוכען קיין פאַריז און געמאַכט איהם פאַר דעם שומר פון זיינע כתבים. בערטראַן האָט געהאַט די קליינשטעדטעלדיגע שע־מעוודיגקייט און די היציגקייט פון אַ דעליטאַנט, אָבער אין דעם ברענענדען פייער פון זיינע קליינע, צושראָקען אומרוהיגע אויגען האָט מען געקענט זעהן דעם דיכטער.

באַלד נאָך דער יולי רעוואָלוציע האָט זיך בערטראַן מיט היץ אַריינגעוואָרפען אין פּאָליטישער טעטיגקייט און ער איז צוגעשטאַ־נען צו דער עקסטרעמער אָפּאָזיציאָנס פּאַרטיי. ווי אין אַ נעטרייען זוהן פון אַ סאָלדאַט פון דער עפּאָכע פון דער רעפּובליק און פון דער אימפּעריע האָט זיך אין איהם פאַנאַנדערגעשפּילט דער מיליטערי־שער אינסטינקט, וואָס האָט ביז דאַמאָלס געדרעמעלט אין זיין נשמה, און ער האָט אָנגעפאַנגען אַ גאַנצע רייהע אַטאַקען אויף דער הערשענדער בורזשואַזיע. ער איז אַלט געווען בלויז דריי און צוואַנציג יאָהר און אַ צייטונג פון אַ געגנערישער פּאַרטיי האָט איהם באַהאַנדעלט מיט אַ באַזונדער פאַראַכטונג צוליב זיין יוגענד. ער האָט געצוואונגען דעם רעדאַקטאָר פון יענער צייטונג אָפּצודרו־קען אַן ענטפער אויף דעם באַליידיגענדען אַרטיקעל, וואו ער שרייבט:

„מיר זיינען ליבער אייערע אויסלאַכונגען איידער אייערע שבחים. אייער לויבען מיך וואָלט געהאַט אַ נישטיגען ווערט נאָך די דערמוטיגונגען, וואָס מיין טאַלאַנט האָט באַקומען פון וויקטאָר הוגאָ, סעינט־בעוו, פערדינאַנד דעניס און אַנדערע. אייערע אומ־

פאַרשעמטע באַליידיגונגען צווינגען מיך צו ציטירען די ווערטער, מיט וועלכע עס האָט מיך געעהרט א זשעניע. דער הער וויקטאָר הוגאָ שרייבט צו מיר: „איך לייען אייערע פערזען אויפ'ן קול פאַר א קרייז פריינד, ווי איך לייען די געדיכטען פון אנדרע שעניע, פון לאַמאַרטין אָדער פון דע־וויני; עס איז שווער אין א גרעסערער מאָס פון אייך צו באַזיצען די סודות פון דער פאָרם" א. א. וו. — אָט־וואָס עס שרייבט וויקטאָר הוגאָ צו א מענשען, וועמען איהר האָט די העזה צו רופען קראָם־משרת. עס איז אמת, אז איך האָב ניט די עהרע צו שטאַמען פון א פריץ א טעלער־לעקער און אז איך קען ניט זיין קיין קאַנדידאַט ביי די וואהלען (ד. ה. איך בין ניט אויף דעם צעטעל פון די בירגער, וואָס צאָהלען הויכע שטייערען). מיין פאָטער איז בלויז געוועזען א קאַפּיטאַן אין דער זשאַנדאַרמעריע, בלויז א פּאַטריאָט פון דעם יאָהר 1789, בלויז א גליקען־זוכענדער סאָלדאַט, וועלכער איז אין דעם עלטער פון אכצעהן יאָהר געלאָפען צום רהיין צו פאַרגיסען דאָרט זיין בלוט און אין דעם עלטער פון פופציג יאָהר געהאַט הינטער זיך דרייסיג יאָהר דינסט, איז געוועזען אין ניין מלחמות און האָט געהאַט זעקס וואונדען. עס איז אמת, אז מיין גאַנצע ירושה פון איהם באַשטעהט פון עהרע און זיין שווערד, וואָס איהר, מיין הער רעדאַקטאָר וואָלט אויסגעמידען צו זעהן אויסגעצויגען געגען אייך."

דאָס איז דער סטיל פון דער פראַנצויזישער זשורנאַליסטיק פון 1832, — ער איז זיכער ניט באַשיידען, עס פעהלט אין איהם אָבער אויך ניט קיין מוט. בערטראַן האָט באַלאַנגט צו דער גרופּע יונגע מענשען, וועגען וועלכע זשאָרזש זאַנד רעדט אזוי סימפּאַטיש אין „האָראַס", וועלכע האָבען באַטראַכט גאָדפרוא דע־קאַוואַניאַק אַלס זייער פּאָליטישען פיהרער און וועלכע האָבען באַקומען דאַמאָלס דעם צונעמעניש “les bousingots” („מאַטראָסען־הוטלען"). אין בערטראַן מישט זיך אויף א משונה'דיגען שטייגער צוזאַמען רעפּובליקאַנישע העזה'דיגקייט מיט דעם זעהר פיינעם קינסטלערישען חוש פון דעם ראָמאַנטיקער.

לואי בערטראַן איז קיינמאָל ניט געוואָרען באַריהמט. ער איז געוועזען צו האַסטיג אין די יונגע יאָהרען און האָט ניט פאַרהיט זיינע כחות. ער האָט זיך איבערגעאַרבייט אום אויסצוהאַלטען

זיין מוטער און זיין שוועסטער און ער איז אין 1841 געשטאָרבען אין אָרימקייט אין אַ פּאַריזער האָספּיטאַל. דאַוויד ד'אַנזשער, דער גרויסער ראָמאַנטישער סקולפּטאָר, וועלכער איז געטריי געזעסען ביים בעט פון דעם קראַנקען ביז זיין טויט, האָט געהייסען ברענגען פון זיין אייגענער היים אַ ווייסען לייַלאַך אויף איינצווויקלען דעם טויטען קערפּער און ער איז געווען דער איינציגער מענש, וואָס האָט באַגלייט בערטראַן צו זיין קבר. ד'אַנזשער האָט פאַר איהם געמאַכט אַ מצבה און סענט־בעוו און פּאַווי האָבען ארויסגעגעבען זיין "Gaspard de la Nuit"· אין 1842 זיינען קוים, מיט שווערינקייטען פאַרקויפט געוואָרען צוואַנציג עקזאמפּלאַרען פון דעם בוך, אָבער אין 1868 האָט דער ראָמאַנטישער ביבילאָפיל שאַרל אַסעלינאָ איהם ארויסגעגעבען אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע.

אלס אַ ביישפּיל פון בערטראַנ'ס סגנון ברענג איך דאָ זיין דערצעהלונג "Madame de Montbazon" דער מאָטאָ צו דער זאַך איז גענומען פון סען־סימאָנ'ס מעמוארען. מאַדאַם דע מאָנבאַזאָן איז געווען זעהר אַ שעהנע פרוי, וועלכע איז (אין דעם 16טען יאָהרהונדערט) בוכשטעבליך געשטאָרבען פון איהר ליבע צום ריטער דע־לאַ־רו, וועלכער האָט זי ניט ליב געהאַט.

„די דינסטמיידעל האָט אוועקגעשטעלט אויף אַ לאַקירטען טישעל אַ וואַזע מיט בלומען און קאַנדעלאַברען מיט וואַקסענע ליכט. דער אָפּשיין פון די ליכט איז געפאַלען ווי רויטע און געלע גלאַנצענדיגע פלעקען אויף די בלויע זיידענע גאַרדינען ביים צוקאָפּענס פון דער קראַנקער.

— „דענקסטו, מאַריעט, אַז ער וועט קומען?"

— „אַך, שלאָפט איין, מאַדאַם, שלאָפט זיך כאָטש אַביסעלע דורך".

— „יאָ, יאָ, איך וועל אין גיכען איינשלאָפען, אום אין שלאָף צו דענקען וועגען איהם אַ גאַנצע אייביגקייט."

עס הערט זיך ווי עמיצער קומט ארויף אויף די טרעפּ.

— „אַך, הלואי וואָלט עס געווען ער!" — מורמעלט אין דער שטיל די קראַנקע מיט אַ שווערען שמייכעל, און עס שיינט, אַז דאָס פליגעלע פון לעבען קלייבט זיך אוועקצופליהען פון איהרע ליפּען.

דער גאַסט איז געווען אַ קליינינקער פּאַזש, מיט וועלכען די קעניגין האָט צוגעשיקט דער הערצאָגין קאָנפעקטען, געבעקס און עליקסירען אויף אַ זילבערנעם טעלער.

— „אַה, ער קומט ניט!" — האָט די קראַנקע געזאָגט מיט אַ געפאַלענער שטימע, — „ער קומט ניט! מאַריעט, דערלאַנג מיר איינע פון די בלומען. איך וועל אַריינאָטעמען דעם ריח און קו־שען די בלעטלאך צו זעטיגען מיין ליבע צו איהם."

„מאַדאַם דע באָנבאַזאָן איז געלעגען אומבאַוועגליך מיט פאַר־מאַכטע אויגען. זי האָט אויסגעהויכט איהר לעצטען אָטעם אין דעם ריח פון דעם היאַצינט."

עס טרעפט אָפט אין דער ליטעראַטור, אַז אַנדערע פאַרנעמען פריהער אָדער שפּעטער דעם אָרט פון די שרייבער, וועלכע זיינען צו פריה אַרונטער פון דער סצענע. אבער, בעצם גענומען, קען קיין פּערזענליכקייט ניט אויספילען דעם פּלאַץ פון אַ צווייטער. די פּען, וואָס איז אַרויסגעפאַלען פון די הענט פון לואי בערטראַן, איז, אמת, באַלד אויפגעכאַפּט געוואָרען פון טעאָפיל גאָטיע, וועלכער האָט מיט זיין פיל ברייטערען טאַלאַנט געמאַכט, אַז מען זאָל פאַר־געסען אין גיכען אָן זיין פאָרגענגער, אָבער אַ מבין מוז שנעל באַ־מערקען, אַז בערטראַנ'ס שרייבען האָט געהאַט אַזאַ אויסערגע־וועהנליכע שעהנקייט, אַזאַ אומענדליכע האַרציגקייט, צו וועלכע גאָטיע מיט זיין קאַלטער פּלאַסטיק האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט דערהייבען.

מיר האָבען שוין פריהער גאַנץ אָפט דערמאָנט דעם נאָמען פון פּעטרוס באָרעל, וועמעס איינפאַכע וואוינונג האָט געדינט אַלס הויפּטקוואַרטיר פאַר די יונגע פריינד פון וויקטאָר הוגאָ. ער איז געווען אין דער זעלבער צייט אַ קינסטלער און אַ דיכטער, ער האָט געאַרבייט אַלס מאַלער ביי דעווועריאַ און האָט געשריבען לידער אונטער דעם נאָמען „לע ליקאַנטראָפּ" (אַ „וואָלקעלאַק", די לעגענדאַרע באַשעפעניש, וואָס פאַרוואַנדעלט זיך פון אַ מענשען אין אַ וואָלף). זיינע באַקאַנטע האָבען איהם שטאַרק רעספּעקטירט. ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ שפּאַניער אָדער אַן אַראַבער פון דעם 15טען יאָהרהונדערט, און ווען זיינע חברים פלעגען געהן אַ היים פון טעאַטער נאָכדעם, ווי זיי האָבען געזעהען פירמענ'ען, — וועל־

כער פלעגט שטענדיג שפּילען אין די ראָלען פון סקריב'ס און דע־
לאַווינ'ס דראַמען — אין דער ראָלע פון „הערנאַני", האָט זיי אָפט
פאַרדראָסען, וואָס פּעטרוס האָט ניט באַקומען די געלעגענהייט
ארויסצוטרעטען אין דער ראָלע פון דעם אידעאַלען באַנדיט. ער
וואָלט זיך אַרונטערגעלאָזען אויף דער ביהנע ווי א פאַלק־פויגעל.
ווי שעהן ער וואָלט עס אויסגעקוקט מיט א רויטען טורבאַן אויפ'ן
קאָפּ, אָנגעטאָן אין א לעדערנעם יאַקעל מיט גרינע ארבעל! גאַנץ
נאַטירליך! אפילו לויט זיין גייסטיגען לעבען איז ער געווען ווי
לכתחילה צוגעפּאַסט צו דער ראָלע פון „הערנאַני".

באָרעל'ס זאַמלונג פון געדיכטע, “Rapsodies,” איז א העכסט
יוגענדליכע, ניט־פאַרטיגע ארבייט. אין דעם בוך זיינען דאָ צו־
זאַמען מיט ווירקליך שעהנע פּאָעטישע זאַכען פילע קינדערשע
פּראָטעסטען און קללות. איין זאַך צייגט ער, און דאָס איז, אַז
צווישען דער גאַנצער גרופּע ראָמאַנטיקער האָט ניט געקלאַפּט קיין
שטאָלצערע הארץ. זיינע פערזען אָטעמען מיט פאַרצווייפלונג,
וואָס איז געקומען פון אָרימקייט, א הייסע ליבע פאר פרייהייט און
א ברענענדער דורשט פאַר גערעכטיגקייט, וואָס האָבען אָנגעפילט
דעם דיכטער'ס הארץ. לייענט אַזעלכע שורות פון דעם גע־
דיכט „יאוש" (“Désespoir”):

„ווי א וואָלפין, וואָס קעהרט זיך אום צוריק א היים פון דער
יאַגד א מאָגערע, אַן אויסגעמאַטערטע, שטשירענדיג מיט די ציין
און לאָזט זיך אַרונטער אין טאָל אריין שלעפענדיג זיך דורך טייכ־
לאַך, אַזוי בין איך אין מיין פאַרצווייפלונג, טיף אומגליקליך און
איינער אַליין; ניט איין האַנט ליגט זיך
ניט אריין אין מיינער, ניט איין שטימע זאָגט
מיר ניט: זיי געזונד, ביז מאָרגען!"

דאָ באַגעגענען מיר אין דער ווירקליכקייט דעם דיהרענדען
לעבען, וואָס דומאַ האָט אַרויפגעבראַכט אויף דער ביהנע אין זיין
„אַנטאָני". אפילו דער אויסערליכער אויסזעהן פון דעם בוך איז
שוין כאַראַקטעריסטיש. אויף דעם פאָדערבלעטעל איז געמאָלען
באָרעל אַליין זיצענדיג ביי זיין טיש מיט א נאַקעטע האַלז און
אָרעמס, מיט א פריגישע היטעלע אויף זיין קאָפּ, מיט א ברייטען,
קורצען שווערדעל אין האַנט, טיף פאַרטראַכט. די הקדמה צום

בוך גיט אַ לעבעדיגען איינדרוק פון דעם טאָן, וואָס האָט געהערשט אין דער רעפּובליקאַנישער גרופּע פון די יונגע ראָמאַנטיקער אין דעם יאָהר 1832. דאָרט שרייבט באָרעל:

„איך ענטפער די פראַגע נאָך איידער מען פרעגט עס מיך: יאָ, איך בין אַ רעפּובליקאַנער! פרעגט בעסער דעם הערצאָג פון אָרלעאַנס (דעם קעניג) אויב ער געדענקט די שטימע, וואָס האָט דעם נײַנטען אויגוסט, ווען ער איז געפאָהרען אין דעם דאַמאַלסדיגען דעפּוטאַטען קאַמער צו געבען זײַן שבועה, איהם פאַרפאָלגט, שרייענדיג איהם אין פּנים אַריין: פרייהייט און אַ רעפּובליק! פרייהייט און אַ רעפּובליק! אין דער צייט ווען דער אָפּגענאַרטער המון האָט איהם טומעלדיג באַגריסט?”

„אָבער ווען איך רייד וועגען אַ רעפּובליק איז עס דערפאַר, וואָס דער וואָרט דריקט אויס די גרעסטע מאָס אומאָפּהענגיגקייט, וואָס די געזעלשאַפט און ציוויליזאַציע ערלויבען. איך בין אַ רעפּובליקאַנער דערפאַר, וואָס איך קען ניט זײַן קיין קאַריבעער. איך מוז האָבען אַן אומגעהויערע מאָס פרייהייט, און אַ מענש אין אַ לאַגע, ווי מיינע, וועלכער איז אַזוי אָרים, אַזוי אויסגעמאַטערט פון אַלערליי צרות אָהן אַ שיעור, פאַרדינט ניט מען זאָל צו איהם האָבען טענות ווען ער חלום'ט אפילו וועגען אַבסאָלוטער גלייכהייט, אפילו ווען ער פאָדערט אַן אַגראַר געזעץ. . . די יעניגע, וואָס וועלען זאָגען, אַז אין דעם בוך מערקט זיך אַ שאַרפע פאַרגרעבטקייט, וועל איך ענטפערען, אַז דער שרייבער איז ווירקליך ניט קיין קעניגליכער בעטען־פּוצער. קען ער אָבער צוליב דעם ניט שטעהן אויף דער הויך פון אַן עפּאָכע, אין וועלכער דאָס לאַנד ווערט רעגירט פון טעמפּע באַנקירען און פון אַ קעניג, וועמעס לאָזונג עס איז:
“Dieu soit loué et mes boutiques aussi?”

עס זײַנען קוים נויטיג דערקלעהרונגען וואָרום אַ יונגער מענש, וועלכער האָט געשריבען אין אַזאַ טאָן האָט ווייט אין לעבען געהן ניט געקענט. בורעל האָט געלעבט אין גרויס אָרימקייט; ער האָט געוואוסט דעם טעם פון הונגער און מעהר פון איינמאָל איז איהם אויסגעקומען, ניט האָבענדיג קיין דאַך איבער'ן קאָפּ, צו זוכען שוץ פאַר דער נאַכט אין האַלב־פאַרטיגע געביידעס. זײַן יך־

גענדליכער האַס צו אומגערעכטיגקייט האָט איהם אויך געבראַכט שאַדען אַלס אַ שרייבער. אין זיין גרויסען ראָמאַן, אין צוויי באַנדען, "Madame Putiphar," איז דער כאַראַקטער פון דער העלדין, מאַדאַם פּוטיפּרע, צוקאַליעטשעט צוליב דעם שרייבער'ס רעפּובּליקאַנישען האַס און אויפּרעגונג. די לייכטזיניגע, קונסט־ליבענדע מוזע פון דער ראָקאָקאָ עפּאָכע, וועלכע האָט געהאַט אַ לייכטזיניגע שוואַכקייט פאַר דעם פּרייען געדאַנק, וועלכע האָט פּאַטראָניזירט די ענציקלאָפּעדיסטען און האָט זיך געלערענט גראַווירען ביי בושע, איז ביי איהם פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מעגערא, וועלכע וואַרפט זיך אַריין אין די אָרעמס פון אַ פרעמדען מאַן און ווען ער אַנטזאָגט זיך צו האָבען וואַס עס איז צו טאָן מיט איהר, באַשטראָפט זי איהם פאַר זיין גלייכגילטיגקייט מיט דעם, וואָס זי וואַרפט איהם אַריין אין געפענגניש אין דעם קעלער פון דער באַסטיל. דער בוך ווערט בעסער ווען עס קומט צום סוף. דאָס שטורעמען פון דער באַסטיל, אַ טעמע, וואָס האָט געפּאַסט פאַר באָרעל'ס פעדער, איז באַשריבען אין אַ לעבעדיגען, פייערדיגען סטיל, פון וועלכען עס שמעקט מיט פּולווער.

זיין דריטער בוך "Champavert, Contes immoraux," איז אַרויס אין 1833. ער האָט ניט געמאַכט דעם מינדסטען איינדרוק און האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג. דער שרייבער האָט פון איהם ניט באַקומען קיין האָנאָראַר; די אומגערעכטיגקייט פון דעם מזל איז ניט שווער צו דערקלעהרען, וואָרום אייניגע פון די דערצעהלונגען אין דעם בוך זיינען געשריבען אין באָרעל'ס פריהערדיגען שניידענדען, ציין־קריצענדען סטיל. אָבער אין די בעסטע פון זיי איז זיין כעס איינגעהאַלטען און ווערט באַהאַנדעלט מיט קונסט, ווי אַ לאַווא ווערט באַהאַנדעלט פון אַ קאַמעאָ־שניידער. די אַלע דערצעהלונגען באַהאַנדלען די שרעקליכסטע טעמעס, זיי באַשרייבען אַזעלכע שוידערליכע מעשים, וואָס האָבען גאָר קיין נאָמען ניט, און זיינען מעגליך דערפאַר, וואָס קיין מין פאַרברעכער דרעהט זיך אַזוי לייכט ניט אוים פון שטראָף, ווי דער, וועלכער באַגעהט אַ פאַרברעכען, וואָס קיינער וויל ניט גלויבען אַלס מעגליך. די שוידערליכקייטען זיינען אַזעלכע, מיט וועלכע ליטעראַרישע שעהן־שרייבער באַשעפטיגען זיך געוועהנליך ניט, וואָרום זייער צוועק בכלל איז צו

שאַפען אַ בוך, וואָס זאָל זיך לייכט פאַרקויפען און, אויב מעגליך, צום פאַרלייענען אין אַ פאַמיליע־קרייז.

די סצענע פון דער דערצעהלונג „דינאַ, די שעהנע אידין" (Dina, la belle juive) איז אין ליאָן, אין דעם יאָהר 1661. אַ יונגער, מוטיגער, פרייגעזאָנענער גאָבעלמאַן פאַרליבט זיך אין אַ יונגער, באַצויבערנדיג שעהנער אידיש מיידעל, און ער פאָהרט אַפּ צו זיין פאָטער, אין דער פּראָווינץ, צו בעטען זיין הסכמה אויף דעם שידוך. דער פאָטער שעלט איהם פון כעס און אין אויפרעגונג שיסט ער אויף זיין זוהן נאָר ער טרעפט איהם ניט. דורך דער צייט, וואָס ווייטאַר איז אַוועק, שפּאַצירט איינמאָל דינאַ אַ פאַר־טראַכטע ביים ברעג פון דעם טייך סאָאָן. עס האָט זיך איהר פאַר־וואָלט דורכפאָהרען זיך אויף דעם וואַסער, האָט זי צוגערופען אַ מאַן מיט אַ שיפעל, איז אריין און זיך אַוועקגעלעגט טיף אונטער'ן דע־כעל אין דער גאָנדאָלע און האָט זיך פאַרטרוימט ווען דאָס שיפעל האָט זיך אַוועקגעגליטשט איבער'ן וואַסער. דער שיפמאַן באַרויבט די שעהנע אידיש מיידעל, נעמט אַרונטער איהרע רינגען און איהר צירונג, פאַרבינדט איהר די הענט, פאַרשטאָפט איהר דעם מויל, פאַרגוואַלטיגט זי און וואַרפט זי אריין אין וואַסער, און ווען דער שטאָפען פאַלט ארויס פון איהר מויל און דער קערפער שווימט ארויס אויפ'ן וואַסער שטויסט ער איהם אַרונטער מיט זיין שפּיז. אַמעגדע נעמט ער דעם קרעפער ארויס פון וואַסער און געהט צום ראַטהויז צו באַקומען די צוויי דוקאַטען, וואָס די שטאָדט האָט פאַרשפּראָכען אַלס אַ באַלוינונג פאַר ארויסשלעפען טויטע קערפער פון וואַסער. אַ מיטגליד פון שטאָדטראַט פרעגט איהם:

— האָט מען דעם קערפער דערקענט?

— יאָ, מיין הער. דאָס איז אַ יונגע מיידעל מיט'ן נאָמען דינה, אַ טאָכטער פון אַ אידען, וועלכער הייסט יהודה, אַ יובע־לירער.

— הייסט עס, אַ אידין?

— יאָ, מיין האַר, אַן אפּיקורס'טע, אַ הוגענאָטין... אַ אידין...

— אַ אידין!... שלעפּסט, הייסט עס, אידען פון וואַסער, דו לומפּ איינער! און דו האָסט נאָך די חוצפה צו קומען פאָדערען

דערפאַר א באַלוינונג? אהער יונגען! אהער, מאַרטין! אהער, לעפּאבר! קומט ווארפט ארויס דעם חברה־מאַן פון דאַנען ביים האַלז־און־נאַקען! דער שנאָרער!

בארעל׳ס גרויזאַמען רעאַליזם און די סצענען אין דער אידישער געטאָ און אין דעם שיפעל איז אומעגליך צו איבערשטייגען. אפילו היינע האָט אונז ניט געגעבען קיין ריכטיגערען בילד פון דעם אידישען לעבען אין דעם מיטעלאַלטער.

אין דעם יאָהר 1846 האָט טעאָפיל גאָטיע, מיט דער הילף פון דער איינפלוסרייכער מאַדאַם דע־זשיראַרדען, אויסגעווירקט א צייטווייליגע פאַרבעסערונג אין בארעל׳ס צרה׳דיגער לאַגע. זיי האָבען געפּועלט מען זאָל איהם באשטימען צום אמט פון קאָלאָניזאַציאָנס־אינספּעקטאָר טיף אין אַלזשיר, ארום מאָסטאַגאַנעם. כאָטש עס איז געווען א קליינער, צרה׳דיגער אמט, האָט ער אָבער געפּאַסט פאַר א מענשען, ווי בארעל, וועלכער האָט ווי א וואָלקעלאַק אויסגעמידען באַגעגעניישען מיט מענשען. אָבער מען האָט איהם אין ביכען אנטזאָגט פון דעם אַמט דערפאַר, וואָס צוליב זיין ניט קענען ליידען קיין עולות, האָט ער געהאַט דעם אומגליק צו באשולדיגען א העכערען באַאמטען אין באשווינדלען די רעגירונג. ער האָט מעהר פראַנקרייך ניט געזעהן. ער איז געשטאָרבען אין אפריקא, איינינע זאָגען פון א זונענשטיך און אַנדערע זאָגען פון הונגער.

מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט, אז מערימעי האָט איבערגענומען בּאָרעל׳ס ליטעראַרישען זשאַנר און אין זיינע וואונדערבארע קורצע דערצעהלונגען האָט ער באהאַנדעלט די זעלבע גרויזאַמע טעמעס מיט א זיכערערער האַנט. אָבער ביי מערימעע האָבען די איראָניע פון דעם וועלטליכען מענשען און דער גלאַנץ פון די הויפלייטע דערשטיקט די ליידענשאַפט, וואָס איז געווען די הויפּט מעלה פון פעטרוס באָרעל׳ס סטיל. אין מערימעי׳ס א ווערק געפינען מיר איינינע פון די קאַמפּס־רופען, וואָס באָרעל האָט געווארפען אין פּנים אריין דער געזעלשאַפט פון זיין צייט, אָבער זיי זיינען דאָרט איבערגעגעבען אין אזא לשון, אז די ביכער פּאַסען זיך גאַנץ גוט פאַר דעם טיש פון א גאַסטצימער. דעם פייער, וואָס

האָט געברענט אין דעם קדש־קדשים פון פעטרוס באָרעל׳ס נשמה, האָט קיינער ניט גע׳ירשנ׳ט. *)

דער לעצטער פון די יונגע, פריש אָפּגעשטאָרבענע דיכטער, וואָס איך וועל דערמאָנען איז טעאָפיל דאָנדעי, וועלכער איז בעסער באַקאַנט אלס פילאָטעי אָ׳נעדי.

אָ׳נעדי איז געבאָרען אין 1811 און איז צום ערשטען מאָל ארויסגעטראָטען אין דער ליטעראַטור אין 1833 מיט א זאַמלונג פּאָעמען אונטער דעם נאָמען “Feu et Flame” („פייער און פלאַם”), וואָס דער עולם, איבערזעטיגט מיט א שפע אויסגעציי־בענטע פּאָעזיע, וואָס איז דאַמאָלס ערשינען, האָט אויפגענומען גאַנץ גלייכגילטיג. מען האָט זיין בוך אזוי פאָלשטענדיג פאַר־שוויגען, אז דער דיכטער, וועלכער איז געווען זעהר אָרים און האָט געמוזט דערצו אויסהאַלטען זיין מוטער אויף די שכירות, וואָס ער האָט באַקומען אלס קליינער באַאַמטער אין דעם פינאַנץ מיניס־טעריום, האָט פאַרלאָרען זיין מוט און איז מעהר קיינמאָל ניט ארויס־געקומען מיט זיין דיכטונג פאַר דעם פובליקום. ער האָט זיין בוך אָפּגעדרוקט אויף זיינע אייגענע הוצאות און ווען עס האָבען זיך ניט געפונען קיין קונים אפילו אויף עטליכע עקזעמפּלאַרען איז ער, ווי א פאַרוואונדעטע חיה, צוריק פאַרקראָכען אין זיין נאָרע. ווען גאָטיע האָט איהם דרייסיג יאָהר שפּעטער, שוין א גרויזען מאַן, באַ־גענגענט און האָט איהם באַגריסט מיט דער פראַגע: „ווען וועט ארויס די צווייטע זאַמלונג פּאָעמען?”, האָט דער אַלטער אָ׳נעדי געענטפערט מיט א זיפץ: „ווען עס וועט מעהר ניט זיין קיין איין בורזשואַ אויף דער וועלט!”. מען האָט געקענט דענקען, אז ער האָט פאַרלאָרען זיין פעהיגקייט צו שאַפען, אָבער נאָך זיין טויט האָט מען צווישען זיינע פּאַפּירען געפונען גאַנצע פעקלאַך זעהר שעהנע לירישע פּאָעמען. יעצט רעכענט מען דעם ווערט פון אַן עקזעמפּלאַר פון זיין ערשטער בוך דריי הונדערט פראַנקען; אזוי

*) זעה באָרעל: „שאַמפּעוועיר”, (1833); ראַפּסאָדיעס”, (ברו־סעלס, 1838); מאַדאַם פּוטיפּרע, (פּאַריז, 1878); זשול קלאַרעט: „פּעטרוס באָרעל, דער ליקאַנטראָפּ” (1865).

פיל געלט האָט דער דיכטער זיכער קיינמאָל ניט באַקומען פאַר אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבען.

טעאָפיל דאַנדעי'ס פריהערע געדיכטען זיינען אַזוי רויה און רעוואָלוציאָנער, ווי פעטרוס באָרעל'ס. אין דער הקדמה צו "Feu et Flamme" בעט ער זיינע גרויסע חברים־אין־וואָפען אַריינצונעמען איהם אין זייערע רייהען, „וואָרים, — שרייבט ער, — ווי איהר, פאַרהאָס איך אויך מיט מיין גאַנצער נשמה די סאָציאַלע און פאָליטישע אָרדענונג פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז איהר אייגענער טנוף („עקסקרעמאַן"); ווי איהר, פאַראַכט איך דעם געדאַנק, אַז פאַר עלטערקייט אין יאָהרען קומט מעהר רעכטע אין דער ליטעראַטור און אין דער אַקאַדעמיע; ווי איהר, בלייב איך אויך אומגלויביג און קאַלט צו די גרויסע מליצות און צו די גלענצענדע פליטערלאַך פון די רעליגיאָנען פון דער וועלט; ווי איהר, ווער איך אויך הייליג באַגייסטערט בלויז פון דער פּאָעזיע, די צווילינגס־שוועסטער פון גאָט". ער איז אומרוהיג, צעוודערט, אויפגערעגט און ביז דעם לעצטען גראַד אָנגעשטרענגט; אַמאָל איז ער קרענקליך און ווערט פאַרפאָלגט פון געדאַנקען וועגען זעלבסטמאָרד, און אַלץ איז אויסגעדריקט אין פערזען, וואָס זיינען געשליפען מיט אַ קינסטלערישער האַנט. איינער פון די אויסברוכען פון זיינע זעלבסטמאָרד שטימונגען איז זעהר אָריגינעל. אָננעמענדיג די דאָגמע וועגען דער דרייאייניגקייט (אין וואָס ער גלויבט ניט), מאַכט דער דיכטער דעם טויט פון קריסטוס, וואָס ער האָט, לויט דעם גלויבען פון די קריסטען, אויף זיך גענומען כדי אויסצולייזען די מענשהייט פון איהרע זינד, פאַר אַ מוסטער פון זעלבסטמאָרד:

„קום, זאָל דער טויט זיין דיין רעטונגס־אָרט!... נעם זיך אַ ביישפּיל פון דעם דערלייזער, האָב מוט צו זיין דיין אייגענער ריכטער, דיין קרבן און דיין תליון".*).

מיר פיהלען ווי אמת ראָמאַנטיש, ווי טיף כאַראַקטעריסטיש פאַר דער עפּאָכע עס איז אַזאַ שטימונג ווי די, ווען מיר טרעפען

---

*Va, que la mort soit ton refuge!
A l'exemple du Rèdempteur,
Ose a la fois être le juge,
La victime et l'exécuteur."

דעם זעלבען געדאנק אין איינעם פון זשארזש זאנד'ס „בריף פון א רייזענדען" (יאנואר, 1835), וואו זי זאגט: „יעזוס, דער ליידענדער, דער מארטירער, האט געגעבען א גרויסען ביישפיל פון זעלבסט־מארד". עס איז מערקווירדיג אז גאוואלים'ן איז דער געדאנק קיינמאל ניט געקומען.

די פאעמען, אין וועלכע א'נעדי באשעפטיגט זיך ניט מיט זיין אייגענער פערזענליכקייט, זיינען אלע געווידמעט דער פרייהייט פון געדאנק און דער קומענדער רעפובליק, אבער די גאר גרעסטע צאהל פון זיינע דיכטונגען האבען א טיף־פערזענליכען כאראקטער, ארום זיבען אכטעל זיינען עראטישע זאכען. א גלענצענדע, אריסטאקראטישע דאמע האט איהם, דעם אומבאוואוסטען ארימען פלעבעער, באעהרט מיט איהר ליבע און די געדיכטען זיינע איבערפילט מיט מעלאנכאלישער אנטציקונג פון זיין פארגעטערטער געליבטע; אבער וויסענדיג זיין קראנקליכען צושטאנד איז א'נעדי זיכער, אז ער איז ניט באשאפען געווארען פאר גליק און דער געדאנק וועגען ליבע קומט זיך ביי איהם תמיד ניט־ווילענדיג צוזאמען מיט דעם געדאנק וועגען טויט.

די דיכטערישע פארמע, וואס ער האט אין זיין יוגענד געזוכט און געפונען, האט איהם אליין צופרידענגעשטעלט, ווארים זי האט זעהר גוט געפאסט פאר איבערגעבען זיינע געפיהלען און זיינע געדאנקען; איהם איז אבער ניט געלונגען, ווי די מעהר גליקליכע דיכטער, צו מאכען זיין סגנון דורכזיכטיג־קלאר און אנציהענד פאר דעם לעזענדען פובליקום, דערפאר האט מען זיך אויף איהם ניט ארומגעקוקט. ער האט זיך אלץ מעהר און מעהר געפיהלט פארגעסען פון דעם לעבען, פאר'משפט צו שטארבען ניט אויסנוצענדיג זיינע כחות; אין זיינע געדיכטען, וואס זיינען ארויס נאך זיין טויט, רופט ער זיך אליין ווידער און ווידער אמאל „לעבעדיגער בר־מינן". אט איז, צום ביישפיל, איינער פון זיינע סאנעטען:

„ביי א מאן פון די בערג איז געווען א פראכטפולער שווערד, וואס ער האט געלאזען פארראסטעט ווערען אין א פינסטערען און שמוציגען ווינקעל. האט דער שווערד געזאגט: „די רוהיגקייט פרעסט מיך אויף ווי א יאך. אה, קריגער! ווען דו זאלסט נאר וועלען! מיין שטאל איז שארף! די אנדערע גלאנציגע געוועהר,

וואָס געפינען זיך דאָ שוין פון לאַנג אין הויף, זיינען שוואַך אין פאַרגלייך מיט מיר און אַ סך ווייניגער געפעהרליך פאַר דעם שונא. פאַרוואָס הויבסטו מיך ניט אויף מיט דיין האַנד, אַזאַ שטאַרקע און אַזאַ מוטיגע; פאַרוואָס באַקום איך ניט דעם געברויך, אויף וועלכען איך האָב אַ רעכט? — איך אַליין בין עהנליך צו דעם שווערד און איך זאָג צו מיין מזל: וואָרום האָסטו זיך קיינמאָל ניט געוואָלט באַוואָפענען מיט מיר? ווייסטו דען ניט ווי האַרט און שטאַרק מיין נשמה איז? ווען דו זאָלסט מיט דיין רעכטער האַנד לאָזען זי שפּילען אויף דער זון, וואָלט זי אָהן מורא געוואָרפען שטראַהלען אויף אַלע זייטען. זי איז געמאַכט פון הערליכען שטאָל. אָה, מיין מזל, ווען דו וואָלסט נאָר געוואָלט!"

אָבער דער שיקזאַל, ווי עס איז זיין געוואוינהייט און טבע, איז געווען פאַר'עקשנ'ט. ווי אַ מענש פון אַ צושמעטערטער שיף האַלט זיך מיט אַלע כחות אָן אַ פעלז וואַרטענדיג אַז אַ שיף זאָל זיך באַווייזען אויף דעם האָריזאָנט און זאָל קומען איהם ראַטעווען, אַזוי האָט אַ'נעדי געוואַרט, — געוואַרט אַ סך יאָהרען. אָבער די שיף פון דעם שיקזאַל איז פאַרביי געשוואומען און האָט איהם גע־לאָזען שטעהן אַליין אויף זיין פעלז. ווען די פרוי, וואָס ער האָט ליב געהאַט, האָט איהם פאַרלאָזען, האָט ער פאַרלאָרען אַלע זיינע האָפנונגען. זיין פּאָעזיע איז דערוייל צוביסלאַכוויין געוואָרען מעהר ערנסט און האָט באַקומען אַ פילאָזאָפישען כאַראַקטער. אין איין געדיכט באַגעגענען מיר די פראַזע: „איך לייד, הייסט עס, אַז איך עקזיסטיר". זעלטען געפינט מען אין דער ראָמאַנטישער ליריק אַזאַ טיפען פעסימיזם, ווי אין פילע פון זיינע אַנדערע זעהר שעהנע פּאָעמען. לייענט צום ביישפּיל די פאָלגענדע שורות:

„וואָס איז וואַרהייט? — ליידען, וואָס טויטען. איין אָטעם — און אַלע פריידען פאַרשווינדען. אַ חלום האָבען מיר אָנגענומען פאַר גליק. יעדע שטרעבונג, יעדע האָפנונג, יעדעס גליק האָט זיך אָפּגעקעהרט פון אונז. וואָס העלער דער פלאַם ברענט זיך אין אונז פאַנאַנדער, אַלץ מעהר און מעהר ליידען ברענגט עס אונז".

„די וואַרהייט איז אונזיכערקייט; די וואַרהייט איז אומ־וויסענהייט, שטענדיגע ספקות, אַ שטענדיגע זוכעניש מיט די פינגער דעם וועג, אויף וועלכען זי דאַרף געהן; זי איז אַ יום־

טוב קאָנצערט, וואָס פאַרטױבט די שווידערליכקייטען מיט זיין טומעל; זי איז אַ כמורנעקייט, אַ קעלט און אַ וואַקסענדע גלייכגילטיגקייט".

אַ'נעדי האָט געפּרובירט שרייבען קריטיק, אָבער די צייט איז געווען אומגינסטיג פאַר איהם. ער האָט אָנגעפאַנגען לויבען וויקטאָר הוגאָ אַלס דראַמען־שרייבער גראָד דאַמאָלס, אין די פערציגער יאָהרען, ווען דעם גרויסען דיכטער'ס פּאָפּולאַריטעט האָט אָנגעהויבען צו ווערען קלענער. זיין לײדענשאַפטליכע, באַגייסטערטע פאַרטיידיגונג פון "Les Burgraves" איז זעהר שעהן צוליב די פרישקייט פון די געפיהלען, וואָס ער האָט אין איהר אויסגעדריקט. אין זיינע אָנפאַלען אויף די קריטיקער פון הוגאָ אין פאַרבינדונג מיט פּאָנסאַר'ס „לוקרעציא" איז ער ניט געווען אומגערעכט צו פּאָנסאַר און האָט אין זיי אַרויסגעצייגט אַ גייסט פון נאָבעלער אַכטונג אָבער ווען ער האָט ווידער אַמאָל געשריבען אַ פאַרטיידיגונג פון הוגאָ איז שוין די רעדאַקציע פון "Patrie" געווען אין אַנדערע הענט און מען האָט איהם אָפּגעגעבען זיין אַרטיקעל ניט געדרוקט. דאָס האָט איהם שטאַרק געקרענקט און ער האָט פון דאַמאָלס אָן מעהר קיינמאָל ניט געשריבען פאַר צייטונגען. ער האָט זיך צוריקגעצויגען אין זיין אייגענער אינערליכער וועלט, פיהלענדיג ווי דאָן קיכאָט נאָך זיין קומען צוריק אַהיים אָדער ווי מאָליער'ס מיזאַנטראָפּ (מענשען־פיינד), ווען ער האָט זיך, אויפגעמאַטערט פון דעם לעבען, דערווייטערט פון מענשען. דאָך שרייבט ער אין זיין לעצטער דיכטונג, אַז, — הגם ער גלויבט ניט אין אונשטערבליכקייט — אויב זיינע העלדען וועלען ווען עס איז דורכפאָהרען זינגרייך איבער זיין קבר, וועט זיין הארץ אָנפאַנגען ווידער אַמאָל צו קלאַפּען אין טאַקט מיט דעם גאַלאָפּ פון זייערע פערד.

די „העלדען", פאַר וועמען ער האָט געפיהלט אַזאַ טיפע באַגייסטערונג, זיינען געווען: צווישען די אַקטיווע אין געזעלשאַפטליכען קאַמף — גאַריבאַלדי; צווישען די דיכטער — הוגאָ; צווישען די ליטעראַטען: מישלע און קינע און, שפּעטער, רענאַן.

די לעצטע יאָהרען פון אַ'נעדי'ס לעבען זיינען געווען זעהר טרויעריגע. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָרען זיין געליבטע איז

געשטאָרבען, זיין מוטער. ער איז אַ לאַנגע צייט געווען קראַנק און צום סוף איז ער געוואָרען פּאַראַליזירט. בלויז איין פאַר־געניגען האָט ער דערלעבט אויף זיין עלטער, צו זעהן ווי וואַרעם טעאָפיל גאָטיע האָט וועגען איהם געשריבען אין אַן אַרטיקעל, וואָס איז שפּעטער אריין אין דעם לעצטענס „געשיכטע פון דעם ראָמאַנטיזם". ער איז געשטאָרבען אין 1875, נאָכדעם ווי ער איז צוויי און פערציג יאָהר געבליבען שטיל אלס דיכטער.

האַלטענדיג אין זוכען די קרבנות פון דעם ליטעראַרישען קאַמף און זיג, דוכט זיך די גאַנצע צייט, אַז מיר הערען דעם טרויער־מאַרש געשפּילט אויף אין שוואַרצען־איינגעוויקעלטע פּויקען. ווען מען זעהט ווי גרויס עס איז די צאָהל פון די דאָ־זיגע קרבנות, פאַנגט מען ניט ווילענדיג אָן צו באַטראַכטען אַזעלכע ווערק; ווי דע־וויני'ס „סטעללאָ" און אַזעלכע דראַמען, ווי זיין „טשאַטערטאָן", אין אַ גינסטיגערער ליכט. דער געדאַנק וועגען דעם ליידענדען דיכטער אָדער קינסטלער האָט פילע ניט צורוה געלאָזען אין יענער עפּאָכע, דאָך האָט מען פילע, וועלכע האָבען פאַרדינט אַ בעסערען גורל, געלאָזט פאַרלאָרען ווערען אין ליידען. עס שיינט, אַז אין יעדער עפּאָכע, אין יעדען דור, איז שווער אויס־צוגעפינען וואו זיינען די ליידענדע טאַלאַנטען וועמען די געזעל־שאַפט איז שולדיג אַ חוב.

דער היסטאָריקער, וועמעס צוועק איז ניט צו ריהרען זיינע לעזער, נאָר צו באַלייכטען די געשעהענישען, וואָס ער באַהאַנ־דעלט, ברענגט די דאָזיגע הינטערגרונד פיגורען פאָראויס דערפאַר, וואָס די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון דער עפּאָכע צייגען זיך אין זייערע ווערק אַרויס ניט ווענינער קלאָר און בולט, ווי אין די ווערק פון די זשעניען פון יענער צייט. די זשעניען צייגען אונז דעם ראָמאַנטיזם אין זיין געזונטען און שטאַרקען צושטאַנד; זיינע פּאַטאָלאָגישע זייטען דאַרף מען שטודירען פון די ווערק און די לעבענס פון אָט די אומגליקליכע, וועלכע זיינען אַזוי באַגייסטערט פאַר אַ פרעמדער שפּראַך, אַז זיי פאַרנאַכלעסיגען צו קולטיווירען זייער אייגענע, אָדער וואָס פלאַמען פלוצלונג אויף אין אַ שנעל־פאַרבייגעהענדער ליטעראַרישער טעטיגקייט, אָדער וואָס מאַכען אַ פאַרצווייפעלטע אַטאַקע אויסצוקעמפען פאַר זיך אַ נאָמען און

ווערען אויף אייביג אנטוישט דורך דעם ערשטען צוריקשטויס, אָדער וואָס ווערען טויטליך פארוואונדעט פון דער גלייכגילטיג־קייט פון דעם פובליקום, אָדער וואָס שטרענגען קאָנוואולסיוו אָן זייערע כחות ביז זיי שפּרינגען אויף אין דער לופט. די מענשען זיינען אזעלכע געזעצליבע קינדער פון דעם ראָמאַנטיזם פון די דרייסיגער יאָהרען (1830), ווי וועלכע עס איז אנדערע. זיי זיינען די ווירקליכע "enfants perdus" (פאַרלאָרענע קינדער) פון דער עפּאָכע.

שלום.

אַט־אַזוי איז געווען די ראַזיגע שולע; אַט־אַזעלכע זיינען גע־ווען איהרע זיגער און איהרע געפאַלענע; אַזעלכע זיינען געווען איהרע ענטוזיאַסטען אין דער קונסט און אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. אַט־אַזוי איז זי אנטשטאַנען; אַט־אַזוי, — מיט דער גאַנצער רייכקייט איהרער אין גאונות און טאַלאַנטען, — איז זי געוואָרען גרויס; אַט־אַזוי איז זי פאַנאַנדערגעפאַלען אלס א שולע און איז אָבער ווייטער געבליבען לעבען אין דעם גייסטיגען לעבען פון ווייט־פאַרשיידענע איינצעלנע מענשען, ביי וועמען עס זיינען פאַרבליבען די עיקר אייגענשאַפטען פון דער שולע אפילו ווען זיי האָבען נעשיינט צו זיין אמוויטסטען פון זייער אָנפאַנגספונקט, — וואָרים ביי אונז אַלעמען בלייבט א לאַנגע צייט אויף די אקסלען א סימן פון דער ערשטער פאָהן, וואָס מיר האָבען געטראָגען. די ראָמאַנטישע שולע איז צעפאַלען און איהרע שעפער זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשיידענע וועגען, אָבער איידער זי האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען, האָט דער ראָמאַנטיזם אריינגעבראַכט א נייעם לעבען אין דעם סטיל פון כמעט אַלע צווייגען פון דער ליטעראַטור; האָט אריינגעפיהרט אין די גרעניצען פון דער קונסט זאַכען, וועגען וועלכע מען האָט ביז דעמאָלט ניט גע'חלומ'ט אפילו; האָט זיך געלאָזט באַפרוכטפערען פון אַלע געזעלשאַפטליכע און רע־ליגיעזע אידעען פון דער עפּאָכע; האָט אויפס'ניי געשאַפען די לירישע דיכטונג, די דראַמע, דעם ראָמאַן און די קריטיק; האָט אריינגעדרונגען אין דער געשיכטליכער וויסענשאַפט אלס א באַ־פרוכטפערענדע קראַפט און אלס א קראַפט פון באַייסטערונג — אין דער פּאָליטיק.

פאַר מיר וואָלט עס געווען אַן אומעגליכע זאַך צו פּרובירען אָנשרייבען א פולשטענדיגע געשיכטע פון דער שולע. איך האָב דאָ, ווי אין אַנדערע טיילען פון דעם ווערק, בלויז אָנגעציינט די

הויפּט שטרעמונגען. איך האָב זיך לאַנג און בפרטות אָפּגעשטעלט אויף די הויפּט פּערזאָנען אַנשטאַט צו באַקענען מיט פילע צווייטע־קלאַסיגע פאָרשטעהער פון דער שולע, טראָץ דעם, וואָס יענע זיינען באמת וויכטיג און אינטערעסאַנט, דערפאַר, וואָס דאָס וואָלט גע־שטערט מיין צוועק צו באַהאַנדלען בלויז די טעמע אַזוי קורץ, ווי מעגליך. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם לעבענס־משך פון איינעם אָדער צוויי פון די הויפּט פּערזאָנען שפּעטער פון דער באַהאַנדעלטער עפּאָכע דערפאַר, וואָס זיי האָבען נים אַרויסגעצייגט זייער גאַנצע אָריגינאַליטעט ערשט ביז נאָך דעם יאָהר 1848.

פון פילע מערקווירדיגע פּערזענליכקייטען האָב איך בלויז גע־געבען די הויפּט־שטריכען זייערע, — ווי פון אַלעקסאַנדער דומאַ, וועמען מען קאָן מיט רעכט אָנרופען דער אַריאָסטאָ פון דעם פראַנ־צויזישען ראָמאַנטיזם, און פון דע־ווינִי, וועלכער האָט זיך אַליין באַשריבען, ווען ער האָט געזאָגט: „עהרע איז די דיכטונג פון פליכט.” אַנדערע האָב איך בלויז געקענט דערמאָנען ביי זייערע נעמען, — אַזעלכע ווי זשול זשאַנען, „דער פּרינץ פון די בעליעטאָ־ניסטען”, וועמעס ראָמאַן „ל'אַן מאָר” איז אַזאַ מערקווירדיגער פאָר־לויפער פון אַ שפּעטערדיגער עפּאָכע, און נאָדיעי'ס נאָכפאָלגער, זשעראַר דע נערוואַל, דער אייפאָריאָן פון דעם ראָמאַנטיזם, וועמעס פרויען־כאַראַקטערען זיינען אַזוי הימליש צאַרט, וועמעס אויסער־נאַטירליכע פאַנטאַזיעס האָבען דעם גלאַנץ פון דעם אָריענט און וועמעס סאָנעטען, — געשריבען ווען ער איז געווען משוגע, — זיינען פון די קונציגסטע און די שעהנסטע, וואָס די עפּאָכע האָט געשאַפען. איך בין געווען געצוואונגען גאָר ניט צו דערמאָנען פילע צווייטע־ און דריטע־קלאַסיגע טאַלאַנטען, — אַזעלכע, ווי אַנטאָני דעשאַם, וועלכער פאַרנעמט אין דער ליטעראַטור בערך דעם זעלבען פּלאַץ, וואָס לעאָפּאָלד ראָבערט פאַרנעמט אין דער קונסט; און וויקטאָר הוגאָ'ס פאַרגעטערער, אָגוסט וואַקעריע, וועלכער איז אינטערעסאַנט צוליב זיין בלינדען גלויבען אין דעם ראָמאַנטיזם און אין זיינע אייגענע כחות; זיין דראַמע „טראַגאַבאַלדאַס” איז איינער פון די דרייסטסטע אַרויסטרעטונגען פון דער פראַנצויזי־שער ראָמאַנטישער לייכטזיניגקייט. אַלס אַ כלל האָב איך בלויז

געקאַנט — און בלויז געוואָלט — בולט פאָרצושטעלען די גרויסע טיפּישע פיגורען. די גרויסע פרוי פון יענער צייט, זשאָרזש זאַנד, מוז בלייבען שטעהן אליין אלס די פאָרשטעהערין פון די פרויען פון דער עפּאָכע, הגם עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו באַשרייבען עטליכע פון די איבעריגע — די פעהיגע מאדאם דע זשיראַרדען, די מעלאַנכאָלישע מאדאם דעבאָר־וואַלמאָר, אָדער די צוויי עמאַנציפּירטע שרייבערינען, — די גרעפין ד'אַגול און מאדאם אלאר. סעינט־בעוו איז דער איינציגער פאָרשטעהער פון דער קריטיק, אויף וועמען איך האָב זיך אָפּגעשטעלט בפרטות; פילאַרעט שאַרל און זשול זשאַנען בין איך געווען געצוואונגען צו איגנאָרירען. בלויז באַלזאַק אליין רעפּרעזענטירט דעם רעאַליזם אין דעם ראָמאַן, און די יעניגע באַגאַבטע, אָבער די טיפּע באָאָבאַכטער פון דעם לעבען, ווי אלפאָנז קאַר אָדער שאַרל דע בערנאַר, האָב איך גאָר ניט דערמאָנט. די שרייבער פון דעם דור פון 1830 טיילען זיך נאַטירליך איין אין צוויי גרופּען: אַ קליינע גרופּע, וואָס האָט געשריבען פאַר דער גאַנצער וועלט, און אַ גרעסערע, וואָס האָט געשריבען בלויז פאַר פראַנקרייך. בלויז די ערשטע האָב איך געשטרעבט קלאָר פאָרצושטעלען פאַר מיינע לעזער.

מיר האָבען געזעהן ווי דער כאַראַקטער פון די צוויי רעסטאַוורירטע קעניגטומס, דער לעגיטימיסטישער און דער דעמאָקראַטישער, האָבען געשאַפען דעם הינטערגרונד, פון וועלכען דער ראָמאַנטיזם איז ארויס און אַהן וועלכען מען קאָן מער ניט פאַרשטעהן. מיר האָבען אויך אָנגעצייגט, אַז די באַוועגונג האָט געהאַט פילע אויסלענדישע פאָרלויפער און ניט קיין קורצע צוגרייטונגס פעריאָדע אין פראַנקרייך גופא. די רעסטאַווראַציע שאַפט אַן אָנפאַנג פון דעם ראָמאַנטיזם; די „זשואיסט־מיליעי" רעגירונג (פון פיליפּ) שטויסט איהם ווייטער; דאָס שמודירען פון סקאָט און בייראָן און פון געטהע און האָפמאַן באַרייכערט איהם; אנדרע שעניעי שאַפט זיין ערשטע לירישע דיכטונג און די פּאָלעמיק אין דער „גלאָב" ענטוויקעלט זיינע פעהיגקייטען פאַר דער קריטיק. די שריפטען פון שאַרל נאָדיער, וואָס זיינען ראָמאַנטיש אין דעם אלגעמיינעם, אייראָפּעאישען זינן פון דעם וואָרט, גרייטען צו דעם וועג פאַר די גרויסע

פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער. וויקטאָר הוגאָ ווערט דאַן דער פירער פון דער באַוועגונג ; ער ציַיגט זיך אַרויס אַלס פעהיג פאַר דער אויפגאַבע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, און ער געהט שנעל פון איין זיעג צום צווייטען. קירצליך פאַנגט מען אָן צו דערמאָנען זיין נאָמען און דעם נאָמען פון דע־וויני בנשימה אחת מיט דעם נאָמען פון לאַמאַרטין אַלס דירישע דיכטער ; שפּעטער ווערט הוגאָ אָנערקענט אַלס דער גרעסטער פון אַלע. סעינט־בעוו און טעאָפיל גאָטיעי באַזיצען לירישע נייגונגען, אָבער אַלפרעד דע מוסעי פאַרנעמט, אַלס לירישער דיכטער, ביים לעזענדען פובליקום דעם פּלאַץ פון אַלע אַנדערע ; מיט דער צייט פאַרנעמט ער דעם פּלאַץ אפילו פון וויקטאָר הוגאָ אַליין און ער איז אַ לאַנגע צייט דער אָבגאָט פון דער יוגענד.

דער ראָמאַנטיזם האָט לכתחילה געהאַט אַ היסטאָרישע טענדענץ ; דעוויני, וויקטאָר הוגאָ, באַלזאַק און מעריטעי האָבען געשטרעבט צו שאַפען פאַר פראַנקרייך די היסטאָרישע נאָוועלע, מיט וועלכער ענגלאַנד האָט אַזוי שטאָלצירט ; וויטעי, מעריטעי, אַלעקסאַנדער דומאַ, דע־וויני און הוגאָ האָבען זיך געפּרופט שאַפען אַ היסטאָרישע דראַמע, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער טראַגעדיע. אָבער די היסטאָרישע נאָוועלע האָט איינגיכען אָבגעטראָטען איהר פּלאַץ פאַר דער מאָדערנער דערצעהלונג אין איהרע פאַרשיידענע פאָרמען, ווי די שריפטען פון זשאָרזש זאַנד, בעיל און באַלזאַק ; די היסטאָרישע דראַמע האָט אויך אין גיכען אויפגעהערט צו אינטערעסירען, ווארום זי איז, בכלל גערעדט, געווען אָדער טרוקען־אונאינטערעסאַנט, ווי די שפּיעלען פון וויטעי און מעריטעי, אָדער זי איז געווען איבערטריבען ליריש, ווי אין די ווערק פון הוגאָ. די דראַמאַטישע שרייבער האָבען אַלס אַ כלל געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג אויף דער ביהנע נאָכדעם, ווי די ערשטע יוגענדליכע ליידענשאַפט זייערע האָט זיך אויסגעברענט. עס איז געקומען אַ צייט, אין די פערציגער יאָהרען, ווען עס האָט עקזיסטירט ניט בלויז אַ „שכל־הישר שולע" אויסער דער ראָמאַנטישער שולע, נאָר אַ „שכל־הישר" נטיה אין די לעבענס פון די שרייבער, וואָס האָבען באַלאַנגט צום ראָמאַנטישען קרייז גופא.

אין דעם משך פון דער דאָזיגער פעריאָדע האָט עס אַלפרעד דע מוסיע אָנגעשריבען זיינע קורצע דראַמען און זשאָרזש זאַנד האָט געשאַפען איהרע פרעהליכע נאָוועלען און די דערצעהלונגען פון דעם דאָרפער־לעבען. בעת הוגאָ'ס קראַפט אלס לירישער דיכטער האָט פסדר געהאַלטען אין וואַקסען, האָט גאָטיעי געפיהרט דעם ראָמאַנטיזם אין דער ריכטונג פון דער פלאַסטישער קונסט; באַלזאַק האָט איהם ענטוויקעלט אין דער פסיכאָלאָגישער ריכטונג; בעיל — אין דער ריכטונג פון נאַציאָנאַלער, אָדער „פאַרגלייכליכער" פסיכאָלאָגיע; מערימעי — אין דער היסטאָרישער ריכטונג; סעינט־בעוו — אין דער ריכטונג פון דער נאַטוראַליסטישער קריטיק. אין יעדען איינעם פון די דאָזיגע געביטען האָט דער דור פון 1830 געשאַפען אומשטערבליכע ווערק.

די פראַנצויזישע ראָמאַנטישע שולע קען דעריבער, אָהן א שום, אָנגערופען ווערען די גרעסטע ליטעראַרישע שולע פון דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט.

ע נ ד ע.